STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09181

# DER MIDBER FARSHVINDT

S. Polakiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמחה פאָליאַקעוויטש

✶

# דער מדבר פאַרשווינדט

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פונעם ייִדישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל
„קרן תל־אביב לספרות ולאמנות"
און „קרן אליעזר פינס לתרבות ולספרות"

שמחה פּאָליאַקעוויטש

# דער מדבר פארשווינדט

ראָמאַן פון ישראל־לעבן

ה. לייוויק־פּאַרלאַג

ביים פאַראיין פון יידישע שרייבער
און זשורנאַליסטן אין ישראל

תשמ״ב — 1982

S. POLAKIEWICZ

# DER MIDBER FARSHWINDT

H. Leivick Publishing House
30, Dov Hoz Str., Tel-Aviv 634116, ISRAEL

©

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשמ״ב

Printed in Israel, 1982

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481

ע נ ת,

י ע ל,

יפעת (לאה) —

אונדזערע אייניקלעך — אַ מתנה

קאַפּיטל איינס

# אויף דער שיף „מאַטאַרואַ"

די ענגלישע שיף „מאַטאַרואַ" איז רויִק געשוווּמען אין די וואַסערן פון מיטללענדישן ים. פון דער שיף האָבן נאָך אַרויסגעשטעקט די האַרמאַטן־לופעס צום אָפענעם ים. דאָס האָט די פּאַסאַזשירן דערמאָנט אין דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער צווייטער וועלט־מלחמה.

מאַסן עולים האָבן אויסגעפילט די שיף. באַזעצט די קאַיוטעס, די קעלערס, די שמאָלע קאָרידאָרן. יידן פון כלערליי לענדער, אַ געמיש פון פּנימער און לשונות, און אַלע — ווי זיי וואָלטן דאָ געזוכט עפּעס אַ טייערס, וואָס איז זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. און די, וואָס האָבן נאָך געשטראַמט פון ברעג, האָבן זיך געמאַכט אָרט אויפן דעק און אויסגעלייגט אַרום זיך זייערע באַגאַזשן. די מענטשן זענען געווען נאָכן סוף פון אַ וועג — נאָך לאַגערן, חרוב־געוואָרענע היימען, פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, נאָך שלאַכטן אויף די וועלטפראָנטן. צווישן אָט די שפּליטערס פונעם צעבראָכענעם פאָלק האָבן זיך אויך געפונען גרופּעס יונגע חלוצים. זיי האָבן מיט געזאַנג און טענץ פאַרהילכט דעם גערויש פון די מאָטאָרן, וואָס האָבן פון פראַנצויזישן ים־ברעג אין טולאָן אַ שטויס געטאָן די שיף צו איר וועג קיין ארץ־ישראל.

בינעם, אַ מיטלוווקסיקער, נאָענט צו די דרייסיקער יאָרן, האָט נאָך געטראָגן די מיליטערישע קליידער, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין די טעג פון זיין באַפרייט ווערן. דער ווינט האָט זיך געריסן פונעם אָפענעם ים, געלופטערט זיין פּנים און צעשויבערט די לאַנגע טשופּרינע אויף זיין קאָפּ.

איידער בינעם האָט זיך אָפּגעפונען אַן אָרט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די לאַנגע שיף־קאָרידאָרן און געזוכט אַ באַקאַנט פּנים. צווישן אַזוי פיל מענטשן — האָט ער געטראַכט — וועט זיך אפשר אָפּגעפינען עמעצער מיט וועמען ער זאָל זיך קאָנען אַרומכאַפּן. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן

אַ יונגע בלאָנדע פרוי וואָס איז געגאַנגען אויף דעם זעלבן וועג, נאָר אין דער פּאַרקערטער ריכטונג.ביידע האָבן זיך באַגעגנט מיט דורכדרינגלעכע בליקן, ווי איינער וואָלט אין צווייטן געוואָלט וועמען דערקענען. אָבער בינעם איז געבליבן שטיין, און באַגלייט מיט זיין בליק די פרוי. אויך זי האָט אַריינגעקוקט אין די קאַיוטעס. בינעם האָט ביים נאָכקוקן איר אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך זי מוז אַוודאי זיין אַן איינזאַמע.

אויפן דעק פון שיף האָט בינעם געפונען אַן אָרט. אַן אויסגעצויגענער, מיטן אָרעמען פּעקל אונטערן קאָפּ, איז ער געלעגן אַ פּאַרקוקטער אין בלויען הימל, אין די פייגל, וואָס האָבן באַגלייט די שיף אין נידעריקן פלי. אַ פּלאָנטער פון מחשבות, אַ צונויפמיש פון פרייד און אומעט האָט אַרויסגע־שפּאַרט פון אים. ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז זיין האַרץ זאָל פול ווערן בלויז מיט דער איבערלעבונג פון זיין פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ווען דער טאָג איז געקומען, איז ער דווקא אריינגעזונקען אין יענע אָפּגרונטן פון וואַנען ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן און פאַרגעסן, פאַרגעסן. אויף צו להכעיס האָט עס אים דערמאָנט: אין זיין אַנטלויפן פון טרעבלינקע, אין די אימהדיקע וואַנדערונגען איבער וועלדער און פעלדער, אין זיין מגולגל ווערן אין אַ פרומען קאַטאָליק, פון וועמענס הויט ער איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס.

די שיף האָט זיך גענומען טרייסלען. די שווערע וואַסערן, דאָס ברומען און שרייען פון די כוואַליעס האָבן אין בינעמס אויערן צונויפגעיאָגט גע־שרייען פון פאַרפייניקטע יידן, דער ים האָט געוואַלדעוועט און געטרייסלט די שיף, און די שיף האָט זיך געריסן אין דער פולער פאַרע, זיך געשניטן צווישן די וואַסערבערג, זיך געהויבן מיט געברילן און בינעמען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הייבט אָן זינקען אין אַ תהום.

זיין עבר איז אים פאַרלאָפן פאַר די אויגן. אין די מלחמה־יאָרן האָט ער ווי פאַרגעסן אין זיך. אין געראַנגל פאַר זיין לעבן איז אים פאַרגעקומען אַז ער איז נישט דער זעלבער וואָס פאַר דער מלחמה. נישט דער פריערדיקער בינעם. אין דער הויט פון סטאַניסלאַוו איז ער גאָר אַן אַנדערער. יענער איז ווי מיטגעשטאָרבן מיט זיין דור יידן. איצט איז ער ווי אַן אַרויסגע־שליידערטער פון יענער פאַרטיליקטער יידישער וועלט, אַ פאַראומרייניקטער

מיט אַ צלמל אויף דער ברוסט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרדעקן זיין ייִדיש האַרץ, און מיט אַן אויפפירונג, וואָס האָט, ווי אַ מאַסקע, פאַרשטעלט זיין אַמאָליקן ייִדישן אויסזען. וואָס מער די שיף האָט זיך דערווייטערט פון פראַנצויזישן ברעג, אַלץ בולטער האָט פאַר אים אויפגעטויכט זיין עבר. זיינע מחשבות האָבן געזוכט אַן אָנהאַלט, זיי האָבן געגראָבן אין די מאַסן קברים, אין די בערגער אַש. אָט האָט ער געזען פאַר זיך זיין מאַמען. זי האָט געטריבן אירע קינדער צו לויפן אין די וועלדער, כדי זיי זאָלן זיך ראַטעווען דאָס לעבן, און זי אַליין איז גרייט געווען צו גיין אויף קידוש השם; אָט זעט ער פאַר זיך דעם טאַטן מיטן פאַרבונדענעם פנים, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז זיין באָרד איז געשענדט געוואָרן פון אַ דייטש מיט אַ מעסער אין האַנט. ער דערמאָנט זיך זיין טאַטנס זאָג צו אים ווען ער האָט זיך געגרייט צו די געפערלעכע וועגן, אַז „אַ פאַרבאָרגענע האַנט וועט אים פירן און אַרויספירן פון אַלע פייערן״...

בינעם האָט זיך אויפגעזעצט. אים האָט אַ צי געטאָן צום באַריער. ים און הימל האָט געבלענדט ווי ברייטע צעעפנטע שפיגלען. ער האָט אָנגע־הויבן זען אַלץ און אַלעמען מיט אַנדערע אויגן. אַ צוגעפרעסטער מיט דער ברוסט צום באַריער האָט ער זיך איינגעהערט אינעם ריטעם פון די שיף־מאַטאָרן. די שוימיקע כוואַליעס זענען ענלעך געווען צו שווימענדיקע שניי־בערג. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער טיפער הימלישער בלאָקייט, פון ימישן געבערום, פון די ווייסע מעוועס וואָס זענען נאָכגעפלויגן דער שיף אין איר גאַנג צווישן די כוואַליעדיקע וואַסערן.

איבערן לאַנגן שיפדעק האָבן ווינטן זיך געוויקלט מיט אַ טוכלער פייכטקייט, פאַרפלאָנטערט מיט געזאַנג און מיט האַרמאָשקע־טענער, דער ווינט האָט געפייפט פאַרביי בינעמס אויערן, געוווישט זיין פנים, געגלעט זיינע האָר. ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון דעם בלויען אָרום צווישן הימל און ים, געשפּירט ווי אַלע זיינע שווערע געפילן הייבן זיך אָן אין אים אויפלייזן.

בינעמס אויגן האָבן גענומען זוכן נייע איינדרוקן, זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט אַ ביסל פון אים און האָט אַראָפּגעקוקט צום ים. איר העל קיילעכיק פנים איז געווען

ארומגענומען מיט אַ קאַלירט טיכל איבערן שטערן. אירע אויגן זענען געווען אַנגעשטרענגט צו יענע ים־ווייטקייטן, וואָס האָבן די פאַרביישווימענדיקע אינדזלען באַצויגן מיט פאַרביקע קאָלירן. ערגעץ ווייט, דאָרט ווו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ צום ים, האָבן די קאָלירטע פלעקן איבערן ים־פּלאַך פּאַמעלעך זיך געררוקט אויף צוריק ביז זיי זענען געזונקען אין די וואַסערן.

אויפן גלייכן גאַנג מיט דער שיף האָט זיך באַוויזן דער רוקן פון אַ וואַלפיש. די פרוי האָט אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און מיט נייגער געקוקט צו די רינגען איבערן וואַסער אַרום דעם טונקל־גראָען פלעק, וואָס האָט אַ גלאַנץ געטאָן איבערן ים־פּלאַך און איז באַלד פאַרשוווּנדן.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אין דעם מאָמענט איז אים אויפגעקומען דאָס בילד פון יענער פרוי, וואָס ער האָט געטראָפן אויף זיין שפּאַציר איבער דער שיף. אָבער יענע פרוי האָט דאָך אַנדערש אויסגעזען: אין אַ ברייטן מאַנטל, מיט אַן אַנגעשטרענגטן בליק צו יעדן ווער ס׳איז איר אַנטקעגנגעקומען; און די ביים באַריער איז אין אַ לייכט געבלימט קליידל אויסגעפּאַסט אויף איר מיטלוווקסיקער בייגעוודיקער פיגור, מיט אַ סוועדער אָנגעהאָנגען איבער די אַקסלען. עטלעכע האָר, צעשויבערט פונעם ווינט, האָבן פון אונטער דעם קאָפּטיכל געגלעט איר באַק. אַ רויִקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן אינעם רונדיקן־העלן פּנים.

בינעם האָט זיך דערנענטערט צום אָרט ווו זי איז געשטאַנען און מיט אַן אַנגעשטרענגטער דרייסטקייט געפרעגט, צי איז זי יענע פרוי, וואָס ער האָט מיט עטלעכע שעה פריִער באַגעגנט אין די אונטערשטע קאָרידאָרן.

בינעם האָט דערפילט אויף זיך דעם מילדן בליק פון בלאָע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל באַגלייט איר ענטפער:

— איך בין זיכער נישט געווען די איינציקע פרוי, וואָס איר האָט דאָרט געזאָלט באַגעגענען...

בינעם האָט אויפגעכאַפּט איר טאָן:

— איר זענט אָבער די איינציקע פרוי וואָס איך געדענק פון מיין גיין איבער די קאָרידאָרן...

אַן אַנגעשפּאַרטע אין שיפבאַריער האָט די פרוי זיך אומגעקערט מיטן

רוקן צום ים. צו ערשט האָט איר פּנים אויסגעדריקט אַ ביסל פֿאַרוואונדערונג פֿון בינעמס דרייסטקייט.

— איר מאַכט מיך נייגעריק — האָט זי מיט אַ פֿאַרזשמורעטן בליק אָפּגעמאָסטן בינעמען — ווייל אייער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן־מונדיר פּאַרט זיך עפּעס נישט מיט אייער יידישן אַקצענט...

בינעם האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זיך פֿאַרגעשטעלט מיט זיין נאָמען און מיט זיין פּוילישן אָפּשטאַם.

— אַנקע — האָט די פֿרוי אָפּגעענטפֿערט מיט אַ ווייכן האַנטדריק.

פֿון דעם מאָמענט האָבן ביידע אָנגעהויבן ווערן היימישער. דער שטייפֿער טאָן פֿון אָנהייב־געשפּרעך האָט ביסלעכווייז גענומען ווייכער ווערן.

בינעם האָט דערציילט וועגן זיינע ערשטע טעג נאָך דער באַפֿרייונג, ווי אַן אַריער איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין פּוילישן מיליטער כדי צו היטן דייטשע קריגס־געפֿאַנגענע אין פֿראַנקרייך. פּאַר אַ יידישן אָפֿיציר פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָט ער זיך געגעבן צו דערקענען אַלס ייד. בינעם איז פֿאַרבעטן געוואָרן אין אַ ביוראָ, וווּ צו אים איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אַ ראַבינער, וועמען ער האָט אָפּגעוואָרט מיט נייגעריקייט. עפּעס אַ קליי־ניקייט — נאָך יאָרן לעבן ווי אַ גוי, וועט ער גלייך אויפֿגענומען ווערן פֿון אַ רב וואָס האָט געדאַרפֿט היטן די יידישע זעלנער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זיי זאָלן נישט פֿאַרגויִישט ווערן.

און דאָ איז געקומען פֿאַר בינעמען אַן אַנטוישונג. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ ברייטביינעקער הויכער אָפֿיציר מיט אַ גלאַטן קאָפּ אָן האָר, מיט אַ ראַזירט פּנים און מיט דיקע וואָנצעס. דער ראַבינער האָט געעפֿנט אַ ספֿר און גענומען בינעמען אויף אַן עקזאַמען מיט אַ וואָרט עברי. דערנאָך האָט ער בינעמען איינגעלאַדן אין דער אָפֿיצירן־קאַנטינע עסן מיט אים מיטאָג. צום טיש איז צוגעקומען אַ קעלנער און פֿאַרגעלייגט עטלעכע סאָרטן פֿלייש. פֿאַר זיך, האָט דער ראַבינער באַשטעלט אַ חזיר־שניצל.

די גאַנצע צייט פֿון בינעמס דערציילן איז אַנקע געשטאַנען אַ צע־שמייכלטע. צום סוף האָט זי זיך אַ בייג געטאָן פֿון געלעכטער:

— איך פֿאַרשטיי שוין דעם צונויפֿפּאַר פֿון אייער פּוילישן יידיש מיט

דעם אַמעריקאַנער מונדיר. איך פאַרשטיי אָבער נישט דעם צונויפפּאָר פונעם ראַבינער מיטן חזיר־פלייש.

אַנקעס אינטערעס צו בינעמס איבערלעבונגען האָט אים באַווירקט צום ווייטערדיקן דערציילן וועגן זיך. איר שפּאַנונג האָט זיך פאַרגרעסערט ווען זי האָט אויסגעהערט די געשיכטע, ווי אַזוי זיין ייִדישקייט איז אַנטדעקט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל דורך אַ פּוילישן סאַניטאַר. אַנקעס נייגעריקייט צו בינעמס איבערלעבונגען איז געוואָרן אָנגעשפּיצט. זי האָט נישט דורכגעלאָזט דעם מינדסטן פּרט, וואָס האָט איר אויסגעזען צו זיין נישט גענוג פאַר־שטענדלעך און בילדלעך.

— איז טאַקע מעגלעך אַז אַ ייִד זאָל קאָנען אין זיך דערשטיקן זיין ייִדישן אָפּשטאַם?

בינעם האָט זיך באַמיט איר צו געבן אַ קורצן ענטפער:

— אין דער וועלט פון פאַרלענדונג און אומקום, האָט יעדער איינער פאַרלוירן זיין מענטשלעך געשטאַלט און פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ דזשונגל. דער ייִד וועמען דער גורל האָט אַריינגעשליידערט און צונויפגע־מישט מיט דער־אָ וועלט איז שוין געווען אויסגעטאָן פון זיין ייִדישער מראה; ער האָט זי פאַרלוירן אויף די וועגן פון נע־ונד. אַ גויִיש היטל מיט אַ פּאָר פאַרדרייטע וואָנצעס האָט פאַרווישט זיין ייִדישן חותם. אָבער וויפל מען זאָל נישט האָבן געענדערט דעם דרויסנדיקן לבוש איז ערגעץ ווו געבליבן דער ייִדישער תוך; טיף אין די אויגן איז געבליבן שטעקן דער גלי פון פּחד פאַר דאָס אומגעריכטע.

פאַר אַנקען האָט אויסגעזען אַ ביסל אומגלויבלעך דער פאַקט, וואָס דער פּוילישער סאַניטאַר האָט בינעמען נישט אויסגעגעבן:

— מיינע דערפאַרונגען מיט פּאָליאַקן האָבן מיר נישט איבערגעלאָזן אַזעלכע זכרונות. נישט פון מיין געבוירן־שטעטל און אַוודאי נישט פון בוכענוואַלד.

— זענט איר געווען אין אַ לאַגער? — האָט בינעם געפרעגט.

— יאָ! — אַנקע האָט אָפּגעדעקט דעם אויסטאַטוירטן נומער אויף איר האַנט — דאָס איז מיין בוכענוואַלדער לעגיטימאַציע...

— דערציילט עפּעס וועגן זיך.

אַנקע איז געוואָרן ערנסט:

— מיר איז שווער צו דערציילן וועגן זיך אַזוי פריי ווי איר טוט עס.

— אָבער שטיקן זיך מיט דעם איז נאָך ערגער...

אַנקע האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויף די איינגעוויקלטע פּאַפּירן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון איר האַנטבייטל:

— אויב איך קען נישט מיטן מויל, לאָז איך רעדן די פעדער...

— מיך אינטערעסירט שטאַרק צו וויסן וואָס דאָרט איז געשריבן — האָט בינעם געזאָגט און איבערגעפירט זיין בליק צו די בייגעלעך פּאַפּיר.

אַנקעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זי האָט אויסגעגלייכט דעם סוועדער אויף אירע אַקסלען און אַרויסגעצויגן פון האַנטבייטל די באַשריבענע פּאַפּירן. זי האָט אַ פיר געטאָן איר בליק אַרום זיך, פון וואַנען עס האָבן זיך דערטראָגן די רוישיקע רייד פון פאַרשידענע לשונות, און געזאָגט:

— דאָ איז נישט באַקוועם צו לייענען.

בינעם האָט אַ קוק געטאָן טיפער איבערן דעק און פאַרגעלייגט צו גיין אַהין, ווו עס האָט אים אויסגעזען צו זיין רויִקער. דאָרט האָט בינעם אויסגעשפּרייט זיין מיליטעריש רעקל אוןביידע זענען געבליבן זיצן ביים שפּיץ פונעם דעק, ווו די אַנגעלאָפענע כוואַליעס האָבן זיך צעשניטן אין דער נאָז פון דער שיף.

בינעם האָט איצט דייטלעכער געזען אַנקעס פיין־געצייכנטע שטריכן אויף איר פּנים, וואָס האָט אַנטקעגן די צעוויקלטע פּאַפּירן זיך אָנגעהויבן ענדערן. זי האָט געלייענט פּאַמעלעך, מיט אַ שאַרפן פּוילישן אַקצענט. שוליאַרן. יוגנטטרוימען. נעמען פון נאָענטע געשטאַלטן. די שיינקייט פון וואַלד און פעלד, פון היים און סביבה.

בילדער פון פּיין און יסורים, פון האָפענונג און יאוש; אַ געשיכטע פון איר היימשטעטל, צונויפגעבונדן מיט פערזענלעכע איבערלעבונגען.

אַנקע האָט אויפגעהערט לייענען ביים שילדערן דעם אָנקום אין בוכענוואַלד. אונטער די קלעפּ פון עסעסלייט האָט מען אָפּגעטיילט באַזונדער די פרויען. דאָס זענען געווען די לעצטע מינוטן פון צעשיידן זיך מיט די נאָענטע וואָס זענען נאָך געבליבן.

— אויך ביים שרייבן באַפאַלט אייך אַזאַ ציטער? — האָט בינעם מיט זיין פראַגע געצילט איבערצורייסן זייער שוויגן.

אַנקאַ האָט זיך אויסגעגלייכט, צעעפנט די אויגן, מיט אַ שוואַכער שטימע אַ מורמל געטאָן:

— אָבער דאָן בין איך מיט זיך אַליין...

בינעם האָט שטיל זיך אָנגערופן:

— איר דאַרפט ווייטער שרייבן. דאָס וועט פאַרלייכטערן אייער שווער געמיט...

— איך וויל גלייבן אין אייערע רייד.

— איך רעד פון אייגענער דערפאַרונג.

— זאָל איך פון דעם פאַרשטיין, אַז אויך איר שרייבט?

— יאָ, אָבער — האָט בינעם נישט אַזוי גערן איינגעשטימט — איך שרייב, און האַלט נאָך אַלץ ביים אָנהייב... מיר איז שווער געווען באַלד אָנצוהייבן שרייבן. עפּעס האָב איך נישט געקאָנט צונויפבינדן דיביידע עקן: די לעצטע טעג פון מלחמה מיט די ערשטע טעג פון באַפרייונג.

— און איצט, עטלעכע חדשים נאָך יענע טעג — האָט אַנקע זיך צעשמייכלט — האָט איר שוין געמאַכט דעם קנופּ?

— נאָך אַלץ נישט. אין מיינע הענט האַלט איך ביידע עקן און קאָן זיי נאָך דערווייל נישט צוזאַמענבינדן.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע פּאַפּירלעך און פאַרגע־שטעלט פאַר אַנקען ווי אַזוי עס זעט אויס ביז איצט זיין שרייבן אויף די בייגעלעך פּאַפּיר מיט פאַרנאַטירטע דאַטעס, נעמען פון שטעט און מענטשן.

— דאַרפן דאָס זיין נאָטיצן פאַר אַ טאָגבוך? — האָט אַנקע געוואָלט וויסן.

בינעם האָט געפרוווט פאַרבייגיין איר נייגעריקייט און געענטפערט, ווי פאַר זיך:

— אין ארץ־ישראל האָף איך צו געפינען אַ רויִקע היים, דאָרט וועל איך אָנהייבן דערציילן פון מיינע איבערלעבונגען, דערווייל האָב איך אָנגע־שריבן אַ קאַפּיטל און ווייס נאָך נישט ווי אַזוי איך וועל דאָס אויסניצן.

אנקע איז געוואָרן דרייסטער:

— אויב אַזוי, איז איצט אייער ריי צום לייענען.

בינעם איז גראָד געווען צופרידן פון אַנקעס פאָרשלאַג. אויך ער האָט געוואָלט אַז עמעצער זאָל אים אַ מאָל הערן לייענען פון זיינע איבערלעבונגען. ער האָט אונטערגעטראָגן צו די אויגן די באַשריבענע זייטלעך פאַפיר, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיין באַגאַזש־פעקל, זיי איבערגעמישט און זיך אָפּגעשטעלט אויף די עטלעכע זייטלעך וועגן זיין וועג קיין טרעבלינקע, ביזן שפרינגען פון וואַגאָן, ווי אַזוי ער איז דורך די אויפגעריסענע קראַטעס אין קליינעם פענצטערל פונעם פראַכטוואַגאָן געשפרונגען אַ נאַקעטער אין דער פינצטערער נאַכט אַריין.

אַנקע, אַ דערשראָקענע פון בינעמס פאַרהאַקטן אָטעם אין מיטן לייענען, האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט די בייגעלעך פאַפיר, זיי אַוועקגעלייגט אויף אירע קני:ען און געזאָגט:

— ווייזט אויס, אַז מיר זענען נאָך צו נאָענט פון יענע טעג...

ווען בינעם האָט זיך באַרויִקט האָט ער אנקען דערציילט וועגן זיינעם אַ וויזיט ביי אַ פּראָפעסאָר אין פּאַריז. ער איז ביי אים געגאַנגען זוכן אַ הילף קעגן די קאָשמאַרן אין די נעכט. דער פּראָפעסאָר, אַן אַלטער מעדיקער מיט אַ רויִק אויסגעשלאָפן פנים, האָט אים געדולדיק אויסגעהערט, אָפּגעזיפצט און געשטעלט זיין דיאַגנאָז:

— צום שלאָפן פאַרשרייב איך פּילן. אָבער קעגן די שלעכטע חלומות וואָלט גוט געווען צו מאַכן אַ לענגערע רייזע אויפן ים.

אַנקע האָט זיך צעלאַכט:

— נו, פאָרן מיר דאָך אויפן ים!

ביידע האָבן זיך דערנענטערט צום באַריער און זיך איינגעקוקט, ווי די רויטע זון פאַרגייט אין טונקעלן ים. איבער דער שיף איז געהאַנגען די ערב־נאַכט מיט אַ פיאָלעט טונקל־בלאָען הימל. אָנגעיאָגטע ווינטן האָבן מיט אַ שאַרפער קעלט זיך געדרייט אַרום די שפּיציקע געשטעלן, געוויכערט איבער די מאַסטן. געיאָגט זיך איבער די איינגעצויגענע קעפּ פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די אַראָפּגענג אין די אינעווייניקסטע קאָרידאָרן.

צו מאָרגנס האָבן בינעם און אַנקע זיך אָפּגעפונען אויף דעם זעלבן

אָרט וואָס נעכטן. ער האָט דערקענט איר גראַציעזן טראָט, און באַלד — איר שמייכל און די חן־גריבעלעך אויף די באַקן. זי איז געבליבן שטיין לעבן בינעמען אין אַ געבלימלט אויסגעפּאַסט קליידל און מיט אַ דין זיידן טיכעלע אַרום האַלדז. איר בלאָנדער קאָפּ האָט אָפּגעשלאָגן די שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער זון. פיאַלעט און בלאָ האָבן זיך דורכגעשלאָגן אין ים־נעפּל. זילבער־ווייסע שוימען האָבן זיך געיאָגט איבער אומענדלעכע רחבותן.

די אומרויִקע נאַכט מיט אירע צעשטורעמטע כוואַליעס איז ווי איינגעזונקען אין די ים־טיפענישן. פון דער פאַרנעפּלטקייט איז אויפגעגאַנגען אַ העלער פרימאָרגן און ער האָט צוגעצויגן די פּאַסאַזשירן צום באַריער אַרום דער שיף. אַ גרופּע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פון באַריער, פאַרוואָרפן הענט איבער אַקסלען און זיך געלאָזט אין אַן עיגולדיקן האָראַ־טאַנץ.

דער האָראַ־טאַנץ האָט מיטגעריסן, דער מענטשן־ראָד איז גרעסער געוואָרן. אַרום זענען געשטאַנען שמייכלענדיקע פּאַסאַזשירן און אויסגעדריקט זייער התפּעלות. צווישן זיי איז אויך געווען אַ בלאָנדער יונגער־מאַן, וואָס האָט זיך איינגעקוקט אין די טאַנצנדיקע חלוצים. גערעדט האָט ער דייטש צו די וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים. בינעם איז געווען ניי־געריק צו וויסן ווער ס׳איז דער מיט די קורצע ספּאָרט־הויזן און גלאַט פאַרקעמטע בלאָנדע האָר און רעדט דייטש.

בינעם איז אויף אַ ווײַלע אַוועק פון אַנקען, איז באַלד צוריקגעקומען אַן איבערראַשטער. אין איין אָטעם האָט ער אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך דוד פראַנקפורטער!

— ווער?

— איר ווייסט נישט ווער עס איז דוד פראַנקפורטער?! דאָס איז דאָך דער יידישער סטודענט, וואָס האָט געשאָסן אין דעם פירער פון די נאַציס אין דער שווייץ און נקמה גענומען פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

אַנקע האָט זיך פאַרענטפערט פאַר איר ווייניק זיין באַהאַוונט אין

יִידישע ענינים, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז זי נאָך געווען יונג, נאָר וואָס געענדיקט די פוילישע פאָלקסשולע, און באַלד האָט מען זי אַוועקגעריסן פון שטעטל, פון טאַטע־מאַמע, און פאַרשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין בוכענוואַלד.

דער טאַנץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, די חלוצים האָבן זיך געוואָרפן אויף די אויסגעלייגטע קאַצן. דוד פראַנקפורטער מיט עטלעכע פון זיינע באַגליי־טערס האָבן אויסגעפונען אַ רויִקער אָרט און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. בינעם מיט אַנקען זענען זיי נאָכגעגאַנגען, זיך פאַרהאַלטן לעבן זיי און אויפגעכאַפּט פראַנקפורטערס דערציילן וועגן זיינע יאָרן אין דער שווייצאַ־רישער טורמע. ער געדענקט, ווי אַ גרויסע מענטשן־מאַסע האָט אים אָפּגע־וואַרט ביים פאַרלאָזן די טורמע און אים אויפגענומען מיט אָוואַציעס.

די אַרומיקע האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין שבחים. איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר, אָפּגעראַטעוועטע פון גיהנום קוקן אויף אייך מיט שטאָלץ. אייער העלדישקייט וועט אייך פאַראייביקן אין דער יִידישער געשיכטע...

אָבער די ווערטער האָבן פראַנקפורטערן נישט אַרויסגעפירט פון זיין געמיטלעכקייט. ער האָט אַ פיר געטאָן זיין בליק אַרום זיך און ווי נישט וועלנדיק בלייבן שולדיק קיין ענטפער, געזאָגט:

— מיינע ליבע פריינד, אַלע יִידן וואָס פאָרן אויף דער אָ ערשטער שיף נאָכן חורבן קיין ארץ־ישראל, זענען העלדן, און איך וואָלט נישט וועלן זיין קיין אויסנאָם פון זיי...

אין דער קאַיוטע, וווּ בינעם האָט געהאַט זיין נאַכטלעגער, האָט ער אָפּגעפונען אַ שטיל אָרט. בעת זיינע מיטפאָרערס זענען אַרויס אויפן דעק זוכן פרישע לופט, איז ער געבליבן זיצן אונטער די שמאָלע פענצטערלעך ביים מאַטן ליכט.

ער האָט געשריבן. בינעם האָט געפילט ווי אַן אינערלעכן באַפעל, נישט צו לאָזן פאַרגיין די געשעענישן פון זיין זכרון. וואָס נענטער די שיף האָט אים געבראַכט צו די ברעגן פון ארץ־ישראל, אַלץ מער האָט ער געפילט ווי דער שאָטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט באַגלייט אים אויף דעם וועג. אויבן האָט די שיף זיך געשניטן איבער די ברייטע, שווערע וואַסערן, פון די

קוימענס האָבן זיך געוויקלט שוואַרצע קנוילן רויך. אין די טיפֿענישן פֿון דער שיף האָבן געקלומפּערט די מאַשינען. דער רעש פֿון די כוואַליעס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די אונטערשטע ווענט, געראַוישט אין ימישן כאַאָס, ווי קולות פֿון פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען. די פֿעדער איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון האַנט...

אין בענקשאַפֿט נאָך אַ ביסעלע רו האָט בינעם זיך דערמאָנט אין אַנקען. הגם זי אַליין האָט געטראָגן מיט זיך די שווערע זכרונות פֿון יענער צייט ווען מען האָט זי געפֿירט פֿון לאַגער צו לאַגער, איז זי דאָך ניצול געוואָרן פֿון גיהנום און זי האָט זיך ווידער געשטעלט אויף די פֿיס. בינעמען איז שווער געווען צו גלייבן, אַז אָט די אַנקע מיטן בלאָנדן קאָפּ און בלאָע אויגן, איז די זעלבע אויסגעדאַרטע קאַצעטלערין אין דעם געשטרייפֿטן קליידל מיטן נאַקעטן קאָפּ — אַזוי ווי זי שטייט אויפֿן בילדל, וואָס זי האָט תמיד אַרומגעטראָגן מיט זיך, ווי אַ זכר, נישט צו פֿאַרגעסן פֿון וואַנען זי קומט.

בינעמען האָט שטאַרק אימפּאָנירט אַנקעס ווילן אָנצוזאָגן די פֿאַרלוירענע יאָרן, אָנפֿילן די בלויזן מיט אַ קוואַליק לעבן, וואָס האָט אָנגעהויבן ביי איר אויף דאָס ניי צו שטראָמען אין די בלוטן, געוועקט און געמאָנט מיט מיידלשן באַגער אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר אַלע יסורים.

ווו בינעם זאָל זיך נישט האָבן ביז איצט געפֿונען און מיט וועמען ער האָט זיך נישט געטראָפֿן, איז ער געווען איינזאַם. ערשט דאָ, אויף דער שיף, האָט ער דערפֿילט, אַז ער איז נישט אַליין — נאָר אין צווייען, מיט אַנקען, וואָס האָט געזוכט אַ פֿריינד מיט אַ וואַרעם האַרץ.

ער איז אַוועק איבער דער שיף זוכן אַנקען. ער איז אַדורך די גאַנצע לענג פֿוןביידע זייטן באַריער און זי נישט געפֿונען. אויף דעם אונטערשטן דעק אין דער פּרויען־אָפּטיילונג איז זי אים אַנטקעגנגעקומען, ווי שטענדיק אָן אויסגעפּוצטע, אָבער אָן איר שמייכל און מיט געהעמטע טריט.

— פֿילט איר זיך נישט גוט? אפֿשר קען איך אייך מיט עפּעס העלפֿן?

— אַ שטימונג — האָט אַנקאַ בינעמען באַרויִקט. און אַרויסגייענדיק פֿון די טונקעלע קאָרידאָרן האָט זי געזאָגט, אַז זי איז שוין עטלעכע מאָל געווען אויפֿן דעק און זיך צוריקגעקערט. בינעם האָט פֿאַרשטאַנען איר רמז

און זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פֿון בלייבן אַליין אין דער קאַיוטע און געשריבן.

אַנקע איז שנעל געקומען צו זיך. ערשט איצט האָט בינעם דערזען, אַז זי איז דאָפּלט שענער אַנטקעגן די ים־וואַסערן, ווען אירע אויגן הייבן אָן צו מיניען מיט די קאָלירן פֿון ים און אויף איר פּנים פּלייצט אַ זוניקע בלאַקייט. ים און הימל האָבן געבלענדט, ווי מיט אָן אַ שיעור שפּיגלען און זי איז געשטאַנען אַ צוגעפּרעסטע מיט דער ברוסט צום באַריער און מיטן פּנים אַראָפּ צו די כוואַליעס, צום קוואַלנדיקן שוים. בינעם האָט זיך פֿאַרקוקט מיט אייפֿער אויף די ווייסע מעוועס, וואָס דרייען זיך אין רעדלעך אַנטקעגן דער שיף, טונקען זיך אַלע מאָל אָפּ אין די וואַסערן און כאַפּן ארויס מיט די שנאָבלען אַ געפֿאַנג.

— אַנקע! וואָס זענט איר פֿאַרזונקען אין ים? טוט אַ קוק צום הימל!

און אַנקע, מיט איר ברייטן שמייכל:

— אַז איך קוק צום ים, זע איך אויך דעם הימל.

— ריכטיק, איך זע דאָס אין אייערע אויגן...

אויף אויסגעשפּרייטע דעקעס זענען געזעסן בחורים און מיידלעך. זיי האָבן געזונגען פֿאַרשידענע לידער און אין פֿאַרשידענע שפּראַכן: לידער אומעטיקע, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן בענקשאַפֿט צו פֿאַרלאָזענע היימען, מאַרשן, וואָס האָבן דערמאָנט אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפֿן. נאָר די העברעיִשע לידער האָבן אַלעמען מיטגעריסן און געצווונגען צו פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט. איינער פֿון זיי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און גערופֿן דורך אַ היל־כער, אַז אַלע חלוצים זאָלן זיך צונויפֿקומען. אין מיטן פֿון די אויסגעזעצטע אַרום אים, איז דער בחור מיטן אָפּגעברענטן פּנים געשטאַנען און דער־ציילט וועגן קיבוצישן לעבן אין ארץ־ישראל, דערציילט די געשיכטע פֿון די ערשטע חלוצים אין אַ לאַנד פֿון זאַמדן און מאַלאַריע צווישן זומפּיקע וויסטעניש.

פֿון די מרחקים איבערן ים האָט זיך אויסגעפּיקט אַ טונקעלער פֿלעק. די שיף „מאַטאַרואַ" איז שוין געהאַט פֿאַרבייגעשווומען אינדזלען, וואָס זענען אין די ימישע טיפֿקייטן שנעל פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿון די אויגן. אָבער דער אַ טונקעלער פֿלעק, וואָס האָט געטונקט זיינע קאָלירן פֿון גראָ אויף געל

און פון בלאָ אויף גרין, איז פּאַמעלעך זיך צעוואָקסן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אפילו פאַרגעשטעלט, אַז זיי זעען דאָרט בנינים און צעבליטע ביימער. ווען די שיף האָט זיך צעפייפט און אָפּגעריסענע ווידערקולות זענען אָנגעלאָפן אויף צוריק, האָבן זיי געמיינט, אַז די שיף דערנענטערט זיי צו אַ ברעג. אָבער די נייגעריקייט איז פאַרשווונדן צוזאַמען מיט די פאַרשוויג־דנדיקע קרעטע־אינדזלען.

אויף דער שיף האָט זיך אַרומגעפּאַרעט, אַ פּאַרקאָכטער אין כלל־עניִנים, אַ דראָבנער ייִדל מיט אַ קורץ־געשוירן געל בערדל. געטראָגן האָט ער אַן אַמעריקאַנישן אָפּיצירן־מונדיר. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז דער אָ מיליטערישער רב איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער גרופּע אומלעגאַלע עולים, וואָס זענען געפאָרן אויף דער שיף אָן סערטיפי־קאַטן. ער האָט געהאַלטן אויג, אַז די שיף־מאַנשאַפט זאָל זיי נישט אַנטדעקן. ערב ראש־השנה האָט דעם רבס קול געציטערט דורכן הילכער. ער האָט מודיע געווען, אַז אויף דער שיף געפינט זיך אַ ספר־תורה מיט אַ שופר, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, זאָל קומען צו די ימים־נוראימדיקע תפילות, וואָס וועלן אונדז באַגלייטן צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

שפּעט אין דער נאַכט, אַלע אין דער קאַיוטע זענען שוין געשלאָפן, נאָר בינעם איז געזעסן אויף זיין אויבערשטן בעטל אונטער דער בלאַסער שיין פון עלעקטרישן לעמפּעלע איבער פּאַפּיר אויף זיינע קניִען. די שיף האָט זיך געטרייסלט. בינעם האָט זיך געשאָקלט אויף זיין וואַנטבעטל ביז אים האָט באַהערשט אַ מידקייט און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. אין דרימל האָט ער זיך געראַנגלט מיט שאָטנס, וואָס האָבן געשטערט זיין נאַכטיקע רו. די שיף האָט אים נאָך געוויגט, אָבער ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

אין די לעצטע מינוטן פון דער נאַכט איז ער אַרויס אויפן נאַסן אָפּגעצוואָגענעם דעק. ער האָט דערזען אַן אומענדלעכן ים אין אַש־גראָע פאַרבן — הימל און ים צעגויפגעגאָסן אין איין פאַרנעפּלטער מאַסע.

אַן ענגלישער מאַטראָס אין אַ רונדיק היטעלע איז געבליבן שטיין אויף די שמאָלע געדרייטע טרעפּלעך. ער איז צוגעגאַנגען צו בינעמען און אים

אַריינגעקוקט אין פּנים. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן אויף ענגליש. בינעם האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

— שפּריכן זי דויטש ? — האָט דער מאַטראָס געפֿרעגט אַן אַנגעבוי־גענער צו בינעמען.

אים, דעם מאַטראָס, איז אויסגעקומען אַ ביסל פֿאַרדעכטיק, וואָס אין די שפּעטע נאַכט־שעהען דרייט זיך דאָ אַרום אַ פּאַסאַזשיר. עס איז שוין איין מאָל אַפֿילו געשען, אַז איינער פֿון זייער מאַנשאַפֿט איז געשפּרונגען אין ים פֿאַר זיינע אויגן, איז אים פֿאַרגעקומען, אַז דאָס בילד גייט זיך ווידער איבערחזרן...

ווען בינעם האָט זיך נאָך אַ מאָל אומגעקערט אויפֿן דעק האָט די זון שוין געהאַט אַ שפּאַר ביסל זיך אויפֿגעהויבן איבערן הימל. די באַריערן זענען שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט פּאַסאַזשירן, וואָס זענען נישט מיד געוואָרן צו קוקן, ווי די שיף שניידט די שווערע וואַסערן און דער ווייסער שוים קאָכט, רייסט זיך צו די הויכקייטן פֿון דער שיף.

בינעם האָט געפֿונען אַנקען אויף דער דעקע, וואָס זי האָט מיטגע־בראַכט פֿון איר בעטל. זי איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַנטקעגן דער זון און האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט גאָר שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דעם שיפֿן זיך איבערן ים.

דורך די האַלב־אָפֿענע וויִעס האָט זי אויפֿגעכאַפּט בינעמס פּנים איבער זיך, און זי האָט זיך שנעל אויפֿגעזעצט.

— אַנקע, איך האָב אייך געשטערט אין אייער ליבשאַפֿט צו דער זון ? מענטשן קאָנען נאָך הייסער ליב האָבן...

אַנקע איז געוואָרן עמפּינדלעך צו זיינע ווערטער. זי האָט שוין געוווּסט, אַז וואָס ער זאָל נישט זאָגן, דרייען זיך זיינע געדאַנקען אַרום איר. אָן צו שפּילן זיך מיט מיידלשע קאַפּריזן, האָט זי אויפֿגעהויבן צו אים די אויגן :

— דאָס זענען שיינע ווערטער, אויב זיי ווערן נישט באַנוצט ווי פֿראַזן...

בינעם האָט געפֿילט בחוש, אַז זי ווערט אים אַלץ נעענטער און נעענטער. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבער די האָר און זי האָט אַנגעבויגן איר קאָפּ צו אים.

אַנקע איז געזעסן מיטן פּנים צו דער זון. פּלוצלינג האָט זי געעפענט די אויגן, ווי אַן איבערגעוועקטע פון שלאָף:

— מיינט איר טאַקע, אַז אַזעלכע מענטשן ווי מיר, זענען נאָך פעיִק ליב צו האָבן?

בינעם איז געוואָרן איבערראַשט פון אַנקעס אומגעריכטן זאָג.

זי איז געוואָרן ערנסט. מיט וואָס האָט ער אָנגערירט אירע באַהאַלטענע געפילן? ער האָט געזוכט ווערטער לייכטער צו מאַכן איר שטימונג. נאָר אַנקע, נאָך אַ טיפן זיפץ, האָט זיך אָנגערופן:

— מיר ווילן זיין אָפנהאַרציק, אָבער מיט די אויפגעלעבטע געפילן קאָן מען נאָך אַלץ נישט דערגרייכן צו דעם וואָס ליגט אין אונדז טיף באַגראָבן...

— אפשר, אַנקע, וועלן מיר צוגיין צום באַריער, מיר האָבן נאָך היינט כמעט ווי נישט געזען דעם ים.

אַנקע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן חשק דערצו, אָבער זי האָט דאָך זיך געלאָזט פירן פון אים. אַ שאַרפער ווינט האָט איר אַרומגענומען ביים אויפהייבן זיך פון דער דעקע, עס האָט זיך איר געדוכט, אַז אָט פאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ פון דער שפּע בלאָ פונעם ים און פון דער הימל־הויכקייט און אָט־אָט פליט זי אין ים אַריין.

בינעמען האָט ווײ געטאָן דאָס האַרץ פון אַנקעס משונהדיקער ענדערונג. אפשר, האָט ער געטראַכט, האָט ער זיך צו גיך דערנעענטערט צו איר און זי וויל נאָך אָפּהיטן אַ דיסטאַנץ. אָבער אויך דאָ, אַנטקעגן ים, שטייט אַנקע אַ פאַרקלעמטע.

בינעם האָט געפּרוווט אָנהייבן שרייבן, אָבער דער קאָפּ האָט אים צו דעם נישט געדינט. איז ער ווידער אַרויס אויפן דעק. דאָס ברומען פון די כוואַליעס האָט פאַרשריגן די צעזונגענע כאַליאַסטרע. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ שטילער אָרט. אַזוי איז ער דערגאַנגען צו דער נאָז פון דער שיף און דאָרט האָט ער געטראָפן זיין שכן פון דער קאַיוטע, דעם דאָקטער לעאָן, אַ שווייגער, וואָס האָט מיט קיינעם פון זיינע מיטפאַרערס נישט געוואָלט פירן קיין געשפּרעכן. מיט בינעמען האָט ער יאָ אַ מאָל געשמועסט. זייער

טעמע איז כמעט תמיד געווען דער חורבן און זיינע אויסווירקונגען אויפן ווייטערדיקן לעבן.

ד"ר לעאָן מיט זיין ווייסן קאָפּ האָר, איז נאָך געווען שלאַנק און רירעוודיק. דערזעענדיק פאַר זיך בינעמען, האָט דער דאָקטער פאַרמאַכט דאָס בוך און אָנגעהויבן רעדן ווי ער וואָלט ממשיך געווען אַ שמועס מיט בינעמען:

— נו, זעט דאָרט די חברה. זיי זינגען און פרייען זיך, נישט איינער פון זיי איז געווען אין סאַמע גיהנום, און איר מיט אייער שרייבן ווילט אַלע אָנפילן מיט אייערע זכרונות? איר ווילט נאָך אַ מאָל דורכלעבן דאָס דורכ־געלעבטע?

— ניין, דאָקטער, איך וויל נאָר אויסשרייען קעגן די, וואָס האָבן געשענדט אונדזער גוף און נשמה. פאַרשוויגן דאָס, הייסט פאַרלייקענען זיך אַליין...

— אָט־אָט — האָט דער דאָקטער איבערגעהאַקט בינעמען די רייד — דאָ זענט איר צוגעקומען צום סאַמע פּינטל, רעדט נישט קיינעם איין דאָס, וואָס מען וויל נישט הערן, וואָס מען קאָן נישט פאַרנעמען.

— איך קאָן זיך נישט פאַרשטעלן — האָט בינעם צעעפנט זיינע אויגן — אַז צו מיר רעדט אַזוי איינער, וואָס איז אַליין אַדורך דאָס גיהנום. הייסט עס, אַז אויך איר ווילט אַנטלויפן פון זיך? אָבער איר ווייט עס נישט קאָנען...

דער דאָקטער האָט אַ באַוועג געטאָן מיטן קאָפּ און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— הלוואי וואָלט איך געקאָנט. אָבער דער לאַגער־נומער אויף דער האַנט...

זיין מיטשמועסער האָט געעפנט דאָס בוך און צוגעטראָגן עס נענטער צו די אויגן. בינעם האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט האָט זיך געענדיקט זייער געשפּרעך.

די פּאַסאַזשירן האָבן געקענט דעם דאָקטער לעאָן. אים פלעגט מען רופן אין די פאַלן, ווען אויף דער שיף איז עמעצער פלוצלינג אַוועקגעפאַלן. נאָכן אויסרופן דורכן הילכער זיין נאָמען, האָט מען דעם דאָקטער געזען

גיין מיט גיכע טריט צו דעם פונקט, ווו מען האָט געוואַרט אויף זיין הילף. אַזוי איז אויך געשען אין יענער נאַכט. ווען בינעם איז נאָך געזעסן איבער זיינע אָנגעשריבענע זייטלעך, האָט ער דערהערט אויסרופן דעם דאָקטערס נאָמען. ער איז תיכף אַראָפּ פון זיין בעטל, איבערגעוועקט דעם דאָקטער און האָט אים געזאָגט, אַז דער רוף איז פון דער פרויען־אָפּטיילונג.

אין דער פרי, ביים באַגריסן זיך מיטן דאָקטער, האָט בינעם אים געפרעגט, וואָס אַזוינס איז געשען אין דער פרויען־אָפּטיילונג. דער דאָקטער האָט אים שטיל געזאָגט:

— וועגן דעם וואָלט כדאַי געווען מיט אייך זיך דורכצורעדן ווען מיר וועלן בלייבן אַליין.

ביידע זענען זיי אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבערן דעק.

— דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיט מיר געשעט אַזעלכעס אויף דער שיף — האָט דאָקטער לעאָן אָנגעהויבן מיט זיין שאַרף־אַקצענטירטן לשון — אין דער נאַכט האָב איך באַזוכט אַ קראַנקע, וואָס האָט מיר געמאַכט אומ־רויִק. איך האָב פּרובירט זי צו באַרויִקן מיט די מיטלען, וואָס איך האָב, אָבער איר נערוונשאָק האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. פון די, וואָס זענען געווען מיט איר אין לאַגער, האָב איך געהערט, אַז איבער דעם מיידל זאָלן דייטשישע דאָקטוירים האָבן דורכגעפירט עקספּערימענטן.

— אפשר געדענקט איר דעם נאָמען פון דער קראַנקער? — האָט בינעם געפרעגט נישט אַראָפּנעמענדיק זיין בליק פון דאָקטערס פּנים.

— געוויס געדענק איך. איר נאָמען איז אַנקע. זי ליגט אין דעם ענג־בעטל מיט צעוואָרפענע האָר און דערשראָקענע אויגן. אפילו אין איר איצטיקן צושטאַנד איז זי שיין...

בינעם האָט אַ ווײַלע איינגעהאַלטן זיינע טריט. דאָקטער לעאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נאָמען פון דער קראַנקער האָט בינעמען געטראָפן.

— די קראַנקע געהערט אייך מיט עפּעס אָן?

וויסנדיק אַז ער שטייט פאַר אַ דאָקטער, האָט בינעם אים דערציילט וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט אנקען אויף דער שיף.

דאָקטער לעאָן האָט אַראָפּגעקוקט צו זיינע געמאָסטענע טריט און לסוף זיך אָנגערופן:

— נו, איצט פֿאַרשטיי איך נאָך בעסער איר מצב. מען האָט מיר געגעבן לייענען אַ פּאָר זייטלעך פֿון אירס אַ טאָגבוך, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ווי אין מיטן שרייבן. אין דעם באַשריבענעם האָב איך געפֿונען נישט בלויז די סיבה פֿון איר קראַנק זיין, נאָר אַ לעבן, וואָס איז שוואַרצער ווי דער טויט — פֿון אומקום אַליין. איך האָב עס אייך געוואָלט ברענגען פֿאַר אַ באַווייז, אַז אַזאַ שרייבן צעטרייסלט די נשמה. איצט, נאָך אייער דערציילונג געפֿין איך נאָך אַ סיבה פֿון איר נערוונשאָק. די צעוועקטע פֿרויען־אינסטינקטן וואָס האָבן אָנגערירט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס אירע געפֿילן...

בינעם מיט אַ געפֿיל פֿון שולד:

— צי קאָן מיין באַזוך איר העלפֿן?

— חלילה! — האָט דער דאָקטער אויסגערופֿן — מיר האָבן נאָך אַ טאָג זיך צו שיפֿן. אין משך פֿון דער צייט דאַרף זי זיך באַרויִקן ביז אַזאַ מדרגה, אַז זי זאָל זיין בכוח אַליין אַראָפּצוגיין פֿון דער שיף.

בינעם איז אַוועק זוכן פֿאַר זיך אַן אָפּגעזונדערט אָרט. דאָס טריבע וועטער האָט זיך צעגויפּגעגאָסן מיט זיין שווער געמיט. שטייענדיק ביים באַריער, איז ער ווי מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט די טונקעלע כמאַרעס, וואָס האָבן, ווי אָנגעוואָרפֿענע בערגער, פֿאַרשטעלט דעם הימלראַנד איבערן ים. שאַרפֿע ווינטן האָבן אָנגעיאָגט די כמאַרעס, דער הימל איז פֿון העל־בלאָ באַדעקט געוואָרן מיט טונקל־גראָ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צום ים. די שיף איז געוואָרן אומגעדולדיק אינעם געווירבל פֿון די ברומענדיקע וואַסערן און פּאַספּאַרבליצן. געדיכטע טראָפּנס רעגן האָבן זיך געדרייט איבער דער שיף, געפֿאַלן ווי נאַסע פֿלעקן איבער די איינגעצויגענע קעפּ פֿון די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געלאָפֿן צום אונטערשטן דעק.

אַן אויסגעצויגענער אויף זיין בעטל האָט בינעמען ווײ געטאָן, פֿאַר וואָס ער דאַרף אויף אַזאַ אופֿן זיך געזעגענען מיט די שיינע טעג אויף דער שיף. פֿאַר זיינע אויגן איז ווידער אויפֿגעקומען דאָס מיידל אין איר גאַנצער שיינער געשטאַלט מיט אירע בלאָנד־גאָלדענע האָר, דאָס מיידל, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פֿון אַ חרובער וועלט און געקומען אים וועקן, ער זאָל אויפֿלעבן פֿאַר איר, די געשטאַלט, וואָס האָט אין געציילטע טעג זיך פֿאַרפֿלאָנטערט מיט זיינע געפֿילן. אירע בלאָע אויגן האָבן ווידער אויפֿ־

געבליצט מיט יענעם גלאַנץ, וואָס מען קאָן געפינען בלויז ביי אַזעלכע וואָס שטייען ווידער אויף צום לעבן. אויף זיינע ליפּן האָט נאָך געררוט דער שמייכל, וואָס ער האָט איר געשענקט. וועט ער מוזן זיך צוריקציִען צו די טעג פון פאַרן באַקענען זי? זאָל ער זיך געזעגענען מיט די האָפענונגען, וואָס זי האָט אין אים אַרויסגערופן? זאָל ער איבערגיין יענע גרענעץ, נאָך וועלכער אַלץ ווערט פאַרשלאָסן און רופט אַרויס בלויז בענקשאַפט צו דעם וואָס איז פאַרשוווּנדן? ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם טונקעלן שמאָלן קאָרידאָר, ווו אַנקע ליגט פאַרטראָגן צו יענע וויסטע טעג, צו יענעם גורל, וואָס האָט איר לעבן אַדורכגעטראָגן דורך אַזוי פיל געפאַרן און איר אַוועקגעשטעלט ביי דער שוועל פון אַ ניי לעבן. אָבער דער גורל, וואָס באַגלייט זי, פאַרשטעלט איר ווידער דעם וועג. ער וויל דערשטיקן איר יונגשאַפט, פאַרשטויסן די נשמה־וואַרעמקייט.

צו מאָרגנס האָט דער טאָג זיך געשטעלט אַ העלער. דער הימל, אַן אויסגעוואָשענער פון נעכטיקן רעגן, האָט זיך געשפּיגלט אינעם איינגע־שטילטן ים. אין די הויכקייטן האָבן נאָך צעוואָרפענע רעשטלעך כמאַרעס זיך געצויגן אויף אַראָפּ, דאָרט אַהין, ווו ים מיט הימל קומען זיך צוזאַמען.

ס'איז געווען דער צווייטער טאָג ראש־השנה. ייִדן זענען זיך צוזאַמענ־געקומען אין מיטן פונעם דעק. אונטערן פרייען הימל האָט דער אַמע־ריקאַנער רב אָנגעפירט מיט די תפילות און מיטן בלאָזן שופר, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַן אָנזאָג, אַז די שיף „מאַטאַרואַ" דערנענטערט זיך צו די ברעגן פון ארץ־ישראל.

אַ יום־טובדיקע שטימונג האָט אַלע אַרומגענומען, די שמחה איז געוואָקסן. מענטשן זענען אַרויס פון די כלים און מיט געשרייען געטייטלט מיט די פינגער צום ווייטן ברעג. מאַסן פּאַסאַזשירן זענען אָנגעלאָפן פון די אונטערשטע קאָרידאָרן. זיי האָבן באַלאַגערט די באַריערן, און מיט פאַרריסענע קעפּ אָנגעשטעלט אויגן צו יענע ים־ווייטקייטן, ווו פון די נעפּלען האָבן זיך אַרויסגעשיילט די בערג פון כרמל.

לענג־אויס דער שיף איז בינעם געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיקע טריט. ער האָט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך די פריידיקע שטימונג, אָבער זיין פרייד איז נישט געווען קיין פולע. ער איז געגאַנגען מיט אַ פאַרריסן פּנים, ווי ער

וואָלט עמעצן געזוכט צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו זײַן פֿון די ערשטע ביים דערזען דעם געלן אָפּשײַן פֿון די כּרמל־בערג אַנטקעגן דער זון.

— אָט איז אַנקע! — האָט בינעם אויסגערופֿן, ווי ער וואָלט נישט געוועזן אַליין מיט זיך. ער האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיצן פֿינגער און דערזען אירע צעקעמטע בלאָנדע האָר, אַרומגענומענע מיט אַ זײַדענעם באַנד. זי איז געשטאַנען לעבן דעם דאָקטער לעאָן מיט אַן אָנגעהאָנגענער האַנט אויף זײַן אַקסל און זיך געלאָזט פֿירן פֿון זײַן ווײַזפֿינגער, וואָס האָט געווענדט איר בליק צו יענעם ווײַטן סילועט פֿון די כּרמל־בערג.

בינעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף דוד פֿראַנקפֿורטערן. יענעמס צעשמײכלטער בליק האָט אים גערופֿן צו זיך.

דער אַמעריקאַנער רבֿ אין די מיליטערישע קליידער איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפֿן מיטן טלית פֿאַרוואָרפֿן איבער די אַקסלען. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גלעזל, אין דער צווייטער — אַ פֿלאַש מיט ווײַן. נאָך אַלע תּפֿילות און ברכות צום נײַעם יאָר, האָט ער געטרונקען לחיים מיטן פּנים צו די ברעגן פֿון ארץ־ישׂראל.

די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג. די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אויף מערבֿ און געוואָרפֿן אירע שטראַלן צו די בערג פֿון כּרמל אין זייערע געל־גאָלדיקע פֿאַרבן.

די שטאָט חיפֿה איז אַנטקעגנגעקומען מיט ליכטיקע הײַזער, מיט גלי̇ענדיקע קופּאָלן. באַרג־אַרויף האָט די שטאָט זיך געטורעמט אַלץ העכער און העכער ביז צום שפּיץ פֿון כּרמל. די שיף „מאַטאַרואַ" האָט געלאָזט הערן פֿון זיך מיט אַ צעצויגענעם געשריי, און צו וויסן געטאָן, אַז זי איז דערגאַנגען צו די ברעגן פֿון ארץ־ישׂראל.

קאַפּיטל צוויי

# אויף זאַמדיקע גאַסן

בינעם איז געוואָרן איינקוואַרטירט אין אַ באַראַק פון „בית־עולים" אין עתלית. דער אַרומגעצוימטער ברייטער שטח מיט די אין גלייכע רייען אויס־געשטעלטע הילצערנע באַראַקן האָט אים דערמאָנט זיינע דורכגעגאַנגענע לאַגערן, און כאָטש דאָ האָט ער זיך געפונען צווישן ייִדן און געגעסן צו דער זעט, האָט ער זיך דאָך געפילט איינזאַם. מיט יעדן טאָג איז זיין באַראַק געוואָרן ליידיקער: די נייע עולים האָבן ביסלעכוויז פאַרלאָזט דעם „בית־עולים". זיי זענען געקומען מיט אַדרעסן צו קרובים און געוואָרן אָפּגעוואַרט ביי די אַרויסגאַנג־טויערן. אַ באַאַמטער, מיט אַ לאַנגער רשימה אין האַנט, האָט אויסגערופן נעמען, איבערגעשיקט צו אַ צווייטן באַאַמטן, וואָס האָט געטיילט אַרויספאָר־פּאַפּירן. דער פּלאַץ פאַרן באַראַק איז פול געוואָרן מיט רענצלעך, פּעק און רוקזעק. בחורים און מיידלעך האָבן מיט אַ פרייילעכן געפילדער זיך געזעגנט: שלום, חברים! בינעמס נאָמען האָט זיך נישט געפונען אויף דער רשימה. ער איז געבליבן צווישן די יחידים וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די באַראַקן.

בינעם איז אַוועק אָנקוקן די שכונותדיקע שטאָט חיפה. דער ערשטער איינדרוק, נאָך זיין אנקומען אין פּאָרט אין די אָוונט־שעהען, האָט אים געלאָקט ווידער אָנקוקן די שטאָט. דאָס מאָל איז ער אָנגעקומען אין אַ העלן ליכטיקן טאָג און געבליבן שטעקן ערגעץ צווישן געדרייטע גאַסן. בינעם האָט זיך געשלעפּט איבער די ענגע געסלעך און מערק פון חיפה. די פילפאַרביקע בילדער האָבן אים אָנגערעגט צום ווייטערדיקן גאַנג. ער האָט דאָ געפונען אַ נייע וועלט. אויף די געדיכטע מערק האָט געראַיעט מיט מחנות טונקל־ברוינע אַראַבער אַרומגענומענע מיט פאַרביקע שלייערס מיט פראַנדזן און די קעפּ פאַרבונדן מיט ווייסע טיכער; עס האָבן געמיניעט

רויטע קיילעכדיקע היטלען ווי בלומענטעפּלעך, מיט שוואַרצע פּלאַטערנ־דיקע טראַלדן. אַ מענטשן־שטראָם האָט זיך געשטופּט מיט אייפער, אַ צונויפגעדריקטער המון מיט וויגנדיקע קעפּ, אַ פֿאַרביקע כוואַליע מיט געשרייען און געפּילדער, מיט ריחות פֿון געבראָטענע פליישן, געפּרעגלטע גרינסן, געקאָכטע קוקורוזע און לאַגלען מיט ברוינע קאַלטע געטראַנקען. הייזעריקע קולות האָבן אויסגערופֿן זייערע סחורות, צווישן דעם ים פֿון מענטשן אין שטויב און אין היץ האָבן זיך געפּלאָנטערט באַלאָדענע אייזלען. מיט אויסגעצויגענע העלדזער און אָפֿענע מיילער האָבן זיי ווילד אַריינגע־ברומט אין די שמאָלע, פֿאַרשאָטנטע געסלעך. בינעם איז אַרויס פֿון דעם געדיכטן שטראָם און האָט אָנגעהויבן קלעטערן באַרג־אַרויף. דאָרט האָט ער געפֿונען גאָר אַן אַנדערע וועלט: מיט ליכטיקע בנינים און אַספֿאַלטירטע גאַסן. עס האָט אים געצויגן אַלץ העכער און העכער ביז צום שפּיץ פֿון כרמל. פֿון די באַרג־הויכקייטן האָט ער אַראָפּגעקוקט צום בלאָען ים מיט די פֿאַראַנקערטע שיפֿן.

בעת בינעם האָט זיך צוריקגעקערט אין באַראַק פֿון זיין שפּאַציר איבער דער שטאָט חיפה איז ביי אים שטאַרקער געוואָרן דער ווילן צו פֿאַרלאָזן דעם „בית־עולים". ער האָט מער נישט געוואָלט אויסהערן דעם באַאַמטנס טרייסטווערטער, אַז ער זאָל האָבן געדולד, אַז מען וועט אים די נאָענטסטע טעג איינאָרדענען. עס איז שוין אַריבער אַ גאַנצע וואָך און ער זעט נישט קיין סוף. בינעם האָט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים באַפֿרייען פֿון די אומזיסטע קעסט. מען האָט אים געראָטן צו גיין אין אַ קיבוץ, אָבער בינעמען האָט געלאָקט די שטאָט, דאָס רוישיק לעבן.

דער באַאַמטער האָט גערעדט מיט פֿאַרנופֿט און מיט אַ סך מיטגעפֿיל ביים אויפֿקלערן בינעמען, אַז ער קאָן נישט פֿאַרלאָזן דעם „בית־עולים" אָן אַ באַשטימטן אַדרעס וווּ ער זאָל דערווייל קאָנען זיך אויפֿהאַלטן ביז ער וועט קריגן אַרבעט. ער האָט געוווּסט אַז ערגעץ אין לאַנד געפֿינען זיך זיינע קרובים. אָבער יענע זענען אַוועק אין די אַמאָליקע יאָרן, און איצט לעבן זיי מיט אַנדערע פֿאַמיליע־נעמען. איין נאָמען האָט ער יאָ געדענקט, אָבער נישט געהאַט דעם מוט אים אַרויסצוברענגען אויף זיינע ליפּן. דאָס איז געווען דער ברודער פֿון זיין אומגעקומענער פֿרוי און קינד. נישט איין

מאָל, האָט ער געטראַכט: ווי אַזוי וועט ער זיך באַווייזן פאַר אים? וועט אים ישראל נישט באַגעגענען מיט אַ פאָרוואורף: זיך אַליין האָסטו געראַטעוועט?

גראַד אין דער צייט, ווען בינעם האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו פאַרגעסן יענע צייט, ווען דאָס נייע לעבן האָט געדאַרפט אָנהייבן היילן זיינע ווונדן, האָט זיך דער איינציקער נאָמען, וואָס ער האָט געדענקט, געוועקט און געוואָרנט: ניין, דו וועסט נישט קאָנען אַנטלויפן פון זיך!

ער האָט געפילט, אַז ער באַגייט אַ זינד קעגן זיך אַליין. ער דאַרף פאַרטרייבן פון זיך די מאַטערנדיקע מחשבות. ער האָט זיך אַליין געמוסרט און געהאַט צו זיך טענות פאַר וואָס ער גיט נישט אָן דעם נאָמען. ווען דער באַאַמטער איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אַ זוך טאָן אין זכרון אפשר דאָך וועט ער זיך אין וועמען דערמאָנען, האָט אים בינעם דערציילט וועגן זיינע ספקות ארום דעם נאָמען וואָס איז ביי אים אַזוי ענג געבונדן מיט די וואָס ער האָט פאַרלוירן אויף די וויסטע שליאַכן.

דער באַאַמטער, נאָך אַ יונגער מענטש וואָס האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן צו דערוויסן זיך וועגן די גרוילן, וואָס זענען אַריבער איבער די ניי־אָנגעקומענע עולים פון איראָפּע, האָט דאָך געפונען אַ וואַרעם וואָרט בינעמען צוצוגעבן מוט. ער האָט גיך פאַרנאָטירט דעם נאָמען, וואָס בינעם האָט קוים אַרויסגעבראָכן אויף די ליפּן, און געבעטן וואַרטן ביז ער וועט באַקומען גענויע אינפאָרמאַציעס.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער באַאַמטער אים אויפגענומען מיט גאָר אַן אַנדער פּנים און אַפילו זיך געוווּנדערט, פאַר וואָס בינעם האָט געהאַלטן אין זיך פאַרבאָרגן זיין שוואָגערס נאָמען. יענער האָט תיכף אויסגע־דריקט זיין גרייטקייט אים אויפצוזוכן ווי אַן אָפּגעראַטעוועטן פון זיין משפּחה. אין דעם זעלבן טאָג האָט אים אַ טאַקסי פון „בית־עולים" צוגעפירט צו אַ הויז אויף צפון פון תל־אביב. מיט זיין אָרעם פּעקעלע אין האַנט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. ער איז אַריין אין אַ רחבותדיקער וווינונג, אָבער ווען ער האָט אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון דעם, וועמען ער זוכט, האָט אַ פרוי אים אָנגעוויזן די ריכטונג צו אַ לעצטן צימער.

ווען די טיר פון דעם צימער האָט זיך געעפנט, האָט בינעם נישט

גערוווסט ווו ער זאָל בלייבן שטיין כדי צו קאָנען אויפֿנעמען דעם האַרציקן ברוך־הבא, וואָס די יונגע פּאָר פֿון דעם ענגן צימערל האָט פֿאַר אים צוגע־גרייט. בינעמען איז אַדורך אַ פֿראָסט איבערן לייב ווען ער האָט געדאַרפֿט ענטפֿערן אויף די פֿראַגן וועגן זיין פֿרוי און קינד, אָבער ישראל מיט אסתרן האָבן מיט זייער היימישקייט אָנגעהויבן איינשטילן זיינע אומהיימלעכע געפֿילן.

אסתר, ישראלס פֿרוי, האָט איינגענומען איר קליין וויינענדיק מיידעלע אינעם קינדער־בעטל, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם טייל פֿון דעם צימער. משהלע, זייער יינגעלע, האָט זיך געטוליעט צום טאַטן מיט פּחד פֿאַר דעם פֿרעמדן מאַן אין מיליטערישן מונדיר וואָס האָט פּלוצעם מיט זיין אָנקומען, צעשטערט די שטימונג צווישן אים און זיין טאַטע־מאַמע.

ישראל מיט אסתרן זענען געקומען קיין ארץ־ישראל מיט אידעאַלן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון זייערע אַמאָליקע היימען אין פּוילן. זיי האָבן שווער געאַרבעט אויף פּרנסה. ביידע האָבן מיט ליבשאַפֿט ארומגערינגלט בינעמען ביי זייער אָרעמען טיש און אויסגעבעט פֿאַר אים אַ נאַכט־געלעגער, וואָס האָט קוים געקאָנט אַריין צווישן די עטלעכע שטיקלעך מעבל אין דעם צימער.

לאַנג איז בינעם געלעגן און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן נאָך זיין ערשטן צונויפֿטרעף מיט די קרובים. עס האָבן זיך אויפֿגעוועקט אין אים זכרונות פֿון יענער צייט, ווען ישראל מיט אסתרן האָבן צו זיי געשיקט בריוו, פֿולע מיט לויב פֿאַר זייער חלוציש לעבן אין ארץ־ישראל. איצט, נאָך די יאָרן פֿון חורבן, איז ער געלעגן אין דעם ענגן צימערל מיטן אָפֿענעם פֿענצטער צו דער דרויסנדיקער אָפּגעקילטער נאַכטיקער לופֿט.

אין מיטן שלאָף האָט בינעמען איבערגעוועקט אַ יאָמערלעך געוויין. פֿון אָנהייב האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס איז אַ חלום אַזאַ, וואָס פֿלעגט אים אָפֿט צערייסן זיין שלאָף, אָבער דאָס געוויין האָט ער געהערט מיט זיינע וואַכע חושים. צו זיין שטוינונג זענען אַלע געשלאָפֿן, אַפֿילו די קליינע קינדער.

ערשט אויף צו מאָרגנס האָט זיך בינעם דערוווסט, אַז דאָס האָבן

געווײנט אין דרויסן די שאַקאַלן, וואָס לויפן אָן אין די נעכט פון די פּוסטע זאַמדיקע שטחים אַרום די הײזער.

אין משך פון דער צײַט, וואָס בינעם האָט זיך אויפגעהאַלטן בײַ זײַנע קרובים, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט דער שטאָט תּל־אָבֿיבֿ. ער פלעגט אַרויסגײן אין די פֿאַרמיטאָג־שעהען איבער די גאַסן מיט נידעריקע מויערן לענג־אויס די זאַמדיקע וועגן. די שמאָלע שטײנערנע טראָטואַרן האָבן זיך צעהיצט אונטער דער חמימהדיקער זון. בינעם איז אויסגעגאַנגען די לענג און ברייט פון דעם קלײנעם תּל־אָבֿיבֿ, געקראָכן איבער די הייסע זאַמדן, געוואָלט זיך באַקענען מיט דער שטאָט ווו ער האָט געדאַרפט אָנהייבן זײַן נײַ לעבן. ער איז געגאַנגען אין דער צעגליטער שטאָט, צווישן מענטשן העל־אָנגעטוענע, מיט זון־אָפּגעברענטע פּנימער, וואָס האָבן געלאָשן זייער דורשט בײַ די בודקעס מיט קאַלטע געטראַנקען וואָס די פֿאַרקויפֿערס האָבן געצאַפּט אין די גלעזער אַרײַן מיט אַ רעש. נאָך יעדן אַזאַ שפּאַציר איז בײַ בינעמען זיך צעוואַקסן עפּעס אַ בשותּפֿותדיקס מיט אָט די אומבאַקאַנטע דורשטיקע מענטשן. זײ זענען אים געוואָרן הײמישער נאָך יעדן שפּאַציר. יעדן אַזאַ שפּאַציר האָט בינעם פֿאַרענדיקט בײַם ים־ברעג. אין דער בלאָווייסער בלענדעניש איז ער געבליבן שטײן פֿאַרגאַפּט, זיך אײַנגעקוקט אין די מענטשן בײַם ים, וואָס האָבן זיך געשפּילט צווישן די כוואַליעס און די זונשטראַלן האָבן געגלעט זייערע טונקל־ברוינע לײַבער.

איין מאָל איז ער, אין זײַנע שפּאַצירן איבער דער שטאָט, דערגאַנגען צו אַ לײדיקן שטח וואָס האָט באַרג־אַראָפּ אים פֿאַרפֿירט צו רייען הילצערנע הײזלעך מיט רויטע דאַכלקעס באַדעקט. די זאַמדיקע גאַס מיט די נידעריקע שטיבלעך האָבן אים דערמאָנט אין אַ פֿאַראָרעמט קלײן שטעטעלע אין פּוילן. אויף אײנעם פון די פֿענצטער האָט ער דערזען אַ צעטל וועגן אַ צימער צום פֿאַרדינגען. בינעם איז געוואָרן נײַגעריק זיך דערוויסן דעם פּרײַז פון אַזאַ צימער אין פֿאַרגלײַך צו דעם דירה־געלט, וואָס מען האָט פון אים פֿאַרלאַנגט אין די גאַסן מיט בעטאָנענע הײַזער. איז ער אַרײַן פרעגן. אַן עלטערע פרוי, מיט טיפֿע קנײטשן אויף איר פּנים, האָט נישט פֿאַרשטאַנען זײַן ייִדיש לשון, דאָך האָט זי זיך געכאַפּט וועגן וואָס בינעם איז צו איר

אַריין, איז זי אַרויס און געעפנט אַ טיר פון אַ באַזונדער צימערל ביי דער זייט פון איר הייזל. בינעם האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די בלאָ־געקאַלכטע באַקעטע ווענט, מיטן קליינעם פענצטערל, וואָס האָט געהאַט אַן אַרויסקוק צו אַ ברייטן זאַמדיקן שטח. אַ שכן, וואָס האָט מיט בינעמען געקאָנט זיך צונויפרעדן, האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט די באַדינגונגען, וואָס די בעל־הביתטע האָט פאַרלאַנגט. דאָס ביליקע דירה־געלט האָט זיך געפּאַסט פאַר בינעמס מצב. האָט ער באַשלאָסן דאָרט צו בלייבן וווינען.

בינעם האָט באַקומען אַרבעט ביי זיין זאַקן־פּאַק אין „לאָדזשיאַ״. אַן איבערלעבונג איז פאַר אים געווען ווען ער האָט פאַר די ערשטע פאַר פונט פון זיין אַרבעטס־לוין איינגעקויפט פאַר זיך אַ ציווילן בגד, און פון דעם געלט איז אים נאָך געבליבן איינצוצאָלן פאַר עטלעכע חדשים דירה־געלט.

בינעמס צימער האָט פון דרויסן אויסגעזען, ווי אַ גרויסער הילצערנער טראַנספּאָרט־קאַסטן, צוגעשטעלט צו דער וואַנט פון דער בעל־הביתטעס הייזל. בלויז דאָס שפּועדיקע רויטע דעכל, וואָס איז געהאַנגען אַראָפּגעלאָזט אויף איין זייט און האָט אויך איבערגעדעקט דעם קליינעם וואַשרוים ביים אַריינגאַנג, האָט געגעבן צו דערקענען, אַז דאָס צימערל איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן איינזאַמען מענטש.

אַז בינעם איז געקומען צו זיינע קרובים באַדאַנקען זיי פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט אין זיינע ערשטע טעג אין תל־אביב, האָט אים שוין באַגלייט אַ געפיל פון ווערדע אַז ער וועט שוין מער נישט דאַרפן קיינעם פאַלן צו לאַסט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך געצויגן פון יענעם חדרל אויף דער וואַלפזאַן־גאַס, ווו ער האָט זיך פאַרמאַסטן שטעלן זיינע ערשטע טריט צו אַ זעלבשטענדיק לעבן.

בינעם איז אוועק אין דער סוכנות אויסנוצן זיינע רעכט ווי אַ נייער עולה. דאָרט האָט ער באַקומען אַן אייזערן בעטל מיט אַ מאַטראַץ און צוויי קאָצן, און דאָס אַלץ האָט ער איבערגעפירט צו זיך אין צימערל. ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן דאָס בעטל האָבן זיינע אויגן נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס בעטל איז לענגער ווי דער צימער.

סך־הכל מיט עטלעכע שעהען פריער איז ער געווען שטאָלץ מיט זיין פּראַצע אַרום דעם אייגענעם ווינקל. ער האָט שוין געהאַט זיך פאַרשאַפט

אַ טישל מיט אַ בענקל. אָבער צום אָרט, וווּ ער האָט געדאַרפט אָוועקלייגן דעם קאָפּ, האָט געפעלט אַ צענטימעטער. איז ער געבליבן שטיין און געקלערט וואָס צו טאָן. אין דער סוכּנות, וווּ ער איז נאָך אַ מאָל געגאַנגען זענען אַלע בעטן געווען פון דער זעלבער גרויס. און די דינע ווענטלעך האָט מען נישט געטאָרט רירן. איז דאָס בעטל געבליבן שטיין מיט אַ הויכן צוקאָפּנס און בינעם האָט אָנגעהויבן רוען אויף זיין געלעגער ווי אויף אַ ליגשטול. בלויז די וואַנט צופוסנס האָט איינגעהאַלטן זיין ליגנדיקע פּאָזיציע.

באַזאָרגט מיט אַרבעט און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז בינעם, אין די פרייע שעהען, אַרויס זוכן זיינע אַנדערע קרובים, וואָס האָבן זיך געדאַרפט געפינען אין תּל־אָביב. אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מען אים איבער־געגעבן אַ צעטל מיט צוויי אַדרעסן. איינעם — אויף בוגראַשאָוו און דעם צווייטן — אויף בערדיטשעווסקי. צו וועמען גיין פריִער ? האָט ער געטראַכט, אַראָפּגייענדיק פון די הויכע טרעפּ. אויף דער גאַס האָט ער זיך דערוווּסט, אַז צום נאָענטסטן געפינט ער זיך צו דער בוגראַשאָוו־גאַס.

גייענדיק מיט דעם צעטל אין דער האַנט, האָט בינעם זיך אָנגעהויבן אויסמאָלן דאָס בילד, ווי אַזוי עס וועט אויסזען זיין באַגעגעניש מיט אַ קרוב, וואָס מיינט אַוודאי, אַז אַלע זיינע נאָענטע זענען אומגעקומען. מיט די מחשבות איז ער דערגאַנגען צו אַ טיר, וווּ ער האָט פון אַ גלאַנצנדיק בלעכל אַראָפּגע־לייענט זיין פאַמיליע־נאָמען.

אונטער דער טיר איז בינעם שטיין געבליבן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. פאַר וואָס — האָט ער אַליין נישט געוווּסט. און דאַך, ווען בינעם האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן צו דעם גלאַנצנדיקן בלעכל, האָט זיין פאַמיליע־נאָמען צו אים געשמייכלט און ווי אַ צי געטאָן די האַנט צום קנעפּל. עטלעכע מינוט האָט געדויערט ביז אַ פרויען־שטימע פון יענער זייט טיר האָט עפּעס געפרעגט. בינעם האָט נישט געוווּסט צו ענטפערן אין דער זעלבער שפּראַך, האָט ער אויף זיין יידיש לשון זיך פאַרגעשטעלט צו דער פאַרמאַכטער טיר. דער־הערנדיק אַ דריי טאָן דעם שליסל איז בינעמען לייכטער געוואָרן בלויז אויף אַ רגע. די טיר האָט זיך געעפנט און פאַרהאַלטן זיך אויף אַ קייטל. אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, ווי אַן איבערגעוועקטע פון שלאָף, האָט בינעמען אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרדראָסיקן בליק און זיך אַ בייזער געטאָן:

— מיר וואַרטן קיינעם נישט אָפּ...

אַן עלטערער מאַן מיט אַ גראָען קאָפּ האָט זיך אַריינגערוקט צווישן דער פרוי און בינעמען, מיט אַ נערוועזן בליק איבער די ברילן האָט ער אַריינגעשריגן אין דער אָפּגעלענטער טיר:

— יונגער־מאַן, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען!

אין בינעמס אויערן איז געבליבן שטעקן דער אָפּהילך פון דער צוגע־קלאַפּטער טיר.

בינעם איז צוגעגאַנגען צו אַ סקווער מיט עטלעכעביימער. דאָרט האָט ער אונטערן שאָטן פון די צווייגן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און אַרומ־געווישט דאָס נאַסע פּנים. זיינע אויגן האָבן געזוכט עפּעס, מיט וואָס זיך צו מאַכן פאַרגעסן אין דעם נאָר וואָס דורכגעלעבטן. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מחנה מוראַשקעס, וואָס האָט געריועט אַרום זיינע שיך. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די באַוועגלעכע לאַנגע רייען אין גלייכע ליניעס. בינעמען האָט דאָס דערמאָנט אין די לאַנגע רייען געטריבענע ייִדן, וואָס האָבן אויך אַזוי געמוזט גיין אין גלייכע ליניעס איבער זאַמדיקע וועגן.

דאָס צעקנייטשטע שטיקל פּאַפּיר איז בינעמען אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם צווייטן אַדרעס. ער האָט אויף דעם געקוקט און נישט געפונען ביי זיך קיין חשק דאָס אויפהייבן פון דער ערד. אָבער דער נאָמען אויף דעם שטיקל פּאַפּיר האָט גערעדט צו אים, געוועקט זכרונות פון די יוגנט־יאָרן וועגן זיין נאָענטן קרוב יצחק וואָס האָט אַ מאָל פאַר אים געפּרעדיקט ציוניזם, אַז מען דאַרף עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ווי אַזוי וועט ער בינעמען אויפנעמען? וועט אויך זיין וויב רבקה אויף אים אַזוי אַ קוק טאָן דורך אַן אָפּגעלענטער טיר? און ער, יצחק, דער חלוץ, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין רייכע סוחרישע היים אין וואַרשע, וועט אויך פאַר־קלאַפּן די טיר פאַר זיין נאָז? בינעם איז אַוועק זוכן דעם צווייטן אַדרעס. אַ נאַסער פון די שווערע טריט איבער די זאַמדיקע גאַסן, האָט זיך בינעם אַוועקגעזעצט אין דער ראָטשילד־אַלעע. פון דאָרט האָט ער געהאַט אַ פּאָר מינוט גאַנג צו זיין קרובס וווינונג.

אויף אונטער דער טיר איז בינעם געבליבן שטיין מיט אַ לויפנדיק האַרץ. ער האָט טיף געאָטעמט נאָכן אַרויפגיין אויף אַלע טרעפּ ביז ער

האָט דערגרייכט צו דער לעצטער דירה. אויך די טיר האָט זיך פּאַר בינעמען שמאָל געעפנט, אָבער איידער בינעם האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן דעם אָפּקלאַנג פונעם קייטל אויף דער טיר איז ער שוין געשטאַנען אין טונקעלן קאָרידאָר, אַן אַרומגענומענער מיט ציטערנדיקע הענט.

רבקה האָט אויסגעווישט אירע אויגן און בינעמען אַרויסגעפירט אויפן באַלקאָן כדי צו באַרויקן זיין געררטקייט. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פראַגן וועגן און ווי אַזוי ער איז געקומען אין לאַנד. אין מיטן פון די רייד איז אָנגעקומען זיין קוזין יצחק אין די אַרבעטסקליידער. רבקה האָט נישט באַוויזן אים פריִער צוצוגרייטן צו דער אומגעריכטער באַגעגעניש, איז ער געבליבן שטיין מיט צעעפנטע אויגן. בינעם איז אים אַנטקעגן געגאַנגען, זיך אַרומ־געכאַפּט מיט אים, אָבער יצחק האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול און שטום געקוקט אויף זיין קרוב.

— ווייסט עפּעס פון מיינע?

דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער אין וועלכע בינעם האָט דערקענט די שטימע פון זיין קרוב.

— איז מעגלעך, אַז ווער פון זיי זאָל זיך נאָך אָפּרופן? — האָט יצחק נאָך אַ מאָל געפרעגט.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט בינעם געזאָגט:

— ווער ס'איז לעבן געבליבן, וועט לאָזן פון זיך הערן.

פון דעם, וואָס זיי האָבן פון בינעמען געהערט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן אַלע האָפענונגען אָפּצוגעפינען וועמען פון זייערע נאָענטסטע. די פריִערדיקע רירנדיקע מאָמענטן בעת דער באַגעגעניש זענען ווי פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם פאַרגליווערטן שווייגן. מינוטן האָט בינעם געפילט, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיך פאַרענטפערן פאַר די נסים, וואָס דער גורל האָט פאַר אים אויסגעלייגט אויף זיינע וועגן פון נע־ונד.

רבקה מיט יצחקן האָבן ווי אַרויסגעלייענט בינעמס אומעטיקע מחשבות. זיי האָבן פאַרבעטן נאָך קרובים און צוזאַמען פאַרברענגט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פון דעם טאָג איז בינעם פאַרבעטן געוואָרן אויף אַלע שבת־ און יום־טוב־טעג צו זיצן מיט זיי צוזאַמען ביי איין טיש.

אין יענער נאַכט האָט בינעם, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין דעם

צימער, זיך איבערגעוועקט מיט אַ פאַרשטיקט געשריי. אין געראַנגל מיט זיינע פאַרפאַלגער האָט ער זיך אַזאַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אַז דאָס בעטל האָט נאָך מער זיך איינגעשניטן אין דער וואַנט. בינעם האָט דערפילט ווי דער הויכער צוקאָפּנס איז געוואָרן נידעריקער, די פיסלעך פונעם בעטל אונטערן קאָפּ האָבן שוין כמעט ווי דערגרייכט דעם שטיינערנעם דיל. בינעם האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַרן שלעכטן חלום.

דורך קאָנטשאַפּטן האָט זיך בינעם דערוווּסט נאָך אַן אַדרעס פון זיינע געזוכטע קרובים. אַרויסגייענדיק פון זיין חדרל האָט ער זיך געגרייט אויף אַ לענגערן שפּאַציר צו דער גאַס, וואָס האָט פאַר אים געקלונגען אַזוי פרעמד און ווייט. דורך זייטיקע געסלעך איז בינעם אַריין אין אַ זאַמדיקער גאַס וואָס האָט זיך געצויגן ביז דעם פוסטן שטח אונטערן קליינעם פענצטערל פון זיין צימער. ער איז געבליבן שטיין פאַרווּנדערט: אַזוי נאָענט פון אים — און דאָך אַזוי ווייט. ביי דעם הויז אויף דער הקונגרס־גאַס האָט ער געקאָנט אַראָפּקוקן ביז צו דעם הילצערנעם הייזל פון זיין בעל־הביתטע. בינעם האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ גלעזערנער טיר איבער אַ פּאָר טרעפּלעך צו דער גאַס אַרויס. אַ יונגע פרוי, אין וועמען ער האָט דערקענט דורך דער שויבנטיר זיין קרובה דבורה, האָט אים באַגעגנט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

אין שטוב האָט בינעמס באַוויזן זיך מיט זיין בלאַסן פּנים אַריינגעבראַכט אַ שטילע געשפּאַנטקייט. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט מיט זיך אַריינגעפירט די נעמען פון אַלע אומגעקומענע קרובים, וואָס האָבן פאַר די שטוביקע נאָך געלעבט און אין דעם מאָמענט אַ שווער געטאָן פאַר זייערע אויגן. ערשט ווען די געשפּאַנטע שטילקייט האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן, האָט מען גענומען דערמאָנען נעמען פון ווייטע און נאָענטע קרובים.

דבורה און מנחם. ער מיט אַ יונג נאָך כמעט ייִנגלעריש פּנים און געקנייטשטן שטערן פון אַ תלמיד־חכם, און דבורה — מיט באַברילטע אויגן, דורשטיקע נאָך וויסן און נייע איינדרוקן. זיי ביידע האָבן פאַרלאָזן איינגעפונדעוועטע היימען אין שטעטל ביים בוג, און געקומען בויען אַ נייע היים. פון די מאַלאַריע־זומפּן איז מנחם געקומען קיין תל־אביב און געוואָרן אַ שטובן־מאָלער. ביי זיי האָט בינעם געפונען אַ וואַרעמע אַטמאָספער.

בינעם האָט פאַר דבורה און מנחמען דערציילט, אַז ער איז זייער נאָענטער

שכן, אָבער וויפל וועג האָט ער געדאַרפט אָנלייגן ביז ער איז דערגאַנגען צו זייער טיר. אַלע זענען אַרויס אָנקוקן בינעמס „אַפּאַרטאַמענט״. מנחם האָט דורך דעם טירל אַריינגעקוקט אין חדרל און בינעמען געמוטיקט: „אַזוי הייבט מען אָן אין ארץ ישראל״...

צו מאָרגנס איז דבורה געקומען מיט אַן אויסגעהאַפּטן פֿאַרהענגל און עס פֿאַרצויגן אויפֿן פענצטערל. נאָך דעם האָט מען געגומען אַריינטראָגן טיילן פון אַ שענקל אויף מלבושים, און דערמיט פֿאַרדעקט אַ נאַקעטע וואַנט, מיט די עטלעכע שטיקלעך מעבל האָט דאָס חדרל פֿאַרלוירן דעם פריערדיקן אויסזען פון אַ תפיסה־קאַמער.

ווען בינעם פלעגט בלייבן אין זיין צימער, די טיר פאַרמאַכט אויף דעם דראַטענעם קייטעלע, האָט ער זיך געפילט ווי אַן אָפּגעזונדערטער פון דער דרויסנדיקער וועלט. צו אים איז נישט דערגאַנגען קיין שום אָפּקלאַנג פון דער גאַס. די אויסגעשפרייטע זאַמדן צווישן די הייזלעך האָבן פֿאַרשלונגען די טריט פון די שכנותדיקע איינוווינער. די עטלעכע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפילט אין די זאַמדן, האָבן נישט געדאַרפט זיך אויסהיטן פאַר אַן אָנפאָ־רנדיקן אויטאָ אָדער פערד־און־וואָגן. די זאַמדיקע גאַס האָט נישט געדינט פאַר אַ דורכפאָרוועג. דאָס וואָס עס האָט זיך יאָ געהערט אין דער שטילקייט — איז געווען די פליגן, וואָס האָבן געזשומעט אַרום פענצטערל און די מאַנאָטאָנע לידער, וואָס מאַטילדע, זיין בעל־הביתטע האָט געדענקט נאָך פון איר אַמאָליקער היים און זיי באַגלייט מיט אַן אויסגעצויגענעם גענעץ ביים שטריקן מיט די גראָבע שפּיזלען. צו בינעמס חדר איז אויך דערגאַנגען דאָס הייזעריק־פאַרקייכטע קול פון אַן אייזל, וואָס האָט געצופּט די ווילדע גראָזן אויף דעם שכנותדיקן פוסטן שטח צווישן דרום תל־אביב און שכונת שפירא.

די באַציִונגען צווישן בינעמען און זיין בעל־הביתטע האָבן אין די ערשטע וואָכן אויסגעזען, ווי בײדע וואָלטן ברוגז געווען. זיי האָבן נישט געפונען צווישן זיך קיין געמיינזאַם לשון. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען די שפּראַכן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון מזרח־אייראָפּע, און בינעם האָט נישט פֿאַרשטאַנען נישט איר לשון קודש און נישט איר מוטערשפּראַך פון סאַלאָניקי. בינעם האָט ביי זיין שכנה אָנגעהויבן לערנען די ערשטע העברעיִשע

ווערטער פֿאַר זײַן טעגלעך געברויך, און זײַן בעל־הביתטע האָט ביי אים געלערנט פֿאַרשטיין ייִדישע ווערטער, וואָס זי האָט ביז אין אירע עלטערע יאָרן קיין מאָל נישט געהאַט קיין ווילן זיך צו באַנוצן מיט זיי. אַזוי האָבן ביידע זיך אָנגעהויבן פֿאַרשטיין. צווישן ביידע איז ווי אָנגעגאַנגען אַ פֿאַר־מעסט ווער וועמען עס וועט בעסער לערנען. צו בינעמס פֿאַרווונדערונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זײַן אַלטע שכנה מיט דעם שיינעם נאָמען מאַטילדע איז אַ פֿעיִקערע תּלמידה פֿון אים.

פֿון זינט מאַטילדע איז אין אירע יונגע יאָרן געקומען מיט איר משפּחה פֿון גריכנלאַנד קיין ארץ־ישׂראל, האָט זי געוווינט אין דעם הילצערנעם הייזל אויף דער וואָלפֿזאָן־גאַס. דאָ האָט זי געבוירן און דערצויגן אירע קינדער, פֿון דעם הייזל זענען זיי אַרויס צו אַ זעלבשטענדיק לעבן, און אין דעם הייזל איז מאַטילדע געוואָרן אַן אלמנה נאָך איר מאַן, וואָס איז געווען פֿון די ערשטע טרעגער־אַרבעטער אין דעם דרומדיקן טייל פֿון תּל־אָביב. אירע קינדער, באַאַמטע אין דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, האָבן שוין געוווינט אין די נײַ־אויסגעבויטע מויערן, נאָענט צו דער עליה־גאַס, אָבער זי, מאַטילדע, איז געבליבן אין איר אַלטער דירה און זיך מפֿרנס געווען פֿון האַנט־שטריקערייען פֿאַר די געשעפֿטן.

ווען בינעם האָט פֿאַר זײַן בעל־הביתטע זיך פֿאַרקלאָגט, אַז די מייז שטערן אים אין שלאָף, האָט זי זיך געוווּנדערט פֿאַר וואָס ער איז נאָך נישט צו דעם צוגעוווינט. מאַטילדע האָט בינעמען געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז צום ביינאַכטיקן קראַצן פֿון די מייז דאַרף מען נישט מער ווי אַ ביסעלע געדולד. אויך איר האָט דאָס קראַצן פֿון אָנהייב געשטערט צום איינשלאָפֿן, אָבער גאָר גיך האָט זי זיך צו דעם צוגעוווינט ווי צום קלאַפּן פֿון איר וואַנטזייגער. אין ארץ־ישׂראל, האָט זי געזאָגט, דאַרף מען צו אַלץ האָבן געדולד.

איין מאָל, ווען בינעם האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט און אַרויס־גענומען פֿון שענקל זײַנע באַשריבענע העפֿטן, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בּרעקלעך פּאַפּיר. בינעם איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער פֿון דעם חורבן, וואָס די מייז האָבן אָנגעמאַכט אין דעם קאַרטאָנענעם קעסטעלע, וווּ ער האָט געזאַמלט זײַנע באַשריבענע זייטלעך. צום שטאַרקסטן האָט אים

ווי געטאָן אויף די אַרומגעביסענע בילדער, וואָס ער האָט געהיט ווי אַן אוצר. די בילדער האָט ער צענויפגעזאַמלט ביי קרובים און באַקאַנטע פון זיין אַמאָליקער היים. ער פלעגט זיי צעלייגן אויפן טישל און יעדעס מאָל האָבן געגומען פּליצן דורך זיין זכרון נייע זכרונות פון היים, צייט און אָרט.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ איז בינעם געשטאַנען פאַר די צעביסענע ביל־דער. אין דעם מאָמענט איז אים פאַרגעקומען ווי די אַלע אין צעלעכערטע פּנימער זענען נאָך אַ מאָל אומגעקומען. אַ שטיק צייט האָט זיך בינעם אַרומ־געטראָגן מיט דעם ווייטיק ביז ער האָט די בילדער פאַרפּאַקט און זיי געלאָזן ווי אַ זכר פון זיין איינזאַמען לעבן אין דעם צימערל.

בינעם האָט צוזאַמענגענומען דאָס אַלץ, וואָס די מייז האָבן צעלעכערט און געוויזן זיין בעל־הביתטע. דאָס מאָל האָט זי אויף אַן אמת זיך איבער־גענומען. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי צו בינעמען אַריינגעקומען מיט אַ געלער קאַץ, וואָס זי האָט אויסגעבאָרגט ביי אירע שכנים. מאַטילדע האָט די קאַץ עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן און זי אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל. ביים אַרויסגיין האָט זי שטאַרק געריימט די קאַץ, אַז זי איז גוט געשולט פאַר דעם צוועק און אַז מיט אַלע אין דער שכונה איז זי היימיש אַחוץ מיט די מייז...

ווען מאַטילדע איז אַרויס האָט די קאַץ זיך דערפילט ווי אַ געפאַנגענע אין דעם פרעמדן און ענגן צימערל. זי האָט געמיאַוקעט און מיט ווילדע אויגן געזוכט אַן אַרויסגאַנג. זי איז געלאָפן פון ווינקל צו ווינקל און געיאָ־מערט. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן צום קליינעם פענצטערל און זיך אָנגעשטויסן אין דער דראָטענער שאָטקע. בינעם האָט געפּרוווט זי איינבעמען מיט צוגע־וואָרפענע ברעקלעך, אָבער די קאַץ האָט אַפילו נישט געוואָלט קיין שמעק טאָן צו דעם. שפּעטער האָט זי שלום געמאַכט מיט איר געפאַנגענשאַפט, זי איז אַריין אין אַ טונקעלן ווינקל און פון דאָרט אַרויסגעמיאַוקעט איר בענקשאַפט צו דעם אָרט פון וווּ מען האָט זי אַוועקגענומען קעגן איר ווילן. אין דער פינצטער האָט די קאַץ זיך באַרויקט. דער ערשטער קראַץ אין דער וואַנט האָט איר געמאַכט פאַרגעסן, אַז זי געפינט זיך אין אַ פרעמדער שטוב.

בינעם האָט פיינט געהאַט קעץ נאָך פון די קינדעריאָרן, צוליב די שאָדנס וואָס זיי פלעגן פאַרשאַפן אין שטוב. נישט איין מאָל איז נעלם געוואָרן

אַ פישל, וואָס די מאַמע האָט געגרייט אויף שבת. אָדער אַ שטיק כשר־געמאַכט פלייש פונעם זאַלצברעטל אַראָפּ. די קעץ פלעגן דערגרייכן אַפילו צו די טעפלעך מילך וואָס זענען געשטאַנען אויף הויכע שאַפקעס. ווען זיין בעל־הביתטע האָט אים אַריינגעבראַכט די געלע קאַץ און זי אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיינערנעם דיל, האָט בינעם מיט ווידערווילן זיך צוריקגעצויגן פון דעם אָרט, און מאַטילדע, זיין בעל־הביתטע, האָט זיך צעלאַכט און חוזק געמאַכט פון בינעמס קינדערישער שרעק פאַר דער קאַץ, וואָס אַלע אין דער שכונה ווילן איר גערן זען אין שטוב.

די נעכט אין צימערל האָבן אָנגעהויבן ווערן שטילער, אָבער די געלע קאַץ האָט נישט אויפגעהערט קומען אים אָפּוואַרטן ביי דער טיר, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. מיט אַ פאַרריסענעם עק איז זי אים נאָכגעגאַנגען ביז אין חדרל אַריין, אַרויפגעמיאַוקעט צו דעם פעקעלע וואָס ער פלעגט איר מיטברענגען פונעם חדר־האוכל אין דער פאַבריק. טייל מאָל פלעגט די קאַץ אים היימלעכער מאַכן ווען זי פלעגט צו אים אַרויפקוקן מיט אירע לייכטנדיקע גרינע אויגן בעת ער איז געזעסן אַן איינגעבויגענער איבערן טישל, אַרום אים האָט געגליווערט אַ שווערע שטילקייט ביים שרייבן די מלחמה־איבערלעבונגען.

אין די טעג פון שווערע חמסינען האָט אינעם צימערל אויסגעפעלט לופט. צום מיינסטן האָט ער דאָס אָפּגעפילט אין די נעכט. אַן איבערגעוועק־טער פלעגט ער אַרויסשטעקן זיין קאָפּ דורך דעם אָפּגעשפּאַרטן טירל, כדי זיך אָנצופילן מיט דער דרויסנדיקער נאַכטיקער קילקייט. איין מאָל האָט בינעם געפרוווט איינשלאָפן ביי אַן אָפענער טיר און די נאַכט איז אַריבער בשלום. בינעם האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין געל קעצל, וואָס האָט געוואַכט צופוסנס ביי זיין בעט אַ צונויפגעלייגטע אין אַ קנויל, עטלעכע נעכט זענען אַריבער רויק, ביז איין מאָל אין מיטן נאַכט האָט ער זיך האַסטיק איבערגעוועקט דערפילנדיק ווי עמעצער לייגט זיך אויס אין דער ברייט פון זיינע פיס. בינעם איז אַראָפּ פון בעטל און אין ליכט האָט ער דערזען אַ גרויסן ברוינעם הונט מיט אויסגעצויגענע פיס און מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן עק צום דיל. זיין שמאָלער לאַנגער קאָפּ איז געווען אויסגעדרייט צו בינעמען און די אויגן — ווי זיי וואָלטן זיך וווּנדערן פאַר וואָס מען שטערט אים אין דער רו אין

דעם צימערל מיט דער אָפֿענער טיר, וואָס האָט אים, דעם אַרומבלאָנדזשענדיקן הונט, ווי גערופֿן אַרײַנצוגיין און זיך אָנוועקלייגן אויפֿן בעטל. בינעם האָט געכאַפּט אַ האַנטעך און זיך פֿאַרמאַסטן אויפֿן הונט. אָבער ער האָט זיך קנאַפּ איבערגענומען ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען בינעמס שוואַכע פּאָזיציע לגבי אים. דאָך האָט דער הונט זיך פֿלעגמאַטיש אַ ריר געטאָן, איז אַראָפּ פֿון בעטל, און זיך באַקוועם אויסגעצויגן לעבן דער געלער קאַץ, וואָס איז געלעגן אײַנגעקנוילט און דער גאַנצער ענין מיטן הונט איז איר נישט אָנגעגאַנגען. אַן אוממאַכטיקער האָט בינעם, מיט אַ צעפּאַכעטן מלבוש, געפּרוווט רירן דעם הונט פֿון אָרט. אָבער דער הונט, ווי נישט אים מיינט מען, איז געלעגן מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ צו דער טיר, די פֿיס אונטער דעם בויך, וואָס האָט זיך באַוויגן ווי אַ בלאָזזאַק. דער אײַנגעדרימלטער הונט האָט מיטן שפּיץ פֿון זײַן ווײדל פֿאַרנומען די גאַנצע לענג פֿונעם צימערל. צו מאָרגנס האָט ער פֿון זײַן בעל־הביתטע זיך דערוווּסט אַז צווישן דער געלער קאַץ און דעם ברוינעם הונט איז שוין אַן אַלטע קאַנטשאַפֿט און זיי לעבן צווישן זיך בשלום. ביידע בלאָנקען זיך אַרום פֿון שטוב צו שטוב און ביידע האָבן זיך אויפֿ־געהאָדעוועט אויף די זאַמדן פֿון דער שכונה.

נאָך יענער נאַכט האָט בינעם שוין געהאַלטן פֿאַרמאַכט זײַן צימער, אָבער דאָס האָט אים נישט פֿאַרזיכערט זײַן רו. ביי נאַכט, ווען ער איז שוין געשלאָפֿן, האָט דאָס טירל וואָס איז לויז געהאָנגען איבערן אַרײַנגאַנג, זיך צעטרייסלט, ווי עמעצער וואָלט עס מיט כוח געוואָלט עפֿענען. אויף בינעמס פֿרעגן ווער עס קלאַפּט, האָט קיינער פֿון דער דרויסנדיקער זייט נישט גע־ענטפֿערט. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס שמעקן פֿון אַ הונט צום שפּאַלט פֿון אונטער דער טיר, און ווידער האָט זיך בינעם געפֿילט אַ מאַכטלאָזער לגבי דעם הונט, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון דעם אָרט. בינעמען איז אײַנגעפֿאַלן אַרויסצולאָזן די קאַץ פֿון חדר, זענען טאַקע ביידע, ווי צוויי געטרייע שומרים, געבליבן ליגן פֿאַר דער טיר ביז עס איז געוואָרן ליכטיק.

אין בינעמען האָט דער ברוינער הונט געוועקט רחמנות. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַ פֿאַרשטויסענער, אַן אַן אייגן ווינקל, ווו זיך צו פֿאַר־שטעקן, אַן אַ ציימל אַרום דעם האַלדז, און אַן אַ סימן פֿון אַ מענטשלעכער

השגחה. אַן איינזאַמער איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָ־זענעם עק צווישן די הינטערשטע פּיס, אַרום די הילצערנע הײַזלעך אין דער שכונה און אויסגעשמעקט עפּעס, מיט וואָס צו שטילן זײַן הונגער. מען האָט דעם הונט קיין מאָל נישט געהערט אַ ביל טאָן, ווי אַנדערע הינט, וואָס ווײַזן מיט דער בייזקייט אַרויס זייער הינטישע גבורה. פֿאַר אַן אויפֿגעהויבענער האַנט האָט ער מיט איינגעצויגענע אויערן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער איז נישט אַנטלאָפֿן, נאָר פּאַמעלעך האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון דעם אָרט און ווײַטער זיך געשלעפּט איבער די זאַמדן. האָט ער ערגעץ געפֿונען אַן אָוועק־געוואָרפֿענעם ביין, איז ער מיט דעם אין מויל מיט שנעלערע טריט אַוועק אויף אַן אָפּגעזונדערטן אָרט ווו ער זאָל אומגעשטערט קאָנען גריזשען זײַן געשמאַקן ביסן. ביים טאָגליכט איז די גאַנצע שכונה מיטן זאַמדיקן שטח אַרום געווען זײַן היים, אָבער אין די נעכט האָט ער געפֿילט זײַן היימלאָזיקייט, איז ער ווי אַ געשלאָגענער געקומען צו בינעמס טיר זוכן אַ ביסל נאַכטיקע רו.

פֿאַר וואָס גראַד הינטער זײַן טיר? צי דערפֿאַר, וואָס דער הונט האָט איין מאָל ביי נאַכט געפֿונען ביי אים אַן אָפּענעם אַרײַנגאַנג בעת אומעטום זענען פֿאַר אים אַלע טירן געווען פֿאַרמאַכט? אָדער האָט דער ברוינער הונט דערשמעקט בינעמס איינזאַמקייט אין זײַן צימער און ער האָט גערעכנט צו געפֿינען ביי אים מער רחמנות, ווי ביי די איינגעזעסענע תּושבים פֿון דער שכונה?

דער ברוינער הונט האָט אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַן אָרט אין בינעמס מחשבות, און אין פֿאַרגלייך מיט זײַנע היימלאָזע טעג און נעכט, האָט בינעם אויסגעפֿונען, אַז דעם הונטס מעמד אונטער זײַן טיר איז נישט צום פֿאַרגלײַכן אַ סך בעסער ווי זײַנער איז געווען, ווען ער האָט זיך געפֿונען אין זײַן נע־ונד אונטער פֿרעמדע טירן. דערצו נאָך מיט אַ געפֿיל פֿון טויטשרעק.

אויך אין געטאָ, אין דעם קליינעם שטעטל, האָט בינעם געשטעלט אויף אַ העכערער מדרגה דאָס לעבן פֿון די פּירפּיסיקע, וואָס פֿלעגן אומגעשטערט אַרײַן און אַרויס פֿון הינטער די געטאָדראָטן. דעם באַוואָפֿנטן שומר איז קיין מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן צו דראָען מיט זײַן ביקס דעם הונט, וואָס פֿלעגט זיך פֿאַרבענקען צו זײַן פֿאַרהיימישטן ייִדישן שכן נאָענט פֿון זײַן גויִשן הײַזל אויף דער צווייטער זייט געטאָדראָטן. איז אַ מאָל אַזאַ הונט אַריבער די

גרענעץ, האָט עס אים שוין מער אַהין נישט געצויגן. אַחוץ אַ גלעט איבער זיין קאָפּ האָט ער אין גיכער גאַרנישט באַקומען. אָבער פריי איז דער הונט געווען און ער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר אַ קויל אין קאָפּ, דער הונט האָט געהאַט זיין היים.

איין מאָל האָט בינעם אין זיין צימער דערהערט אַ פּייפן און צערטלדיק רופן צו זיך. איז ער אַרויס אַ קוק טאָן, און דערזען ווי צוויי מענער אין טונקל־גראָע מונדירן, אין היטלעך מיט גלאַנציקע בלעכלעך איבערן דאַשיק, דערנענטערן זיך צום ברוינעם הונט. איינער פון זיי האָט אים עפּעס צוגע־וואָרפן, דער הונט האָט אַ שמעק געטאָן צום פּעקעלע און עס געכאַפּט צווישן די ציין. ער האָט מיט דעם געוואָלט אַוועק אַהין ווו ער האָט שטענדיק גע־גריזשעט זיינע געפונענע ביינער, אָפּגעזונדערט פון אַ פרעמד אויג. אָבער די צוויי פון דער געזונטהייטס־דינסט האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. דער הונט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן דעם געשמאַקן ביסן, האָט אין איילעניש זיך איינגעביסן אין דעם פאַרסמטן שטיקל פלייש, און עס שנעל אַראָפּגעשלונגען. דער הונט האָט אָנגעהויבן טרייסלען זיין אויס־געשטרעקטן קאָפּ, ווי דאָס שטיקל פלייש וואָלט געבליבן אים שטעקן אין האַלדז. מיט אַרויסגעזעצטע אויגן האָט דער הונט געקוקט צו די, וואָס זענען געקומען אים פאַרסמען — זיי זאָלן אים ראַטעווען פון די בראַנדיקע ווייטיקן, אָבער זיי, מיט די גלאַנציקע בלעכעלעך אויף די היטלען, זענען געשטאַנען און געוואַרט ביז דעם הונטס פּיס האָבן זיך איינגעבראָכן און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

אויף דער זאַמדיקער גאַס אין תל־אביב האָט דער הימלאָזער הונט בינעמען ווידער דערמאָנט אין מענטשן, וואָס זייער לעבן איז געווען הפקר און ווערטלאָז.

קאַפּיטל דריי

# אין „לאָדזשיאַ״

מיט זיין אָנקומען אין דער פֿאַבריק „לאָדזשיאַ״ איז בינעם געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַ קאָלעקטיוו פֿון הונדערטער מענטשן וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט אין די בעטאָנענע לאַנגע בנינים. דער אַריינגאַנג אין דער פֿאַבריק האָט געפֿירט צו אַ קייט געמויערטע הייזער מיט הויכשטאָקיקע טרעפּ, ווי אַנגעשפּאַרטע לייטערס. זיי האָבן פֿון פֿאַבריק־שטח געפֿירט צו די ביוראָ־צימערן אין מיטן פֿון דעם זאַמדיקן מדבר אין חולון.

דער נאָמען פֿון דער פֿאַבריק און דאָס גערויש פֿון די מאַשינען, האָבן בינעמען דערמאָנט אין זיין אַמאָליקער זאָקן־אַרבעט אין דער פּוילישער שטאָט לאָדזש. כאָטש בינעם איז נאָך נישט געווען קיין לוין־אַרבעטער האָט ער זיך גיך איינגעלעבט צווישן די תושבים, וואָס זענען שוין פֿון לאַנג געווען באַשעפֿטיקט אין דער פֿאַבריק. צו דעם האָבן אים געהאָלפֿן זיינע פֿאַך־קענטעניש און אויך זיין באַנייטער חשק צו דער אַרבעט.

צווישן די אַרבעטער אין „לאָדזשיאַ״ האָט בינעם באַגעגנט אַ סך אָפּ־שטאַמיקע פֿון פּוילן, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש. פֿון זיי האָט ער אויסגעלערנט פֿאַרשטיין די אַרבעטס־פֿאַרהעלטנישן אין דער פֿאַבריק. ער האָט געזוכט צווישן זיי חברישע נאָענטקייט. בלויז מיטן אויפֿזעער איבער דער אָפּטיילונג, ווו בינעם איז געווען באַשעפֿטיקט, איז אים שווער געווען זיך איינצולעבן. דער „דזשינדזשי״, ווי מען האָט אין דער פֿאַבריק אים גערופֿן, מיט דעם געלן קאָפּ צעוואָרפֿענע האָר און פּיעגעוואַטן פּנים, האָט אָפֿט אונטערגעברומט: „עברית, עברית״. בינעם פֿלעגט אויף דעם אָפּענטפֿערן: „יידיש! יידיש! דאָס איז די שפּראַך וואָס איך פֿאַרשטיי״... אָבער דער „דזשינדזשי״, וואָס האָט פֿון זיינע יונגע יאָרן געלעבט אין ארץ־ישׂראל, האָט דווקא פֿאַר בינעמען, דעם נייעם עולה, געוואָלט אויסדריקן זיין שׂנאה

צו דער ייִדישער שפּראַך. ער האָט נישט געקאַרגט קיין חוזק־ווערטלעך איבער דער „שפּראַך פון גלות”. אַזאַ געשפּרעך פלעגט זיך תמיד פאַר־ענדיקן מיט אַריינזאָגענישן איינער דעם צווייטן. צום סוף האָט בינעם זיך געווענדט צו אַ חבר פון ועד, וואָס האָט דאָס מאָל בינעמען נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווייל ער האָט נישט קיין צייט פאַר קלייניקייטן.

בינעם האָט אין דעם פאַרשטייער פון די אַרבעטער מיט אַ העברעיִזירטן פאַמיליע־נאָמען דערקענט יענעם, מיט וועמען ער האָט שוין אַ מאָל געהאַט אַן אינצידענט. אין איינעם אַ טאָג נאָך דער אַרבעט האָט בינעם געוואָלט פאַרלאָזן די פאַבריק, אָבער יענער האָט אים פאַרהאַלטן און גערופן צו דער פאַרזאַמלונג וואָס האָט איצט געדאַרפט פאַרקומען.

— איך פאַרשטיי נאָך נישט קיין עברית — האָט בינעם צו אים געזאָגט.

— פאַרשטיי נישט, אָבער זיין דאַרפסטו — האָט דער פון ועד מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט געוויזן דעם וועג אויף צוריק.

— קאָנסט מיך צווינגען אויסהערן רייד וואָס איך פאַרשטיי נישט?

— יאָ! — האָט דער ועדניק אויסגעשריגן און פאַרהאַקט דעם אַרויס־גאַנג.

יענער אינצידענט איז פאַר ביידן אויפגעקומען אין זכרון ווען דער פאַרשטייער פונעם ועד האָט אויסגעהערט בינעמס טענות קעגן דעם אויפ־זעער ביי דער אַרבעט.

— נאָך אַלץ מיט דיין שפּראַכן־פראַגע? — האָט דער ועדניק בייז אַ זאָג געטאָן — דו ווילסט אין ארץ־ישראל אָנוואַרפן דיין ייִדיש?

— אַזוי ווילסטו פאַרשטיין אַ נייעם עולה, אָדער ביסט צופעליק אַ שלעכטער ביישפּיל?

— אַ נייער עולה, און זוכט טענות צום לאַנד! — האָט דער ועדניק אַ קרומען קוק געגעבן צו בינעמען און שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער בינעם איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און געפרעגט:

— מיט ייִדיש שעמסטו זיך, אָבער מיטן קעלנער, וואָס דערלאַנגט דיר עסן, ברעכסטו דיינע ציין ביים רעדן מיט אים דייטש!

— ווייסט פאַר וואָס? דער קעלנער ראָזענבערג איז פון זיין באַרוף

דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, איז שוין געגוג פאַר אים, אַז ער דאַרף מיך באַדינען און קען נאָך נישט קיין עברית.

— איז דער עולה, וואָס רעדט די שפּראַך פון די דייטשן, מער חשוב ביי דיר, ווי אַזעלכער וואָס רעדט יידיש?

דער ועד־חבר איז בייז געוואָרן און בינעמען געלאָזט שטיין אַן אַן ענטפער.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט זיך בינעם געווענדט צום דירעקטאָר פון „לאָדזשיאַ".

דער דירעקטאָר מרדכי שענקאַר, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ קורץ געשוירענע האָר און אַן אימפּולסיוו־באַוועגלעכער פיגור, איז געזעסן אַנגעבויגן איבערן שרייבטיש. ער האָט אויפגעהויבן אויף בינעמען זיינע אויגן און געפרעגט:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג?

— איך בין געקומען זיך פאַרקלאָגן אויף אייער אויפזעער אין דער זאָקן־אָפּטיילונג. אים גייט מער אָן אין וועלכער שפּראַך איך זאָל רעדן איידער מיין אַרבעט.

— איך וויל אייך בעסער פאַרשטיין — האָט דער דירעקטאָר אַנגעשטעלט אַ נייגעריק פּנים.

בינעם האָט דערציילט וועגן די אינצידענטן, וואָס ער האָט געהאַט ביי דער אַרבעט צוליב זיין יידיש רעדן.

מרדכי שענקאַר האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צווישן זיינע אויפגעשטעלטע הענט איבערן שרייבטיש, געבעטן בינעמען זיך זעצן און געלאָזט הערן זיין ליטווישן יידיש:

— ווי לאַנג געפינט איר זיך אין לאַנד?

— עטלעכע חדשים.

— פון וואַנען קומט איר?

— פון דייטשישן גיהנום.

— פון וואַנען שטאַמט איר?

— פון פּוילן.

מרדכי שענקאַר האָט איבערגעהאַקט דאָס קורצע געשפּרעך, אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרייבל אויפן שרייבטיש. באַלד איז אַרויפגעקומען

דער „דזשינדזשי" און בינעמען באַפאַלן מיט שטעכיקע בליקן. שענקאַר האָט אים אַ רוף געטאָן נענטער צו זיך און געפרעגט אין דער זעלבער שפּראַך מיט וועלכער ער האָט פריער גערעדט מיט בינעמען:

— איז „לאַדזשיאַ" אַ שולע אָדער אַ פאַבריק?

הגם אַ ביסל אַ צעטומלטער האָט דער אויפזעער זיך געכאַפּט, וואָס דער דירעקטאָר מיינט מיט זיין פראַגע.

קוקנדיק איבער די ברילן האָט מרדכי שענקאַר איבערגעריסן זיינע רייד:

— רעד יִדיש, דער מענטש זאָל אויך פאַרשטיין.

— ער, דער פוילישער — האָט דער „דזשינדזשי" אַ ווייז געטאָן מיטן קאָפּ אין בינעמס זייט — פאַרשטייט נישט קיין שפּאַס...

— הער אויס! — האָט דער דירעקטאָר אונטערגעהויבן זיינע ברילן און גלייך געקוקט דעם אויפזעער אין פּנים — לערן זיך פאַרשטיין אַ נייעם עולה, רעד מיט דעם ייִד, ער זאָל דיך קאָנען אויסהערן.

דער „דזשינדזשי" האָט געצויגן מיט די אַקסלען און אָנגעהויבן עפּעס שטאַמלען.

שענקאַר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אויסגערופן:

— גענוג, גענוג... געענדיקט!...

ביים פאַרלאָזן די ביורא האָט מרדכי שענקאַר גענומען בינעמען נאָך דער אַרבעט מיט זיך אין זיין אויטאָ. אויפן וועג קיין תל־אביב האָט ער געוואָלט וואָס מער הערן וועגן בינעמס איבערלעבונגען אין די יאָרן פון חורבן. בינעם איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם דירעקטאָרס אויפמערקזאַמקייט און פון זיינע לעצטע ווערטער.

— עס וואָלט כדאי געווען דאָס אַלץ צו באַשרייבן. אַזעלכע איבער־לעבונגען דאַרפן בלייבן מער ווי פּערזענלעכע זכרונות...

זינט יענעם טאָג איז דער אויפזעער געוואָרן מער קאָרעקט צו בינעמען, גערעדט צו אים יִדיש, אָבער הינטער זיינע פּלייצעס האָט ער אינטריגירט קעגן אים. ער איז גערופן געוואָרן צום פאַרשטייער פון דער זאַקן־סעקציע. יענער האָט אים אויסגערעדט פאַר וואָס ער איז צוליב אַזאַ נאַרישקייט, זיך געגאַנגען פאַרקלאָגן צום בעל־הבית אָן פריִער זיך צו פאַרשטענדיקן מיט אים...

בינעמס פאַרטיידיקן זיך, אַז ער האָט פאַרן אַריינגיין צום בעל־הבית גערעדט מיט איינעם פונעם ועד און נישט געפונען ביי אים קיין פאַר־שטענדעניש — האָט דעם פאַרשטייער פון דער זאַקן־סעקציע נישט איבער־צייגט. בינעם האָט אַן אויפגעקאָכטער אים צוגעוואָרפן:

— איך זוך אַ יידיש האַרץ, און דאָס האָב איך געפונען ביים בעל־הבית, און נישט צווישן אייך, ועדניקעס.

צו מאָרגנס, ווען בינעם איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער לעבן זיינע מאַשינען געפונען אַ ספרדיש מיידל, וואָס האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים אַ פּליסיקן עברית. דער אַרבעטס־אויפזעער האָט אים געזאָגט מיט אַ ציניש שמייכעלע, אַז דאָס מיידל דאַרף ביי אים באַשעפטיקט ווערן ווי אַ געהילף אויפצושטויסן די רענדלעך, כדי צו פאַרבעסערן די פּראָדוקציע פון שקאַר־פּעטן. בינעמס ווערטער, אַז אים איז לייכטער אַליין צו באַדינען די מאַשינען, אָן דעם מיידל, וואָס דאַרף זיך ערשט לערנען די אַרבעט, האָט נישט גע־ענדערט דעם „דזשינדזשיס" באַשלוס. ער האָט בינעמען געפּרוּווט איינרעדן, אַז דאָס ספרדישע מיידל איז דווקא פאַר בינעמען אַ גוטע געלעגנהייט צו לערנען העברעיִש...

פאַר בינעמען האָט די אַרבעט ביי די זאָקן־מאַשינען אָנגעהויבן ווערן אַ לאַסט. אַנשטאָט פאַרלייכטערן, האָט אים דאָס מיידל נאָך שווערער גע־מאַכט. זיין פּראָדוקציע איז פון טאָג צו טאָג געפאַלן. דער אַרבעטס־אויפזעער האָט בלויז געוואַרט אויף דעם, ווי אַ סיבה אַרויסצושטופּן בינעמען פון דער זאָקן־אָפּטיילונג. בינעם האָט זיך קעגנגעשטעלט, פאַרלאַנגט יושר, אָבער אומעטום האָט ער געפונען די איבערהאַנט פון זיינע אויפזעערס, וואָס האָבן פאַר אים באַשטימט אַן אָרט ביי אַ שפּולמאַשין.

אהובה, די אויפזעערין איבער דער שפּולעריי, אין די מיטעלע יאָרן, אַ געבוירענע אין לאָדזש, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ קורץ געשוירענע בלאָנדע האָר, האָט גערעדט גיך, ווי צעניפּגעפּאָרט מיט אירע שנעלע באַוועגונגען אין דער אַרבעט. זי האָט שוין געוווּסט וועגן בינעמס קאָנפליקטן אין דער פאַבריק. זי האָט זיך מיט אים צונויפגערעדט אין איר פאַרהעברעיִשטן יידיש, זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן און אויסטייטשן די צוריקגע־כאַפּטע פאַרגרייזטע ווערטער, וואָס בינעם האָט זיי נישט באַלד פאַרשטאַנען.

אהובה, מיט אירע צעשמייכלטע בלאָע אויגן, איז געווען צופרידן, וואָס איר איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו רעדן ייִדיש, וואָס זי האָט שוין געהאַט כמעט פאַרגעסן.

פון בינעמס געדריקטער שטימונג, האָט אהובה פאַרשטאַנען אַז ער פילט זיך נישט באַקוועם, און אפשר דערנידעריקט, אין איר אָפּטיילונג. איז זי אים אונטערגעקומען מיט לייכטערע אַרבעטן און מיט מעשהלעך פון יענע פאַרגאַנגענע צייטן ווען זי איז געקומען אין לאַנד. יענע שווערע אַרבעטס־טעג פון פרימאָרגן ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהען זענען געווען נישט צום פאַרגלייכן מיט די אַרבעטס־טעג אין „לאַדזשיאַ”. בינעם האָט פאַרשטאַנען אהובהס רמז, ער האָט אָבער נישט אָפּגעשטויסן פון זיך אהובהס מענטש־לעכע באַציִונג צו אים.

פון אהובהן האָט בינעם זיך דערוווּסט, אַז דער „דזשינדזשי” איז אַן אַקטיווער טוער ביי די רעוויזיאָניסטן. נישט איין מאָל האָט ער זיך באַ־טייליקט ביים באַפאַלן די קיאָסקן, ווו עס זענען פאַרקויפט געוואָרן ייִדישע צייטונגען...

די שפּינדלעך אויף דער שפּולמאַשין האָבן זיך געדרייט אין שנעלן לויף, ווו־נישט־ווו האָט זיך איבערגעריסן אַ פאָדעם און די לויפנדיקע שפּולקע איז געבליבן שטיין, אָבער דאָס געשפּרעך צווישן אהובהן און בינעמען האָט זיך ווייטער געצויגן:

— און די מענטשן פונעם ועד זענען אויך רעוויזיאָניסטן? — האָט בינעם געפרעגט.

— איך געהער אויך צום ועד און איך בין אַ קעגנערין פון די רעווי־זיאָניסטן — האָט אהובה געענטפערט אַ צעשמייכלטע.

אהובהס שמייכל האָט נאָך אָנגעהאַלטן אויף איר פּנים ווען זי האָט ממשיך געווען:

— אַז דו וועסט דערקענען דאָס היגע לעבן, וועלן דיר אַ סך ענינים אויסזען אין גאַנצן אַנדערש ווי היינט.

פון מאָל צו מאָל איז אַהובה אַוועק צו אַנדערע שפּולמאַשינען קאָנטראָ־לירן ווי אַזוי די אַרבעט גייט דאָרט. מיט שנעלע טריט איז זי צוריקגעקומען צו בינעמס מאַשין, ווו די לאַנגע שורה הילצערנע שפּולקעס האָבן רעגלמעסיק

געקלאַפּט און געשפּרונגען ווי אייזערנע רעדער אויף אַ שטיינערנעם בריק. מיט איר שמייכלעלע האָט זי געפרעגט:

— נו, ווו האַלטן מיר אין רעדן?

— יאָ, — האָט זיך בינעם געכאַפּט זוכנדיק אַן עק פון אַן איבערגעריסענעם פאָדעם — מיר האַלטן ביי דעם, אַז דאָס לעבן דאָ אין לאַנד איז טאַקע אַ סך אַנדערש ווי דער חלום אויפן וועג קיין ארץ־ישראל...

אהובה האָט ווי פאַרגעסן אין איר ראָלע פון אַן אויפזעערין און ווייטער גערעדט צו בינעמען:

— ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פון חלומות און פון ווירקלעכקייט. אָבער דער, וואָס האָט געקענט חלומען, דאַרף אויך פאַרשטיין די היגע ווירקלעכקייט, וואָס פון בלאָ ווערט זי גראָ, און נישט זעלטן אויך רויט — פון די בלוטיקע קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

פון ווייטערדיקן געשפּרעך האָט אַהובה זיך געגעבן צו דערקענען ווי אַן אַקטיווע טוערין אין דער אומלעגאַלער „הגנה". זי האָט בינעמען פאַרויסגעזאָגט אַנקומענדיקע קאָנפליקטן מיט די ענגלישע מושלים. פאַר דעם נייעם עולה, בינעם, זענען אהובהס רייד געווען די ערשטע לעקציע וועגן דער שווערער צייט וואָס אים דערוואַרט נאָך.

דעם זעלבן טאָג האָט בינעם געדאַרפט גיין צום צווייטן דירעקטאָר פון „לאָדזשיאַ", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער עפנטלעכער אָרדענונג אין דער פאַבריק — בן־ציון שענקאַר. ווי אַ נייער עולה האָט בינעם באַקומען אַ שפּייזקאַרטע מיט אַ הנחה־פּרייז אין דער אַרבעטער־קיך. בינעם האָט זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף באַנייען די קאַרטע.

בן־ציון שענקאַר האָט מיט זיין כאַראַקטער און מיט זיין אויסערלעכן אויסזען זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון זיין אימפּולסיוון ברודער מרדכי שענקאַר. בן־ציון איז געווען העכער אין וווקס; מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, מילדע אויגן און רונדיק־העלן פּנים. מיט שטילע טריט פלעגט ער גיין פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג און קאָנטראָלירן די אָרדענונג אין דעם פאַרנעמיקן פאַבריק־שטח. כדי אָנקומען צו אים, האָט מען נישט געדאַרפט אָנקלאַפּן אין דער טיר פון ביוראָ־צימער; זיין באַשיידענע האַלטונג האָט דערלויבט אים אָפּשטעלן אין מיטן גאַנג. בן־ציון שענקאַר האָט פאַרצייכנט אין נאָטיץ־

ביכעלע יענעמס פאַרלאַנג, אָדער ער האָט דעם ענין גלייך אויפן אָרט דער־לײדיקט. צווישן די הונדערטער באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק האָט בן־ציון שענקאַר אין די כאַקי־קליידער אויסגעזען ווי איינער פון אַלע, סיי מיט זיין סאָלידער באַציִונג און סיי מיט זיין אויסערלעכן איינדרוק. אים איז פרעמד געווען די אייגנשאַפט פון אָפּהיטן אַ דיסטאַנץ צווישן אים, דעם דירעקטאָר, און זיינע באַשעפטיקטע ביי דער אַרבעט.

בן־ציון האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויסגעהערט בינעמס פאַרלאַנג און גלייך אויפן אָרט אויסגעשריבן אַ צעטל און געהייסן אים שפּעטער אַריינקומען אין זיין ביוראָ־צימער כדי דאָס אָפּצושטעמפּלען. אומקערנדיק זיך צו דער אַרבעט מיט דעם גוטן איינדרוק האָט ער אהובהן געזאָגט, זי זאָל אירע מענטשן פון ועד ראָטן נעמען זיך אַ ביישפּיל בן־ציונס מענטש־לעכע באַציִונג צו אַ צווייטן.

שטייענדיק ביי דער שפּולמאַשין האָט בינעם באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און ביים צווייטן מאָל צונויפטרעפן זיך מיט בן־ציונען רעדן מיט אים וועגן זיינע אַרבעטס־באַדינגונגען, וועגן דער אַרבעט, וואָס בינעם טוט, אָן אויפגעצוווּנגענער דורך זיינע פריִערדיקע אויפזעערס. דאָס איז דער ריכטיקער מענטש וואָס וועט אים ווי אַ נייער עולה גוט פאַרשטיין. מיט נייגעריקייט האָט ער אָפּגעוואַרט די צייט, ווען ער האָט געדאַרפט צו אים גיין.

בינעמס דערוואַרטונג צו דער נאָכמיטאָג־שעה האָט אים געמאַכט נאָך מער געשפּאַנטער ווען ער האָט אויך פון אהובהן אויסגעהערט אירע לויב־רייד פאַר בן־ציון שענקאַר. זי האָט אים פאַרגעשטעלט ווי אַ פאַרגעשרי־טענעם מענטש מיט טיף מענטשלעכע געפילן אויך ביי אַרבעטס־קאָנפליקטן. אויב מרדכי שענקאַר, דער אין די עלעגאַנטע קליידער, האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ בעל־הבית, איז בן־ציון געווען דער פשרה־זוכער, וואָס האָט נישט דערלאָזט צו פאַרצויגענע אַרבעטס־סיכסוכים. אויך אהובה אַליין האָט אים געדענקט צום גוטן פאַר אירע אייגענע אינטערעסן ביי דער אַרבעט.

בינעם איז געשטאַנען אַנטקעגן דער לאַנגער ריי לויפנדיקע שפּינדלעך, געהיט די פעדעם זאָלן אָנהאַלטן דעם כסדרדיקן לויף, און דערביי געטראַכט ווי אַזוי איינשטעלן דעם סדר פון געשפּרעך מיט בן־ציון שענקאַר. די רייד

האָבן געדאַרפט זיין זאַכלעך, קורץ, זיי זאָלן דעם דירעקטאָר נישט באַלעס־טיקן מיט צו פיל צייט, ער זאָל גלייך פאַרשטיין דעם ענין.

אין מיטן דער אַרבעט איז אהובה אַנגעלאָפן פון דרויסן אין דער שפּולעריי. זי איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ באַרג מיט פעקלעך וואָל, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין די האַנטפלאַכן, איר גוף האָט געציטערט אין אַ פאַרשטיקט געוויין. זי האָט נישט געקאָנט פון זיך אַרויסברענגען קיין וואָרט, אָבער באַלד איז איבערן גאַנצן פאַבריק־שטח אַדורך די טרויעריקע ידיעה, אַז בן־ציון שענקאַר איז דערשאָסן געוואָרן דורך בריטישע סאָלדאַטן ביים אַריינגאַנג פון דער פאַבריק. באַלד איז געוואָרן פאַרשטומט דאָס גערויש פון די מאָטאָרן, די מאַשינען זענען געבליבן שטיין, די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט בלאַסע און צערודערטע.

נאָך דער שבעה איז אין דעם גרויסן חדר־אוכל פאָרגעקומען אַ טרויער־פאַרזאַמלונג. פון די רעדעס אין אַ קעמפערישן טאָן האָט בינעם געקאָנט פאַרשטיין נאָר דעם אָפּט־דערמאָנטן נאָמען בן־ציון שענקאַר ז״ל. פון דער שטימונג אין זאַל איז אויך בינעם פאַרכאַפּט געוואָרן און געמאַכט שטאַרקער דערפילן און בעסער פאַרשטיין די געשאַפענע לאַגע. יעדער טאָג האָט געבערענגט נייע געשעענישן מיט אַרעסטן און מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. די שטורמישע טעג האָבן אַריינגעדרונגען אין יעדער ייִדיש הויז, אַפילו אין בינעמס פאַרשטויסענעם איינזאַמען חדרל.

אין איינעם אַן אינדערפרי איז בינעם געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג צו דער אַרבעט. ער האָט פאַר אהובהן דערציילט וועגן זיינע איינדרוקן פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט באַוואָפנטע ענגלענדער אויפן וועג פון תל־אביב קיין חולון. אין אַן אויסגעשטעלטער ריי ביים אויטאָבוס האָבן אַלע זיך געדאַרפט לעגיטימירן. די פאָטאָגראַפיעס אויף די דאָקומענטן האָבן די ענגלענדער פאַרגליכן צו די בילדער, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט. בינעם האָט זיך איינגעקוקט אין די מונדירטע ענגלענדער מיט זייערע בייז אָנגעשטרענגטע פּנימער און געפילט אויף זיך זייערע שטעכיקע בליקן. אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָבן די ענגלענדער, מיט די ביקסן געוויזן דעם וועג צוריק אַריינצוגיין אין אויטאָבוס. אין יענעם

מאָמענט האָט בינעמען זיך אויסגעדוכט, אַז ער שטייט פאַר מונדירטע דייטשן — מיט דעם אונטערשיד פון צייט, קליידונג און לאַנד.

אין יענע טעג איז שוין בינעם באַקאַנט געווען מיט די געשעענישן אין לאַנד. ער האָט שוין געוווּסט וועלכע אונטערערדישע גרופּן עס ווירקן קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט. דער קוואַל פון אינפאָרמאַציע איז פאַר אים געווען זיין אַרבעטס־אויפזעערן אַהובה.

יעדן טאָג האָט בינעם זיך דערוווּסט פון אַהובהן די נייעסן פון דער העברעיִשער פּרעסע. דער ייִדישער קאַמף קעגן דער פרעמדער מאַכט האָט דערגרייכט דעם הויכפּונקט. יעדן טאָג זענען אין די צייטונגען געווען ידיעות וועגן נייע אַקציעס פון דער אונטערגרונט. דער גערוך פון דינאַמיט האָט זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד און דער עכאָ פון די אויפרייסן האָט אָפּגעהילכט ביי אַלע, וואָס האָבן געלעבט מיט די געשעענישן.

דער אויסנאַם־צושטאַנד האָט אַרומגענומען אויך די אומגעגנט פון תל־אביב און בינעם איז נישט איין מאָל געווען געצווונגען צו בלייבן אין זיין צימערל. געוויינלעך האָט אַזאַ אַרויסגאַנג־פאַרבאָט אָנגעהאַלטן נישט מער ווי אַ טאָג.

איין מאָל, ווען בינעם איז געווען פאַרנומען ביי אַ שלעכטן גאָרן, האָט אַהובה זיך צוגעשטעלט לעבן אים ביי דער מאַשין. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וויל אים העלפן לאָזן אין גאַנג די שפּינדלען וואָס זענען אָפּט שטיין געבליבן. אַז אַהובהן פלעגט באַפאַלן דער חשק צו רעדן, האָט זי פאַרגעסן אין דעם, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום איר. אין אַזעלכע מינוטן האָט זי פאַר בינעמען געשילדערט די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין די אָפּגעלאָפענע פאַר טעג, מיט אַלע פּרטים, ווי ער, בינעם, וואָלט אויך געווען אַ מיט־באַטייליקטער אין די אַקציעס. אַ סך מאָל האָט ער זיך געוווּנדערט פאַר וואָס זי איז אַזוי ווייניק דיסקרעט. ווען בינעם האָט איר אַ מאָל אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, האָט אהובה געענטפערט, אַז אַזעלכער ווי בינעם, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין גלות, דאַרף אויך אַריינגעצויגן ווערן אין די רייען וואָס קעמפן קעגן דער ענגלישער אונטערדריקונג־מאַכט. בינעם האָט גוט פאַרשטאַנען אַהובהס רמז און מיט ערנסטקייט האָט ער אויס־געהערט אירע ווייטערדיקע רייד:

— מיר, ייִדן אין ארץ־ישראל, האָבן געוואָלט גלייבן אין ענגלאַנדס צוזאָגן און זיך אַנטוישט. איז איצט קיין אַנדער וועג נישטאָ ווי באַוואָפנטער קאַמף, דאָס וועלן די ענגלענדער בעסער פאַרשטיין. אין אַלע דורות האָבן ייִדן געקאָנט שטאַרבן אויף קידוש־השם. איצט, נאָכן חורבן אין גלות, פאָדערט זיך פון אונדז אַ העכערע גבורה, און דאָס קאָן מען באַווייזן נאָר אין ארץ־ישראל.

בינעם, מיטן פּנים צו די שפּינדלען, בינדט די איבערגעריסענע פעדעם, אָבער זיינע מחשבות זוכן דאָס וואָרט אויף צו פאַרקניפּן מיט אַהובהס רייד:

— אַזעלכע מחשבות באַגלייטן מיך, כאָטש איך בין נאָך אַ נייער עולה — אָן אַ שפּראַך, ווי אָן אַ צונג... קאָן זיין, אַז מיינע איבערלעבונגען האָבן מיר געמאַכט געגנוג שטאַנדהאַפטיק, דערמיט איז אָבער פאַרבונדן נאָך עפּעס. איך ווייס נישט, וואָס עס וואָלט מיט מיר געשען, ווען איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אמתן פּרוווו. דערצו פאַרלאַנגט זיך עפּעס מער. קאָן מען שטיין פאַר אַזאַ נסיון אָן דערלערנען די כללים פון באַוואָפנטן קאַמף?

אַהובה איז געוואָרן אומרויִק ווען זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז דער פאַרצויגענער שמועס מיט בינעמען האָט געשטערט אין דער אַרבעט. זי האָט אויף גיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— נו, יאָ, דערווייל שטייען מיר נאָך נישט אויף די באַריקאַדן, קאָן מען נאָך דערווייל עפּעס דערלערנען.

אַז בינעם איז צו מאָרגנס אין דער פרי געקומען אין פאַבריק, האָט ער געוואָרט אויף אַהובהס אָנקומען, זי זאָל אים דערציילן וועגן די דורכגעפירטע סאַבאָטאַזש־אַקטן, וועגן וואָס אַלע האָבן צווישן זיך גערעדט. בינעם האָט אויסגעקוקט אַהובהן אַפילו נאָכן קלונג ביים לאָזן אין גאַנג די מאַשינען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיינעם גייט נישט אַזוי שטאַרק אָן אַהובהס פעלן ביי דער אַרבעט, ווי אים. אַז ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן, ציִ ווייסט ווער פון אַהובהן, און באַקומען אַן אויסמיידנדיקן ענטפער — האָט דאָס אים ווייי געטאָן.

ביים פרישטיק אין חדר־אוכל האָט בינעם געהערט רעדן, אַז אַהובה איז אַרעסטירט געוואָרן אין גאַס, אַז מען האָט זי פאַרהאַלטן אויפן וועג

צו דער אַרבעט. עס זענען אויך אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז זי זאָל זיך האָבן באַטייליקט אין די ביינאַכטיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז אין דער פאַרעפנטלעכער רשימה אין די צייטונגען, צווישן אַלע אַרעסטירטע אויך געווען אַהובהס נאָמען. בינעם האָט די ידיעה אויפגענומען מיט צער. אים האָט אַהובה צום מייִנסטן געפעלט ביי דער אַרבעט.

שוין אין ערשטן טאָג, ווען די נייע אויפזעערין, סימונה, אַ טונקל־הויטיקע סאַברע, האָט געהייסן אויסטיילן פאַר בינעמס מאַשין די אויסגע־וויגענע נאָרמע פאַרן טאָג אַרבעט, האָט בינעם אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרדראָסיק פּנים. אים האָט פאַרדראָסן פאַר וואָס די גרעסטע טייל שפּינד־לעך אויף דער מאַשין קאָן ער נישט לאָזן אין גאַנג. די דינע פילדעקאָס־פעדעם האָבן זיך כסדר געריסן. ווען די אויפזעערין סימונה איז געקומען נאָכקוקן זיין אַרבעט, האָט זי בינעמען געטראָפן מיט אַ פאַרזויערט פּנים און מיט טענות, פון וועלכע זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

— אני לא מדבר עברית — האָט בינעם זיך אַ וואָרף געטאָן.

— ספרדית כן ? — האָט סימונה געפרעגט.

— יידיש ! — האָט בינעם געענטפערט.

— יידיש ? כאַ, כאַ, כאַ, — האָט סימונה זיך אַ בייג געטאָן פון געלעכטער.

עטלעכע טעג זענען אַזוי אַריבער מיט שטילע אָבער כסדרדיקע קאָנ־פליקטן צווישן אים און סימונה, ביז ער האָט מיט זיינע צעבראָכענע העברעיִשע ווערטער צוריק באַקומען דעם דיקערן גאָרן, און אַלע שפּינדלעך האָבן אָנגעהויבן לויפן ווי פריִער.

ווען בינעם איז איין פרימאָרגן געקומען צו דער אַרבעט און ווידער געטראָפן אַהובהן אין פאַבריק, האָבן זיינע אויגן געשטראַלט פון פרייד. אַלע אין דער שפּולעריי האָבן זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט, אָבער נישט אַזוי ווי בינעם. אַהובה האָט שוין געוווּסט וועגן די אָנגעשטרענגטע באַציִונגען צווישן אים און סימונה. דאָס איז פאַר איר געווען אַ געלעגנהייט בינעמען אַריינצוזאָגן אַ פּאָר ביטערע ווערטער, אַז ער זאָל אָנהייבן לערנען די לאַנד־שפּראַך, ווי דאָס טוען אַלע „גרינע" אויך אין אַנדערע לענדער. אָבער

נישט דאָס האָט בינעם געוואָלט אויסהערן אין ערשטן טאָג נאָך אַהובהס אומקערן זיך. בינעם האָט געוואָלט וויסן וועגן איר אַרעסט און באַפֿרייט ווערן.

מיט איר געוויינלעכן אימפּעט איז אַהובה געלאָפֿן פֿון איין מאַשין צו דער צווייטער צוריק איינשטעלן די אַרבעט לויט איר אָרדענונג. זי האָט אויך נישט פֿאַרגעסן אַ שפּרונג טאָן צו בינעמס מאַשין אים פֿרעגן און איבערפֿרעגן און אויך בקיצור ענטפֿערן אויף זיינע נייגעריקע פֿראַגן. אַזוי האָט זיך בינעם דערוווּסט, אַז אַהובה איז צופֿעליק אַרעסטירט געוואָרן אין גאַס ביי אַן אָבלאַווע נאָך אַנטלויפֿנדיקע אומלעגאַלע פּלאַקאַטן־קלעפּערס. פּראָפֿעסיאָנעלע טוערס פֿון פֿאַראיין, מיט דער הילף פֿון מרדכי שענקאַר, האָבן פֿאַר דער פּאָליציי־מאַכט אויפֿגעוויזן, אַז זי האָט נישט קיין שייכות צו די יינגלעך מיט די פֿאַרדעקטע פּנימער ביז צו די אויגן.

אין דער זעלבער וואָך האָט בינעם, ווי שטענדיק, אין דער פֿרי זיך געגרייט פֿאָרן צו דער אַרבעט, זיין שכנה מאַטילדע איז אים אַנטקעגנגע־קומען און צו וויסן געטאָן, אַז ער דאַרף בלייבן אין שטוב צוליבן אַרויס־גאַנג־פֿאַרבאָט, וואָס די ענגלענדער האָבן אין דער נאַכט פֿאַראָרדנט. בינעמען איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דער אַרויסגאַנג־פֿאַרבאָט דאַרף אָנהאַלטן אַזש דריי טעג, און ביי אים אין צימערל איז פֿאַראַן אַ ביסל טרוקן שפּייז, וואָס קאָן אים סטאַיען נישט מער, ווי אַ קאַרגן טאָג. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן און געטראַכט, ווי איז עס מעגלעך, אַז אין אַזאַ שטאָט, ווי אין תּל־אָבֿיבֿ זאָל מען די מענטשן פֿאַרשליסן אין די שטובן אָן אַ פֿריִערדיקער מעלדונג, אַז דער אַרויסגאַנג־פֿאַרבאָט וועט דויערן עטלעכע טעג. מיט אַ צווייפֿל אין דער ריכטיקייט פֿון זיין בעל־הביתטעס רייד האָט בינעם, מיט פֿאַרזיכטיקע טריט, אָנגעהויבן גיין צו דער גאַס, אפֿשר דאָך וועט ער זיך דערשלאָגן צום שפּייזגעוועלבל אין דער שכונה. ווי נאָר בינעם איז אַרויס אויף דער צווייטער זייט פּלויט אַרום הייזל, האָבן אים זיינע שכנים דורכן פֿענצטער דערזען און מיט די הענט אים געגעבן צייכנס, ער זאָל צוריקגיין. אויך זיין שכנה מאַטילדע האָט מיט צעשראָקענע אויגן דורך דער אָפּגע־לענטער טיר אים געוואָרנט נישט איינצושטעלן זיין לעבן. בינעם האָט נאָך באַוויזן כאַפּן אַ בליק צו דער גאַס און געזען פֿאַר זיך די טויטע שטילקייט

אַרום די פּאַרהאַקטע טיר־און־פענצטער פון די נידעריקע הייזלעך. ערגעץ פון די אַספּאַלטירטע גאַסן האָט אָפּגעהילכט אַ געררויש פון דורכלויפנדיקע אויטאָס — און ווידער אַ שרעקנדיקע שטילקייט, ווי אין מיטן דער נאַכט. אַ פאַרשלאָפענע קאַץ איז אַרויס פון אַ באַהעלטעניש, האָט אויסגעצויגן די פאָדערשטע פיסלעך נאָך אַ לאַנגן גענעץ, זיך אַרומגעקוקט אין דער ליכ־טיקער שטילקייט און איז געבליבן שטיין פאַר אַ שוועל מיט אַ פאַרריסן קעפּל צו דער טיר.

אַריינקומענדיק צוריק אין צימערל איז בינעם געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געטראַכט: אַ „שפּערע־שטונדע" אין תל־אביב? אַרויסגאַנג־פאַרבאָט? שרעק פאַר הונגער? אַ טרייסל אין דער טיר האָט איבערגעריסן בינעמס אומעטיקע מחשבות. אין אַריינגאַנג איז געבליבן שטעקן אַן ענגלישער סאָלדאַט מיט אַ פאַרריסן פּנים צו בינעמען. ער האָט אַ פיר געטאָן זיין בליק איבער די ווענט, געמאַכט אַ טריט פאָרויס אין צימער אַריין. קעגן בינעמען איז געשטאַנען אַ הויכוווקסיקער זעלנער מיט אַ בערעט אויפן קאָפּ. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די ביקס, די צווייטע איז געווען אויסגעשטרעקט נאָך בינעמס דאָקומענט, וואָס ער האָט גוט באַטראַכט און צוריקגעגעבן. אַ צווייטער זעלנער איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר און האָט זיך אומגעדרייט צום אַרויסגאַנג. אַזוי איז בינעם איבער־געקומען די אומהיימלעכע מינוטן, וואָס דאָס קאַלטע פּנים פון דעם ענג־לענדער האָט אויף אים אַנגעוואָרפן.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז בינעם געבליבן אָן אַ ביסן ברויט. אים האָבן געשראָקן די צוויי טעג אַרויסגאַנג־פאַרבאָט, וואָס ער האָט נאָך געדאַרפט איבערקומען. אפשר זאָל ער אַריבערגיין דעם פּוסטן שטח און זיך דערשלאָגן צו דער טיר פון זיינע קרובים? די מחשבות האָבן אים נישט געלאָזט רוען ביז ער איז אַרויס פון חדר. די הייזלעך אויף דער זאַמדיקער גאַס זענען געשטאַנען ווי צונויפגערוקטע אין דער נאַכטיקער טונקלקייט. די האַלבע לבנה האָט ער געלאָזן הינטער זיך און מיטן פּנים פאָרויס זיך גערוקט צו דעם באַרגיק־זאַמדיקן שטח. פון די שכנותדיקע גאַסן עליה און טשלענאָוו האָט זיך געהערט דאָס רויִשן פון מיליטערישע

מאַשינען. ליכטפּאַסן זענען געשפּרונגען איבער פאַרטונקלטע ווענט. בינעמען איז פאַרגעקומען, ווי די אָנגעשטעלטע רעפלעקטאָרן צילן גלייך צו אים, האָט ער זיך אויסגעלייגט איבערן זאַמד און געקראָכן. אַ ריח פון דינעם שטויב האָט אים געשלאָגן אין נאָז און מויל. אין זיינע אויערן האָט אָפּגעהילכט דאָס גרילן פון אַלע עקן איבערן פוסטן שטח. די טונקלקייט האָט אים באַגלייט ביז אַראָפּ, צו דער נאָענטער קאָנגרעס־גאַס.

ווען בינעם איז אַריין צו זיינע קרובים, איז ער געווען באַדעקט מיט שטויב, ווי נאָך אַ ווייטן זאַמדיקן וועג. באַפרייט פון זאָרג פאַר הונגער און איינזאַמקייט, האָט ער גלייך דערפילט די היימיש־וואַרעמע אַטמאָספער ביי דבורהן און מנחמען.ביידע זענען זיי געווען גוט אָריענטירטע אינעם פּאָליטישן לעבן און זיי האָבן פאַר בינעמען געשילדערט דעם אונטערערדישן קאַמף קעגן די ענגלענדער.

ביי פאַרהאַנגענע פענצטער איז צווישן זיי אָנגעגאַנגען אַ שמועס וועגן לח״י, אצ״ל און הגנה — אַן אַקטועלע טעמע פאַר אַלע ייִדישע שטובן אין לאַנד. ייִדן זענען געווען געטיילט אין זייערע מיינונגען מיט שאַרפע חלוקי־דעות וועגן דעם אופן פון אָנווענדן דעם קאַמף קעגן דער מאַנדאַטאַרן־מאַכט. אויך ביי דעם טיש איז געגאַנגען דער וויכוח.

בינעם מיט דבורהן זענען געווען אייניק, אַז טעראָר רופט אַרויס קעגן־טעראָר. די ייִדישע בחורים פון לח״י און אצ״ל זענען מקריב זייער לעבן פאַר די זעלבע צילן, אָבער מיט מעטאָדן פון קאַמף, צו וועלכע די באַדינגונגען אין לאַנד זענען פאַר דעם נישט רייף.

מנחם האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג. לאָמיר אָננעמען — האָט ער פאַרקנייטשט זיין גמרא־שטערן — אַז דער באַוואָפנטער קאַמף וועט זיך אָפּשטעלן, אַזוי ווי עס לייגן פאַר די, וואָס גלייבן נאָך אין ענגלאַנדס יושר. די בריטישע סאָלדאַטן, וואָס פאַריאָגן די מעפּילים פון די ארץ־ישראלדיקע ברעגן, וועלן זיך דערפילן פריי אין דעם לאַנד וואָס ווערט דורך ענגלאַנד אויסגענוצט פאַר זייערע מלוכישע צילן. דאָס ארץ־ישראלדיקע פּראָבלעם אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע וועט ווערן אויס אַקטועל. אויב אין לאַנד וועט הערשן רו, וועט מען נישט דאַרפן זוכן קיין לייזונג.

בינעם האָט אַ זיפּץ געטאָן:

— ווידער גיסט זיך ייִדיש בלוט, און דווקא דורך די ענגלענדער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן נאַצי־דייטשלאַנד.

מנחמען האָט בינעמס ווערטער טיף געטראָפן:

— אויב דו האָסט געמיינט, אַז דו ביסט אַרויס פון גיהנום און אַריין אין אַ גן־עדן — איז עס דיין טעות. די ענגלענדער האָבן געקעמפט קעגן דייטשלאַנד פאַר זייערע אינטערעסן און זיי טוען דאָס זעלבע אויך אין ארץ־ישראל. אָן דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן די ענגלענדער וואָלט וועמען איינגעפאַלן פאַרצולייגן שאַפן אַ ייִדישע מדינה?

דבורה:

— און אַז מען האָט שוין פאַרגעלייגט, קאָנען נישט די ענגלענדער צו נישט מאַכן די פּאַרשלאָגן? ווער וועט זיי צו דעם צווינגען? די עטלעכע ייִדישע בחורים, וואָס גייען העלדיש צו דער תליה?

— אַ — האָט מנחם צעפירט זיין האַנט — די העלדישע בחורים זענען דער קערן, פון וועלכן עס וועט זיך צעוואַקסן דער אויפשטאַנד קעגן די פרעמדע מושלים. אַזוי הייבן זיך אָן אַלע באַפרייונגס־קאַמפן פון אונטער־דריקטע פעלקער. די געשיכטע וועט זיך איבערחזרן אויך דאָ מיט אונדז ייִדן אין ארץ־ישראל.

בינעם האָט מער נישט געוואָלט אַרויסברענגען זיינע אַרגומענטן וועגן פאַסיוון ווידערשטאַנד אָן מאָרד, אָן תליות. ער איז געזעסן מיט אַ פאַר־זאָרגט פנים און געשוויגן.

מנחמען האָט בינעמס שווייגן שאָקירט:

— פאַרליר נישט דעם מוט. ביסט געקומען קיין ארץ־ישראל צו אַ באַפרייט לעבן. קוק אויף דערווירקלעכקייט מיט אָפענע אויגן.

ס'איז געווען די צייט פון איבערגעבן נייעס. דבורה האָט געעפנט דעם ראַדיאָ. איר פנים איז געוואָרן געשפאַנט ביים אויפנעמען די מעלדונג פון לאָנדאָן: „אין תל־אביב און אַרום דער שטאָט דויערט דער דרייטאָגיקער אויסנאַם־צושטאַנד. איבערן לאַנד קומען ווייטער פאָר סאַבאָטאַזש־אַקטן און די ענגלישע מאַכט שטייט אין כסדרדיקן קאַמף קעגן די טעראָריסטן"...

אויף מנחמס פנים האָט זיך צעלייגט אַ ברייטער שמייכל:

— מיר ווילן נאָך דערלעבן הערן פון דער זעלבער ראַדיאָ־סטאַציע, אַז די ענגלענדער פאַרלאָזן ארץ־ישראל.

בינעם האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון מנחמס אָפּטימיזם:

— קאָנסט אפשר אויך זאָגן ווען דאָס וועט געשען?

מנחם האָט צענומען די הענט:

— קיין נביא בין איך נישט, אַז עס וועט אָנהייבן ברענען די ערד אונטער זייערע פיס, ווילן מיר הערן די נייעס.

אין לעצטן טאָג פון אַרויסגאַנג־פאַרבאָט, ווען אַלע זענען שוין געלעגן מידע פון רעדן און טראַכטן, האָבן זיך דערהערט קלעפּ אין דער טיר. אַ שטרענגע שטים אין ענגליש האָט פאַרלאַנגט עפענען. אין שטוב זענען אַריין דריי ענגלישע זעלנער און באַפוילן מיט זיי מיטגיין.

אין דרויסן זענען אַלע דריי געפירט געוואָרן דורך די באַוואָפנטע זעלנער צו דער שכנותדיקער לעווינסקי־גאַס. אין דעם גרויסן זאַל פון דער שולע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מיליטערישע קאַזאַרמע זענען געשטאַנען לאַנגע רייען תל־אביבער תושבים פון די אַרומיקע גאַסן מיט דאָקומענטן אין די הענט און פאַמעלעך זיך גערוקט צו די טישלעך באַזעצטע מיט מיליטער־לייט. זיי האָבן ביי יעדן איינעם קאָנטראָלירט זיין אויסזען מיט די פאָטאָגראַפיעס פון די פּערזענלעכע פּאַפּירן.

אַהיימקומענדיק האָט מנחם געזאָגט:

— נאַרישע ענגלענדער! די, וועמען זיי זוכן, רוען ערגעץ נאָך דער „נאַכטאַרבעט", אָבער נישט אין תל־אביב...

באַלד נאָך די דריי טעג אַרויסגאַנג־פאַרבאָט איז אויסגעפאַלן די שלושים נאָך בן־ציון שענקאַרס טויט. אין מיטן דער אַרבעט זענען אַלע אַרבעטער גערופן געוואָרן אַרויסצוגיין אויפן גרויסן פאַבריקהויף. פון אַ באַלקאָן אַראָפּ האָבן צו די פאַרזאַמלטע גערעדט מענטשן מיט געביילטע פויסטן און גערופן זיין וואַכזאַם צו די געשעענישן אין לאַנד.

צוזאַמען מיט דער אָנגעשטרענגטער לאַגע אין לאַנד, האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט דערווירטשאַפטלעכער קריזיס וואָס האָט זיך אויך גע־לאָזט פילן אין דער פאַבריק. די לאַגערן זענען פול געווען מיט סחורה,

וואָס האָט געוואָרט אויף אויסלענדישע אָפּזאַצמערק. אין דער פֿאַבריק איז צוריק איינגעפירט געוואָרן אין אַרבעטסשיכט.

דערווייל האָט די שפּולעריי נאָך געאַרבעט אין דעם זעלבן טעמפּאָ, אָבער פון אַהובהס פּנים האָט בינעם אַראָפּגעלייענט, אַז עפּעס גרייט זיך. אים האָט געשראָקן די דראָענדיקע אַרבעטסלאָזיקייט. טאָג־טעגלעך האָט מען געהערט פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען וועגן באַזייטיקטע פון דער אַרבעט. נישט איין מאָל האָט זיך אַהובה איינגעשטעלט פאַר בינעמס טאָג פאַרדינסט. איר איינפלוס האָט געווירקט ביז אריה שענקאַר. נאָך זיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד, איז ער אַראָפּגעקומען אין דער פאַבריק אויף אַ לענגערער באַראַטונג. אַהובה האָט תיכף דערזען אין דעם אַ שלעכטן סימן. זיינע באַזוכן האָבן שטענדיק געהאַט אַ שייכות צו נייע אַנטוויקלונגען אין דער פאַבריק. און זי האָט קיין טעות נישט געהאַט: עטלעכע טעג נאָך זיין באַזוך איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַלע וואָס זענען אָנגעקומען אין פאַבריק די לעצטע צוויי יאָר, דאַרפן אין צוויי וואָכן אַרום פאַרלאָזן די אַרבעט. צוזאַמען מיט איבער צוויי הונדערט געקינדיקטע האָט בינעם פאַרלאָזט „לאָדזשיאַ".

קאַפּיטל פיר

# צום לעבן

גאַנץ אָפט פלעגט בינעם נאָך דעם טאָג אַרבעט אַריינקומען צו דבורהן און מנחמן. ביי זיי האָט ער געפונען אַ היימיש ווינקל. ער האָט שוין אַפילו געהאַט זיין שטענדיק אָרט אויף דער סאָפע ביים עק טיש, ווו ער האָט געלייענט, געשריבן און געשמועסט. בינעמען האָבן געריירט זייער נאָענט־קייט, זייערע זאָרגן פאַר אים, אים האָט געצויגן צו דער וואַרעמער אַט־מאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער שטוב.

דבורה האָט זיך געפונען אין טרויער נאָך איר איינציק־פאַרבליבענעם ברודער, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אומגעקומען ביי אַן אַרבעטס־קאַטאַסטראָפע אין ערשטן יאָר נאָך זיין חתונה.

אַ שווערע שטימונג פלעגט דבורהן באַפאַלן ווען ס'איז צו איר אין שטוב געקומען אויף אַ באַזוך איר יונגע שוועגערין רחל, די אַלמנה נאָך איר אומגעקומענעם ברודער. די טונקעלע קליידער פון איר שוועגערין האָבן ביי אַזאַ וויזיט אויפגעוועקט אין איר די נאָך פרישע זכרונות, ווען זי האָטביידן שטענדיק געזען צוזאַמען מונטערע, לעבנס־לוסטיקע מיט יונגע צעשמייכלטע פּנימער. ביי די וויזיטן האָבן די שוועגערינס אויסגע־מיטן זיך לענגער איינצוקוקן אין די פאַראַבלטע פּנימער, טאָמער וועט איינע ביי דער צווייטער אַרויסרופן אַ טרער.

אַז בינעם פלעגט אַריינקומען צו דבורהן אין שטוב און דאָרט באַגע־געגענען רחלען, איז ער אָפט געווען דער גורם, וואָס האָט זייערע אומעטיקע שמועסן אַרויפגעפירט אויף אַ זייטיקע טעמע. בינעמען האָט נישט אויס־געפעלט קיין וואָרט זיי אַריינצוציִען אין אַ געשפּרעך, וואָס זאָל מאַכן הייטערער זייער שווערע שטימונג. צום מיינסטן האָט בינעם ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיין בעל־הביתטע — ווי אַזוי ביידע געפינען צווישן

זיך אַ געמיינזאַמען לשון. ער — מיט די ווינציקע ווערטער העברעיִש, און זי, מאַטילדע — מיט די שנעל־איבערגעכאַפּטע ווערטלעך פון זיין ייִדיש, וואָס איז פון איר מויל אַרויסגעקומען אַזוי קאָמיש פאַרדרייט ביז צום לאַכן.

בינעם האָט זיין אומגעקומענעם קרוב גוט געדענקט נאָך פון די יונגע יאָרן אינעם פּוילישן שטעטל. ער איז געווען אַ שיינער בחור, מיט פיינע מידות און אַקטיוו אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. באַקענענדיק דאָס ערשטע מאָל רחלען האָט בינעם געטראַכט, אַז זי האָט געדאַרפט אין זיך עפּעס פאַרמאָגן, אַז זי זאָל ווערן זיין קרובס אויסדערוויילטע.

רחל איז געווען אַ שלאַנקע, העכער פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ לייכט־באַוועגלעכער פיגור, מיט שוואַרצע, אומעטיקע אויגן אין איר העלן אַ ביסל לענגלעכן פּנים. פון איר קאָפּ זענען געפאַלן די שוואַרצע געלאָקטע האָר ביז איבער די אַקסלען.

ווען בינעם האָט דאָס ערשטע מאָל געזען רחלען, זענען אירע אויגן געווען פול מיט אומעט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט אַזעלכע פרוויִשע אויגן, וואָס האָבן אָפּט געטוישט דעם אויסזען — אַ מאָל היימיש נאָענט, און אַ מאָל — מיט אַ ווייט־פרעמדן בליק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אומהיימלעך געפיל. כאָטש בינעם האָט פון זיך דערווייטערט אַלץ, וואָס האָט פאַר אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג צום נייעם לעבן, האָבן דאָך רחלס אויגן צו אים גערעדט; אַרויסגערופן אַ נייגער טיפער אין זיי אַריינצוקוקן און זוכן דאָס באַהאַלטענע אונטער דעם אָפּגע־זעצטן טרויער.

אַ געבוירענע אין ירושלים, איז רחל פון אירע פריסטע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין תל־אביב. זי איז געווען אַ טאָכטער פון זעקסטן דור תושבים אין ארץ־ישראל און אין שטוב האָט זי אויפגעכאַפּט דאָס ייִדישע לשון אַזוי ווי אירע עלטער־זיידעס פון דער מאַמען האָבן גערעדט אין דער ליטע און אַזוי ווי דעם טאַטנס אָבות — אין דער שטאָט ליובאַוויטש אין צאַרישן רוסלאַנד. פאַר בינעמען איז רחלס ייִדיש געווען ווי אַן אַריינפיר צו זיינע שמועסן מיט רחלען אויף די שפּאַצירן ביים תל־אביבער ים־ברעג.

בינעם האָט ליב געהאַט דעם טייל פון שטאָט, ווו די מיט שטויב

באַדעקטע גאַסן האָבן דערגרייכט דעם ים. דאָ פֿלעגט ער נאָך זיין אַרבעטס־טאָג שעהען לאַנג שטיין אַן אָנגעשפּאַרטער אין בעטאָנענעם פּלויט, וואָס טיילט אָפּ דעם ים־ברעג פֿון דער הירקון־גאַס, אַ פּאַרקוקטער אין די ים־ווייטקייטן און געלאָזט זיך איינוויגן פֿון די ברומענדיקע כוואַליעס.

דער תל־אביבער ים־ברעג האָט אָנגעהויבן ווערן דער טרעפּפּונקט פֿון בינעמס מיט רחלס ערשטע באַגעגענישן. דער ים האָט זייביידן געמאַכט דרייסטער, היימישער און דערנענטערט איינער צום צווייטן. אויף דער פֿרייער לופֿט האָבן ביידע אויסגעזען דרייסט און שפּילעוודיק. רחלס שלאַנ־קער קערפּער איז געווען ווי געטאָקט אין דעם אויסגעפּאַסטן באַדקאָסטיום, אירע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן איבער די כוואַליענדיקע וואַסערן, מיט־ציענדיק מיט זיך בינעמס בליקן העט ווייט אין ים.

אומקערנדיק זיך צום ברעג פֿלעגט זי אַריינשווימען אין זיינע צעעפֿנטע אָרעמס. אַן אָנגעהאָנגענע אויף בינעמס האַלדז האָט רחל קוים געקענט אַרויסרעדן:

— קאָנסט נישט שווימען?

— אין מיין פּויליש שטעטל איז נישט געווען קיין ים — האָט בינעם געזאָגט.

— איצט איז ער אויך דיין ים.

— און קאָנען שווימען?

— נו גוט, קום וועל איך דיך לערנען...

ביידע זענען זיי אַוועק נאָענט צום ברעג, וווּ דאָס וואַסער האָט דער־גרייכט נאָר ביזן האַלבן גוף. רחל האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און בינעם האָט זיך אויף זיי אויסגעצויגן:

— אָט אַזוי, צעפּיר די הענט פֿאַר זיך, און מיט די פֿיס שטופּ דאָס וואַסער הינטער זיך.

— גוט, איך וועל אַזוי טאָן.

עטלעכע מאָל האָט רחל איבערגעחזרט מיט בינעמען די זעלבע איבונגען און נאָך דעם געהייסן אים ווייזן זיינע קענטעניש.

— אָט אַזוי! גוט! — האָט רחל איבערגעשריגן דעם גערויש פֿון די כוואַליעס.

— צו אַ שווימפאַרמעסט קאָנסטו זיך נאָך נישט שטעלן — האָט רחל אַריינגעלאַכט אין בינעמס פּנים.

— קום אַהער, אָבער דאָס לעצטע מאָל!

ווידער האָט בינעם מיט רחלס הילף, אַ שטויס געטאָן דאָס וואַסער עטלעכע מינוטן אויף דער אויבערפלאַך און געזונקען. ער האָט גיך זיך געשטעלט אויף די פיס און מיט אַ פאַרחלשט פּנים זיך געריסן צום ברעג. מיט לאַנגע שפּרייזן איז רחל אים נאָכגעגאַנגען ביז צום ברעג און אַ לאַך געטאָן מיט אירע צוויי ווייסע שורות ציין:

— אויף די זאַמדן אפשר וועסטו קאָנען אַליין שווימען.

פון די הויכע אָבסערוואַציע־טורעמס האָבן די רעטערס מיט ברייטע שטרויענע זונהוטן געפייפט אין געשריגן דורך די הילכער צו די דער־ווייטערטע פונעם ברעג. רחל מיט בינעמען זענען געלעגן אויף די שטולן. אַרום האָט מען געגומען זיך אָנטאָן. די שומרים האָבן אָנגעהויבן צונויפנעמען די אָפּגעליידיקטע שטולן. די פייכטע ים־לופט איז געוואָרן קילער. רחל האָט פאַרוואָרפן אַ טיכל איבערן קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל און אין איילעניש אַ זאָג געטאָן:

— אוי, איך דאַרף גיך אַהיימגיין.

— זאָל איך דיך באַגלייטן?

— אויב דו פאַרשטייסט אַזוי...

— איך זע דיך איצט גאָר אַן אַנדערע, ווי דו ביסט געווען אין ים.

— ריכטיק — האָט רחל געזאָגט — אין ים טרייבן די וואַסערן צו שטיפערייען, צום לאַכן, אויף דער טריקעניש איז עפּעס אַנדערש, דאָ זענען אַנדערע פליכטן, אַנדערע אויפגאַבעס.

בינעם האָט אַ וואָרף געטאָן האַלב איראָניש:

— לויט דיין איילעניש איז דאָס גאָר אַ וויכטיקע אויפגאַבע.

— אויב דו מיינסט, אַז איך איל צו אַ וויכטיקער אויפגאַבע — האָט רחל געשפּילט אויף בינעמס נערוון — דאַרף איך באמת זיין פּינקטלעך...

רחלס צווײדייטיקע ווערטלעך זענען פאַר בינעמען געווען אָנצישעוודיק און נישט פאַרשטענדלעך. רחל איז געגאַנגען מיט איר שטאָלצן גאַנג און

ער האָט געכמורעט די ברעמען צו אירע פוסטריט. ער האָט נישט געקאָנט תופס זיין די כוונות פון אירע ווערטלעך.

די אַלענבי־גאַס איז פול געווען מיט מאַסן מענטשן. דער טומל אויף די טראָטואַרן האָט זיי נישט איין מאָל צעשיידט און ביידע האָבן זיך געזוכט אָפּצוגעפינען. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע תל־אביבער איינוווינער וואָלטן זיך דורך דער גאַס געשטופּט צו דעם קילן ים־ברעג. רחל האָט נישט באַ־האַלטן איר שטימונג פון יאָגעניש. ווען ביידע זענען דערגאַנגען צו דער ליליענבלום־גאַס און בינעם האָט אויסגעצויגן די האַנט צו זאָגן רחלען „שלום", האָט זי אים געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג:

— ווילסט מיך נישט באַגלייטן דאָס שטיקעלע וועג ביז צו מיין ווינונג?

— איך זע, אַז דו דאַרפסט לויפן, נישט גיין...

— ס'געשעט אַ מאָל — האָט רחל ווידער געכאַפּט אַ שנעלן קוק אויפן זייגערל.

גייענדיק לעבן רחלען האָט בינעם אין זיך איינגעחזרט די צוויי ווער־טער „ס'געשעט אַ מאָל" און זיי פאַרשידן אויסגעטייטשט. ביים הויז פון איר ווינונג האָט בינעם געפרעגט, צי ער קאָן זיך מיט איר מאָרגן טרעפן. רחל האָט אים פאַרבעטן קומען איר אָפּנעמען פון דער אַרבעט.

רחל איז שנעל פאַרשוווּנדן אין אַריינגאַנג פון הויז. איר גיך פאַרלוירן גיין פון זיינע אויגן האָט אים שטאַרק געאַרט. אַ מענערישער נייגער האָט געטליעט אין זיינע אייפערדיקע שוואַרצאַפּלען, וואָס זענען געווען אָנגע־שפּיצט צום אַריינגאַנג אין הויז. וואָס איז ביי בינעמען אַלץ נישט אַדורך אין זיינע שנעלע מחשבות אין אָט דעם טונקעלן טרעפּ־אַריינגאַנג: וואָס איז געשען מיט רחלען, מיט איר שנעלן אַנטלויפן? וויל זי זיך דערווייטערן פון אים? פאַר וואָס, און צוליב וועלכע סיבות? און אָט דערמאָנט ער זיך די בלאָע וואַסערן, וואָס האָבן געפּאַליעט פאַר די אויגן. רחלס צעעפנטע אויגן אין איר קאָפּ מיטן גומענעם היטעלע האָבן אַרויסגעשטראַלט און דער אָפּהילך פון איר געלעכטער האָט דערגרייכט ביז צו די געמויערטע ווענט פון דעם הויז... אָבער וואָס שטייט ער דאָ? וואָס האָט אים פאַרהאַלטן?

פלוצלינג האָבן אַראָפּלויפנדיקע טריט פון אויבערשטן שטאָק אים

פּאַריאָגט אין אַ ווינקל. אים האָט זיך געדוכט, אַז רחל איז אַרויס אין גאַס.

אויף אַ קורצן מהלך איז בינעם אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר נאָכגעגאַנגען דער געשטאַלט. זאָל דאָס טאַקע זיין רחל? פאַר וואָס אין אַזאַ אָפּגעלאָזענעם הולך? אין אַ ברייטער טונקעלער בלוזקע מיט לאַנגע אַרבל, אין אַ קורצן שוואַרצן ראָק, אויף די נאַקעטע פיס — סאַנדאַלן, די האָר אַרומגענומען מיט אַ טונקל קאָפּטיכל. אפשר איז עס נישט רחל? אָבער אין דעם עלעקטרישן ליכט פון דער גאַס האָט זיך בולט געזען איר עטוואָס לענגלעך פּנים, מיט אירע גרויסע אויגן אַנגעשטעלטע פאַרויס פאַר זיך. אויך איר שטאָלצער טראָט מיטן פאַרריסענעם קאָפּ האָבן ביי בינעמען נישט איבערגעלאָזן קיין צווייפל, אַז ער איז נאָכגעגאַנגען טאַקע נישט קיין אַנדערער, נאָר רחלען ביז צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע, ווו זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי צום אַוועקפאָרן.

בינעם איז אַוועק צו זיך. זיין צימערל איז פול געווען מיט אַ געדיכטער שטילקייט, מיט אַ פיינלעכן אומעט. בינעם האָט זיך אַלץ מער פאַרוויקלט אין זיינע מחשבות: וווהין איז רחל אַוועק מיט אַזאַ אויסזען? בינעם האָט געוווּסט, אַז איר באַפאַלן אָפט אומעטיקע מינוטן, וואָס ציִען איר צום קבר פון אומגעקומענעם מאַן, אָבער אין אָוונט?

אין פינצטערן חדר אויפן געלעגער האָט בינעם זיך געזען ווי אַ גע־פאַנגענער פון פרעמדע אומהיימלעכע געפילן. בינעם האָט מקנא געווען זיין בעל־הביתטע. איר כראָפּען איז דערגאַנגען צו אים דורך דער שכנותדיקער וואַנט און אים האָט אין גאַנצן נישט געגומען דער שלאָף. פון ערגעץ אין דער שכונה האָט זיך שוין געהערט דאָס קרייען אויף טאָג. די דרויסנדיקע פינצטערניש הינטערן פענצטערל האָט אים פאַרשלייערט מיט אומרו און אומקלאָרע דערוואַרטונגען.

צו דער אָפּגערעדטער צייט איז ער דערגאַנגען צו דער גרוזענבערג־גאַס און רחלען געטראָפן ביים אַריינגאַנג פון געשעפט. צי האָט זי אים אויס־געקוקט און אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל, כדי דערמיט צו פאַרטושן זייער נעכטיקע צעשיידונג? אַזאַ געדאַנק איז אים אַדורכגעלאָפן ביים דורכגיין דאָס לאַנגע געשעפט ביז צום זיצפּלאַץ פון איר אַלטן שעף טופיק מוגראַבי,

ביי ווענמען רחל האָט געאַרבעט ווי זיין פּריוואַט־סעקרעטאַרין, און בינעמען פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אים. אַ טויבער, האָט מוגראַבי, דורך זיינע דיקע ברילן־גלעזער זיך איינגעקוקט אין רחלס מויל און פֿון אירע ליפּן־באַוועגונגען האָט ער פֿאַרשטאַנען בינעמס קרובשאַפֿט צו איר. ער האָט געדריקט בינעמס האַנט און צוגעשאָקלט מיטן גלאַטן גאָלן קאָפּ.

זיי זענען אַוועק. רחל האָט בינעמען דערציילט וועגן איר אַלטן שעף, וואָס דער פּלאַץ און דער קינאָ־בנין אויף דער אַלענבי־גאַס טראָגן ביידע זיין נאָמען — מוגראַבי. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז רחלס אויגן ווילן אים איבערבעטן: „פֿאַרגעס דיין נעכטיקן פּאַרדרוס"... אין דעם רויטן זומערקליידל, וויס געפּינטלט, מיטן גלאַנציקן פּאַסיקל אַרום דער טאַליע, האָט איר בויגעוודיקע פיגור אויסגעזען נאָך מער געשיקטער. זיי זענען אַריין אין אַ קאַפֿעהויז מיט אַן אָפֿענעם גאָרטן.

ביים טישל האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט, איינער ביים צווייטן האָט געוואָלט עפּעס אַרויסלייענען פֿון די אויגן.

בינעם האָט אָפּגערוקט פֿון זיך דאָס אויסגעליידיקטע גלאָז און גע־זוכט אַ וואָרט ווי אַזוי צו באַרירן די נעכטיקע געשעעניש, וואָס האָט אים גורם געווען אַזוי פֿיל עגמת־נפֿש.

רחל האָט באַמערקט אין בינעמס פֿאַרטראַכט שווייגן, אַז עפּעס דריקט אים אויפֿן האַרצן.

— זאָג מיר, בינעם, עס דאַכט זיך מיר, אַז פֿון נעכטן קוועלט דיך עפּעס.

בינעמס אויגן זענען געוואָרן וואַך און קאָנצענטרירט:

— איך בין צופֿרידן פֿון דיין פֿראַגע. נעכטן, נאָכן אַרויסגיין פֿון ים, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דו ווערסט צו מיר פֿרעמד, ווי עס וואָלט דיך עפּעס געיאָגט פֿון מיר.

רחל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט וועלן געפֿינען אויף איר פֿאַרביק קליידל אַן ענטפֿער אויף בינעמס פֿאַרוואורף. זאָל זי אים דער־ציילן וועגן איר נעכטיקער אויפֿגאַבע? מעג זי פֿאַר אים, דעם נייעם עולה, זיין נישט דיסקרעט מיט אירע געהיימע שליחותן? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט זייערעביידנס פּערזענלעכע געפֿילן?

רחל האָט זיך אַנגעבויגן צו בינעמען און שטיל געזאָגט:

— איך בין טעטיק אין אַן אומלעגאַלע באַוועגונג און כ׳מוז אויספירן געהיימע באַפעלן.

— מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן — האָט בינעם פריי אָפּגע־אָטעמט — דיין טעטיקייט איז מיר פונקט אַזוי נאָענט, ווי דיר אַליין.

רחל האָט פאַר בינעמען געשילדערט איר טעטיקייט אין הנוער־העובד. אין דער אומרויִקער צייט האָט געשלאָגן די שעה פאַר איר אַנטייל אין קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט. און דאָ האָט רחל אויפגע־דעקט פאַר בינעמען דעם סוד, אַז זי איז אַ פאַרבינדלערין צווישן די אונ־טערערדישע הגנה־גרופּן און זי מוז אָפט זיין גרייט צו אַ שליחות, און אַלע מאָל — אין אַנדערע קליידער.

נאָך איר אויסרעדן זיך האָט רחל אויסגעזען אַנדערש ווי ער האָט איר געדענקט פון נעכטיקן פאַרנאַכט. פאַרשוווּנדן זענען די אַלע חשדים זיינע קעגן איר. עס איז שוין נישט געווען דער אומגעדולד אין זיינע אויגן.

אין גאָרטן איז אַריין אַ פּאָרל און מיט רחלען זיך היימיש באַגריסט. ביידע האָבן אויף זיך געטראָגן שפּילקעס פון „מגן דוד אדום״, וואָס האָט געצויגן בינעמס אויפמערקזאַמקייט. רחל האָט באַמערקט זיין נייגעריקייט צו דער אָפּצייכענונג אויף זייערע קליידער, האָט זי פון איר טאַש אַרויס־גענומען די זעלבע שפּילקע, זי אַ ווײַלע אָנגעשטאָכן אויפן קליידל און צוריק אַראָפּגענומען. פון דעם האָט זיך בינעם דערוווּסט אַז רחל איז אויך טעטיק אין „מגן דוד אדום״ ווי אַן אינסטרוקטאָרין אויסצושולן פרייוויליקע פאַר דער גיכער הילף. טאַקע אויף מאָרגן האָט זי בינעמען איינגעלאַדן אין הדסה־שפּיטאָל און דאָרט וועט זי אים ווייזן, ווי זי זעט אויס ביי דער אַרבעט.

רחל האָט פאַר בינעמען אויפגעקלערט די וויכטיקע אויפגאַבעס פון „מגן דוד אדום״ מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען איבערן לאַנד, נישט בלויז פאַר איר טעגלעכער טעטיקייט, נאָר דער עיקר פאַר דער צוקונפט, אויס־צושולן וואָס מער פרייוויליקע, וואָס זאָלן קאָנען דערפילן זייערע אויפגאַ־בעס מיט קענטעניש און מיט האַרץ. די טעמע האָט רחלן פאַרכאַפּט ווייט אויפן שפּאַציר נאָכן אַרויסגיין פון גאָרטן.

זי זענען צוגעקומען צום מוגראַבי־פּלאַץ. דאָ האָט בינעם זיך דערמאָנט אין איר אַלטן באָס. אים איז נישט אַרויס פֿון זינען וואָס רחל האָט זיך פֿריִער אַנדערצײלט וועגן זײַן לעבן, ווי אַזוי מוגראַבי, פֿון געבוירן אַ טויב־שטומער, איז דערגאַנגען צו אַזאַ גרויס פֿאַרמעגן. צו ערשט אין דער סירי־שער הויפּטשטאָט און דערנאָך אין ארץ־ישראל ביי זיינע גרויסע געשעפֿטן מיט ערד און מאַנופֿאַקטור. און אויך אין זיין פּריוואַטן לעבן איז ער געווען פֿול מיט ענערגיע סיי אין זיינע יאָרן ווי אַן אלמן, דערנאָך ווי אַ גרוש, און צום סוף האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיידל.

דער סיפּור המעשה וואָס רחל האָט עס דערציילט מיט פֿיל הומאָר אין איר ליטווישן ייִדיש האָט בינעמען שטאַרק פֿאַרכאַפּט און זי אַליין האָט אויך הנאה געהאַט פֿון די פּיקאַנטע עפּיזאָדן וואָס זענען איר אַרויסגע־שפּרונגען פֿון זכרון און ביי ביידן אַרויסגערופֿן הילכיקע געלעכטערס ביז צום סוף פֿון זייער שפּאַציר.

אויף דער מזא"ה־גאַס, ווו בינעם האָט זיך נעכטן אָפּגערעדט קומען, האָט אים פֿאַרהאַלטן אַ גרויסער שילד פֿון „מגן דוד אדום". רחל האָט אים באַגעגנט אין אַ כאַקי־מונדיר מיט אָפּצייכענונגען פֿון איר דינסט. זי האָט בינעמען גלייך אַריינגענומען אין אַ זאַל מיט רייען שטולן. ביסלעכווייז זענען זיך צוזאַמענגעקומען בחורים מיט מיידלעך און זיי אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, ווי אין אַ טעאַטער צו אַ פֿאַרשטעלונג. רחל איז אַריין אין אַ ווייסן פֿאַרטעך מיט אַ רויטן מגן דוד אויף דער ברוסט. די ברייט צע־קעמטע שוואַרצע לאָקן איבערן ווייסן קאָלנער האָבן זיך געטרייסלט פֿון אירע שנעלע דראָבנע טריטלעך. זי איז שטיין געבליבן ביי אַ טיש מיט אויסגעשטעלטע מעדיצינישע מכשירים און באַלד צוגעטראָטן צו איר לעקציע וועגן „גיכער הילף" ביי פֿאַרשידענע אומגליקספֿאַלן. זי האָט אירע רייד דעמאָנסטרירט מיט ליכטבילדער און געגעבן אויפֿקלערונגען ביי יעדן געוויזענעם בילד.

נאָכן פֿאַרענדיקן די טעאָרעטישע לעקציע האָט רחל פֿון זיך אַראָפּ־געצויגן דעם ווייסן פֿאַרטעך, אָנגעהאָנגען אויפֿן אַקסל אַ גרינע טאָרבע מיט אַ רויטן מגן דוד און גערופֿן די פֿאַרזאַמלטע צו גיין נאָך איר.

אויף דעם גרויסן אַספאַלטירטן הויף האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין רייען. רחל, אין אַ גרינעם כאַקי־מונדיר, האָט געגעבן באַפעלן צו די אויסגעשטעלטע אַנטקעגן איר ווי מונדירטע סאָלדאַטן, געמאַכט מיליטערישע איבונגען מיט אויסגעלייגטע אויף טראָג־בעטלעך און געלערנט אומגיין מיט באַנדאַזשן ווי אויף אַ פראָנט.

— דאָס זענען די ערשטע קאַדרן פאַר די קומענדיקע סאַניטאַר־אָפּטיילונגען — האָט רחל געזאָגט צו בינעמען. אָבער צו קיין שמועסן איז זי נישט געווען אויפגעלייגט. אַ מידע נאָך דער לעקציע האָט רחל זיך אָנגעכאַפּט אין דער לעצטער נייעס — אַז מען האָט זי איינגעלאַדן צו אַרבעטן ביי דער ערשטער הילף אין דער מגן דוד־אָפּטיילונג ביים ים.

דער רעטונגספונקט פון ערשטער הילף אויפן ים־ברעג, איז פאַר אַלע געווען גוט באַקאַנט. ער איז אָנגעקומען צו דעם נידעריקן געמויערטן הייזל. אינעווייניק איז געווען אָרט פאַר צוויי אויפגעשטעלטע בעטלעך באַצויגענע מיט ווייסער צעראַטע, אַ ווייס שענקל, אָנגעשטעלט מיט פלעשלעך, סלאָיִקלעך און באַנדאַזש־פּעקלעך, אַ שרייבטישל, אויף דעם — אַ טאָגבוך. איבערן אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ ווייסע פאָן מיט אַ רויטן מגן דוד אויף דער גאַנצער גרויס פונעם לייוונט.

צווישן די ווייסגעקאַלכטע ווענט, מיט די ווייסע מעבלשטיק האָט זיך מיט שטילע טריט באַוועגט רחל, אויך אין ווייסן אָנגעטאָן. דאָס איינציקע וואָס האָט זיך אויסגעטיילט אין דער אַרומיקער ווייסקייט איז געווען אירע שוואַרץ געלאָקטער קאָפּ האָר, אַרומגענומען מיט אַ ווייסער באַנד.

רחל האָט בינעמען צוגעפירט צו אַן עלטערן מאַן אין אַ ווייסן פאַרטעך מיט אַ רויטן מגן דוד אויף דער אויבערשטער טאַש. הערנדיק וואָס פאַר אַ קרובהשאַפט עס בינדט בינעמען מיט רחלען, איז דער דאָקטער ווילי געוואָרן היימישער און דרייסטער:

— פאָן היטלערס צאָרעס...

רחל צו בינעמען:

— דער דאָקטער רעדט דויטש.

צווישן בינעמען און דעם דאָקטער האָט זיך שנעל פאַרפירט אַ שמועס וועגן דייטשלאַנד. ד״ר ווילי, אַ געבוירענער און דערצויגענער אין בערלין,

האָט זיך איינגעהערט אין בינעמס רייד וועגן אַזוי פיל רשעות פון מענטשן. בינעם האָט שוין געהאַט אַ ביסל דערפאַרונג, אַז זיינע איבערלעבונגען דערגרייכן שווער צום מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דאָס זעלבע האָט ער אויך דערקענט אין דעם שטילן, העפלעכן דאָקטער. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען בינעמס פאַקטן. כאָטש ער אַליין, דער דאָקטער, איז געווען נאָענט פון דער תקופה, און אַלע האַפענונגען, אַז זיינע גוטע דייטשן וועלן אים ברענגען הילף, זענען געבליבן אַן אילוזיע, האָט ער דאָך אין חורבן באַשול־דיקט בלויז די נאַציס און געצווייפלט אין דער שולד פון דעם דייטשישן קולטורפאָלק.

אין מיטן פון דעם שמועס זענען פון זאַמדיקן ים־ברעג אָנגעלאָפן צוויי צעיאַכמערטע רעטערס מיט גרויסע שטרויענע היט אויף די קעפּ. זיי האָבן געטראָגן אַ דערטרונקענעם אויף אַ פעלדבעטל. ער איז געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אָן סימנים פון לעבן. דער דאָקטער מיט רחלן האָבן זיך גלייך גענומען צו זייער רעטונגס־אַרבעט, געדריקט און געקנעטן דעם בויך מיטן ברוסטקאַסטן ביז פון זיין אויפגעריסענעם מויל האָט אָנגעהויבן רינען וואַסער. דער דאָקטער האָט אָן אויפהער געאַרבעט מיט די הענט און רחל איז אים געקומען צו הילף, ביז דער אויפגעלאָפענער בויך האָט אָנגעהויבן איינפאַלן. די פריִער פאַרגלייזטע אויגן האָבן אָנגעהויבן באַקומען אַ שיין פון צוריקגעקערט לעבן, אַ פאַרשטייפטער פוס האָט אַ ציטער געטאָן און די בלאָע ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן. אין דרויסן פאַרן הייזל האָבן סאַניטאַרן פון מגן דוד־קעטשל זיך קוים דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך דער פאַרזאַמלטער מאַסע באַדנדיקע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ לעבעדיקן גרוס פונעם דערטרונקענעם. רחל מיטן דאָקטער האָבן זיך קעגנזייטיק געשענקט קאָמפּלימענטן פאַר דער געלונגענער צוזאַמענאַרבעט. איבער זיי־ערע בלאַסע פּנימער האָט געגרוט די קדושה פון אַן אָפּגעראַטעוועט מענטש־לעכן לעבן.

דאָקטער ווילי, מיט די הענט אונטערן קאָפּ אויף דער ליגשטיל, האָט געזאָגט צו בינעמען:

— מיר האָבן פריִער גערעדט וועגן אַ סך טויטע, און דאָ האָבן מיר געראַטעוועט אַן איינציק לעבן. איז דאָס נישט שווער צום באַגרייפן?

— הער דאָקטער, דייטשלאַנד האָט פאַרניכט אַ וועלט מיט מענטשן, אין ארץ־ישראל איז יעדער מענטש אַ גאַנצע וועלט.

דער דאָקטער, נאָכגיביק:

— יאָוואָל, יאָוואָל...

די נאָכמיטאָג־שעהען זענען שנעל אַריבער ביים דערלאַנגען הילף פאַר די לייכט־פאַרוואונדיקטע מיט צעשטאָכענע פיס און צעדראַפּעטע הענט פון שפּיציקע ים־שטיינער און פון סתם יונגוואַרג, וואָס האָט הנאה געהאַט צו באַלעסטיקן די באַחנטע קראַנקן־שוועסטער אין ווייסן פאַרטעך.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צום ים. די רעטערס מיט די טונקל־ברוינע אָפּגעברענטע לייבער זענען אַראָפּ פון זייער אָבסערוואַציע־פונקט און איבערגעלאָזן אויפן שפּיץ פונעם הויכן טורעמל אַ שוואַרצע פאָן. אויך דאָס הייזל פון מגן־דוד אָן דער אַרויסגעהאָנגענער ווייסער פאָן איז פאַר די נאָך פאַרבליבענע אינעם ים געווען אַ צייכן, אַז די „ערשטע הילף" איז שוין מער אין דער שעה נישט טעטיק.

ביים צעשיידן זיך מיט רחלען פאַרן אַריינגאַנג אין איר וווינונג האָט בינעם זיך מיט איר געזעגנט צו זיין אָפּפאָרן אויף צוויי וואָכן אין גבעת־ברנר. רחל האָט אים געווונטשן אַ גוטן אָפּרו, אָבער בינעם האָט נאָך געהאַלטן איר האַנט. ער האָט געוואָלט אירס אַ נאָענט וואָרט פאַר זיין אָוועקפאָרן.

— וועסט קומען מיך באַזוכן?

ווי זי וואָלט זיך גאָרנישט געריכט אויף בינעמס דרייסטע פראַגע, איז רחל געוואָרן קאַרג אויף אַ וואָרט:

— מוז איך דען שוין באַשליסן?

נאָכן געזעגענען זיך האָט בינעם געטראַכט: ער קען דאָך שוין אַ ביסל רחלען, מיט איר סאַבריש בלוט, מיט אירע פלינקע באַוועגונגען און צע־שפּילטע אָפענע אויגן ווי ביי אַ פויגל. אין ים איז זי געווען ווי אַ פיש, זיך געריצט מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט, און דאָ, ביים געזעגענען זיך, איז אַ מין גלייכגילט איר באַפאַלן. אפשר איז דאָס אַן אָנשטעל? אַ ביטערע שפּיל מיט זיינע שוואַכקייטן? בינעם האָט איצט נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך אַזעלכע מחשבות און געלאָזט די אַלע דאגות אויף שפּעטער.

אויפֿן וועג צו זיין צימערל איז בינעם אַריין זיך געזעגענען מיט דבורהן און מנחמען. זיי זענען געווען צופֿרידן פֿון זיין פֿאָרן אויף אָפּרו, אָבער האָבן אויך געהאַט טענות: זינט ער האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן מיט רחלען, קומט ער זעלטענער אַריין צו זיי. אָבער דבורה האָט געוווּסט, ווי אַזוי איר גוטמוטיקן פֿאַרוווּרף צו פֿאַרגלעטן:

— נו, אויב דיר איז עס נאָענט צום האַרצן...

בינעם האָט דבורהס נישט צופֿעליק אַרויסגעזאָגטע עטלעכע ווערטער אָפּגעפּטרט מיט אַ קורצן זאָג:

— זאָל זיך עס דערווייל אַזוי ציִען...

בינעם איז נישט געפֿאָרן אין גאַנצן גערן: ערשטנס, האָט ער געמוזט אויף דער צייט זיך באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט. און צווייטנס, דער עיקר, האָט ער געדאַרפֿט זיך אָנטאָן אַ כּוח צו פֿאַרלירן אויף דער צייט רחלען פֿון די אויגן. אָבער ער האָט אויך נישט געקאָנט זיך קעגנשטעלן דעם ווילן פֿון זיינע נאָענטע קרובֿים יצחק און רבֿקה, וואָס האָבן זיך משתדל געווען, אַז בינעם זאָל קאָנען פֿאַרבעסערן זיין נאָך נישט אין גאַנצן גוטן געזונט.

מיט זיין רענצעלע, אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן און עפּעס וואָס אויף זיך איבערטאָן, איז ער אַוועק צום אויטאָבוס. פּרדסים מיט געל־גרינע פּרוכטן, מיט צעאַקערטע פֿעלדער און גרינע פּליינען, האָבן אים געשווינדלט פֿאַר די אויגן. ביי אַ וועגל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ טיפּע אַלעע, האָט זיך דער שאָפֿער אָפּגעשטעלט און אָנגעוויזן בינעמען צו גיין גלייך פֿאַרויס. די רייעןביימער האָבן אים דערפֿירט ביז צום אַריינגאַנג אין קיבוץ.

אַ שמאָלער וועג האָט געפֿירט באַרג אַרויף צו אַ הויז צווישן בייטן בלומען. נאָדלביימער האָבן אַרומגערינגלט דאָס אָרט מיט שאָטן און טרוקענער לופֿט.

בינעם האָט באַקומען זיין פּלאַץ אין אַ צימער מיט אַן אויסקוק אויף יונגע ביימלעך, פֿאַר דער טיר איז געווען אַ גראָזפֿעלד אונטער ברייטע ביימער ווי גרויסע צענומענע שירעמס. בינעמען האָט דאָס אַלץ אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין אַ גן־עדן.

אין דעם צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטלעך. איינס האָט בינעם

פֿאַרנומען און דאָס צווייטע איז נאָך געשטאַנען ליידיק. פון די אָנגעשטעלטע, נאָך נישט צעעפֿנטע וואַליזקעס האָט בינעם פאַרשטאַנען, אַז דאָס צווייטע בעטל געהער שוין צו וועמען.

ער האָט געפּלאָנטעט באַלד נאָך מיטאָג אַרויסצוגיין אויף אַ שפּאַציר און אָנקוקן דעם קיבוץ, זען די הייזלעך, די גערטנער, די מענטשן פון דאָרף, זייער אַרבעט אויף די פעלדער, אין די פּרדסים.

די לופט איז פול געווען מיט ריחות פון בלומען און פריש־געשניטענעם גראָז. אַ קיל ווינטל פון אָפענעם פענצטער האָט אים פאַרוויגט אין אַ זיסן שלאָף.

ווען בינעם האָט געעפנט די אויגן האָט זיך אים אַ רגע געדוכט, ווי מען וואָלט אים אין שלאָף איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער צימער: ער האָט דערזען צעלייגטע פרויען־מלבושים, אַ שאַרפער ריח פון אָדעקאָלאָן האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. דער ריח איז געקומען פונעם צווייטן בעטל, ווו עס איז געזעסן אַ נידעריקע פרוי מיט אַ לענגלעך נעזל, אירע מיט שוואַרץ אונטערגעשמירטע אויגן גלייך אָנגעשטעלט אויף דעם נאָך פאַר־שלאָפענעם פנים פון בינעמען, וואָס האָט אַ פאַרחידושטער געפרעגט:

— דאָס איז אייער בעטל?

— יע...

בינעם האָט אויסגעריבן זיינע אויגן כדי בעסער זיך איינצוקוקן אין דעם אומגעריכט פאַרענדערטן אויסזען פון דער צווייטער העלפט צימער, און ווידער געפרעגט:

— ווי אַזוי קומט איר אַהער?

— און איך, ווער האָט אייך אַהער פאַרבעטן?

— אַ ליטוואַטשקע — האָט בינעם סתם אַרויסגעזאָגט זוכענדיק דעם קלאָרן געדאַנק, ווי אַזוי אויפצוגעמען דעם צונויפקום מיט דער אומבאַ־קאַנטער פרוי.

— יע, יע, אַ גאַנצע ליטוואַצקע.

בינעם האָט אָנגעוויזן אויפן שליסל אין דער פרויס האַנט:

— פון וועמען האָט איר עס באַקומען?

— לאה האָט מיר געגעבן דעם סליסל נאָך פריער פון אייך.

— אַ שיינע מעשה — האָט בינעם מיט אַ צעשמייכלט פּנים געזאָגט.

— פֿאַר מיר — האָט די פֿרוי קאָקעטיש צעוויגט דעם קאָפּ — איז עס גאָר ניט קיין ס׳יינע מאַינסע, גייט אַריין צו לאהן.

בינעם האָט געשמייכלט:

— וואָס איז די איילעניש? און אַז כ׳וועל גיין מאָרגן?

— סוין זאָלט איר גיין, און מאַכט ניט חייזיק פֿון מיר! — האָט די פֿרוי זיך אַ בייזער געטאָן.

בינעם האָט זיך פֿויל אויפֿגעהויבן און איז געבליבן שטיין מיט פֿאַר־צויגענע אַקסלען:

— אפשר גייען מיר צוזאַמען?

— יע, גוט, זאָל זי פֿון ביידע אייסהערן די סיינע געסיכטע.

לאה בערלינער, אין אַ ווייסן פֿאַרטעך מיט אַ ווייס טיכעלע איבערן קאָפּ, האָט אַרומשפּאַצירט אין דעם ליכטיקן עסזאַל צווישן די לאַנגע סער־ווירטע טישן, נאָכגעקוקט, צי אַלץ איז גרייט אויפֿצונעמען די געסט צום מיטאָג־עסן. דערזעענדיק בינעמען מיט דער פֿרוי, האָט זי אַ קוק געגעבן אויפֿן זייגערל און געזאָגט:

— ס׳איז נאָך נישט די צייט פֿון עסן.

בינעם האָט זיך אַנטשולדיקט:

— אַ פּריוואַטער ענין.

— פּריוואַטע ענינים אין חדר־אוכל?

בינעם איז צוגעשטאַנען:

— דאָס איז אָבער זייער דרינגענדיק.

— וועגן וואָס גייט אייך?

בינעמען האָט דער גאַנצער ענין אויסגעזען קאָמיש און ער האָט זיך פֿריילעך אונטערגעהאַלטן:

— אייער פֿאַרשדכענען אונדז ביידן מוז זיך פֿאַרענדיקן מיט אַ גט...

לאה, דערזעענדיק אין ביידנס הענט ביידע שליסלען מיט דעם זעלבן נומער, איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער:

— אוי, איך פֿאַרשטיי שוין...

בינעם מיט דער פֿרוי זענען לאהן נאָכגעגאַנגען ביז איר ביוראָ־צימער,

ווו זי האָט צעעפנט דאָס רעגיסטריר־בוך און אויסגעפונען דעם טעות:

— פרוי זהבה, זייט מיר מוחל, די פאַרשריבענע צימערן זענען בסדר, איך האָב נאָר דעם שליסל פאַרטוישט.

זהבה מיט אַ פאַרקרימט פנימל:

— אַ קאָפּ־דרייעניס מיט אַ פאַרטויסטן סליסל.

לאה האָט זי געטרייסט אין איילעניש:

— זאָל איך מיין טעות אַריינפירן אין אַן אָנגענעמער פריינדשאַפט.

ביידע האָבן זיך אומגעקערט אין צימער. בינעם האָט זיך געוויצלט איבער זיין קורצן „צוזאַמענלעבן" און זהבה האָט געלאַכט פון דעם גיכן „גט" מיט אירע ליטווישע ווערטלעך. בינעם האָט געהאָלפן זהבהן איבער־טראָגן איר גאַרדעראָב אין שכנותדיקן צימער. צווישן אירע זאַכן האָט ער דערזען אַ יידיש־רוסישע צייטונג. דאָרט האָט בינעם געפונען אַ רעפּאָר־טאַזש פון איליאַ ערענבורג וועגן זיבן אויסבאַהאַלטענע יידישע מיידלעך וואָס רוסישע זעלנער האָבן אָפּגעפונען אין דער ליטווישער שטאָט שאַוועל. די באַשרייבונג האָט בינעמען אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט, אַז ער האָט פאַר־געסן ווו ער געפינט זיך און נישט געפילט, אַז זהבה קוקט מיט נייגעריקע אויגן, ווי ער שטייט איינגעגראָבן מיטן פנים אין דער צייטונג. פלוצעם האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— פרוי זהבה, קאָן איך וויסן אייער פאַמיליע־נאָמען?

ווען זי האָט געענטפערט, האָט בינעם אויסגערופן אַן איבערראַשטער:

— זענט איר דאָך די זהבה פון די זיבן מיידלעך!

— יע — האָט זי מיט באַדויערן צוגעשטימט.

נאָכן מיטאָג־מאָלצייט האָט בינעם פאַרבעטן זהבהן אויף אַ שפּאַציר. זי, אין אַ געבלימטן ראָק, און ער, מיט אַ טעמבעל־היטעלע, וואָס ער האָט געקויפט ספּעציעל צו זיין אַרויספאָרן אויפן דאָרף, זענען אַרויס אויפן וועג צווישן דיביימער, ווו עס האָט זיך שוין געפילט דער אָנקומענדיקער האַרבסט. פאַרגעלטע בלעטער האָבן זיך געשאַרט אונטער די טריט, די זונשטראַלן, דורכגעדרונגענע צווישן געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן, זענען געשפּרונגען פאַר די אויגן, קילע ווינטלעך האָבן אָנגעיאָגט ריחות פון די

נאָענטע פּרדסים פון וואַנען די צייטיקע מאַראַנצן האָבן אַרויסגעוווּנקען מיט זייערע גאָלד־פאַרביקע קאָלירן.

ווען בינעם איז צוריקגעקומען פונעם שפּאַציר, האָט ער געטראָפן אין צימער אַ נייעם שכן, וואָס האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען תנחום — אַ באַפרייטער סאָלדאַט פון דער בריגאַדע. ער איז געקומען זיך אָננעמען מיט פרישע כּוחות אין דעם באַרגיקן הויז מיט די גלעזערנע ווענט פון גבעת־ברנר.

תנחומען איז אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך זיך צונויפצורעדן מיט בינעמען אין זיין יידיש לשון. ער האָט זיך געבראָכן די ציין ביים דער־ציילן וועגן די קאַמפן אויף די איטאַליענישע פראָנטן ווו ער איז צוויי מאָל פאַרווונדיקט געוואָרן און שיר נישט אַריינגעפאַלן אין דייטשישער געפאַנ־גענשאַפט. הערנדיק פון בינעמס איבערלעבונגען אין די חורבן־יאָרן האָט תנחום, כאָטש ער איז שוין געווען באַקאַנט מיט דעם וואָס עס איז געשען מיט די יידן אין אייראָפּע, נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי מילאָנען יידן האָבן זיך געלאָזט אומברענגען אָן ווידערשטאַנד.

בינעם האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי די דייטשן האָבן גייסטיק און פיזיש אַנטוואָפנט די יידן מיט פון פריער גוט פאַרטראַכטע פלענער, אָבער דאָס האָט זיך תנחומען נישט געלייגט אויפן שכל. אַפילו די אויפשטאַנדן אין די געטאָס און לאַגערן האָט ער פאַרשטאַנען ווי פאַר־צווייפלטע אַקטן פון די לעצטע צום טויט־פאַרמשפּטע, און זיי וועלן זיך שנעל פאַרגעסן. אויך אויף בינעמס פאַרשרייבן זיינע איבערלעבונגען האָט ער געקוקט סקעפּטיש: נאָך וואָס דערציילן? ווער וויל פון דעם הערן? מיט אַן איינגעהאַלטענער רויִקייט האָט בינעם געוואָלט אים איבערצייגן, אַז דאָס, וואָס ער שרייבט, דאַרף זיין נוצלעך, דאַרף דינען ווי אַ וואָרענונג פאַר דער צוקונפט. אַז תנחום איז אויך פון דעם נישט געוואָרן באַאייג־דרוקט, האָט אים בינעם געפרעגט:

— פאַר וואָס האָסטו געקעמפט קעגן דייטשלאַנד?

— איך האָב געוואָלט שלאָגן די רוצחים. זיי האָבן אויסגעהרגעט מיל־יאָנען יידן אין גלות און געוואָלט דאָס זעלבע טאָן מיט אונדז ארץ־ישראל־דיקע.

— ווילסטו אין דעם פֿאַרגעסן ?

— די צייט וועט דאָס אויסמעקן פֿון זכרון.

— אַט זעסטו, דאָס — האָט בינעם אָנגעשטעלט זיין פינגער אויף די אָנגעשריבענע זייטלעך — וועט נישט לאָזן פֿאַרגעסן דיר און דיינע קינדער...

תנחום האָט איינגעצויגן די ברעמען און אַ זאָג געטאָן:

— אפשר איז עס טאַקע, ווי דו זאָגסט.

אין אָוונט איז בינעם זיך פֿאַרזעסן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען. ביים שרייבן האָט ער פֿאַרשטעלט דאָס ליכט צו תנחומס זייט. אין דער פֿרי האָט תנחום זיך באַקלאָגט, אַז ביי נאַכט האָבן אים נישט געלאָזט שלאָפֿן בינעמס געשרייען אין שלאָף.

תנחום איז אַוועק צו דער פֿאַרוואַלטערין בעטן אַן אָרט אין אַן אַנדער צימער. לאה האָט אים געראָטן איבערנעכטיקן נאָך אַ נאַכט מיט בינעמען ביז זי וועט געפֿינען אַן אַנדער אָרט פֿאַר אים.

לאה בערלינער האָט געבעטן בינעמען אין איר ביוראָ־צימער. ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען אין וואָס איר גייט און איז גרייט געווען אויסהערן אירע טענות. אָבער גאָר אַנדערש האָט זייער שמועס זיך אַנטוויקלט ווען זיי זענען געזעסן און גערעדט וועגן חורבן. לאה האָט נאָך דעם שמועס געראָטן בינעמען צו טוישן די צייט פֿון שרייבן. עס איז אַריבער נאָך אַ נאַכט און תנחום איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער. ער האָט מער נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ רויִקן שלאָף.

פֿון איבער דער וואַנט האָט זהבה געהערט בינעמס געשרייען אין שלאָף. פֿון אירע אייגענע דערפֿאַרונגען האָט זי תיכף פֿאַרשטאַנען די אמתע סיבה פֿון בינעמס אומרויִקע נעכט.

אויף זייערע נאָכמיטאָג־שפּאַצירן זענען בינעם און זהבה איין מאָל אַרויס צום וועג, וואָס האָט געפֿירט צום צענטער פֿון קיבוץ. זיי זענען געגאַנגען איבער אַלטען מיט שמאָלע דורכגענג, צווישן אויפּס־ביימער. די אַראָפּהענגענדיקע פּירות האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. זיי זענען אַרויס צום שאָסיי, ווו שווערע וועגענער מיט טראַקטאָרן זענען צוריקגעפֿאָרן פֿון די פֿעלדער און געלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטן שטויבוואָלקן.

זהבה מיט בינעמען האָבן שפּאַצירט אויף די שמאָלע טראָטואַרן, נישט

געקאָנט זאָט ווערן פון איינקוקן זיך אין די בייטן בלומען אַרום די הייזלעך. דער קינסטלעכער רעגן פון די אייזערנע רערלעך האָט געשפּריצט און געשמיסן אין דער לענג און ברייט איבער די צעבליטע גערטנער. האַלב־נאַקעטע, איינגעבויגענע מענטשן, מיט טעמבעל־היטלען אויף די קעפּ, האָבן געריסן די ווילדע גראָזן פון צווישן די בלומען און פלאַנצן. בינעמס און זהבהס בליקן האָבן זיך געטראָגן וויט צו די פעלדער, צו די בהמות־שטאַלן, אוןביידע האָבן פאַרגעסן אין זייער איינזאַם צעריסן לעבן אין דער שטאָט תל־אביב.

פּלוצלינג האָט בינעם אָפּגעריסן זיינע אויגן פון די צעבליטע גערטנער. פון אַ דערבייִיקן הייזל זענען אַרויס עטלעכע יונגע־לייט. זיי האָבן באַגלייט אַ בלאָנדן בחור. שוין נאָענט פון אים האָט בינעם אויסגערופן: „דוד פראַנקפורטער״! און ביידע האָבן זיך פריינדלעך באַגריסט.

— דער מאַן איז מיין שיפס־ברודער — האָט פראַנקפורטער בינעמען פאָרגעשטעלט פאַר די קיבוצניקעס.

— און דער מאַן איז אונדזער נאַציאָנאַלער העלד, מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט אויפן וועג קיין ארץ־ישראל — האָט בינעם אים פאָר־געשטעלט פאַר זהבהן.

דוד פראַנקפורטער נאָך האַלטנדיק זהבהס האַנט האָט מיט זיין מילדן בליק אָנגעוויזן צו בינעמען:

— נישט ריכטיק מיך פאָרגעשטעלט. מיין נאָמען איז — דוד.

— נאָך אַלץ אַזוי באַשיידן ווי אויף דער שיף? — האָט בינעם גע־פרעגט.

— יאָ, אימער זאָ...

ביידע האָבן זיך אָפּגעשטימט צו טרעפן ביים וואַסער־באַסיין אויפן פּלאַץ אין קיבוץ.

ביים צוריקקומען פון שפּאַציר, האָט בינעם זיך דערמאָנט אַז ס׳איז ערב־שבת. אין עסזאַל זענען שוין געווען געגרייט די ווייסגעדעקטע טישן מיט פלעשער וויין און פינקלדיקע ווייגלעזלעך, די באַדינערינס, אָנגעטוענע אין ווייסן, האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די טישן מיט פולע הענט גאָפּל־מעסער, וואָס זיי האָבן צעלייגט איבער די לאַנגע טישן.

פרייטיק צו נאַכטס. די געסט, שבתדיק אָנגעטאָן, זענען אויסגעזעצט אַרום די טישן. אין העל־באַלויכטענעם זאַל איז אַלץ גרייט מקבל פנים זיין דעם שבת. לאהס ווייסער קאָפּ, מיט אַ זיידן טיכעלע אַרומגענומען, טיילט זיך אויס אַזוי בולט צווישן אַלע געסט. אירע אויגן פינקלען מיט דער פייערלעכקייט פון קבלת־שבת און אירע ליפּן שמייכלען צו יעדן, ביי ווענען זי שטעלט זיך אָפּ מיט אַ קאָפּפאַרנויג. פאַרבייגייענדיק לעבן זהבהן מיט בינעמען זאָגט זי:

— מיטן שליסל האָב איך דאָך נישט געמאַכט קיין טעות...

שבת אין דער פרי האָבן זיך באַוויזן געסט, געקומענע צו זייערע קרובים אינעם אָפּרוהויז. גרופּנווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן קיבוץ. זייערע געלעכטערס האָבן זיך געהערט פון צווישן די שמאָלע אַלעען, אָבער בינעם האָט זיך געפילט איינזאַם. דווקא אין דעם טאָג פון מנוחה איז אַן אומעט אים באַפאַלן. אַ בלינדער כוח האָט אָנגעוואָרפן אויף בינעמען אַ פּלאָנטער פון געפילן. ער האָט געפּרוּווט עפּעס לייענען, זיך זעצן ביים טיש שרייבן, אָבער ווי אַ וואַנט וואָלט אָפּגעטיילט איין מחשבה פון דער צווייטער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און זיך אָנגעטאָן אַ כוח נישט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אָט קומט אָן רחל מיט בלומען אין די הענט. אים פּלעגט ביז גאָר פאַרדריסן פאַר אָט די דאָזיקע איינרעדענישן. און ביי די מחשבות האָט זיך באַוויזן זהבה מיט עפּעס אַן אויסרייד, ער זאָל זי פאַרבעטן זיצן לעבן אים.

אין בינעמען איז געוואַקסן דער אומרו. דעם ליכטיקן פרימאָרגן האָט ער שוין געהאַט געפּטרט מיט אומזיסטע טראַכטענישן און פאַרשטעלונגען. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. אַ הויכער עקאַליפּטוס־בוים, אַ צעוואַקסענער און צעשויבערטער, האָט זיך געוויגט אין די בלאָע הויכקייטן. קאָלירטע פייגל מיט לאַנגע גלאַנציקע שנאָבלען האָבן געפּיקט די גרין־געלע באַבלעטערטע צווייגן.

בינעמס אויגן האָבן פּלוצלינג אויפגעלויכטן. פון דער שמאָלער אַלעע זענען אַרויסגעקומען צוויי פּאָרלעך: דבורה מיט מנחמען און זיין חבר מענדל מיט רחלען. בינעם איז אַרויס אַנטקעגן זיי. באַגריסנדיק רחלען האָט ער אַ טראַכט געטאָן: זי האָט עס געמאַכט קלוג: געקומען צוזאַמען

מיט זײַנע קרובים. זײַנע ליפּן האָבן געציקט און געשמייכלט צו די פּאָר אים טײַערע געסט.

צוזאַמען מיט די בלומען האָט בינעם אויך באַקומען קאָמפּלימענטן פאַר זײַן גוטן אויסזען. ער האָט זיי דערציילט מעשהלעך און בילדלעך, וואָס ער האָט שוין געהאַט באַוויזן אָנזאַמלען אין משך פון די עטלעכע טעג. צווישן די אַלע לעבעדיקע אײַנדרוקן האָט בינעם אויך דערציילט וועגן זײַן שכנה זהבה. איידער ער איז געגאַנגען זי פֿאַרבעטן אין זייער געזעלשאַפט, האָט ער דערציילט די מעשה מיט די שליסלען, און דאָס האָט בײַ די געסט אַרויסגערופן פריילעכקייט און אַ נייגער צו באַקענען זי. בינעם איז גע־גאַנגען זי פֿאַרבעטן אַרויסצוקומען.

אין דער געזעלשאַפט פון בינעמס געסט, האָט זהבהס טיף־ליטווישער ייִדיש זיך אויסגעטיילט פון דעם פּויליש־ייִדישן דיאַלעקט און דווקא דערמיט, האָט זהבה זיך געגרויסט.

— אָבער איר רעדט אַנדערש ווי איר שרײַבט — האָט מנחם זיך אָנגערופן און זיך געפרעגט בײַ איר דעם נאָמען פון הײַנטיקן טאָג.

— סאַבעס — האָט זהבה געענטפערט.

— שרײַבט ביטע אָן דאָס וואָרט — האָט מנחם איר אונטערגעטראָגן אַ פעדער מיט פּאַפּיר.

— שבת — האָט זהבה אָנגעשריבן.

— זעט איר — האָט מנחם טריומפירט — איר רעדט אַנדערש און שרײַבט אַנדערש.

— יע, גראָד האָט איר אָנגעכאַפּט דאָס וואָרט מיט דער סין, מיט וואָס די ליטוואַקעס זענען אַ ביסל צעקריגט — האָט זהבה גוטמוטיק זיך פאַר־טיידיקט.

— דאָס וואָרט שליסלען, וועט איר שרײַבן מיט איין אָדער מיט צוויי סמכן? — האָט מענדל געוואָלט עפּעס צוגעבן צו דעם שמועס.

— די געסט ווייסן סײַן פון די סליסלען? — האָט זהבה אויפכאַפּנדיק מענדלס פראַגע זיך אומגעקוקט צו בינעמען.

בינעם האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגערל, עס האָט זיך דערנענטערט די אָפּגערעדטע צײַט מיט דוד פראַנקפורטער, וועמענס נאָמען עס איז צו

יענער צייט געווען באַקאַנט אַ סך ארץ־ישראלדיקע איינוווינער. אַלע זענען מיט נייגעריקייט אַוועק זיך באַקענען מיט דעם ייִדישן העלד.

אויך פראַנקפורטער איז פּינקטלעך געקומען צו דער אָפּגערעדטער צייט. בינעם האָט פאַר זיינע געסט פאָרגעשטעלט דעם באַשיידענעם בלאָנדן בחור מיט די גלאַט־פאַרקעמטע האָר און פיינע מאַניערן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין פאַרנאָמען, און בינעם האָט אונטערשטרייכנדיק צוגעגעבן: פראַנק־פורטער.

— וואָרום איזט דוד נישט געגוג?

— דודס — האָט בינעם היימיש געענטפערט — זענען ביי אונדז פאַראַן פיל, פראַנקפורטערס האָבן מיר נאָר איינעם.

מענדלס מיטקומען האָט נישט ווייניק צעשטערט בינעמס אויסגע־טרוימטע אידיליע וועגן רחלס קומען צו אים אויף אַ באַזוך. זיין לויערן איבער רחלען און איבער איר יעדן קער און ריר האָט בינעמען געשטערט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך גענוג כוח נישט צו פּלאָנטערן זיך און געהיט זיין גלייכגעוויכט אויף דעם „גליטשיקן וועג".

נאָך אַ לענגערן פאַרברענגען צוזאַמען האָבן רחל און בינעם זיך גע־פונען אָפּגעזונדערט פון אַלע, וואָס זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף די גראָזן און געפּראַוועט זייער שבת־רו אונטערן פרייען הימל.

רחלס אויגן האָבן שעלמיש געשמייכלט ביי אירע ערשטע פאַר ווערטער:

— נאָך ריכטיק נישט באַוויזן צו רעדן מיט דיר...

בינעם, מיט אַ טיפן בליק אויף רחלס פּנים:

— ווער האָט דיר דען געשטערט אין דעם?

— דיין חבר מענדל, פון זינט ביסט אַוועקגעפאָרן, איז ער געוואָרן ביי מיר אַן אָפטער גאַסט, אַפילו דאַן ווען איך פאַרטראַג עס נישט.

— און ווען פאַרטראָגסטו דאָס יאָ?

— נעמסט מיך אויף אַ פאַרהער?

— חלילה, אָבער דיינע רייד באַרעכטיקן מיין פראַגע.

— ווייסט דאָך, אין ייִדיש בין איך נישט אַזוי פלינק צו פאַרלויפן דיינע מחשבות...

— נו, וועל איך פרעגן אַנדערש: איז דיר לאַנגווייליק אָן מיר?

— אַט אַזוי פרעג — האָט רחל צוריקבאַקומען איר פרִיערדיק פריי פּנים — ווי לאַנג דאַרפסטו נאָך דאָ זיין?

— ביז איך וועל ענדיקן שרייבן דאָס בוך.

— האָסט דאָך, מיין איך, צו זיין נאָך אַ וואָך. ווערסטו באַוויזן? בינעם האָט זיך פאַרקלערט און צעשמייכלט:

— דערווייל האָסטו דאָך ווער עס זאָל דיר לייסטן געזעלשאַפט.

רחל האָט אַ זייטיקן בליק געטאָן צו בינעמען מיט פאַרזשמורעטע אויגן:

— און דיר, איז, זע איך, אויך נישט לאַנגווייליק מיט זהבהן...

— איך אינטערעסיר זיך מיט איר צוליב אירע איבערלעבונגען.

פּאַמעלעך און פאַרקלערט האָט רחל אויסגעדרייט איר פּנים צו בינעמען:

— דו קאָנסט דאָך פאַרזעצן דיין שרייבן אין תל־אביב.

מענדל האָט דורך די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אין זיין פאַרשלאָפענעם פּנים באַמערקט רחלס מיט בינעמס נאָענטקייט. ער איז אויפגעשטאַנען, צעריבן דאָס פּנים ווי נאָך אַ טיפן שלאָף, און זיך צוגעזעצט לעבן זיי ביידן. רחל האָט אַ שפּרונג געטאָן און איז זיך צעלאָפן אַ באַרוועסע איבער די גראָזן. מען האָט געהערט קלינגען אויף מיטאָג.

מענדל איז געווען גרויסשטאָטיש און באַשטעלט אַ מיטאָג אויך פאַר די געסט, מיט וועלכע ער איז געקומען צוזאַמען.

זיצנדיק נאָענט פון בינעמען האָט לאה אים געפרעגט, ווי עס גייט אים ביים שרייבן זיינע זכרונות, און צי דאָס ווירקט נאָך שלעכט אויף זיין שלאָף. בינעם האָט פאַר לאהן דערציילט וועגן זיינע אומרויִקע נעכט. ער האָט דאָס אַלץ גענומען פאַר ליב. ער האָט דאָ נישט געפילט דעם עול פאַר אַ לאַנגן אַרבעטסטאָג נאָך די שלאָפלאָזע נעכט. אָבער אויף זיין פּנים, וואָס ער האָט אָפּגעקערט אין אַ זייט, האָט מען געזען, אַז עפּעס קוועלט אים. לאה האָט אים געפרעגט:

— אַלץ איז גוט און שיין, און דאָך פעלט עפּעס, האַ?

— דאָס שרייבן — האָט בינעם געזאָגט נישט דרייסט — וואָלט איך וועלן פאַרענדיקן דאָ ביי אייך, אין דער שטילקייט, אָבער איך דערנענטער זיך שוין צו די לעצטע טעג פון מיין פאַרברענגען דאָ.

לאה האָט אַ קלער געטאָן און קורץ געענטפערט:

— איך האָב געהערט...

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט בינעם באַקומען אַן איינלאַדונג. ביים באַגלייטן אים צום הייזל האָט לאה געזאָגט, אַז זי פירט אים באַקענען מיט אַ חבר פון קיבוץ, אַ שרייבער. פון אים וויל זי דערנאָך הערן אַ מיינונג וועגן בינעמס וועגדונג צו פאַרלענגערן זיין אורלויב.

בינעם איז אַריין אין אַ צימער, וואָס אַ העלפט דערפון האָט פאַרנומען אַ לאַנגער שרייבטיש, אַ באַלייגטער מיט צייטונגען און פרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן. די רעשט פון דעם צימער איז געווען פאַרנומען מיט פּאַליצעס ביכער. ביים שרייבטיש איז געזעסן אַ באַברילטער מאַן אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק קורצזיכטיק מיט זיין איינגע־גראָבענעם פּנים אין די באַשריבענע פּאַפּירן — דאָס איז געווען דער שרייבער און פּובליציסט מנחם דאַרמאַן.

דאַרמאַן האָט בינעמען געבעטן עפּעס פאַרלייענען. ער איז געזעסן שטיל און געהערט וועגן דעם לעבן אין געטאָ אין שאָטן פון טרעבלינקע. בינעם האָט אָן אַ סדר אַרויסגעצויגן צו עטלעכע זייטלעך. דאַרמאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט בינעם זאָל איבעררייסן דאָס לייענען.

— נאָך צוויי וואָכן וועט פאַר אייך גענוג זיין צו פאַרענדיקן דאָס בוך?

— גענוג — האָט בינעם געענטפערט.

דאַרמאַן האָט עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ זייטל פּאַפּיר און געבעטן דאָס איבערגעבן לאהן. דערביי האָט ער בינעמען געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן אַז דאָס פאַרגעלייענטע זאָלן אויסהערן אַ פאַרזאַמלטער עולם אין קיבוץ.

אָבער ער זעט, אַז בינעם איז נאָך צו נאָענט פון זיינע איבערלעבונגען.

בינעם איז נאָך אַלץ געווען אונטערן גוטן רושם פון זיין פאַרלענגערטן בלייבן אין אָפּרוהויז. אים האָט זיך אויך געוווּנדערט זהבהס באַשלוס צו ענדערן דעם טערמין פון איר אָוועקפאָרן, ווי זי האָט דאָס געפּלאַנט ביי איר אָנקומען. זי האָט נישט געוווּסט, אַז ער טוט זיך אָן אַ כוח און באַ־מערקט נישט מיט קיין וואָרט וועגן דעם.

— איז וואָס זשע הערט מען, בינעם? — האָט זהבה אים אָפּט איבער־געוועקט פון זיין איינגעבויגנקייט איבערן טיש ביים שרייבן. אָבער וואָס האָט ער איר געקאָנט ענטפערן?

— איך וויל דאָ אויסנוצן יעדן טאָג — האָט בינעם קורץ געענטפֿערט.

— נו, סרייבט, סרייבט — האָט זהבה זיך אָפּגערוקט פֿון פֿענצטער און אַוועקגעשאַרט אירע דראָבנע טריטלעך איבער די געדיכטע גראָזן ביז צו דער ליגשטיל אונטערן בוים.

זהבהס אויגן אונטער די זונברילן האָבן זיך צעשמייכלט ווען בינעם איז אַוועקגעגאַנגען פֿון טיש און זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין ליגשטול.

— איר ווילט גאָרניט וויסן פֿאַר וואָס איך האָב באַסלאָסן נאָך צו בלייבן דאָ? — האָט זהבה געפֿרעגט אונטערהייבנדיק די טונקעלע זונ־ברילן.

— איך פֿאַרשטיי, אַז דאָס פֿאַרלאַנגט מסתמא אייער געזונט.

— פֿאַרסטייט איר סלעכט.

בינעם האָט זיך אויפֿגעזעצט מיט אַ נייגעריקן בליק.

און זי האָט ממשיך געווען:

— איך האָב ליב אייך הערן לייענען וואָס איר סרייבט.

— אַ דאַנק אייך, אָבער איך פֿאַרשאַף אייך נישט קיין פֿרייד דערמיט — האָט בינעם קאַלטבלוטיק רעאַגירט אויף זהבהס באַהאַלטענע כוונות.

— יע, אָבער דאָס לאָזט מיר ניט פֿאַרגעסן אין מיינע איבערלעבונגען.

— ווילט איר באמת אין דעם געדענקען?

— אָ, יע, מען טאָר אין דעם ניט פֿאַרגעסן.

— איך פֿאַרשטיי אייך.

— בינעם, מיר האָבן דאָך ביים טיש געטרונקען פֿאַר ברודערסאַפֿט, פֿאַר וואָס ווייטער איר און איר...

אין בינעמס מוילווינקלען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ שמייכעלע:

— נו, וועלן מיר נאָך אַ מאָל טרינקען אַ גלעזעלע.

— דאַרף מען וואַרטן ביז סאָבעס?

— ניין, אַ ביסל צו לאַנג — האָט בינעם זיך געמאַכט שטימונג — מיר קענען דאָס מאַכן שוין, און אָן ווין...

— נו, זאָל זיין סיין — האָט זהבה צופֿרידן געשמייכלט.

פֿילנדיק זיך נעענטער צו אים צוליבן איבערגיין אויף „דו", האָט זהבה ווי געוואָלט אַריינכאַפּן אַ געשפּרעך וואָס זי האָט שוין פֿון פֿריִער געפּלאַנט.

— ווי אַזוי לעבסטו געזעלשאַפטלעך אין תל־אביב?

— מיט מײַנע קרובים — האָט בינעם געענטפערט.

— קרייוּוים האָבן זייער אייגן מספּחה־לעבן...

בינעם האָט געוואָרפן אויף זהבהן זייטיקע בליקן און זיך באַמיט נישט אָנטרעפן מיט אירע אויגן.

— דו ביסט אַ פרוי, וואָס טראַכט פּראַקטיש, און איך בין נאָך, ווי אַ ייִנגל מיט חלומות...

— מיינסטו דײַנע שווערע נאַכט־חלומות?

— ניין — האָט בינעם זיך אָפּגעטרייסלט — פון דעם וויל איך אַנט־לויפן. אויף דער וואָר האָב איך שענערע חלומות...

די הפסקות, וואָס זהבה האָט געמאַכט צווישן איין פראַגע און דער צווייטער זענען געוואָרן אַלץ מער געשפּאַנטער. בינעמס ווערטער זענען נישט געצילט געווען צו אירע געפילן, נאָר ווי צו די דורכפליִענדיקע פייגעלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און געבליבן הענגען אויף די גע־דיכטע צווייגן מיט אַ טשוויטשעריי.

— יע, אויך איצט זעסטו אויס אַ פאַרחלומטער. צו וועמען? אַ סוד?

— פאַר די, פון וועמען איך טראַכט, איז עס נישט קיין סוד...

— אַזוי גאָר — האָט זהבה אויסגעצויגן די צוויי ווערטער — זיכער נית קיין ליטוואַצקע...

— האָסט זי געזען צווישן מײַנע געסט.

— רחל?! — האָט זהבה אַן איבעררעַשטע אויסגערופן — און איך האָב פאַרסטאַנען, אַז זי איז מענדלס סימפּאַטיע.

— קאָן זײַן — האָט בינעם נאָכגיביק אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אין זהבהס זייט — פונקט ווי מענדל, מעג איך אויך אין איר סימפּאַטיזירן...

— יע, זי איז אַ סיינע סאַברע, רעדט אויך ליטוויס...

נאָך דעם געשפּרעך זענען ביידע געבליבן אין אַ שווייגן. בינעם האָט געטראַכט, אַז אַלץ, וואָס איז פריִער פאַר איר געווען פאַרשלייערט, שטייט איצט אָפן פאַר אירע אויגן, און זי, זהבה, איז געלעגן אַ פאַרקוקטע אין די הויכע אומבאַוועגלעכע סאָסנעביימער.

בינעם האָט זיך אויפֿגעזעצט און אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז ביידע זאָלן ווייטער אָנהאַלטן זייער חברישע קאָנטשאַפֿט.

זהבה האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— אַזוי, ווי לאהביים איינטויסן דעם סליסל האָט געזאָגט: זאָל זיין אַן אָנגענעמע פֿריינדסאַפֿט...

בינעם איז שוין געווען צוריק אין תל־אביב. די טעג האָבן זיך געטוישט. איין טאָג איז נישט געווען ענלעך צום צווייטן. פֿון טונקלגראָען הימל האָבן אָנגעיאָגטע ווינטן מיט דונערן און בליצן, געטריבן אַ גאָס רעגן איבער דורכלויפֿנדיקע אויטאָמאָבילן אין קאַלוזשעס, איבער דורכגענעצטע פֿערד און וועגענער, געשמיסן אין די פּנימער פֿון איינגעצויגענע קעפּ אין די ווינטער־דיקע מלבושים, באַהאַלטענע אונטער די פּאַראַסאָלן. פֿון די דעכער האָבן שטאַרקע שטראָמען מיט גערויש זיך געריסן דורך לאַנגע בלעכענע רינעס צו די טראָטואַרן. די גאַסן, ווי שטראָמענדיקע טייכן, האָבן געראַשט אַרום די זינקענדיקע רעדער.

נאָך איינער אַזאַ נאַכט איז בינעם אויפֿגעשטאַנען און נישט געפֿונען קיין ענלעכקייט צום נעכטיקן טאָג. דער הימל, אַן אויסגעוואַשענער, איז ווידער געווען פֿון בלאָער קלאָרקייט. אַ גאָלדיקע זון האָט מיט קילער פֿרישקייט באַלויכטן די נאַסע הייזער, אָנגעפּילטע מיט די ריחות פֿון נאַסע צווייגן און אויפֿגעלעבט די זוימען אין דער אָנגעטרונקענע ערד. איבער די גאַסן זענען ווידער געלאָפֿן מענטשן מיט וואַכע אויגן און אויסגעגלייכטע רוקנס. די אָפּגעשווענקטע גאַסן האָבן זיך געוואַרעמט אונטער דער ארץ־ישראל־דיקער מילדער, ווינטערדיקער זון.

און באַלד קומט ווידער אַ טאָג מיט בייזע ווינטן וואָס קאַלערן זיך איבער גאַסן און בייגן ביימער, רייסן אַרונטער שילדן פֿון ווענט, פֿייפֿן און וואָיען הינטער די פֿענצטער, שלעפּן אַראָפּ די וועש צוזאַמען מיט די דראָטן. און אויף צו מאָרגנס — ווידער אַ טאָג, וואָס דערמאָנט אין פֿאַרגאַנגענעם זומער. מוז מען אַרויס פֿון די ווינטערדיקע מלבושים און מען ציט אויף זיך אַרויף לייכטערע זאַכן. אָבער איידער מען באַוויזט נאָכן טאָג אַרבעט קומען צוריק אַהיים, טראָגן זיך אָן וואָלקנס, אָנגעטרונקענע מיט ים־וואַסערן, אין אַ ווילדן געיעג איבערן הימל מיט פֿאַרטויבנדיקע

דונערקראַכן און בליציקן אָפּשיין פאַר די אויגן, און די פיס אין זומערדיקע שיך טאָפּטשען אין וואַסער, זוכן אַרום זיך אַ דורכגאַנג. און אַז מען קומט שוין אַהיים און מען שאָקלט פון זיך אָפּ די נאַסע טראָפּנס, שיינט אַ פאַר־נאַכטיקע זון פון אַן אָפּגערייניקטן הימל, די וואָלקנס זענען צעגאַנגען, ווי אַ רויך, דורך די פענצטער בלאָזט אַריין אַ מחיהדיק ווינטל, די אויפגע־לעבטע גאַס רופט און ציט צו זיך.

אין אַזאַ אויסגעשטערנטן אָוונט האָט מענדל פאַרבעטן צו זיך זיינע באַקאַנטע. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען זהבה, רחל און בינעם. מענדל, שטענדיק נעט אָנגעטאָן, מיט גרויסשטאָטישע מאַניערן, וואָס ער האָט אָנ־גענומען פון זיין פאַריזער פאַרמלחמהדיקן לעבנס־שטייגער, האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיינע באַקאַנטע ביי אַ שיין־סערווירטן טיש. ער האָט געקאָנט ווילן זיינע פריינד מיט לידלעך און גלייכווערטלעך. ער האָט געהאַט אַספּיראַציעס צו ווערן אַ פאַבריקאַנט אָדער אַ סוחר.

מענדל האָט נישט פאַרגעסן צו רעזערווירן פאַר זיך אַן אָרט לעבן רחלען. זי האָט אויסגעזען צו זיין גוט געשטימט, איז געווען אָנגעטאָן חנוודיק — אין אַ גראַנאַט קליידל מיט אַ ווייס קעלנערל. מענדלס גאַסט־פריינדלעכקייט צוזאַמען מיט זיין אויפמערקזאַמקייט האָבן אויך גוט גע־ווירקט אויף רחלס געמיט.

בינעם איז געזעסן לעבן זהבהן. זי איז געקומען אין אַ שיינעם ספּאָרט־קלייד מיט אַ רויט שפּיציק ווינטער־היטעלע, וואָס זי האָט שפּילעוודיק געטראָגן מיטן שפּרינגעוודיקן פּאָמפּאָן איבערן קאָפּ.

מענדל האָט געזונגען זיינע באַליבטע ראָמאַנטישע לידלעך וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער גרויסער וועלטשטאָט. אויף רחלען האָט ער געקוקט מיט אַ פּאָר פאַרליבטע אויגן. ער האָט אויסגעזען צו זיין פאַר־זיכערט מיט זיין דערפאָלג.

אָפּלאָדירנדיק מענדלען האָט זהבה זיך אָנגעבויגן צו בינעמס אויער:

— מענדל פאַרעט זשיך אַרום רחלען און דו חלומסט וועגן איר...

— איצט זיך איך דאָך לעבן דיר.

— און טראַכסט וועגן איר — האָט זהבה טראַציק געענטפערט.

דער אָוונט ביי מענדלען האָט זיך פאַרענדיקט. די לעצטע צום אַרויס־

גיין זענען געווען רחל, געפֿירט דורך מענדלען, און בינעם בײַ דער זײַט פֿון זהבהן. בײדע מענער זענען אַוועק באַגלײטן די פֿרויען צו זײערע הײמען.

אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן פֿון דער אויסגעשטערנטער נאַכט. די קעלט האָט בײדע פֿאָרלעך צענויפֿגעטוליעט. אַראָפּפֿאַלנדיקע בלעטער פֿון די בײמער זענען געפֿלויגן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. פֿון די זאַמדיקע געסלעך האָט זיך געטראָגן אַ טוכלער ריח פֿון אײַנגעזאַפּטע נאַסקײטן. די דורכגײערס, אײַנגעגנאָרעטע אין זײערע ווינטערדיקע מלבושים, האָבן מיט גיכע טריט זיך געאײלט אַהײם. אָבער די צוויי פֿאָרלעך זענען געגאַנגען געלאַסן און גערעדט וועגן די איבעריקע געסט מיט וועמען זײ האָבן נאָר וואָס פֿאַרבראַכט.

מענדל האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ מענערישע דרײסטקײט, אים האָבן אימפּאָנירט מענטשן מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ. באַשײדנקײט און צוריקגעהאַלטנקײט האָבן בײַ אים אויסגעזען ווי נישט קײן געווונטשענע אײגנשאַפֿטן. דערפֿאַר האָט ער ליב געהאַט זיך אײַנצוקוקן אין רחלס שטאָלצן טראָט, איר הײמישקײט צווישן די שמאָלע דורכגענג פֿון די זאַמדיקע געסלעך צו די אַספֿאַלטירטע הויפּטגאַסן, וואָס האָבן געפֿירט צו איר הײם אויף דרום־זײַט פֿון תּל־אָבֿיבֿ. מיט איר ווינטער־מאַנטל האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרדעקן איר רײַץ פֿאַר מענדלס אויגן. ער האָט גערעדט צעוואָרפֿן, געשפּרונגען פֿון אײן טעמע צו דער צווײטע. רחל האָט אַרויסגעוויזן צו זײַנע רײד אַ סך געדולד, און דאָך איז ער נישט געווען אין גאַנצן זיכער בײַ זיך. זײַנע אָפֿט אַוועקגעדרײטע אויגן פֿון איר זײַט האָבן אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער האָט זיך געפֿונען אין אַ סתּירה צווישן זײַן נאַטירלעכער דרײסטקײט און מורא פֿאַר אַן אַנטוישונג. צוליב דעם פֿלאָנטער האָט ער אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין פֿאָרל, וואָס הינטער אים — אין זהבהן מיט בינעמען. יענע זענען געווען פֿאַרנומען מיט גאָר אַן אַנדערן שמועס. אַזוי פֿאַרטײַעט, צווישן רײד און נשמה־געראַנגל, געשטויסן פֿון אַ בלינדן כּוח האָט מענדל אויפֿגעדעקט פֿאַר רחלען זײַנע געפֿילן מיט פּשוטע ווערטער, וואָס ער האָט מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן.

רחלען האָט אין דער מינוט אַ רײַץ געטאָן איר ווײַבערישער שטאָלץ, אַ באַגער צו געפֿינען חן בײַ דעם לעבנסלוסטיקן מאַן, וואָס האָט געוואָלט

אויפוועקן אין איר יענע געפילן פון דער ערשטער ליבע צו איר אומגע־קומענעם מאַן. אָבער בעת דעם שפּאַציר איז איר פאַרגעקומען, ווי יענע ליבע וואָלט אויסגעוועפּט געוואָרן צוזאַמען מיטן איבערגעריסענעם לעבן פון איר מאַן. מיט איר נאַטירלעכער אויפריכטיקייט, אָן צו פיל רייד, האָט זי רעאַגירט אויף מענדלס פאַרשלאָג קאַלטבלוטיק, אָן ספּעציעלע אויס־דרוקן. איר קורצער גלייכגילטיקער ענטפער האָט אַרויסגערופן צווישן זיי אַ דיאַלאָג, דער לעצטער אויף דער טעמע:

— שפּילסט זיך מיט דיינע געפילן, ווי מיט אַ באַלעם וואָס שפּרינגט אויף צוריק...

— פאַר אַזאַ האַרטע וואָגט לאָזטו זיך דערקענען?

— ביי דעם געשפּרעך מעגסטו דאָס אַזוי פאַרשטיין...

מענדל, נאָך אַ קורצער הפסקה:

— דערמיט האָסטו אויפגעדעקט דיינע קאָרטן?

— איך בין אַ סאַברע, כ׳האָב ליב אָן אָפענע שפּיל. שטעל איין אויף אַ מער זיכערער קאָרט.

— פאַר וואָס נישט אויף דער, וואָס אין מיינע הענט?

— דיך, מענדל, איז דאָך נישט נייטיק צו לערנען, אַז צוויי דאַרפן נישט שפּילן אויף איין קאָרט...

מיט אַ זייטיקן, שנעלן בליק האָט מענדל זיך אומגעקוקט צו זהבהן און בינעמען. ער האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און אַ קעלטל איז אים אַדורך איבערן לייב. עס האָט אין אים אַ פריר געטאָן דאָס געפיל, וואָס ער האָט אויפגעהאַלטן אין דער צייט פון זייער ביידנס קאָנטשאַפט. ווי אַ געפלעפּטער פון איר אומגעריכטן אָפּקער, האָט ער ווי פאַרלוירן דאָס לשון. אים איז ענג געוואָרן אין ברוסט. עפּעס האָט ער איר נאָך געוואָלט זאָגן, אָבער זיי זענען שוין געווען דערגאַנגען צום אַריינגאַנג פון רחלס וווינונג ווו זי האָט אים דערלאַנגט אַ נערוועזע האַנט און געדאַנקט פאַר דער שיינער אויפנאַמע אין זיין הויז.

בינעם איז אַוועק צו זיך און איבערגעלאָזט מענדלען באַגלייטן זהבהן אַהיים.

קאַפּיטל פינף

# ירושלים

רחל איז אַריינגעקומען צו דבורהן אין שטוב ווען בינעם האָט געהאַלטן אין מיטן פֿאַרלייענען פון זיין כתב־יד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין גבעת־ברנר. די שטימונג אין שטוב איז געווען אַ שווערע נאָכן הערן זיינע באַשרייבונגען פון טרעבלינקע. אויך רחל איז געוואָרן באַהערשט פון דער שטימונג און זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזענע פֿאַרגליווערטע אויגן. ווי אַן ארץ־ישראל־געבוירענע איז איר נאָך שווער געווען צו באַגרייפן דעם חורבן. דבורהס און מנחמס איבערגענומענקייט איז געווען אַ מער ווייטיקדיקע. זיי האָבן אין בינעמס איבערלעבונגען געפילט דעם ערב־אומקום־שוידער פון זייערע פֿאַרבליבענע אין פוילן. בינעם האָט איבער־געהאַקט דאָס לייענען און צוזאַמענגענומען די בייגנס פּאַפּיר פונעם טיש.

מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פֿאַרשידענע טאָג־ענינים. רחל, אַ באַפּרייטע פון שווערן געמיט, איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען מיט איר פֿאָרשלאָג צו פֿאָרן קיין ירושלים. געמיינט האָט זי דערמיט צו זאָגן, אַז בינעם, דער נייער עולה, וועט זיך פריִער נישט פילן קיין ארץ־ישראלדיקער כל־זמן ער וועט נישט אָנקוקן די הייליקע שטאָט. קוקנדיק אויף בינעמען האָט רחל דערקענט זיין איינשטימיקייט.

דבורה מיט מנחמען זענען געווען מחוץ דעם פּלאַן צו פֿאָרן קיין ירושלים. זיי האָבן שוין געקענט די שטאָט. איז געבליבן, אַז רחל מיט בינעמען זאָלן פֿאָרן און זייביידע האָבן צווישן זיך באַשלאָסן אויך מענדלען מיט זהבהן פֿאַרבעטן צו דער רייזע. צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע זענען זיי אַרויסגעקומען יעדער באַזונדער, מענדל — מיט אַ פֿאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַט אָנגעהאָנגען איבערן אַקסל. איבער זיין פּנים האָט אַ שוועב געטאָן אַ שמייכעלע, וואָס איז געבליבן שטעקן אינעם זייטיקן בליק צו רחלען, וואָס

האָט באַטייט: עך, דו שטיפערקע, האָסט דאָך די גאַנצע צייט נישט מיך געמיינט, נאָר בינעמען...

נאָך זיין לעצטן געשפּרעך מיט איר האָט מענדל זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שווער האַרץ אויף רחלען פאַר איר באַזיגן אים תמיד מיט איר נאַטירלעכער שיינקייט און גלייכן שכל און פאַרן אָפּווענדן זיך פון אים דווקא דעמאָלט ווען ער האָט געגאַרט נאָך איר נאָענטקייט. אָבער ווען זי האָט אויך אים פאַרבעטן מיטצופאָרן קיין ירושלים, האָט ער געמוזט איר מוחל זיין פאַר די שטעכיקע ווערטלעך וואָס זי האָט צוגעוואָרפן.

דער אַספאַלטירטער שאָסיי האָט זיך מיט אַן אויגן־שווינדלערישע שנעלקייט גערוקט אונטער די רעדער. ער האָט זיך געשלענגלט איבער שטעט און דערפער, איבער צעאַקערטע פעלדער און זאַמדיקע פליינען, צווישן בערג און טאָלן. דער אויטאָבוס האָט געלאָזט אונטער זיך דורכ־געלאָפענע קילאָמעטערס, אָבער דער וועג צו ירושלים איז נאָך געווען אַ לאַנגער.

מענדל מיט בינעמען האָבן מיט נייגעריקייט זיך איינגעקוקט אין דעם וועג, אויף וועלכן זיי זענען דאָס ערשטע מאָל געפאָרן. פון די וויניקע רייזעס, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט ביי זייער קורצן זיין אין ארץ־ישראל, איז דער וועג קיין ירושלים געווען פאַר זיי ניי, אין גאַנצן אַנדערש, ווי די וועגן מיט אַרומיקע בליִענדיקע פרדסים, גרינע פעלדער. דער וועג האָט זיי געפירט צווישן הויכע פעלדזן, אונטער בלאָע שלייער־נעפּלען איבער די בערג. שיטערע סאָסנעביימלעך האָבן קוים זיך אַרויס־געהויבן פון דער פאַרשטיינערטער ערד און געטריקנט אונטער דער הייסער זון, איינצלנע פייגל, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, זענען אַריבערגעפלויגן איבער די שפּיציקע פעלדזן. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו זוכן אויף די פאַרשטומטע בערג. בלויז די צוויי נייע עולים, בינעם און מענדל, האָבן נישט אַוועק־גענומען זייערע אויגן פון די מעכטיקע פעלדזן לענג־אויס דעם געשלענגלטן באַרג־אַרויף־וועג.

רחל מיט זהבהן זענען דעם גאַנצן וועג געווען פאַרטאָן אין רעדן, ווי

זיי וואָלטן פאַרגעסן אין אַלץ אַרום זיי. ערשט ביים אַריינפאָרן אין שטאָט האָט רחל זיך געכאַפּט ווו זי געפינט זיך.

זי האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ פאַרביק־פלאַטערנדיק טיכל, פאַרבונדן אויפן אַראַבישן שטייגער. פונעם רייזעטאַש האָט זי אַרויסגענומען אַ צעטעלע מיט די פלאַנירטע ערטער אין דעם שפּאַציר. זיי זענען געגאַנגען איבער קרומע געסלעך, צווישן שווערע שטיינערנע ווענט. אַנטקעגן זיי זענען אָנגעקומען ייִדן, וואָס אַלע האָבן זיי אויסגעזען ווי רבנים אין שוואַרצע זשופּיצעס און ווייסע זאָקן, מיט שטריימלעך אויף די קעפּ און מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות אַריינגעפלאָכטענע אין די געדיכטע בערד, ייִנגלעך אין כאַלאַטלעך מיט לאַנגע, געלאָקטע פאות, ווייבער אין שייטלען, זקנות אין קופּקעס, מיידלעך מיט לאַנגע אַרבל, טונקעלע זאָקן ביז איבער די קניִען, מיט לאַנגע פאַרפלאָכטענע צעפּ און מיט שעמעוודיקע בליקן — בילדער פון אַמאָליקן ייִדיש־חסידישן שטעטל אין אַ יום־טוב־טאָג, אָבער דאָרט, אין גלות־פּוילן, זענען זיי נישט געגאַנגען מיט אַזעלכע דרייסטע און זיכערע טריט, ווי אויף דער ירושלימדיקער ערד.

רחל האָט אַרויסגעוויזן איר טיפע באַהאַוונטקייט וועגן ירושלים פון די תנכישע צייטן, וועגן בית־המקדש. אַ ירושלימער געבוירענע האָט זי גע־ווּוּסט צו דערציילן וועגן יעדן געסל, וועגן יעדן טויער, וואָס זיי זענען אַדורכגעגאַנגען לעבן די הויכע שטיינערנע מויערן אַרום דעם אַלטן היס־טאָרישן ירושלים.

זיי זענען אַדורך אַ טויער צו דער אַנדערער זייט מויער — אין דער אַלטער שטאָט, און באַלד האָט זיך געטוישט דאָס בילד. די שמאָלע אַראַבישע גאַסן, אויסגעפּילטע מיט טונקל פאַרשלייערטע פרויען מיט קריגן און טעפּ אויף די קעפּ, אַראַבער אין ברייטע נאָכהענגענדיקע הויזן, האָבן געטריבן אייזלען באַלאָדענע מיט שווערע קאַסטנס און זעק איבער די רוקנס, און געלאָזן נאָך זיך הארבע ריחות און הייזעריקע קולות; אָנגעשטאָפּטע געוועלב־לעך ווי אָנגעלענטע איינס אויפן אַנדערן; יאַטקעס מיט צעהאָנגענע שעפּסן, קראָמען מיט זויערע גרינסן און געזאַלצענע קעזן, קיילעכדיקע פּיטעס און גרויסע בייגל ווי די רעדער, און צווישן דעם אַלעם — געוועלבער מיט אַלטע געניצטע בגדים. שרייענדיקע קולות האָבן גערופן די דורכגייערס צו די

האַלב־טונקעלע געװעלבלעך מיט שטיקער פּאַרסמאַליעטע געבראָטענע פליישן אויף גליִענדיקע קוילן און זייערע ביטערע ריחות זענען געקראָכן אין די אויגן און אין האַלדז. אַזוי האָבן זיך געצויגן די ענגע גאַסן באַרג־אַרויף־אַראָפּ, צווישן דעם שטראָם אָריענטאַלישע געשטאַלטן מיט פרעמדע און פּיינטלעכע בליקן.

פאַרשטומטע זענען זיי אַזוי געגאַנגען צווישן די אַלטערטימלעכע ווענט אין מיטן פון אַן אַראַבישן ערב־רב. זיי האָבן געקוקט צו רחלען און זייערע בליקן האָבן ווי גערעדט צו איר: „פאַרקירץ דעם וועג, אונדז איז אַזוי שווער אויפן געמיט".

צווישן אַלטע מויערן, דורך טרעפּ אַראָפּ צו נידעריקע דורכגענג, האָט רחל ענדלעך פאַרהאַלטן אירע טריט. איבער די שטיינערנע מויערן האָבן געהויערט גלאַנציקע קופּאָלן פון זילבער־ און גאָלד־קאָליר, וואָס האָבן מיט זייער פרעמדקייט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. פון רחלס שטילע רייד און אירע אויגן געווענדט צו דער וואַנט מיט אַלטע גרויסע שטיינער האָט זיי באַהערשט אַ פאַרכטיקע שטילקייט.

בינעמען האָט זיך געדוכט, אַז עס איז מיט אַ מאָל אַרום אים געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז ער האָט נישט געהערט מער דאָס געקלאַפּעריי פון די אַראַבישע דורכגייערס, די אָפּגעהאַקטע קולות פון צעשריגענע אייזלען און אויך נישט דאָס געפּילדער פון די אַראַבישע ווייבער מיט די ערדיקע קרוגן אויף די קעפּ. ער איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. די אויגן זיינע האָבן אין דעם מאָמענט גאָרנישט מער געזען, ווי דאָס אָנקומען פון מחנות ייִדן, דורך אַלע שטאָטטויערן, דורך אַלע וועגן, דורך אַלע אונטערוועגן, פון די גאַז־קאַמערן — אָפּגעריסענע, באָרוועסע, פאַרבלוטיקטע, פאַרשטומטע, האָבן זיי געצויגן און זיך פאַרקליבן אויף די הויכע בערג, באַלאַגערט גאַנץ ירושלים, און אַרום זיי — פלאַמען און רויך, ווי די שטאָט וואָלט נישט געלעגן אויף בערג, נאָר אויף ברענענדיקע ווולקאַנען — די טרעבלינקער פייערן. און אַז בינעם האָט געעפנט זיינע אויגן, האָט ער געפרעגט זיך אַליין: ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז די הימלען און די ערד פון אַלע זיינע גלותן האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם הימל און ערד פון דער שטאָט ירושלים? ווי האָט ער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די אַלע גילגולים אין זיינע איבערגעלעבטע

יסורים וועלן זיין באַטייליקט אין דעם טאָג ווען ער וועט דאָס ערשטע מאָל באַטרעטן די ירושלימער ערד?

בינעם האָט זיך אומגעקוקט. לעבן אים זענען געשטאַנען זהבה מיט מענדלען. אויך זייערע אויגן האָבן אויסגעזאָגט, אַז אין די מינוטן ווערן זיי באַלאַגערט פון די איבערגעלעבטע יסורים ביז זיי זענען פון דעם תוהו־ובוהו אָנגעקומען צו דעם אָרט: זי, זהבה, — פון דעם אונטערערדישן גרוב אין ליטע, און ער, מענדל, — פון די בלוטיקע מלחמות אין פראַנצויזישן פרעמדן־לעגיאָן איבער אַפריקאַנער לענדער. אָן אַרויסצוברענגען פון זיך אַ וואָרט זענען די דריי געשטאַנען דורכגענומענע מיט די זעלביקע געפילן און זיי איז שווער געווען צו באַגרייפן דעם נס, ווי אַזוי זיי איז באַשערט געווען דורך אַלע נע־ונדן פאַרטראָגן צו ווערן אויף דעם הייליקן אָרט.

רחל האָט אירע דריי באַגלייטערס מיטגענומען צום ווייטערדיקן שפּאַציר איבער דער שטאָט ביז זיי זענען דערגאַנגען צום מגדל־דוד. פון דער הויכקייט האָבן זיי אַראָפּגעקוקט צו די ברוין־פּיאָלעטע בערג, וואָס רוען אין ווייכע נעפּלען און רינגלען אַרום די שטאָט ווי אַ קייט פון מעכטיקע שומרים, באַצויגן מיט זילבערנע פּאַנצערס. רחל האָט אויסגעטייטשט יעדן בליק אַראָפּ צו די טאָלן, צו די בערג. יעדער דורך איר אָנגעוויזענער אָרט איז איר געווען באַקאַנט פון אירע אייגענע באַזוכן איבער חורבות נאָך די פאַרצייטיקע מלחמות אין דורכפאַלן און נצחונות.

די דריי נייע עולים זענען געשטאַנען און זיך איינגעקוקט צו די ווייטע און נאָענטע ערטער ווו רחלס אויסגעצויגענע האַנט האָט אַרומגעפירט זייערע בליקן אַראָפּ צו דער שטאָט, צו די וועגן און שטעגן, צו די אוראַלטע לאַנדשאַפטן, די ווייטע און אייביקע.

ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּנידערן פון מגדל־דוד האָט דער שפּיץ פון באַרג זיך אָנגעצונדן אין ראָזע פאַרבן. פון דער ווייטנס האָט די שקיעה איינגעזאַפּט די לעצטע מינוטן פון פאַרגייענדיקן טאָג. איבער די בערג פון ירושלים האָט זיך אָנגעצונדן אַ רויטער הימל.

ווען בינעם האָט זיך אומגעקערט פון דעם שפּאַציר, איז תל־אביב שוין געווען געשלייערט אין טונקעלע נאַכט־שאָטנס. ער איז אַריין אין זיין

איינזאַמען צימערל מיט אַ שטאַרקן ווידערווילן. זיין האַרץ איז נאָך געווען באַרוישט פון זיין ערשטן בליק אויף ירושלים.

קאַפּיטל זעקס

# אין פּלאָנטער

מענדל האָט געשטעלט זיינע שווערע טריט איבער די ווייך־זאַמדיקע סטעזשקעס. זיינע שיך האָבן געטאָפּטשעט אינעם שטויביקן וועג. צום אויטאָבוס, וואָס דאַרף אים פֿירן קיין דרום־תּל־אָביב האָט ער געהאַט נאָך ווייט צו גיין, האָט ער פֿון זיין שטוב אין קרית מאיר דורכגעשניטן די זאַמדן. ער האָט אויסגערעכנט, אַז עס וועט אים נעמען ווייניקער צייט, אויב ער וועט אַרומגיין די ליידיקע שטחים נאָך די אויסגעהאַקטע מאַראַנצן־סעדער מיט די סאַברע־קוסטעס, און דורך דאָרט וועט ער אָנקומען צו דבורהס שטוב.

מענדל איז אַריין גראָד ווען בינעם און רחל האָבן פֿאַר דבורהן און מנחמען דערציילט וועגן זייער ירושלימער באַזוך, רחל האָט, ווי אַ געניי צוגעגרייטן באַריכט, איבערגעגעבן ווו זי האָט אַלץ באַוויזן צו זיין מיט אירע דריי באַגלייטערס אין משך פֿון איין טאָג, אָבער דאָך נישט געקאָנט באַזוכן די אַלע ערטער, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעצייכנט. דבורהן האָט אַ ביסל פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס רחל האָט זיי נישט געפֿירט ווייזן דעם העברעישן אוניווערסיטעט פֿאַר וועלכן זי איז געווען אַזוי אַקטיוו ביים זאַמלען פֿאָנדן און געפֿינען וואָס מער סימפּאַטיקער פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע. רחל האָט ווידער געהאַלטן, אַז דאָס אָנקומען קודם צו דעם כּותל מערבֿי האָט איר אויסגעקויפֿט פֿון די אַנדערע נישט באַזוכטע ערטער. אויף צו באַרעכטיקן אירע רייד האָט זי געשילדערט דעם אויסזען פֿון דעם דריילינג אַנטקעגן דעם כּותל. דער גאַנג אַהין און צוריק האָט פֿאַרנומען די גרעסטע צייט פֿון זייער באַזוך אין ירושלים.

נאָך זיין אַריינקומען האָט מענדל צעלייגט אויפֿן טיש די פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון זייער ירושלימער באַזוך. ער האָט שוין באַוויזן זיי צו אַנטוויקלען און יעדער האָט זיך אַ ריס געטאָן זיי אָנקוקן.

נאָך דעם באַזוך אין ירושלים איז מענדלען באַפאַלן אַ באַגער צו פאַרגעסן רחלס „אָפּזאָג“ און נישט איבעררייסן זיינע קאָנטאַקטן מיט איר. אים האָט שטאַרק ווי געטאָן, וואָס זי האָט אויסגעמיטן זיינע בליקן צו איר. אַנשטאָט דעם איז רחלען גאָר איינגעפאַלן צו פרעגן פאַר וואָס ער איז געקומען אַליין, אָן זהבהן. דאָך האָט ער געפונען אין זיך מוט נאָך אַ מאָל איר פאַרצולייגן צו גיין אין דער אָפּערע, און צום סוף דערזען אַרום זיך אַנגעכמורעטע פּנימער. מענדל האָט נישט געוווּסט אַז איידער ער איז אַריין, האָט מען אין שטוב גערעדט וועגן די צוגרייטונגען צום פּראָצעס נאָך דעם טראַגישן אומקום פון דבורהס ברודער ביי דער אַרבעט. ער האָט דערפילט, אַז זיין פאַרשלאָג איז נישט אויפן אָרט און נישט אין דער צייט.

די שטוביקע האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון מענדלס אָפטע וויזיטן און מער פון אַלעמען איז אויף דעם געווען אַ מבין דבורה. דורך די ברילן, האָבן אירע קלוגע, שאַרפע אויגן נאָכגעפאָלגט איטלעכן קער זיינעם. זי האָט מענדלען געשעצט פאַר זיין אויסערלעכער האַלטונג, פאַר זיינע רייכע לעבנס־דערפאַרונגען און מיט טאָלעראַנץ אויפגענומען זיין הימיש פילן זיך ביי איר אין שטוב, זי האָט אָבער דאָס נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו דער קרובישער נאָענטקייט, וואָס זי האָט געפילט צו בינעמען. פון אים האָט זי געוואָלט זען וואָס מער נאָענטקייט צו איר שוועגערין — אַז נאָר ער, בינעם, זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון איר פאַרלוירענעם ברודער.

פון דעם לאַנגן זיצן אַרום טיש האָט אַלעמען אָנגענומען אַ ווילן אַ ביסל זיך איבערצוגיין. מענדל איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון פרייד. ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף רחלען, איר געגעבן דעם וועג צום אַרויסגאַנג און ער איז אַוועק נאָך איר.

הינטער זיי זענען געגאַנגען בינעם, מנחם און דבורה. זיי האָבן צווישן זיך באַשטימט גיין צום ים און אויסמיידן די אָפּערע. זיי האָבן מיט דעם אויך געוואָלט אויספּרובירן רחלען וואָס איר וועט מערער לאָקן — אַן אָפּערע־פאַרשטעלונג אָדער צוזאַמען זיך איבערצושפּאַצירן אויף דער פרייער ים־לופט. ביים סוף פון דער אַלענבי־גאַס האָט מענדל זיך געגרייט צו פאַר־קערעווען צו דער קאַסע כדי אויסצוקויפן בילעטן, אָבער רחל האָט אויס־

געזען ווי נישט מסכּים צו זיין. אַלע זענען זיי אַוועק אויף אַ נאַכטשפּאַציר לענג־אויס דעם ים־ברעג.

אויף דער הירקון־גאַס, לעבן אַלענבי, זענען די קאַפּעהייזער נאָענט צו די האָטעלן געווען העל באַלויכטן. פון דאָרט האָט זיך געהערט מוזיק און אויפטריטן פון זינגערינס, וואָס האָבן געצויגן אַן עולם צו די אויסגע־שטעלטע טישלעך מיט בענקלעך אונטערן פרייען הימל, און קעגן איבער דער ים־ברעג, ווו הימל און וואַסער זענען געווען באַדעקט מיט אַ טיף־גראַנאַטענעם קאָליר. די שיפן פון נאָענטן פּאָרט, פאַראַנקערטע צום ברעג, האָבן זיך געטוליעט אין די פייכטלעכע און קילע נעפּלען און ס׳איז נישט געווען צו דערקענען, ווו עס הייבט זיך אָן דער הימל און עס ענדיקט זיך דאָס וואַסער — אונטן און אויבן דער זעלבער נאַכטיקער אָפּשיין פון שטערן. אַ שמאָלע האַלב־רונדיקע לבנה האָט מיט זילבער און גאָלד געפינקלט פון הימל און פון וואַסער.

ביים צוים האָבן די שפּאַצירנדיקע זיך פאַרהאַלטן מיט די פּנימער צום ים. זייערע בליקן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די טונקעלע וואַסערן, אַהין ווו עטלעכע שיפלעך האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם ברעג און אַוועק, ווי אַ ווינט וואָלט זיי פאַרטראָגן איבער די שטילע נאַכטיקע ים־וואַסערן.

מענדל איז געשטאַנען און געקוקט אויפן שיפל, וואָס האָט מיט די ווערלעס געשלונגען די וואַסערן, ביז ס׳איז אין דער טונקלקייט פאַרלוירן געגאַנגען פאַר זיינע אויגן. פאַר וואָס איז אים נישט איינגעפאַלן צו מאַכן אַזאַ נאַכטשפּאַציר אויפן ים צוזאַמען מיט דער, וועלכער ער האָט געזען אַזוי נאָענט פון זיך און דערפילט איר וואַרעמען אָטעם בעת זי האָט באַוויליקט אומצוקערן איר פּנים און אים ענטפערן?

און גראָד אין די אַ מינוטן, ווען רחל האָט אויסגעזען אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, האָט זי אין איר פאַרטראַכטקייט גענומען אויפן דמיון ביידע געש־טאַלטן און זיי צעגלידערט, געאורטיילט: פון איין זייט — מענדל, מיט זיין צודרינגלעכער דרייסטקייט און איבערגעטריבענער זעלבסטזיכערקייט. און פון דער צווייטער זייט — בינעם, מיט זיין געצוימטקייט, מיט זיינע שטילע טריט. בינעמס געדולדיקייט צו אירע נשמה־ראַנגלענישן און זיין נאַטיר־לעכער דראַנג צו אַ באַנייט לעבן, האָבן צום מיינסטן גערעדט צו איר האַרץ

און צו איר געמיט, נישט איין מאָל האָט זי חרטה געהאַט פאַר וואָס זי, מיט אירע סאַברישע קאַפּריזן, האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיך דערוויטערט פון אים דווקא ווען זיין וואַרעם האַרץ האָט געגאַרט נאָך איר, ווען איר פּנים און די אויגן האָבן באַרירט זיין נשמה.

די אַלע דורכלויפנדיקע מחשבות האָבן זיך צענויפגעמישט מיט די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן אָנגעשלאָגן אין דעם אָוונטדיקן ים־ברעג.

קאַפּיטל זיבן

# דער זעקסטער דור

יעדן שבת איז בינעם געגאַנגען עסן צו זיינע קרובים. דעם שבת פלעגט ער צעטיילן אויף צווייען. פרייטיק אין אָוונט — ביי דבורהן און מנחמען, וווהין פאַר אים איז דער וועג געווען צום נאָענטסטן, און שבת ביי טאָג — צו רבקהן מיט יצחקן. איןביידע שטובן האָט מען בינעמען גערן געזען ביים שבתדיקן טיש און ער האָט דאָרט זיך געפילט צווישן אייגענע און נאָענטע, אָבער די ביידע שטובן זענען געווען גאָר פאַרשידנאַרטיקע: ביי דבורהן האָט נאָך אָנגעהאַלטן די שווערע אַטמאָספער פונעם טרויער נאָך איר אומגעקומענעם ברודער, פון וועלכן זיי אַליין האָבן געוואָלט אַנטלויפן דורך איינגראָבן זיך אין צייטונגען און אין ביכער. ביידע האָבן צווישן זיך גערעדט העברעיִש, אָבער בינעם פלעגט מיט זיינע אָפטע באַזוכן אויפוועקן ביי זיי דאָס ייִדישע לשון, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַזוי לאַנג, ווי עס פלעגט דויערן זיין וויזיט ביי זיי אין שטוב.

אַנדערש האָט אויסגעזען ביי יצחקן און רבקהן. דאָרט האָט בינעם נאָך זיין לאַנגן וועג אויף דער בערדיטשעווסקי־גאַס געפונען אַ שטוב מיט פריילעכקייט פון קליינע קינדער און מיט זינגענדיקע געסט, וועמען זייער טעכטערל אסתרקע האָט באַגלייט ביים קלאַוויר.

יצחק איז אויך געווען דער טעכנישער לייטער פון דעם ניי־געשאַפענעם ייִדישן טעאַטער „לי־לה־לו". די אַקטיאָרן פון דעם טעאַטער זענען אין די שבת־טעג געווען אָפטע געסט צום טשאָלנט. די שטוב איז פול געווען מיט טעאַטער־לידער. די אַקטיאָרן פונעם ייִדישן טעאַטער האָבן צווישן זיך גערעדט און זיך פריילעך געמאַכט אויף ייִדיש. דאָס איז בינעמען געווען צום האַרצן און אים באַווירקט צו ווערן אַן אָפטער באַזוכער פון טעאַטער.

אין „לי־לה־לו״ איז רחלען דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומען צו פאַר־ברענגען אין אַ יידיש טעאַטער. די סקעטשן, לידער און איינאַקטערס האָט זי גוט פאַרשטאַנען, און זיך אַפילו געגרויסט, אַז זי האָט אַנטדעקט נאָך אַ שפּראַך, וואָס איז פון דער בינע אַראָפּ דערגאַנגען צו איר און אַרויס־גערופן אַזאַ האַרציק געלעכטער ביי די הומאָריסטישע סצענקעס און סאַטירישע מאָנאָלאָגן. דאָס יידישע לשון, וואָס איז אין יענער צייט אין ארץ־ישראל געוואָרן פאַרפאָלגט און פאַרשריגן, האָט רחלען אויפגעהערט צו זיין פרעמד און זי האָט אַפילו ליב באַקומען דערמיט זיך צו באַנוצן. עס האָט לאַנג נישט גענומען, און רחל האָט אַנגעהויבן העלפן בינעמען איבערקוקן זיין כתב־יד פונעם אָנגעשריבענעם בוך.

אין דער שטוב פון רחלס עלטערן, ווו ער איז דאָס ערשטע מאָל פאַרבעטן געוואָרן, איז בינעם אַריינגעקומען מיט אַ געפיל, אַז דער וויזיט איז נישט קיין איינמאָליקער, נאָר אַן אָנהייב פון אַ דערנענטערונג צו די מענטשן און האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ היימישקייט, ווי ער וואָלט זיי נישט דאָס ערשטע מאָל געזען און געהערט.

דער פאָטער ר׳ מאיר זלמן, מיט אַ קורץ גראָ פאַרשוירן בערדל, אַ באַיאָרטער ייִד, מיט אַ זאַפטיקן ליטווישן יידיש, האָט אים אויפגענומען מיט אַ היימישן שלום־עליכם, מיט תורה און חכמה־ווערטלעך וואָס האָבן זיך ווי געבעטן מען זאָל זיי אויסהערן און פאַרגעדענקען. דער טאָן פון זיין רעדן איז געווען פון יענע יידן, צווישן וועלכע בינעם איז אויסגע־וואַקסן און דערצויגן געוואָרן. בלויז אין די האַרטע שטריכן אַרום זיינע אויסגעלאָשענע אויגן איז געווען צו דערקענען אַ שווער לעבן.

ר׳ זלמן איז געווען פון די ערשטע שוחטים אין דעם אויפקומענדיקן תל־אביב, ביז זיין ראיה האָט אים אָנגעהויבן קאַליע ווערן און ביסלעכ־ווייז — אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, כאָטש דער שטעקן אין האַנט איז געוואָרן זיין וועגווייזער. ער פלעגט אַליין גיין אין גאַס צום וויין־קלייטל אויף דער שבזי, געשטאַנען הינטערן טיש און געגוי געוווּסט וואָס פאַר אַ מטבע ער נעמט אין האַנט אַריין. אַליין פלעגט ער צוריק געפינען די טרעפּ פון זיין הויז ווען ער איז

צוריקגעקומען פון דער שול, ווי ער האָט לאַנגע יאָרן פאַרנומען אַ שטענדיק אָרט און געלאָזט דאָרט הערן זיינע שבתדיקע דרשות פאַר די מתפּללים.

ר׳ זלמנס פרוי חוה, שוין אויך אין די יאָרן, מיט אַ פּאָר קלוגע אויגן און אַן אויסגעפּילט פּנים, איז געווען אַ פאַרנעמיקע ווייבערישע געשטאַלט, אַ רירעוודיקע, מיט בולטע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט. זי איז געווען סיי די פּרנסה־געבערין אין דעם וויין־קלייטל, סיי געפירט איר שטובווירטשאַפט אין דער גרויסער דירה. ביי חוהן האָט דער ערב שבת זיך אָנגעהויבן שוין דאָנערשטיק פון די פריע אָוונט־שעהען, נאָכן קומען פון געוועלב. פרייטיק, דעם בעסטן טאָג פון דער וואָך ביים פאַרקויפן וויין, האָט חוה געמוזט שטיין אַ גאַנצן טאָג אין קלייטל. דאָנערשטיק, ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, האָט חוה פאַרגעסן אין אַלעם; דאָס איז געווען די צייט פון פאַרעניש און טירחה פאַרן הייליקן שבת־טאָג, וואָס פאָדערט אַזוי פיל אָנשטרענג, זי זאָל קאָנען שיין אויפנעמען די משפּחה־געסט. זיי פלעגן קומען נאָכן דאַווענען אויף קידוש און טועם זיין פון איר טשאָלנט, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער משפּחה.

דאָס מאָל איז חוה געווען נאָך מער פאַרפאַרעט ביי אירע שבתדיקע צוגרייטונגען. איר טאָכטער רחל האָט אָנגעזאָגט אַ נייעם גאַסט, וואָס איז דורך איר דאָס ערשטע מאָל פאַרבעטן געוואָרן צו זייער שבת־טיש. חוהן איז די גאַנצע צייט ביים צוגרייטן די מאכלים נישט אַרויס פון זינען דער גאַסט, ווען זי וועט דאַרפן אויפנעמען ווי די באַלעבאָסטע פון שטוב און ווי די מוטער פון איר שווער געליטענער טאָכטער. דאָס האָט איר צוגעגעבן אויפגעלעבטקייט און געוועקט אין איר דעם כוח. איר איז נישט אָנגעגאַנגען די שפּעטע נאַכט־שעהען, דאָס געוועלב מיט אַלע טאָגזאָרגן. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דער פרייטיק־צונאַכטיקער טיש, וואָס דאַרף אויסזעען שענער ווי אַלע מאָל — ריין, ליכטיק, מיט שבתדיקן חן.

פרייטיק פאַר נאַכט, ווען בינעם איז דורכן לאַנגן קאָרידאָר אַריין אין שטוב מיט אַ פייערלעכן „שבת שלום״, האָט אים חוה מוטערלעך האַרציק אַריינגעבעטן אין צימער און ביי דעם שטיקל וועג ביז צום טיש אים אַרומגענומען מיט אירע קלוגע אויגן. זי איז אַ ביסעלע אונטערגעשטאַנען, געשענקט דעם גאַסט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער, וואָס האָבן בינעמען גע־

דאַרפט מאַכן היימישער און דרייסטער, איבערגעגעבן דעם גאַסט אין די הענט פון איר טאָכטער און באַלד מיט אייליקע טריטלעך זיך ווידער גענומען פאַרען. די עלטערע סאַברע מיט די שיינע פאַרבן אין די באַקן, מיטן ליבן שמייכל אויף די ליפּן, איז געשטאַנען אין שבתדיקן שלייערביים בענטשן ליכט, מיט די הענט פאַרלייגט אויף די אויגן. ר׳ זלמן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבן אָן ביים טיש, אין זיידענעם קאַפּל, דאָס קורצע בערדל אויסגעגלעט ביזן ווייסן העמדקאָלנער מיטן געבלימטן קראַוואַט. זיין טאָכטער איז געווען די לעצטע פון די קינדער אין שטוב. ר׳ זלמנס פּנים איז געווען אָנגעשטעלט צו די וואָס ביים טיש, ווי ער וואָלט זיי געזען מיט זיין שטאַרן בליק און אָנגעקוואָלן פון שבת־קודש־דיקן טיש.

אויך די אַלטע, איבער ניינציק יאָריקע באָבע חיה, מיט אַ יידישער צייטונג „דער אַמעריקאַנער”, וואָס זי האָט געלייענט אָן ברילן, האָט גע־רעדט מיט דעם זעלבן יידישן לשון, ווי אין אירע קינדער־יאָרן אין דעם יידיש־ליטווישן שטעטל און צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן דער שטוב צווישן די שמאָלע אַלטע געסלעך פון „נוה שלום” לעבן יפו.

בינעמס אַפּטע באַזוכן ביי רחלס עלטערן האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ נייגעריקייט צו דער דורותדיקער אָפּשטאַמונג פון זייערע אבות. ר׳ זלמן האָט פאַרמאָגט אַ גוטן זכרון און ליב געהאַט צו רעדן וועגן דעם.

אין בינעמען האָט ר׳ זלמן געפונען אַ געדולדיקן אויסהערער צו זיינע דערציילונגען וועגן די ראשונים, וואָס האָבן אָנגעהערט צו זיין יחוס־קייט און געשלאָגן וואָרצלען פאַר דעם שפּעטער אויפקומענדיקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. ער האָט אויפן קאָפּ אויסגעגלייכט די יאַרמלקע און זיך צערעדט וועגן יענע יאָרהונדערטער.

ר׳ זלמן האָט זיין סיפּור־המעשה אָנגעהויבן פון יענער צייט ווען ר׳ יצחק לוריא אַשכנזי און זיינע תלמידים זענען אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט געקומען קיין צפת אָנקניפּן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן הייליקן לאַנד, כדי ראוי זיין אויפצונעמען „את פני המלך־משיח בשובו אל ארץ מלכותו”.

פון דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די עליה פון חסידים, דער עיקר אין

צפֿת, די שטאָט פֿון מקובלים. זיי זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פֿון די חסידישע צענטערס אין די תפוצות, לרוב פֿון צאַרישן רוסלאַנד, אונטער דער השגחה פֿון ר׳ שניאור זלמן פֿון לאַדי, דער יסוד־לייגער פֿון חב״דער חסידות.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט איז אין דער גע־שיכטע פֿונעם ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל אַריין דער נאָמען פֿון ר׳ שמעון שמערלינג — אַ ייִד אַ תלמיד־חכם און באַקאַנטער מאַנופֿאַקטור־סוחר אין שקלאָוו, אַן אָנגעזעענער חב״דער חסיד, אַ בן־בית ביים רבי שניאור זלמן פֿון לאַדי און נאָך זיין פּטירה — ביי זיין זון דעם יורש ר׳ דוד בער פֿון ליובאַוויטש.

ר׳ שמעון שמערלינג האָט זיך נוהג געווען אויף די יום־טובים פֿאָרן צום רבין. איין מאָל האָט אים דער רבי פֿאַרבעטן אין זיין חדר און פֿאַר אים אויסגעדריקט זיין ווילן אַז ער, ר׳ שמעון, זאָל פֿאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט אויסקוקן אַ פּאַסיקן אָרט פֿאַר גרינדן אַ ישוב פֿון חב״דער חסידים.

ר׳ שמעון האָט איבערגעוואַרט דעם ווינטער און באַלד נאָך פּסח זיך אַרויסגעלאָזט אין וויטן וועג, געפֿאָרן מיט אָקס פֿון שטאָט צו שטאָט, דעם רבינס וואָרט האָט ר׳ שמעונען אָנגעפֿילט מיט כוח ביים פּלאָגן זיך אין זיין וואַנדער. ער האָט געגעסן ביי פֿרעמדע טישן, געשלאָפֿן אויף האַרטע געלעגערס, אין בתי־מדרשים, חדשים־לאַנג געוואַנדערט איבער זאַמדיקע וועגן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָרט אין טערקיי, און פֿון דאָרט, אויף טראַנספּאָרט־שיפֿן, זיך געשלעפּט פֿון פּאָרט צו פּאָרט.

נאָך אַ קנאַפּ יאָר וואַנדערן איבער יבשות און וואַסערן, איז ר׳ שמעון שמערלינג מיט מזל דערפֿאָרן צום יפֿוער פּאָרט.

ר׳ זלמן האָט אָפּגעאָטעמט און געזאָגט מיט אַ מיד קול: עס זאָגט זיך אַזוי לייכט — דערפֿאָרן. אָנגעקומען קיין צפֿת איז ער רייטנדיק אויף אייזלען און קעמלען איבער טיפֿע, זאַמדיקע וועגן. אַז ר׳ שמעון שמערלינג איז מיט די בריוו פֿון רבין צוגעטראָטן צום ענין און דאָס פֿאַרגעלייגט די חסידים, האָט ער זיך דערשפּירט אַ דערפֿרישטער, מיט אַ מחיהדיקן געפֿיל, וואָס ער קאָן אויספֿילן דעם רבינס באַגער. ר׳ שמעון איז אַוועק

אין נאָך אַנדערע מקומות, מיט קלענערע ייִדישע ישובים. אַזוי האָט ר׳ שמעון אָנגעזאַמלט אַ סך ידיעות און מיט דעם פאַרלאָזט ארץ־ישראל. דורכן אַראַבישן מדבר איז ער אָנגעקומען קיין מצרים און פון דאָרט — צוריק קיין רוסלאַנד. נאָך קנאַפּע צוויי יאָר אונטערוועגנס איז ער ווידער געזעסן ביים רבין אין זיין חדר.

דער ליובאַוויטשער רבי ר׳ דוד בער, האָט נאָך ר׳ שמעונס באַריכט, באַשלאָסן צו פאַרלייגן אַ ייִדישן ישוב פון חב״דער חסידים אין חברון. פאַר מקיים זיין די מצוה פון שיבת־ציון, האָט ער קודם אַרויפגעלייגט אויף ר׳ שמעונען דעם חוב אַז ער מיט זיין משפחה זאָלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל און ווערן דער יסוד־לייגער פון אַ ייִדישן ישוב אין דער שטאָט פון די אָבות, חברון.

ר׳ שמעון האָט געפּועלט ביי זיין ווייב די צדקת נאָכצוקומען דעם רבינס ווונטש. ער האָט ליקווידירט זיינע געשעפטן, חתונה געמאַכט דעם בכור, זיין זון משה, און מיט זיי צוזאַמען זיך ווידער געלאָזט אויף די זעלבע וועגן קיין ארץ־ישראל.

פאַר וואָס נישט אין ירושלים, נאָר אין חברון? אויף דעם האָט ר׳ זלמן געוווסט קורץ צו ענטפערן: אין יענער צייט, סוף 18טן יאָרהונדערט, איז נישט מעגלעך געווען פאַר אַשכנזישע ייִדן מיט זייער אויסזען און מיט זייער שפּראַך, זיי זאָלן אין דעם אַראַבישן הפקר קאָנען ווערן ירושלימער תושבים.

אַזוי איז איבער דער שטאָט שקלאָוו אין מאָהילעווער גובערניע זיך פונאַנדערגעגאַנגען די ידיעה וועגן ר׳ שמעונס אָוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. ווו נאָר זיי האָבן אָנגעטראָפן אַ ייִדישן ישוב, האָט מען זיי אויפגענומען מיט דרך־ארץ און זאָרג.

ר׳ זלמן האָט אַ גלעט געטאָן זיין קורץ בערדל און ווייטער געצויגן: נישט ווי היינטיקע צייטן, ווען מען שיפט זיך אַריין גלייך קיין חיפה. בערך אַ יאָר, אַ זומער מיט אַ ווינטער, האָט געדויערט ביז ר׳ שמעון מיט זיין ווייב שרה, און זיין זון משה מיט זיין ווייב חנה־דבורה, האָבן מיט לאַסטשיפן זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון לאַנד. זייער ווייטערדיקע

נסיעה איז פאַרגעקומען אין אַנגעהאַנגענע קעסטלעך איבער די קעמלען דורך דעם לאַנגן זאַמדיקן וועג פון יפו ביז חברון.

אַחוץ אַ תלמיד־חכם איז ר׳ שמעון אויך געווען אַ פּראַקטישער מענטש, באַקענט זיך מיט אַלץ אַרום אים. זיין שנור פלעגט אַן איבער־געטאַענע אין אַראַבישע קליידער, רייטן אויף אַן אייזל און פאַרקויפט שטאָפן צו די פעלאַכן אין דער סביבה פון חברון. זיי האָבן נישט געלעבט פון די צדקה־געלטער. דעמאָלט איז געווען שלא כדרך הטבע צו שאַפן ממשות־דיקע פרנסה־קוואַלן אין ארץ־הקודש.

די משפחה שמערלינג איז זיך צעוואַקסן מיט זין און טעכטער, איינער פון זיי, דער זון פון משהן, יוסף יהודה, איז געוואָרן אַן אַנגעזעענער באַאַמטער אין עסטרייכישן קאָנסולאַט. צוליב זיין מעמד האָט ער אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט פאַרהיט דעם יידישן ישוב אין חברון פון אונטערגאַנג.

יוסף יהודהס יינגערער ברודער, חיים שמואל שמערלינג, איז געבוירן געוואָרן אין תקפ״ו — ר׳ זלמן האָט אָנגערירט מיט די שפּיצן פינגער דעם שטערן און אויסגערעכנט, אַז דאָס איז געווען אין יאָר 1826. ער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין די דרכים פון זייער זיידן ר׳ שמעון אין דעם יידישן ישוב פון חב״דער חסידים אין חברון. ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ גרויסער למדן, און מיט זיין לעבנס־חכמה, ווי אַ געבוירענער אין דער שטאָט, האָט ער געוווסט ווי אַזוי צו געפונען כבוד און אָנזען ביי די אַראַבישע איינוווינער און אַנצוקניפּן האַנדלס־באַציִונגען מיט אַראַבישע שכנים, וועלכע האָבן באַקומען צו אים גרויס צוטרוי. פאַר זיינע דערפאַרונגען אין מסחר איז דער מאַרק אין דער שטילער, נישט אַנטוויקלטער, אַלטער שטאָט חברון געוואָרן פאַר אים צו קליין. רייטנדיק אויף אַן אייזל איז ער אַוועק אויסקוקן די שטאָט יפו. אין עלטער פון קרוב צו פערציק יאָר איז חיים שמואל שמערלינג, צוזאַמען מיט זיין משפחה, געקומען זיך באַזעצן אין דער אַראַבישער פאָרשטאָט.

ר׳ זלמן מיט זיין פאַרגליווערטן בליק אויף איין פונקט, ווי פון דאָרט וואָלט ער אַרויסגעלייענט פון זיינע זכרונות, האָט איינגעהאַלטן זיינע

מחשבות, זיי אויסגעשטעלט מיט אַ סדר לויט צייט און יאָרן, און ווייטער ממשיך געווען:

אַז מען האָט חיים שמואל שמערלינג געפרעגט: פאַר וואָס מיידסטו אויס די גאָענטע הייליקע שטאָט ירושלים און גייסט וווינען אין אַ גויִישער שטאָט? האָט ער געענטפערט: אויך יפו איז אַ שטאָט אין ארץ־ישראל, און ס'איז געווונטשן, אַז יעדער ייִד, וואָס וועט דורך דעם פּאָרט אָנקומען אין לאַנד, זאָל וויסן, אַז אויך אין דער דאָזיקער שטאָט וווינען ייִדן.

אין יפו האָט חיים שמואל פאַרלייגט די ערשטע צאָל־און פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט פאַר עקספּאָרט־אימפּאָרט. די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען מיט הצלחה, אין לאַנד און מעבר לים, מיט עקספּאָרטירן ארץ־ישראלדיקע אתרוגים, ווײַנען און טאַבאַק פון די פעלדער פון די ערשטע ייִדישע קאָלאָניסטן. אַזוי איז חיים שמואל געוואָרן דער פּיאָנער פון ארץ־ישראלדיקן ים־האַנדל אין דער ברייטער וועלט און אויך דער ערשטער גרינדער פון אַ ייִדישן ישוב אין דער שטאָט יפו, וווּ פאַר אים האָבן זיך געפונען בלויז דריי פאַראייניזאַמטע ייִדן.

ווען אין יפו האָט זיך באַזעצט דער ערשטער מנין ייִדן, האָט ר' חיים שמואל שמערלינג אויפגעשטעלט אַ מקום־תפילה, אַרום זיין הויז האָט זיך אָנגעהויבן בויען און צעוואַקסן די שכונה, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „נוה שלום" און דערגרייכט ביז צו דער נייער אויפגעקומענער שכונה מיטן נאָמען „תל־אביב", מיט די ערשטע שמאָלע אַריינפיר־גאַסן צו דער שפּעטערדיקער ריין ייִדישער שטאָט — אָבער שוין עטלעכע דורות נאָך ר' חיים שמואל שמערלינג.

ר' זלמן האָט זיך דערנענטערט צום סוף פונעם סיפור־המעשה מיט זיין שייכות צום דור פון ר' שמעונס היסטאָרישע עליה דורך זיין פאָטער ר' משה יעקב.

ר' זלמנס פאָטער משה יעקב, איז געווען אַ געבוירענער אין ליובאַ־וויטש, אַן אייניקל פון דער רבנישער דינאַסטיע שניאורסאָן פון ליובאַוויטש. אין עלטער פון דריי יאָר איז ער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין יאָר 1861 געקומען אין לאַנד פאַרגרעסערן דעם חב"דער ייִדישן ישוב אין חברון. פון דאָרט, שוין אַ דערוואַקסענער, קומט משה יעקב קיין יפו,

וועט אַ נאָענטער מיטבויער מיט ר׳ חיים שמואל שמערלינג ביים אויפ־שטעלן די ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פאַראייניקט אין זיך די ספרדישע מיט די אַשכנזישע ייִדן אין יפו אונטער איין דאַך. אין דער זעלבער צייט האָט משה יעקב חתונה מיט ר׳ חיים שמואלס טאָכטער.

נאָכן פאַרענדיקן זיין דערציילונג, האָט ר׳ זלמנס אויסגעוואָרעמט געזיכט ווידער באַקומען אַ פאַרעלטערטע מראה. זיינע אויגן זענען געוואָרן אַנגעשטעלט אין איין ריכטונג, ווי זיינע מחשבות וואָלטן נישט וועלן זיך שיידן פון די זכרונות.

בינעם האָט אים געפרעגט:

— לויט אייער דערציילן, צו וועלכן דור געהערן אייערע קינדער?

ר׳ זלמן האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַנגעשטעלט די האַנט פאַר זיך און פאַרבויגן אַ פינגער פאַר יעדן דור באַזונדער:

— שמעון שמערלינג — דער ערשטער דור.

— זיין זון משה — דער צווייטער דור.

— משהס זון חיים שמואל — דער דריטער דור.

— חיים שמואלס טאָכטער, זלמנס מוטער — דער פערטער דור.

— ער אַליין, ר׳ מאיר זלמן — דער פינפטער דור.

— זיינע קינדער — דער זעקסטער דור.

קאַפּיטל אַכט

# דאָס איבערגעמישטע בלאַט

בינעמס באַשלוס צו פֿאַרבינדן זיך מיט רחלען איז רייף געוואָרן צו־זאַמען מיט זיין איינלעבן זיך ביי אירע עלטערן, וווּ בינעם האָט איצט פֿאַרבראַכט דאָס רוב פֿון זיין פֿרייער צייט. זינט איר מאַנס טויט האָט רחל מער געוווינט ביי אירע עלטערן, ווי אין איר דירה, וווּ זי האָט ביי יעדן שפּאַן זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַליין. וווּ זי האָט זיך געריירט, איז איר אַנטקעגן געקומען אַן איבערבלייבעניש פֿון אים: אַ בילד, אַ מלבוש, אַ געשענקטע מתנה. אַפילו דאָס קליינע אַנטיק־זייגערל אויף דער וואַנט, האָט איר געדוכט, קלינגט אויס נישט די שעהען פֿון טאָג, נאָר דעם נאָמען פֿון איר אומגעקומענעם מאַן.

בינעם מיט רחלען האָבן זיך דעררעדט צו שטעלן אַ חופּה. גוטע האָפֿענונגען האָבן אַרויסגעקוואָלט פֿון זייערע הערצער. הגם בינעם האָט שוין געוווּסט, אַז דער טאָג פֿון זייער חופּה דערנענטערט זיך, האָט דאָס צונויפֿרעדן זיך מיט רחלען וועגן דעם אים אָנגעפֿילט מיט שטייגנדיקן פֿיבער, אַן אומגעדולד, געמישט מיט פֿריידיקער דערוואַרטונג.

— זאָל מען דערלעבן פֿון אייך נחת — האָבן רחלס עלטערן געוווּנטשן, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די דירה, וואָס רחל מיט בינעמען האָבן גע־דונגען, וועט זיין גאָר נאָענט פֿון זיי.

אין איינעם אַ טאָג האָט בינעם זיך באַפֿרייט פֿון דער אַרבעט. ער האָט געדאַרפֿט דערליידיקן דעם ענין פֿון איינאָרדענען די חופּה ביי אַ רב. מיט זיך האָט ער געהאַט אַ צעטל מיטן טאָג און דער שעה ווען די חופּה זאָל פֿאָרקומען, אָבער דער רב ביי זיין טיש, לעבן אַ גרויסער וואַנט מיט ספֿרים, האָט צעקעמט זיין ברייט צעוואַקסענע רויטע באָרד, אונטערגע־

ברומט אַ ביסל פאַרטראַכט, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף אים פון הינטער די געדיכטע ברעמען און געפרעגט:

— איר קאָנט ברענגען עדות, אַז איר זענט אַן אלמן?

— יאָ, מענטשן, וואָס קענען מיר פון פאַר דער מלחמה, ווייסן אַז מיין ווייב און קינד לעבן שוין נישט מער פון דריי יאָר.

— ניין, נישט דאָס מיין איך — האָט דער רב געגלעט זיין באָרד — איך מוז האָבן פאַר זיך עדות, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען ווי זי איז אומגעקומען. פאַרלוירענע קאָנען זיך נאָך אָפּגעפינען. ס'איז שוין אַ סך מאָל געשען אַזעלכעס.

בינעם, אַן איבערראַשטער פון רבס רייד, האָט זיך באַמיט איינהאַלטן זיין גלייכגעוויכט און געפרעגט:

— רבי, האָט איר געהערט וועגן יידישן חורבן אין פוילן?

— אוי, יאָ — האָט דער רב מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ — אַ סך זיך אָנגעהערט, אַז עס ווילט זיך שוין מער נישט אויסהערן...

— האָט איר אויך געהערט וועגן טרעבלינקע?

— דאָס וואָרט הער איך דאָס ערשטע מאָל פון אייך, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס?

— גאָר אַ נאָענטע שייכות, אין דעם טויטלאַגער טרעבלינקע זענען אומגעקומען אויך די עדות...

דער רב האָט אויסגעגלייכט דאָס קאָפּל אויפן שפּיץ קאָפּ און צענומען זיינע פאַרקוועטשטע ליפּן:

— אָט האָב איך פון אייך געהערט, אַז איר זענט אַ ניצול-געוואָרענער פון יענעם לאַגער, קאָן דאָך דאָס זעלבע האָבן געשען מיט אייער ווייב.

בינעם האָט געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון אַנטקעגן דעם רויטהאַריקן רב, מיט זיין צעעפנטן ספר און די אויגן אָנגעשטעלטע צו אים נאָך אַן ענטפער.

— רבי, אפשר קאָן פאַר אייך גענוג זיין פאַר אַן עדות מיין צעבראָכן האַרץ?

— יונגער-מאַן — האָט דער רב דערנענטערט זיין פּנים צו בינעמען — איך בין נישט קיין רופא-חולים, נאָר אַ רב, וואָס מעסט זיינע מעשים לויטן

דין און לויטן שכל־הישר, דעריבער קאָן איך נישט אַנטקעגנקומען אייער פאַרלאַנג...

רחל האָט מסכים געווען מיט בינעמען, אַז מען דאַרף נאָך אַ מאָל פּרוּוון מזל ביי אַ רב אין די גאַסן לעבן אירע עלטערנס וווינונג. אַ טאָג שפּעטער איז בינעם שוין געזעסן ביי דעם רב, וואָס האָט נאָכן אויסהערן וועגן וואָס עס גייט, מיט אַ וואַרעמען שלום־עליכם אים אַריינגעבעטן צו זיך אין חדר.

דער רב, אַ נידעריק דראָבנע ייִדל איינגעהילט אין אַ שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, מיט אַ צוויי־שפּיציקער באָרד און לאַנגע שוואַרצע פּאות, האָט בינעמען גוט אויסגעהערט, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז דער רב האָט פון שטאַרקן איבערנעמען זיך אָנגעלענט דעם שטערן אויף דער האַנט און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ווען בינעם איז שטיל געבליבן האָט דער רב געזאָגט:

— צו דעם, וואָס איך האָב פון אייך אויסגעהערט, דאַרפט איר קומען מיט צוויי עדות וואָס האָבן געזען דאָס אומברענגען פון אייער פרוי.

— אין דעם טאָג — האָט בינעם מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטימע געפּרוּווט דעם רב איבערצייגן — איז דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן אומגעקומען, טאָ ווער זאָל עדות זאָגן?

— דאָס הייסט — האָט דער רב פאַרקנייטשט דעם שטערן — אַז איר קאָנט נישט ברענגען קיין עדות.

בינעם האָט גענומען איינטענהן:

— וואָס וועט איר טאָן מיט די הונדערטער עולים אין דעם זעלבן מצב וואָס איך? וועלן זיי אַ גאַנץ לעבן דאַרפן בלייבן אַליין?

דער רב האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— נו, דערווייל זענט איר נאָכן חורבן ביי מיר דער ערשטער אין אַזאַ מצב.

— און אַז עס וועט קומען צו אייך אַ צווייטער, אַ דריטער?

— וואָס מיינט איר — האָט דער רב זיך שוין אַ טרייסל געטאָן — אפילו פאַר אַ צענטן וועל איך נישט ברעכן קיין דין!

בינעמען איז אַדורך אַ געדאַנק, אַז אפשר זאָל ער נעמען צוהילף דעם נאָמען פון רחלס פאָטער:

— רבי, איר קענט אפשר ר׳ זלמנען? מיט זיין טאָכטער, אַן אלמנה, קלויב איך זיך חתונה האָבן.

— ר׳ זלמן?! — האָט דער רב צענומען די הענט מיט גרויס פאַר־ווונדערונג — אַזאַ אָפּגעהיטענער יִיד, אַ למדן, וואָס איז אַליין בקי אין אַלע דינים, וועט דערלאָזן חתונה האָבן זיין טאָכטער מיט אַ מאַן, וואָס קאָן נישט באַווייזן, אַז ער איז אַן אלמן?!..

אַ פאַרשטומטער האָט בינעם זיך אויפגעהויבן פון דער שטול. הינטער זיך האָט ער געפילט דעם רבס אויגן, וואָס האָבן אים נאָכגעקוקט ביז ער האָט פאַרמאַכט די טיר.

יענעם טאָג איז שוין בינעם נישט אַרויס פון זיין צימער. ער האָט זיך פרי געלייגט אין בעט און מיטן איינשלאָפן געוואָלט אַנטלויפן פון די דאגות. אָבער זיין חשבון מיט דער נאַכט האָט נישט געשטימט. אויך דער שלאָף האָט אים נישט געבערענגט קיין רו. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון אַנגסטיקע חלומות און אַרויס פון זיי אַ צעפייניקטער.

אין חלום זענען פאַר אים אויפגעקומען די אַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין זיין געדעכעניש, יעדער פון זיי — אַשיק־גרוי. ווייסע מלאכים האָבן אויף די פליגל זיי געטראָגן פון די טרעבלינקער אַשפעלדער, איבער טאָלן און בערג, אויפגעטורעמטע ביזן הימל — זיי געבראַכט ביז צום רבס הויז עדות זאָגן, אַז זיי זענען מיט בינעמס ווייב און קינד צוזאַמען פאַרגאַזט געוואָרן, צוזאַמען אויף אַש פאַרברענט געוואָרן, אָבער דעם רבס טיר האָט פאַר זיי זיך נישט געעפנט...

בינעם האָט זיך געגוויטיקט אין דער הילף פון אַזאַ מענטש, וואָס איז נאָענט צו די רבנישע קרייזן. ער איז אַוועק זוכן אַן עצה ביי זיין נאָענטן קרוב יהודה, אַן אָנגעזעענער באַאַמטער אין דער בני־ברקער שטאָט־פאַר־וואַלטונג, אַ בעל־שכל און גוט באַקאַנטער נאָמען אין שטעטל.

אַז בינעם איז אָנגעקומען אַן אומגעריכטער צו זיין קרוב אין אַ פראָסטן מיטוואָך, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז בינעמען קוועלט עפּעס.

נאָך בינעמס אויסרעדן זיך, האָט יהודה קודם איינגענומען בינעמס

פּעס מיט אַ שיין מעשהלע וועגן רבנישע דין־תורהס, וועגן פּסקנען פון ספר אַרויס אָן זיך צו רעכענען מיט דעם רעאַלן לעבן, און צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיר גיין צו אַ רב, איך הער אים אָפּט לערנען אַ שיעור. אַ גרויסער קענער פון אויסטייטשן די שווערסטע סוגיות. ווער מען הערן, ווי אַזוי ער וועט אויסטייטשן דיין סוגיה.

דער רב קאַליש, אַ הויכער מיט אַ ברייט־צעקעמטער ווייסער באָרד, אין אַ זיידענעם שלאַפראָק, האָט אָנהאַלטנדיק די יאַרמלקע אויפן קאָפּ פאַרריסן דאָס פּנים פונעם אָפענעם ספר.

— קומט אַריין — האָט דער רב אָנגעוויזן אויף שטולן צום זעצן און אויסגעהערט יהודהן.

ווען דער רב האָט שוין געוווסט וועגן דעם ציל פון זייער קומען, האָט ער בינעמען פאַרבעטן נענטער צו זיך, כדי אים גענויער אויסצוהערן. דאָס שרעקוואָרט טרעבלינקע איז דעם רב שוין יאָ געווען באַקאַנט. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן ווי אַזוי בינעם איז ניצול געוואָרן פון טויט.

דער רב האָט געפרעגט מיט אַ שטיל קול:

— ווער וועט עדות זאָגן?

— וועט געגנוג זיין פאַר אייך איין עדות? — האָט יהודה געפרעגט.

— עס קאָן זיין איינער, נאָר אַ שטאַרק באַגלייבטער — האָט דער רב מסכים געווען.

יהודה האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאַר דעם באַגלייבטן עדות.

— איך בין גרייט זיך אונטערשרייבן, אַז בינעמס רייד זענען לויטער אמת. טויטע קאָנען נישט קומען עדות זאָגן...

יהודהס ווערטער האָבן געקלונגען ווי ביים אָפּגעבן אַ שבועה. דער רב האָט אַ ווײַלע זיך פאַרקלערט:

— על פּי דין איז מיר שווער מסכים צו זיין, אָבער על פּי שכל קאָן איך נישט אָפּזאָגן — און דער רב האָט גענומען די פּעדער אין האַנט, כדי צו פאַרשרייבן דעם טאָג פון דער חופּה ביי אים אין שטוב.

אינעם טאָג פון דער חופּה האָט בינעם זיך אַליין נישט דערקענט. ווי זענען אַהינגעקומען יענע פריידיקע אימפּולסן פון וועלן דערגרייכן צו

דער שוועל פון אַ באַנייט לעבן? ווו זענען יענע דערוואַרטונגען, וואָס האָבן אים אָנגעפילט מיט באַגער און אַזוי שטאַרק באַווירקט? פאַר וואָס איז ער אַזוי ערנסט געשטימט? פאַר וואָס ציטערן די בלומען אין זיין האַנט? לפנים האָט בינעם געצוימט אין זיך זיינע אינערלעכע העמונגען, אָבער ווען ער האָט דערזען רחלען אָנקומען צוזאַמען מיט אירע נאָענטסטע צום רב אין שטוב, האָט ער אין זיך אַריינגענומען אויך רחלס ערנסטקייט. פאַר בינעמען איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי ביידע מישן איצט איבער אַ בלאַט פון זייער לעבן.

קאַפּיטל ניין

# שכונת שבזי

אויף דער זאַמדיקער גאַס החרמון אין שכונת שבזי האָט בן־דוד דער מילכיקער אויסגעבויט אַן איינשטאָקיק הייזל. אַ העלפט פון דעם הייזל האָט פאַרנומען דער מילכיקער מיט זיין משפחה, אין דער צווייטער העלפט האָבן זיך אַריינגעצויגן רחל מיט בינעמען.

דעם מילכיקערס ניי הייזל האָט זיך בולט אָנגעזען צווישן די אַלטע נידעריקע הייזקעס, וואָס זענען געבויט געוואָרן נאָך פון די ערשטע יידישע תושבים אין דער שכונה. דערנעבן, אין די שכונותדיקע שמאָלע זאַמדיקע געסלעך, צו דער זייט פון מנשיה, האָבן אויך געוווינט אַראַבער. דאָס האָט זיך געלאָזט דערקענען אין די ראַשיק־קאַלירטע ווענט פון זייערע הייזקעס.

די איינציקע אַספאַלטירטע גאַס איז געווען שבזי. די גאַס האָט געהאַט די ברייט פון אַ לאַסטאויטאָ און איז געווען דער איינציקער טראַנספּאָרט־וועג פאַר דער גאַנצער שכונה. אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן זיך אויך געפונען אַלע קליטן, וואָס האָבן באַדינט די איינוווינער פון די אַרומיקע געסלעך. אין דער פּרי איז דער ערשטער גאַנג געווען צו ר׳ מרדכין, דער הויכער, אויסגעמאָגערטער ברויט־און־חלות־פאַרקויפער פון דער שכונה. די גרויס פון זיין קלייטל איז געווען, ווי די צאָל ברויטן, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסלייגן פאַר זיינע שטענדיקע קונים. זומערצייט האָט ר׳ מרדכי נאָך געקאָנט זיך אויסדרייען און דערלאַנגען אַ ברויט, ערגער איז געווען אום ווינטער. ר׳ מרדכי איז געווען אָנגעטאָן אין דעם גראָבן פאַרמעליקטן מלבוש, און ביי זיין מינדסטן באַוועג, האָבן די ברויטן זיך אָנגעהויבן שיטן פון די ברעטער אַראָפּ. די קונים, צענויפגעדרענגטע, פלעגן שטיין מיט אויסגעצויגענע הענט: אין איין האַנט די פּאָר פּיאַסטער און די

צוויטע — אָפּצונעמען דאָס ברויט, וואָס ר׳ מרדכי האָט מיט זיינע לאַנגע ידיים דערלאַנגט איבער די קעפּ.

בינעמס בעל־הבית, דער מילכיקער מיטן פליכעוואַטן קאַפּ און דיקע ברילנגלעזער איבער די אויגן, איז געווען פון די עלטערע תושבים אין דער שכונה. יאָרן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די זאַמדיקע געסלעך מיט זיין רייטוועגעלע, באַהאַנגען מיט מילכקאַנען. בן־דוד האָט איבער די זאַמדן געשטויסן דאָס באַלאָדענע צווייַרעדלדיקע וועגעלע. ביי יעדן הייזל, ווו עס האָבן געווינט זיינע קונים, האָט ער מיט אַן אייזנדל אַ קלאַפּ געטאָן אין דער קאַן, פון דעם קלונג זענען די שכנים זיך צוזאַמענגעקומען און דער מילכיקער האָט מיט דעם בלעכענעם קווערטל אָנגעפילט פאַר יעדן די צוגעטיילטע מאָס, ווי מען גיסט אָן אַ גלעזל וויין — קיין טראָפּן זאָל זיך נישט איבערגיסן. ווייניקער האָט נישט אויסגעמאַכט. אַז מען האָט צום מילכיקן געהאַט טענות פאַר דער שלעכטער מאָס, האָט ער דאָס קווערטעלע אָנגעשטעלט פאַר זיינע דיקע ברילנגלעזער, דערגאַסן עטלעכע טראָפּנס, ווי ביים ציילן אויף איינעמען אַ רפואה.

בינעם האָט אָפּגעהיט די צייט פון באַגינען, כדי צו זיין דער ערשטער קונה אויף די צוויי גלעזער מילך. זינט בינעם האָט דורכן שליסללאָך אין דער טיר געזען, ווי אַזוי בן־דוד פּאָרט צוזאַמען דאָס וואַסער פון קראַן מיט דער מילך אין קאַן, האָט ער זיך שטענדיק מקדים געווען איידער בן־דוד האָט געעפנט זיינע קאַנען. דאָס פלעגט זיין בעל־הבית פאַרדריסן: אַז בינעם מאַכט אים נישט קיין מזלדיקן אָנהייב. אויב אַ קונה האָט אים פאַרלייקנט געלט, אָדער אַ ביסל מילך האָט זיך אים פאַרגאָסן, האָט דער מילכיקער אין דעם געזען די שולד פון ערשטן קונה. בינעם האָט זיך פון דעם אויסגעלאַכט, און דאָס האָט זיין בעל־הבית נאָך מער פאַרדראָסן:

— איר לאַכט, ווי מילך וואָלט ביי אייך געווען וואַסער.

— ביים טיילן מילך טאָר אַ מילכיקער נישט אין זינען האָבן קיין וואַסער — האָט בינעם צוגעוואָרפן אַ רמז.

— יאָ, יאָ, איר האָט רעכט, אַדון בינעם — האָט דער מילכיקער אַריבערגעקוקט איבער די ברילן און געמאַכט זיך פאַרגעסן אין זיינע פריִערדיקע פאַרדראָסן.

זיין טאָג אַרבעט האָט בן־דוד פאַרענדיקט אין די שפּעטע אָוונט־שעהען ווען די קליינע קינדער זענען שוין געלעגן אין די בעטן און זיין ווייב מיטן געשטופּלטן פּנים האָט אָפּגעוואָרט ביים פענצטער דעם קלונג פון די ליידיקע קאַנען אויף זיין רייטוועגעלע. אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט האָט דער מילכיקער מיט זיך מיטגעברענגט אַ פולן לעדערנעם טאַש מיט אייזערנע מטבעות און אַ ריח פון פאַרזויערטער מילך.

דער געלער יאַנקל מיט דער לאַנגער, רויטער באָרד און מיט די געדרייטע פּאות, האָט געזוכט פּרנסה אויף דער שבזי־גאַס ביים פאַרקויפן שטוביקע כלים. זיין געוועלב — אָן אַ פענצטער, מיט בלינדע ווענט. אַ טייל פון זיין סחורה האָט ער צעלייגט פאַר דער טיר און צעהאַנגען אויף די ווענט אַרום דעם אַריינגאַנג. אַ דורכגייער אויף דער זייט גאַס האָט מיט אַ פוס געקאָנט אַריינשפּאַצירן אין אַ שיסל אָדער זיך אָנשטויסן אין אַ טאָפּ. דאַן האָט דער געלער יאַנקל, מיטן ספר אויף די קני, זיך צע־בייזערט פאַר וואָס מען גיט נישט אַכטונג ווו מען גייט. האָט עמעצער זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן אויף די כלים, געוואָלט עפּעס קויפן, האָט דער קונה געמוזט זיך אָננעמען מיט געדולד ביז ר׳ יאַנקל האָט פּאַמעלעך פאַרבויגן דעם דף און פאַרמאַכט דאָס ספר. ערשט דעמאָלט האָט ער צייט געהאַט צו ענטפערן דעם קונה און זאָגן אַ פּרייז, אַז ער זאָל האָבן פון וואָס אַראָפּצולאָזן. אַז ר׳ יאַנקלען איז געלונגען עפּעס צו פאַרקויפן, האָט דער קונה מיטגענומען אַ פולע שיסל מיט ברכות.

פונקט אַנטקעגן ר׳ יאַנקלען איז דער נאָענטסטער שכן געווען דער שפּייזקרעמער יהודה מיטן אָנגעלאָפּענעם בויך און דיקן גוידער. מיט די קונים האָט ער גערעדט מער אַראַביש ווי עברית. ר׳ יאַנקל האָט נישט איבעריק ליב געהאַט צו קוקן אין דער זייט פון זיין שכן, וואָס האָט געהאַט דאָס גרעסטע געוועלב פון דער גאַס און ביי אים איז שטענדיק פול געווען מיט קונים. ער האָט געאַרבעט פון באַגינען ביז אין די שפּעטע אָוונט־שעהען און ערב שבת צוגעמאַכט ווען יידן זענען שוין געגאַנגען צום דאַווענען. ר׳ יאַנקלען האָט אויך פאַרדראָסן, פאַר וואָס זיין שכן שטייט און פאַרקויפט אין הוילן קאָפּ. אין איינעם אַ טאָג, אַז דער מכולתניק איז אין מיטן דער

אַרבעט אָוועקגעפאַלן און זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן, האָט ר׳ יאַנקל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „מיט דעם וואָס איז איבער אונדז, טאָר מען זיך נישט שפּילן״...

עובדיה, דער שוסטער פון דער שכונה, האָט געהאַט זיין וואַרשטאַטל פאַרשטעקט אונטער אַ נידעריק דעכל. אַליין אַ הויכער, האָט ער ביי דער אַרבעט נישט געקאָנט זיך אויפשטעלן, בלויז אַ זיצנדיקער אויף זיין דרייפיסיקן בענקעלע האָט ער געקענט אויסגלייכן דעם קאָפּ און פריי אים באַוועגן ביים איבערגעקערטן קאַסטן, וואָס האָט געדינט סיי פאַר אַן אַרבעטסטיש, סיי אויף צונויפזאַמלען דעם אָנגעוואָרפענעם באַרג אַלטוואַרג, וואָס איז קיין מאָל נישט קלענער געוואָרן, כאָטש ער האָט געאַרבעט גאַנצע טעג אָן אַן איבעררייס.

עובדיה, אַ טאַטע פון קליינע קינדער, האָט זיך זעלטן באַקלאָגט אויף זיינע קאַרגע פאַרדינסטן. ער האָט אויסגעזען אַ צופרידענער מיט די עטלעכע ברויטן אונטערן אָרעם, וואָס ר׳ מרדכי האָט אים יעדן טאָג אָפּגעהיט. באַזאָרגט מיט ברויט פאַר די קינדער איז עובדיה געזעסן אויפן שוסטער־בענקעלע און אונטערגעברומט מיט דער נאָז אַראַבישע ניגונים. זיין מויל איז געווען געשלאָסן מיט צענויפגעפּרעסטע ליפּן און פון דאָרט האָט ער געצויגן די אייזערנע שטיפטלעך און זיי צוגעקלאַפּט מיטן העמערל צום טאַקט פון זיין ברומען.

ביי עובדיהן אין זיין שוסטער־וואַרשטאַטל האָט מען כמעט ווי נישט געזען קיין ניי שטיקל לעדער. פון דריי פאַר אַלטע שיך האָט ער צוריק־געגעבן צוויי פאַר פאַרראַכטענע און פון דעם איז אים נאָך געבליבן אַ רעשט. זיין קעמערל איז געווען אָנגעלייגט מיט אַ באַרג צעטרענטע שיך — דאָס איז געווען זיין לאַגער רוי־מאַטעריאַל.

נאָכן לאַנגן טאָג־אַרבעט האָט עובדיה פאַרמאַכט זיין וואַרשטאַטל אויף אַ דין דראָטן קייטעלע. אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ער לאָזט אַזוי אויף הפקר פרעמדע שיך, איז זיין ביינערנער קנאָפּ אויף זיין דאַרן האַלדז זיך צעשפּרונגען פון לאַכן: „אין אונדזער שכונת שבזי זענען נישטאָ אַזעלכע נאַרישע גנבים, וואָס זאָלן אויסציִען די הענט נאָך „אַלט־זאַכן״.

הערשל דער שניידער, מיט די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, איז תמיד געזעסן אַנטקעגן דער טיר פון זיין געוועלבל. אַן אַנגעבויגענער מיטן ווייסן קאָפּ איבערן אויפגעטרענטן מלבוש אויף די קני׳ען, האָט ער אויסגעזען ווי אַן איינגעדרימלטער ביי דער נודנער אַרבעט. אַזוי האָט ער אויך אויסגעזען מיטן איינגעגראָבענעם פּנים אין דער מאַשין ביים צונויפנייען די צענטרענטע טיילן פון אַלטן בגד. ווען נישט דאָס לויפנדיקע רעדל פון דער מאַשין, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז הערשל דער שניידער איז פון מידקייט איינגעשלאָפן.

גאָר אַן אַנדערן אויסזען האָט הערשל געהאַט מיטן אַנגעהאַנגענעם צענטימעטער איבערן האַלדז ביים אויספּאַסן דאָס צונויפגענייטע מלבוש, ווען ער, צוזאַמען מיט דעם קונה, זענען געשטאַנען אַנטקעגן דעם לאַנגן שפּיגל אויף דער וואַנט. דאַן האָט הערשלס פּנים צופרידן געשמייכלט, אַריבערגעקוקט די ברילן אויף אַרויף און אַראָפּ, געגלעט דעם בגד און געמורמלט: „פון אַלט געמאַכט ניי״. דער קלי׳ענט פון דער שבזי־גאַס האָט זיך אַליין נישט דערקענט אין דעם איבערגעדרייטן מלבוש. מיט אַזאַ אויסזען וועט ער זיך נישט פאַרשעמען אפילו אויף די נייע ברייטע גאַסן פון תל־אביב.

אַז צו הערשלען דעם שניידער איז אַריין אַ קונה מיט אַ פּעקל אַלטוואַרג אונטערן אָרעם און געווענדט זיך צו אים אין זיין מאַמע־לשון יי׳דיש, האָט דאָס אַלטע מידע פּנים זיינס אויפגעלעבט און געוואָרן גאָר היימיש. ביי אַזאַ שמועס האָט הערשל ליב געהאַט זיך דערמאָנען אין זיינע יונגע חלוצישע יאָרן אויף די זומפּיקע פעלדער, ווען מיטן שפּראָץ פון באַגינען זענען די נאָך פאַרשלאָפענע יונגען אין די הויכע רוסישע שטיוול שוין געשטאַנען אין די בלאָטעס. הערשלס גורל איז פאַרפלאָנטערט געוואָרן מיט מאַלאַריע, מיט הונגער, מיט אַראַבישע אָנפאַלן. מיט יאָרן צוריק איז ער געקומען אין שכונת שבזי און זיך גענומען צו זיין אַלט פאַך וואָס ער האָט יינגלווייז זיך געלערנט.

זיינע קינדער האָט הערשל דערצויגן אין חלוצישן גייסט. ער האָט איבערגעטראָגן צו זיי זיין ליבשאַפט צו ערדאַרבעט. אָפט איז ער מיט זיי געפאָרן צום אָרט פון די אַמאָליקע זומפּן, וואָס די מאַלאַריע האָט אים פון

דאָרט פֿאַריאָגט. די שוין דערוואַקסענע קינדער האָבן אויף דעם אָרט געפֿונען ייִדישע קיבוצים מיט באַאַרבעטע גרינע פֿעלדער. און ווי גאָט האָט געגעבן יעדן ערב שבת האָט הערשל פֿאַרמאַכט זיין שניידער־וואַר־שטאַטל און מיט זיין ווייב זיך אַוועקגעלאָזט אויף צפֿון פֿון לאַנד, צו יענעם אָרט, פֿון וואַנען ער איז מיט יאָרן צוריק געקומען זיך באַזעצן אין שכונת שבזי.

דער דאָקטער ראָזענבערג איז אין דער שכונה געווען פּאָפּולער און געאַכט. זיין אויסזען האָט געוועקט נייגעריקייט צוזאַמען מיט אַ געפֿיל פֿון דרך־ארץ. ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן די תושבים סיי מיט זיין אויסזען, סיי מיט זיינע אייגנשאַפֿטן: אַ הויכער, מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, אַן אייליקן גאַנג און פֿלינקע באַוועגונגען. בלויז זיין לשון מיט אַ רוסישן אַקצענט איז געווען פֿאַמעלעך־צעצויגן. אויך זיין קליידונג איז געווען אַנדערש: זיין שוואַרצן קאַפּעליוש האָט ער זעלטן געטראָגן אויפֿן קאָפּ, נאָר אין די הענט צוזאַמען מיטן רענצעלע. דער סענקעוואַטער שטעקן האָט אים מער געדינט צום פֿאַרגעסן ביי אַ וויזיט אײדער זיך אָנצושפּאַרן אויף אים. די גראָבע קייט פֿון זיין קעשענע־זייגער איז געהאָנגען איבער דער גאַנצער ברייט פֿון וועסט. זעלטן זענען די הויזן מיטן רעקל געווען פֿון דעם זעלבן סאָרט און פֿאַרב. די איינוווינער פֿון דער שכונה זענען צום דאָקטער ראָזענבערג געקומען מיט אַלע זייערע מחלות און גערעדט מיט אים אויף אַלע לשונות. האָט וועמען ווי געטאָן אַ צאָן, איז נישט געווען קיין אַנדער דאָקטער, און נישט זעלטן איז דעם דאָקטער ראָזענבערג אויסגעקומען צו פֿאַרטרעטן אַן אַקושער, אַ באַנקע־שטעלער און מאַכן די איינשפּריצונגען, וואָס ער אַליין האָט פֿאַרשריבן. דערפֿאַר איז ביי אים פֿול געווען מיט פּאַציענטן. אַז דאָקטער ראָזענבערג האָט וועמען פֿון די קראַנקע געמוזט איבערשיקן צו אַ תל־אביבער דאָקטאָר, האָט מען אין דער שכונה שוין ווייניק געהאַלטן פֿון דעם קראַנקן.

פֿאַרענדיקט די שכונה, האָט דער צייטונגס־פֿאַרקויפֿער סעדיה אין זיין הילצערנער בודקע אויף עק שבזי צו דער זייט פֿון אחד העם. דאָס

ספּרדישע טונקלהויטיקע נידעריקע ייִדל האָט געוווּסט זיך צונויפֿרעדן אויך אין ייִדיש.

אויב ביי די צייטונגס־פאַרקויפער אין די תל־אביבער גאַסן איז שווער געווען צו באַקומען אַ ייִדישע צייטונג, און אויב יאָ, האָבן זיי עס געהאַלטן פאַרשטעקט, האָט מען ביי סעדיהן אויף שבזי־גאַס געקענט זען אָפן צעהאַנגען אַלע ייִדישע צייטונגען וואָס זענען אין יענע יאָרן אַרויס אין ארץ־ישראל. פון דער גאַנצער געגנט איז מען געקומען צו אים זוכן אַ געדרוקט ייִדיש וואָרט.

סעדיה האָט געוווּסט געניי אָנצורופן דעם נאָמען פון יעדער ייִדישער אויסגאַבע. לייענען אַ ייִדיש וואָרט האָט ער נישט געקאָנט, אָבער רעקלאַמירן אַ ייִדישע צייטונג האָט ער געקאָנט מיט דעם זעלבן צעזונגענעם טאָן ווי די פרישע בייגל, וואָס איז פאַר דעם געווען זיין פרנסה. אַז מען האָט סעדיהן געפרעגט אויב ער האָט נישט מורא, אַז מ׳וועט אונטערצינדן זיין הילצערנע בודקע צוליבן ייִדיש, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „שבזי איז נישט תל־אביב. דאָרט פאַרקויפט מען אומגעשטערט נישט־כשר פלייש, און אַ ייִדישע צייטונג דאַרף זיין טריף־פּסול״?...

אויף דער שמאָלער זאַמדיקער גאַס, קעגן איבער בינעמס דירה, איז געשטאַנען אַ נידעריק געמויערט הייזל מיט אָפּגעריבענע ווענט. ווו־נישט־ווו זענען נאָך פאַרבליבן סימנים פון דער אַמאָליקער בלאָער פאַרב.

אונטן, אין פּאַרטער, האָט געוווינט די אלמנה מזל — אַ נידעריקע מיט אַ בלאַס, מיד פּנים און אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט אָנגעדראָלענע אָדערן פון שווערער פּראַצע פאַרן אויסהאַלטן די יתומים נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן אין אַ סירישער פּראָווינצשטאָט.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט מזל אין דער שכונת שבזי מיט שווערער מי געהאָדעוועט אירע קליינע קינדער. זי איז געגאַנגען אין די פאַרמעגלעכע הייזער פון תל־אביב רוימען, וואַשן און געטאָן אַלע אַרבעטן כדי צו קאָנען שפּייזן די קינדער. דאָס ייִנגסטע פון זיי איז געווען די שוואַרץ־חנוודיקע אסתרל מיט אירע פינקלדיקע ברוינע אייגעלעך, געלאָקטן קאָפּ האָר — אַ קאַפּריזנע אין שטוב און די גרעסטע שטיפערין אויף די זאַמדן אין דער שכונה.

פון קליינוווייז אַן האָט אסתר ליב געהאַט זיך חברן מיט די קינדער פון די אַראַבישע שכנים, געלערנט זייער שפּראַך, זייערע זיטן, געווען אַן אָפטע אַריינגייערן אין זייערע הייזקעס. אויך ווען אסתר איז אויסגעוואַקסן, האָט זי נישט איבערגעריסן מיט די אַראַבישע שכנים, וואָס האָבן געהאַלטן זי פאַר אַן אייגענע.

די מוטער האָט אין דעם נישט געזען קיין בייז, וואָס איר מיידל גייט אויף לאַנגע שעהען אַוועק פון דער היים, ביז זי האָט אין דער מיידל אָנגעהויבן דערקענען אַן ענדערונג. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. צו זעכצן יאָר איז די טונקלהויטיקע יידישע טאָכטער אסתר אין גאַנצן נעלם געוואָרן פון שטוב.

שפּעטער האָבן אַלע אין דער שכונה זיך דערוווּסט, אַז די אָרעמע אלמנה זיצט און וויינט, גייט איין פון בענקשאַפט נאָך איר אַנטלאָפענער טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַראַבער אין יפו.

עטלעכע יאָר זענען אַריבער, און פון אסתרן זענען דערגאַנגען גרוסן, אַז זי איז שוין אַ מוטער פון קינדער. זי טראָגט אַראַבישע קליידער, מיט אַ שוואַרצן איבערדעק אויפן פּנים. אָבער איר מוטער האָט נישט געקאָנט זיך איינלעבן מיטן געדאַנק אַז איר יינגסטע טאָכטער איז שוין אויף שטענדיק פאַרלוירן פאַר איר. האָט זי דורך אירע אַראַבישע שכנים געשיקט צו אסתרן גרוסן, בריוולעך, באַנעצטע מיט מאַמעשע טרערן, נאָר קיין ענטפער פון איר טאָכטער איז צו איר קיין מאָל נישט דערגאַנגען. אין דער שכונה האָט מען שוין געהאַט כמעט פאַרגעסן אין אסתרן, בלויז אירע נאָענטסטע האָבן ארומגעטראָגן אַ בענקשאַפט צוזאַמען מיט אַ בושה־געפיל.

בעת די מלחמה־קאַמפן צווישן יפו און תל־אביב, איז מזלס שטוב געווען די לעצטע, וואָס האָט אין די נאַכט־שעהען זיך פאַרמאַכט ביז אין דער פרי, ווי אַלע יידישע הייזער אין דער שכונה. מזל מיט אירע שטוביקע האָבן אַ סך מער געליטן פון די געשעענישן, זיי האָבן געלעבט מיט דעם פיינלעכן געדאַנק, אַז דאָרט, אין דער שכנותדיקער פיינטלעכער שטאָט יפו, לעבט זייער אסתר. קאָן דען געמאָלט זיין, אַז איר אייגן קינד זאָל בלייבן גלייכגילטיק צום חרוב מאַכן איר מוטערס היים?

אין איינער אַ נאַכט האָט זי געשענקט איר לעצטן בליק די שלאָפנדיקע קינדער און מיט שטילע אויסבאַהאַלטענע טריט איז זי אַרויס צום פינצטערן דרויסן, געשלייכט זיך לעבן די שטיינערנע ווענט פון געסל צו געסל, די שיסעריי האָט געהאַמעוועט אירע טריט, ביז זי האָט זיך דערשלעפּט צו דער גרענעץ פון דער שכונה. די ווענט פון די פאַרלאָזענע ייִדישע הייזלעך האָבן זי געשיצט פון די פאַלנדיקע קוילן און די זאַמדיקע געסלעך האָבן פאַרשלונגען אירע ציטערנדיקע טריט. אַזוי, אַ דערשעפּטע פון די כוחות איז זי דערגאַנגען צו דער שוועל פון איר פריִערדיקער ייִדישער שטוב.

נאָך יאָרן צעשיידונג האָט אסתר ווידער זיך צענויפגעטראָפן מיט אירע נאָענטסטע. די קולות פון פרייד האָבן צונויפגעבראַכט די שכנים. אין מזלס שטוב איז געוואָרן אַן אַנגעלויף פון מענטשן, וואָס האָבן אסתרן געדענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן.

אין דעם זעלבן הייזל האָט געוווינט אַ ייִדישער פּליט פון פּוילן, אַ געקומענער פון ווייטע און פרעמדע וועגן. יעקב האָט דערזען אסתרן צוריק אין אירע ייִדישע קליידער, מיט לאַנגע, שוואַרצע, פאַרפלאָכטענע צעפּ און גרויסע אויגן, אויסגעווישטע פון די פריידיקע טרערן, מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף איר באַחנטן פּנים — און דאָס בילד פון דער יונגער פרוי, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו איר ייִדישן שטאַם, איז שוין נישט אַרויס פון זיינע אויגן.

און אַז אין דער שכונה האָט צוריק זיך איינגעשטעלט רו, האָט מען יעקבן מיט אסתרן געפירט צו דער חופה.

בינעם און רחל זענען אַריין וווינען אויף דער שטילער החרמון־גאַס מיטן באַגער צו געפינען דאָרט משפחה־רו. די ערשטע וואָכן אין דער שכונה האָט זיי אויסגעזען, אַז די מנוחה וועט זיך אַזוי ציִען, ווי אַ שיפל איבער שטילע וואַסערן, אָבער די געשעענישן אין לאַנד האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין זייער טאָגטעגלעך לעבן, אויך אין די שכינותדיקע אַראַבישע געסלעך איז געוווען צו באַמערקן דעם אָנגעלאָפענעם אומרו. יעדן טאָג האָט מען געזען, ווי אַראַבישע שכנים פאַרלאָזן זייערע הייזלעך, פאַרקלאָפּן

טיר־און־פענצטער. די געסלעך וואָס זענען אַ מאָל פֿול געווען מיט רעש אין באַוועגונג, זענען איצט געבליבן טויט־שטיל.

יעדער טאָג האָט געבראַכט אַנדערע נייעסן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט מיט שפּאַנונג און זאָרג פֿאַר די קומענדיקע טעג. אָט האָבן איבערגעגעבן די צייטונגען וועגן דעם מעכטיקן אויפֿרייס אין האָטעל „מלך־דוד" אין ירושלים, און באַלד האָט מען דערפֿילט די שטראָף פֿון די ענגלענדער מיטן אַרויס־גאַנג־פֿאַרבאָט, מיט מאַסן־אַרעסטן, וואָס האָט דערגרייכט אַזש צו די פֿאַר־שטויסענע געסלעך פֿון שכונת שבזי. שיפֿן מיט אומלעגאַלע עולים זענען דורך די ענגלענדער געוואָרן צוריקגעוואָרפֿן פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע ברעגן צום הפֿקר פֿון די אָפֿענע ימען.

די שפּאַנונג איז דערגאַנגען צום הויכפּונקט אין אַ שבתדיקן אָוונט ווען ווי אַ בליץ איז זיך צעגאַנגען די נייעס, אַז די פֿאַראייניקטע פֿעלקער האָבן געשטימט פֿאַר אויפֿשטעלן אַ ייִדישע מדינה. אין דער נאַכט האָט תּל־אָביב געיובלט, געטאַנצט אין די גאַסן.

אין שכונת שבזי איז אין יענער נאַכט פֿאָרגעקומען אַ באַוועגונג פֿון צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען. ייִדן פֿון די זאַמדיקע געסלעך האָבן געשטראָמט צו די תּל־אָביבער גאַסן, כּדי זיך צו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער פֿרייד, און די אַראַבישע שכנים זענען מאַסנווייז אַוועק אין דער פֿאַרקערטער זייט — צו דער אַראַבישער שטאָט יפֿו.

דאָס אַראַבישע יפֿו האָט גלייך רעאַגירט אויף דער ספּאָנטאַנער ייִדישער פֿרייד מיט אַ פּאָגראָם אויף די דאָרטיקע ייִדישע איינוווינער און מיט באַ־שיסן די ייִדישע הייזער נאָענט פֿון שטאָט. די ייִדישע קעמפֿער האָבן גענומען אין שוץ די איינוווינער פֿון דער שכונה, צום ערשטן מאָל האָט מען פֿון צווישן די שמאָלע געסלעך אין דער שכונה גענומען אַרויסטראָגן געהרגעטע און פֿאַרוווּנדעטע.

בינעם איז געשטאַנען ביי דער שפּולמאַשין ווען איבער זיין דאַך זענען קוילן געפֿלויגן אין דער ריכטונג צו דער שכונה. אַרום אים האָבן די פֿאַרלאָזטע ייִדישע הייזער דערמאָנט די טעג פֿון ייִדישן חורבן אין אייראָפּע. אָבער דאָ, אויף דעם אָרט ווו בינעם איז געשטאַנען צוגעשמידט צו זיין אַרבעטס־פּלאַץ, האָט ער געוווּסט, אַז עס שיצן אים ייִדישע קעמפֿער

מיט געוועהר אין די הענט און זיי האַלטן אײַן דעם שטראָם פון גיפטיקער שנאה וואָס רײַסט זיך צו די ייִדישע הײַזער.

אין אָט די אומרויִקע טעג איז געבוירן געוואָרן בינעמס און רחלס ערשטע טאָכטער — שרהלע. דאָס ערשטע געשריי פונעם ניי געבוירענעם קינד איז פאַרטויבט געוואָרן דורכן אָפּהילך פון אָנגריף אויף דער שטאָט יפו. נאָכן אײַננעמען די שטאָט איז דאָס לעבן אין שכונת שבזי געוואָרן דאָס שטילסטע ווינקל אין לאַנד, ווי די מלחמה וואָלט שוין געווען פאַרביי. אָבער אויף אַ פּאָר גאַסן ווייטער, אויף דער שדרת־רוטשילד אין תל־אביב האָבן טויזנטער מענטשן מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דער מינוט פון פּראָק־לאַמירן די ייִדישע מדינה. דורך די הילכערס האָט זיך דערהערט בן־גוריונס קול, און דערנאָך — הרב מימונס וויינענדיקע שטימע ביים מאַכן אַ „שהחיינו" איבער דער נאָר וואָס אַנטשטאַנענער מדינה. בינעם האָט איבערגעלעבט געהויבענע מינוטן, ענלעכע, ווי יענעם טאָג אין דײַטשלאַנד, ווען היטלערס הערשאַפט איז צעבראָכן געוואָרן.

בינעם האָט נאָך נישט באַוויזן רעכט טועם צו זײַן פון זײַן נײַעם פאָטערלעכן געפיל, און אויף אים האָט שוין געוואַרט אַ מאָביליזאַציע־רוף צום קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ערשט געבוירענער ייִדישער מדינה.

קאַפּיטל צען

# אין דער באַפֿרייונג־מלחמה

בינעם איז געוואָרן צוגעטיילט צו אַ גרופּע אַרטילעריסטן. זיי האָבן אַדורכגעמאַכט איבונגען, כדי צו קאָנען זיך באַגיין מיט די קליינע האַר־מאַטלעך, וואָס האָבן אין יענע טעג זיך געפֿונען אין רשות פֿון דער ייִדישער אַרמיי. נאָך דער אויסשולונג איז בינעם מיט זיין גרופּע אַרטילעריסטן אָפּגעשיקט געוואָרן צום פֿראָנט.

דוד, דער קאָמענדאַנט פֿון דער גרופּע אַרטילעריסטן, אַ ברייטפּלייי־ציקער, מיט אַ דיקער באַפֿעלערישע שטים, האָט נאָך נישט געהאַט פֿאַרגעסן די נאַכט פֿון זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל. די אומלעגאַלע שיף, אָן אָנגעשטאָפּטע מיט מעפּילים, האָט זיך געטרייסלט און געבויגן. אָט־אָט דרייט זי זיך איבער און שאָקלט אויס אין ים אַריין אַלע יידן.

דוד איז געווען צווישן די ערשטע, וועמען ארץ־ישראלדיקע בחורים האָבן אויף די פּלייצעס אַרויסגעטראָגן פֿון וואַסער אויפֿן זאַמדיקן ברעג. בעת די ענגלענדער האָבן אַנטדעקט די אויסגעליידיקטע שיף, איז דוד שוין געווען איינקוואַרטירט ביי אַ פֿאַמיליע אין נתניה, ווו מ׳האָט אים געלערנט עטלעכע העברעיִשע ווערטער, אין פֿאַל אויב די ענגלענדער וועלן קומען און ער וועט דאַרפֿן פֿאַר זיי אָנגיין ווי אַן ארץ־ישראלדיקער.

דוד האָט דעמאָלט פֿאַרשטאַנען, אַז זיין זעלנער־וועג, וואָס ער איז, ווי אַ פּליט, דורכגעגאַנגען פֿון סטאַלינגראַד ביז בערלין — איז נישט פֿאַר־ענדיקט, אָבער איצט וועט ער זיך שלאָגן פֿאַר זיין אייגענער פֿרייהייט און פֿאַר זיין אייגן לאַנד. ווי אַ געניטער סאָלדאַט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַריין אין דער אַרטילעריסטן־אָפּטיילונג.

דוד האָט געקעמפֿט אויף ברייטע וועלטפֿראָנטן, און דאָ האָט ער דער־

זען פּאַר זיך אַרטילעריע־אַנטיקן, ווי מען וואָלט זיי אַרויסגענומען פון אַ מלחמה־מוזיי.

אין די ערשטע טעג פון די שלאַכטן מיט רעגולערע אַראַבישע אַר־מייען, איז דוד מיט זיין גרופּע אַוועק אויפן פראָנט ביי דזשענין. דאָרט האָבן אָנגעגריפן די איראַקער. מיט שווערן פּאַנצער־געווער האָבן זיי געוואָלט איבערשניידן דעם פאַרבינדונג־וועג עמק־עפולה און אַזוי אַרום אַריינגעמען אין אַ קלעם די יידישע קיבוצים פון עמק־יזרעאל.

דוד מיט זיין גרופּע האָבן זיך פאַרשאַנצט אין אַ סטראַטעגיש־גינסטיקן פּונקט און פון דאָרט געלאָזט אין גאַנג אַ קליין, פאַרעלטערט האַרמאַטל.

די אַרטילעריסטן־גרופּע האָט דעם שונא מבולבל געמאַכט: דאָס האַרמאַטל האָט געשאָסן אָן איבעררייס, און מיט אַזאַ טעמפּ אַז מ׳האָט די צעגליטע לופטע געמוזט אַרומלייגן מיט נאַסע, קאַלטע טיכער. אָט שטעלט דוד אָן די שאָסן טיפער צום שונא, און אָט ווידער אַ מאָל נענטער — צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס. די איראַקער דערפילן „אַ סך נעסטן" פון יידישע האַרמאַטן און עס באַפאַלט זיי אַ פחד.

ס׳איז געקומען די ערשטע „הפוגה". די קיבוצניקעס פון עמק־יזרעאל האָבן זיך געברודערט מיט די ערשטע יידישע אַרטילעריסטן. דוד האָט ליב געקריגן די ברייטע האַריזאָנטן ביז צו די ראַנדן פון די בערגקייטן, מיט הונדערטער קופּאָלן און קנייטשן, ווי אָנגעוואָרפן איינער אויפן אַנדערן.

די „הפוגה" איז איבערגעריסן געוואָרן. דוד מיט זיינע חברים האָבן ווידער פאַרטיידיקט די ערד פון עמק, דאָס מאָל פון סנדלה. נאָכן פאַר־פעסטיקן אין יידישע הענט דעם סטראַטעגישן פּונקט זרעין, זענען די אַרטילעריסטן אַלאַרמירט געוואָרן פון אַ צווייטן פּונקט — סעדזשעראַ, ווו ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף מיט קאַוקאַדזשיס באַנדעס.

ס׳איז געווען אַ נאַכט, אָן אָנגעלאָדענע מיט שרעק. אויפן הימל איז געהאַנגען אַ קאַלטע, פולע לבנה. אָפּגעהאַקטע האַרמאַטן־שאָסן האָבן זיך געקאָלערט איבער די בערג. די נאַכט האָט צוגעדעקט דאָס שלאַכטפעלד, ווו יידישע זעלנער האָבן איצט אָפּגעאָטעמט נאָך אַ פילטאָגיקן געראַנגל מיטן שונא.

צום פראָנט איז אָנגעקומען נאָך אַ האַרמאַטל. די צווי אַרטילעריסטן־

גרופּעס האָבן זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער נאַכט־אַטאַקע. אַ בשורה איז אַדורך די ייִדישע ליניעס ביז די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס: „ייִדישע אַרטילעריע איז הינטער אונדז״... די האַרמאַטלעך האָבן זיך צערעוועט. אַ פֿאַרטויבנדיקער שטורעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די אַראַבישע פּאָזיציעס. די אַראַבישע ליניע איז „ווייכער געוואָרן״, די ייִדן זענען פֿאַר־אויסגעגאַנגען ביז צום הר תבור, דאָ זיך פֿאַרפֿעסטיקט און אין די מאָרגן־שעהען פֿאַרנומען דאָס דאָרף לוביע.

אָבער דודס אַרטילעריסטן האָבן נישט באַוויזן „אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם״. די גרופּע איז אַוועק צום נגב.

באַגינען האָבן שטיקער נעפּל זיך געפּלאָנטערט אין חלל. אַ טראַנספּאָרט־עראָפּלאַן, וואָס האָט געטראָגן הילף דעם אָפּגעשניטענעם נגב, האָט גע־קרייזט אַ זשומענדיקער, געזוכט דעם באַשטימטן פּלאַץ צו לאַנדן. דוד האָט נאָך געפֿילט דאָס גערויש פֿונעם עראָפּלאַן־מאָטאָר, ווען ער מיט זיין גרופּע האָבן דערזען גאָר אַן אַנדער וועלט. אַפֿילו דאָס האַרמאַטל האָט אויסגעזען אין אָט דער וויסטעניש, ווי עפּעס אַ ווילדע חיה מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז.

דער מאָטאָר־גערויש פֿון אַן אויטאָ, וואָס האָט געבראַנגט עסן און וואַסער פֿון אַ שכנותדיקן קיבוץ, האָט היימישער געמאַכט די געגנט.

אין די ווייטע, הוילע וויסטענישן, צווישן דעם אימהדיקן געיאָמער פֿון שאַקאַלן, האָבן זיך דערהערט די טויבע אָפּהילכן פֿון קאַנאַנען־שאָסן. עס איז געווען אַן אָנזאָג פֿאַר דער גרופּע פֿון דעם וואַנדערדיקן האַרמאַטל. דוד מיט די חברה האָבן זיך דערנענטערט צום פֿראָנט. דער מדבר האָט געדונערט, ווי בערג וואָלטן געפֿליגן אין דער לופֿטן.

זאַמדיקע כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן ווי ערב שטורעם. אַ פֿייערדיקע קייט האָט זיך אָנגעהויבן וויקלען און באַרינגלען די מצרים.

דער קאַמף איז געגאַנגען אַרום איראַק־אלמנשיה. פֿון דער מצרישער זייט האָט געמבולט מיט מערזער־גראַנאַטן און פֿון פֿאַלודזשאַ האָט זיך דערנענטערט אַ קעגן־אָנגריף פֿון אַראַבישע טאַנקען. דוד מיט זיין גרופּע איז געלעגןביים קליינעם האַרמאַטל, אָנגעשפּיצט די אויגן צו די שטאָ־

לענע מחבלים, וואָס זענען מיט יעדער סעקונדע גרעסער געוואָרן. זיי האָבן געוואָרט אויף אַ צילפּונקט. פּלוצעם זענען אַלע איבערראַשט געוואָרן: איינער פון די דריי „טויטע" ייִדישע טאַנקען, וואָס זענען באַלד אין אָנהייב קאַמף געטראָפן געוואָרן, האָט אָנגעהויבן פייערן און פיר פון די מצרישע טאַנקען זענען געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך.

די ייִדישע פּאַנצער־אַרטילעריע האָט זיך צעהאָגלט מיט געדיכטע סאַלוועס. קליינע וואָלקנדלעך רויך האָבן זיך אויסגעפּיקט אין חלל. די באַוועגונג פון דער מצרישער זייט האָט זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן, און מיט איין מאָל — אַ רעש צוריק. די מצרישע טאַנקען אַנטלויפן. אין דער ריכטונג צו בית־דזשוברין פייערט דער ייִדישער פראָנט. די פּאַנצערס גרייפן אָן — דער פראָנט איז דורכגעריסן.

צווישן די דורכרייסערס האָבן זיך געפונען דוד מיט זיינע אַרטילעריסטן. זיי האָבן באַפרייט די באַלאַגערטע חלוצים פון קיבוץ גל־און.

זלמן דער „דזשינדזשי", מיט די רויטע לאָקן איבערן געדיכט־באַשפּרענקלטן פּנים, איז דער נידעריקסטער און שמאָלסטער אין דער גרופּע פון די קרעפּטיקע אַרטילעריסטן — ער איז נישט לאַנג אין לאַנד, נאָר וואָס אַריין אין די זעלנערישע קליידער. ער האָט אַ שפּאָר ביסל געדאַרפט אַרבעטן, מען זאָל אים אַריינעמען צווישן די שוואַרצע־בערעטן־זעלנער. אַרויסגעהאָלפן האָט אים דאָס וואָרט „תותחן" — אַרטילעריסט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגעבן אין אַלע זיינע מיליטערישע פּאַפּירן.

אין אָנהייב פון דער באַפרייונג־מלחמה איז ער געקומען אין לאַנד אַריין. ער האָט אַריינבאַקומען אין זיינע הענט אַ „סטען" און זיך שנעל אויסגעלערנט, ווי מען באַגייט זיך מיט אים. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווען ער האָט געהאַלטן געווער אויף צו פאַרטיידיקן זיך. נישט איין מאָל, ליגנדיק אין אַ מאַסקירטן שוצפּונקט, האָט ער גערעדט צום „סטען", ווי צו אַ לעבעדיקער זאַך: „אוי, ווען איך וואָלט דיך געהאַט דעמאָלט, ווען דייטשישע און פּוילישע באַנדיטן האָבן אין די וועלדער אויסגעקוילעט דאָס לעצטע ביסל ייִדן פון שטעטל"!

ס׳איז געווען אַ ניי קאַפּיטל אין זלמנס לעבן. אין די וואָכנעכט האָט ער תמיד פֿאַרגליכן צווישן דאָ און דאָרט: „דאָ״ איז ער געשטאַנען צוזאַמען מיט זיינע אייגענע, געהיט זיין היים; „דאָרט״ איז ער געלעגן אַליין אין וואַלד, זיך באַהאַלטן ווי אַן איינגעקורטשעטע חיה, זיך געהיט נישט פֿאַר־ציקט צו ווערן פֿון ווילדע מענטשלעכע באַשעפֿענישן.

איין מאָל, בעת אַ נאַכטיקער שמירה, האָט ער מיט נאָך עטלעכע „הגנה״־קעמפֿער אויפֿגעהאַלטן אַ שווערן אָנגריף פֿון אַראַבער, באַוואָפֿנטע מיט אויטאָמאַטיש געווער. נישט געקוקט אויף זייערע פֿאַרלוסטן, האָבן די אַראַבער דווקא געוואָלט צוקומען צו אַ פֿאַרשאַנצטן הויז און דורכרייסן זיך צום ייִדישן קוואַרטאַל. אין דער סאַמע שווערסטער מינוט, ווען אַן אַראַבישע צעשטערער־גרופּע האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן דאָס הויז — האָט זיך זלמנס „סטען״ פֿאַרהאַקט אין מיטן שיסן. ער האָט געכאַפּט האַנט־גראַנאַטן און זיי געשליידערט איבער די קעפּ פֿון די אָנפֿאַלערס, און אַז עס האָט מער קיין גראַנאַטן נישט געסטייעט — האָט ער פּשוט געשאָסן פֿון אַ ראַקעטן־פּיסטאָלעט. אינעם ראַקעטן־שיין האָבן אַלע דערזען, אַז די אַראַבער ציִען זיך צוריק און שלעפּן אַוועק מיט זיך זייערע טויטע.

ערשט דעמאָלט האָט זלמן באַמערקט, אַז ער איז פֿאַרווונדיקט אין לינקן אָרעם.

זלמן איז אָנגעקומען אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל. אינעם האַלבשלאָף נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער געזען, ווי צוויי קראַנקן־שוועסטער לייגן אים איבער אויף אַ וועגעלע, די רעדלעך סקריפּען אונטער אים, מען פֿירט אים אַריין אין אַ לאַנגן זאַל, פֿון ביידע זייטן שטייען לאַנגע רייען בעטן און פּנימער פֿון קראַנקע קוקן אויף אים.

אויפֿן אַנדערן טאָג נאָך זלמנס אָפּעראַציע איז געווען אַ פֿרייער אַריינ־גאַנג פֿאַר קרובים אויף באַזוכן די קראַנקע. דער לאַנגער זאַל איז אָנגעפֿילט מיט בלומען, מיט זיסוואַרג־פּעקלעך. די פּנימער פֿון די קראַנקע האָבן אויפֿגעלעבט. בלויז אַרום זלמנס בעט איז געווען אומהיימלעך ליידיק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס לעבן שווימט פֿאַרביי זיין בעט. עפּעס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז, ווען ער האָט באַמערקט, ווי ביי זיין שכנס בעט האָט אַ מיטליאַריקע פֿרוי אָנגענומען די האַנט פֿונעם קראַנקן

און געגלעט דעם קראַנקן איבערן שטערן: — „וועסט אין גיכן אַהיימקומען אַ געזונטער, מײַן קינד". זלמן האָט דערפילט אַ שטעכעניש אַרום דער ווונד. ער האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן, אונטערן לעפעלע איז אים געוואָרן ווייך, ער האָט געוואָלט אַראָפּשלינגען דאָס דריקעניש, וואָס האָט דערגרייכט צום האַלדז דערשטיקט צו ווערן.

די קראַנקן־שוועסטער איז שוין געקומען אַרויסבעטן די געסט און זי האָט באַמערקט זלמנס צעקלעמטקייט: זײַן פּנים איז געווען בלאָס און צעוויטיקט. זי האָט פאַרזיכטיק אָנגענומען זײַן האַנט, געטאַפּט דעם פּולס און געפרעגט: — וואָס איז, זלמן? דו פילסט זיך שלעכט?

דער טאָן פון די ווערטער האָבן זלמנען באַפרייט פון דער קלעמעניש. ער האָט געוואָלט עפּעס רעדן און פּלוצעם זענען אים די אויגן פאַרגאָסן געוואָרן מיט פײַכטקייט.

ווען די שוועסטער איז געקומען צו לויפן מיט אַ דאָקטער, האָט זיך שוין זלמן דערפילט פרייער, אָפּגעאָטעמט, זיך באַהערשט.

— ס'איז גאָרנישט, דאָקטער — האָט זלמן געענטפערט אויף אַ פראַגע

— ס'איז פאַרביי. אַ שוואַכע מינוט, דאָקטער...

במשך פון די עטלעכע וואָכן, וואָס זלמן איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָבן זיך די געשעענישן אין לאַנד צעשפּילט. צו זײַן בעט זענען דער־גאַנגען די ידיעות, אַז עס איז אויסגערופן געוואָרן די ייִדישע מדינה, אַז די ענגלענדער זענען שוין מער נישטאָ אין לאַנד, אַז קעגן די אַראַבישע אָנפאַלערס ווערט געשאַפן אַ שטאַרקע אַרמיי און — עס קומט פאַר אַ מאָביליזאַציע צו שווער געווער. אויף דעם האָט ער געוואָרט: ייִדישע אַרטילעריע. ער מוז ווערן אַ ייִדישער אַרטילעריסט! מיט ייִדישע האַר־מאָטן וועט ער, זלמן, ווײַזן צו וואָס ער איז פעיִק. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, איז ער אַוועק זיך מאָביליזירן.

— איר האָט געדינט אין מיליטער? — האָט מען אים געפרעגט.

— וואָס דען, נישט געדינט? — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע.

— ביי וואָס פאַר אַ געווער האָט איר געדינט?

— וואָס הייסט ביי וואָס פאַר אַ געווער? אַן אַרטילעריסט בין איך געווען, אַן אויסגעדינטער אַרטילעריסט בין איך.

זלמן איז אָנגעקומען אין אַן אָפּטיילונג פֿון לייכטער אַרטילעריע. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס אויף איבונגען, האָט אים דוד דער קאָמענדאַנט אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אַראָפּ. ווען זלמן האָט געפֿילט, אַז מען קוקט אויף אים, האָט ער זיך אויסגעצויגן, שטײף געוואָרן, פֿאַרריסן דעם קאָפּ, געוואָלט כאָטש אַ ביסל זיין ענלעך צו דער איבעריקער חברה ביי די האַרמאַטן.

— ווער האָט דיך באַשטימט פֿאַר אַן אַרטילעריסט? — האָט אים געפֿרעגט דער אָפֿיציר.

— איך בין שוין אַן אויסגעדינטער אַרטילעריסט... נישקשה, איך קען די מלאכה... איך וועל זיכער נישט אָפּשטיין פֿון אַלע — האָט ער געענט־פֿערט מיט אַ צעבראָכענעם העברעיִש, און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— נו, גוט — האָט באַשלאָסן דער אָפֿיציר — אויב דו ווילסט זיין אַזעלכער, בלייבסטו אַן אַרטילעריסט.

נאָכן קורס פֿאַר די נײַ צוגעקומענע, וואָס האָט סך־הכל געדויערט עטלעכע טעג, האָט יעדער פֿון דער גרופּע באַקומען זיין פֿונקציע און זלמן איז באַשטימט געוואָרן פֿאַרן שיסער: ווען דער אָפֿיציר האָט געגעבן די קאָמאַנדע „פֿייער!", האָט זלמן בלויז געדאַרפֿט אַ צי טאָן ביי אַ שטריקל און ס'האָט זיך דערהערט אַ דונערדיקער שאָס. אין יענעם מאָמענט איז בלויז ער אַליין געבליבן נאָענט צום האַרמאַט, בעת די איבעריקע זענען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט.

זלמן איז געוואָרן דאָס מוזיניקל פֿון דער אַרטילעריסטן־גרופּע. חברה האָט ליב באַקומען זיין תמיד גוטע שטימונג, אָבער די געשעענישן האָבן זיך אַ וויקל געטאָן און זלמן איז אַריבער אין אַ גרופּע פֿון שווערער אַרטילעריע.

אין דער נײַער גרופּע פֿון שווערער אַרטילעריע האָבן זלמנען באַגעגנט אויסגעפּרוּווטע אַרטילעריסטן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה — בחורים, וואָס האָבן געקעמפֿט אויף אַלע פֿראָנטן פֿון דער וועלט. זלמענען האָבן זיי גענומען לייכט, אַ נאָמען געגעבן אים „שווערער אַרטילעריסט", און ווי די געוווינהייט אין לאַגער־לעבן — געמאַכט אים פֿאַר אַ קרבן פֿון שטי־

פּערייען און שפּאַס. אָבער זלמן האָט זיך נישט געמאַכט פון דעם, פאַרקערט, צוגעהאָלפן דער חברה שפּאַסן איבער אים.

און אָט דאַרף מען שוין ברענגען דעם שווערן קאַנאָן אין דער אָפּ־טײלונג. זלמן שטעלט זיך שוין פאָר, ווי ער וועט אַ צי טאָן ביים שטריקל און עס וועט אַ דונער טאָן אונטערן הימל. דערווייל האָט מען געטיילט שוואַרצע בערעטן, אַ סימן פון אַרטילעריסטן. זלמן האָט כסדר געקוקט אין שפּיגעלע, געדרייט דעם בערעט אויפן קאָפּ, אַ מאָל גלייך און אַ מאָל אויף אַ זייט, אָט אַזוי: מען טוט אַ צי דאָס בערעטל אויף הינטן, דער גאַנצער שטערן זאָל זיך אַרויסזען — און מען זעט אויס ווי אַן אמתער אַרטילעריסט...

אין אַ ברייטן טאָל, אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג, איז פאַרפאָרן די גרופּע אַרטילעריסטן. צוויי פאַרמאַסקירטע שווערע קאַנאָנען זענען גע־שטאַנען אָנגעצילט אין דער ריכטונג צום פראָנט. ווען אַלע האָבן גערוט נאָך דער רייזע, האָט זלמן נישט געקאָנט איינליגן אויפן פעלדבעטל. ער האָט געמוזט אַ קוק געבן אויף די צוויי ריזיקע שטאָלענע רערן, די מעכטיקע רעדער און בכלל אויפן גאַנצן קלאָפּערגעצייג, וואָס דערווייל האָט עס אויסגעזען, ווי עס וואָלט געשטאַנען אין אַ מוזיי. ער האָט געזוכט דאָס אָרט, ווו ער וועט דאַרפן אַ צי טאָן ביים שטריקל און דערזען, אַז אַלץ איז דאָ אַנדערש...

אויפן צווייטן טאָג, אין מיטן דער מושטרע, ווען אַלע זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן פעלד, איז אָנגעקומען אַן אויטאָ מיט הויכע ייִדישע אָפיצירן. אונטערן איינדרוק פון די געסט, זענען די באַפעלן געווען שאַר־פערע, פייערלעכע, די קאָמאַנדעס — קורצע. ווען עס איז געקומען דער לעצטער באַפעל: „פייער"! — האָט אַ מעכטיקער בליץ אַ טרייסל געטאָן מיטן האַרמאַט, מיט די בערג, אין דער לופט איז געהאָנגען דער שווערער קנאַל. די אָפיצירן האָבן געקוקט דורך לאָרנעטעס און די מאַנשאַפט האָט געיובלט פון פרייד.

נאָך די ערשטע צוויי פּרווו־שאָסן, האָט יעדער פון דער מאַנשאַפט פאַרנומען זיין אָרט. זלמן האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ מין אויטאָמאַטישער אייזערנער שטול, פאַררוקט דעם שטאָלענעם העלם טיף איבער די אויערן, אַז בלויז דעם שפּיץ נאָז האָט מען אים אַרויסגעזען. עס זענען געעפנט

געוואָרן שראַפּנעל־קאַסטנס. די האַרמאַטן האָבן זיך צעשטורעמט, די בערג האָבן זיך געשאָקלט. אין דער לופט זענען געבליבן הענגען ווייסע רויך־וואָלקנדלעך.

איין מאָל, נאָך אַ הייסן טאָג, זענען די יאַטן געלעגן אויף די שטרויזעק מיט פולע בייכער פונעם נאַכטעסן און אַריינגעאָטעמט די פרישע אָוונט־לופט. לעבן דער וואַנט, מיט אַ נאַקעטן פוס אין דרויסן, איז זלמן געלעגן אויף זיין שטרויזאַק. ער האָט געאָטעמט שווער און נישט געענטפערט אויף די ווערטלעך וואָס האָבן זיך געשאָטן צו אים פון די אַנדערע שטרויזעק.

— וואָס ליגסטו ווי אַ טויטער, זלמן?

— זלמן, גיב עפּעס אַ זאָג אַריין, דער בויך ביי מיר זאָל נעמען טאַנצן! — האָט זיך געבעטן משה דער גאַליציאַנער, ברייטער און לענגער ווי זיין שטרויזאַק.

ווען חברה האָבן געזען, אַז זלמן ענטפערט נישט, זענען זיי אויף אַ רגע געוואָרן ערנסט.

— נעם דיר נישט צום האַרצן, זלמן — האָט זיך אָנגערופן דער ליטוואַק — ווען... נאָך סיסן און סיסן...

— לאָזט מיך צו רו, עס ליגן מיר היינט נישט קיין וויצן אין זינען...

— דערציילן, וואָס איז געשען — איז צו אים צוגעשטאַנען דער רומענער.

— איך האָב היינט יאָרצייט נאָך מיין טאַטן, דער פינפטער יאָרצייט... די מאַמע מיט די אַנדערע קינדער זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע שטעטלשע ייִדן, אָבער דעם טאַטן האָב איך אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט, באַגראָבן... ער איז געווען אַ גיבור, אַ שמיד, מיט מיר אויף די פּלייצעס איז ער געלאָפן איבער די פעלדער. שפּעטער, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, האָט ער געוויינט ווי אַ קינד: „נאָך וואָס בין איך אַנטלאָפן?... צוליב וואָס?" מיר האָבן אָנגעהויבן צו לעבן ווי חיות אין וואַלד. דערנאָך זיך באַגראָבן אונטער דער ערד, אונטער דער פייכטער קאַלטער ערד, ביז דער טאַטע איז געשוואָלן געוואָרן. פאַרן טויט האָט ער מיר אָנגעזאָגט: „דו, זלמן, זע זיך צו ראַטעווען, כדי נקמה צו נעמען אין די מערדער, נקמה נעמען פאַר אַלע, פאַר אַלע"...

זלמן האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטרויזאַק מיט די הענט אונטערן קאָפּ און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— דעם טאַטנס לעצטע ווערטער פאַרן טויט האָבן מיר געשטאַרקט צו דערהאַלטן מיין לעבן... מיין טאַטנס לעצטע ווערטער הער איך ביי יעדן שאָס פון קאַנאָן...

נאָך אַ קורצן שטילשוויַיגן, האָט עמעצער אויסגעקרעכצט:

— זלמן, דיין טאַטנס לעצטע ווערטער וועלן מיר אַלע געדענקען.

זשאַק, אַ יונגער סטודענט, האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין רייכע אַמעריקאַנער היים און אַוועק ווי אַ פרייוויליקער קעמפער קיין ארץ־ישראל. זיין פאָטער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין.

— דו צעשטערסט דערמיט דיין פערזענלעכע קאַריערע...

— אין קאַן שטייט דער קיום פון פאָלק...

דאָס איז געווען דער סוף פון זיין לעצטן שאַרפן וויכוח מיט זיין פאָטער ערב זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין דעם געשפרעך האָט זשאַק זיך תמיד דערמאָנט, ווען ער האָט געשיקט אַ בריוו פון ארץ־ישראל צוזאַמען מיט פאָטאָגראַפישע בילדער, ווו ער איז געווען אין גרינעם מונדיר, מיט אַ ביקס אָדער אַ „סטען" אין די הענט.

ווען זשאַק איז געוואָרן אַן אַרטילעריסט, האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך שווערע טעג פון קאַמף קעגן אַראַבישן לעגיאָן אַרום לאַטרון.

ווען זשאַק איז אַנגעקומען צו די אַרטילעריסטן, האָט ער זיך אויס־געוויילט צו זיין אַ קעגן־פּאַנצער־שיסער אויף די פאָדערשטע ליניעס פון פראָנט. ער איז מיט זיין גרופּע אַוועק צום נגב.

דאָס זענען געווען די טעג נאָכן צווייטן פייער־איבעררייס, ווען די מצרים האָבן נאָך געהאַלטן אין קלעם די יידישע ישובים אין אָפּגעשניטע־נעם נגב. בלויז דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג האָבן זיך פון צייט צו צייט אַדורכגעריסן קליינע פאַרשטאַרקונגען צו די יידישע אַרומגערינגלטע פּאָזיציעס.

זשאַקס רויקע טעג אין נגב האָבן לאַנג נישט געדויערט. אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיט שפּייז, וואָס איז געשיקט געוואָרן צום פראָנט איז אַטאַ־

קירט געוואָרן פֿון די אָנגעלאָפֿענע מצרים, דאָס איז געווען אַן אַרויסרוף צום קאַמף קעגן די מצרישע באַלאַגערער.

ווו עס קרייצן זיך די וועגן צווישן פּאַלודזשאַ און מג׳דל איז געגאַנגען אַ פֿאַרביטערטער קאַמף קעגן די באַפֿעסטיקטע הויכע פּאָזיציעס, פֿון וואַנען די מצרים האָבן באַשאָסן די אַרומיקע געגנט. אַראַבישע פֿעלד־אַרטילעריע און טאַנקען האָבן געשיצט די שטאַרק באַפֿעסטיקטע פּונקטן.

פֿון די פֿאָדערשטע יידישע ליניעס איז אָנגעגאַנגען דער שטורעם קעגן אָט דעם מצרישן פֿראָנטאָפּשניט. ראַדיאָפֿאָנען האָבן סיגנאַליזירט פֿון איין פּונקט צום צווייטן, און אַלע מאָל האָט אַ שאָט געטאָן מיט פֿייער פֿון שווערן מאַשין־געווער און קוילן־וואַרפֿערס. ס׳האָבן געדונערט די פֿעלד־אַרטילעריע און קעגן־פּאַנצער־האַרמאַטן.

די מצרישע פֿאַרטיידיקונג־ווענט האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן, ס׳איז איינגענומען געוואָרן איין אַראַבישע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער.

די שפּעטערדיקע שלאַכטן אין נגב האָט זשאַק נאָכגעפֿאָלגט שוין ליגנדיק אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל מיט אַ וווּנד אין פּוס.

ווען זשאַק איז אַרויס פֿון שפּיטאָל איז שוין דער נגב געווען באַפֿרייט פֿון דעם מצרישן רינג און ער איז געוואָרן אַ טייל פֿונעם יידישן לאַנד.

אומקערנדיק זיך אין זיין מיליטערישע באַזע, האָט אויף זשאַקן גע־וואַרט אַ בריוו פֿון זיין פֿאָטער. ער האָט געלייענט:

„דיינע גרוסן וועגן דער מלחמה אין ישראל האָבן אונדזערע הערצער אָנגעפֿילט מיט פֿרייד... איך קוק שוין אויס די מינוט, ווען דו וועסט צוריקקומען אַהיים“...

אַ טאָג שפּעטער איז ער געזעסן צוזאַמען מיט זיינע קאַמפּס־חברים און געלייענט פֿאַר זיי דעם ענטפֿער צו זיין פֿאָטער:

„טייערער פֿאָטער, איך האָב באַשלאָסן, אַז מיין היים וועט בלייבן דאָס לאַנד ישראל, פֿאַר וועמענס פֿרייהייט איך האָב געקעמפֿט. איך קאָן נישט פֿאַרלאָזן די ערד וואָס האָט איינגעזאַפּט דאָס בלוט פֿון מיינע חברים“...

נאָך לאַנגע וואָכן זענען צו רחלען דורך דער מיליטערישער פּאָסט דער־גאַנגען פֿון בינעמען פֿאַרשפּעטיקטע בריוו. די דאַטעס אויף די בריוו האָבן

געוויזן אַן אָפּגעלאָפּענע צייט מיט שטורמישע געשעענישן אויף די פראָנטן. איז ווו פּאַרט געפינט זיך איצט בינעם? אין מיטן פון די אַלע זאָרגן האָט אין דער צעעפנטער טיר זיך באַוויזן בינעם דער סאָלדאַט, אין גרינע מיליטערישע קליידער, מיט אַ שוואַרצן בערעט אויפן קאָפּ, גלייך פון פעלד, אַ פאַרשטויבטער, מיט אַ באַוואַקסענעם פּנים.

רחל איז צוגעפאַלן צו זיין אַקסל און זיך צעוויינט, און וואָס מער ער האָט זי געגלעט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן איר וויינען. בינעם האָט געקושט זיין ווייבס פייכטן פּנים און געזעצט זיך מיט איר אויף דער קאַנאַפּע. זי האָט איינגעגראָבן איר געזיכט אין זיין ברוסט. עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט ביז ביידע האָבן זיך איינגעשטילט. די גליקלעכע מינוטן פון צונויפטרעף, די באַפרייטע נאָכקלערענישן, די דריי חדשמדיקע שרהלע אין קינדערבעטל, מיט אירע צעשפּילטע הענטלעך און פיסלעך, די שטוביקע רו — דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט זייערע הערצער מיט דער אומענדלעכער פרייד פון זיין צוזאַמען.

אָבער בינעם האָט נאָך נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוברענגען פון זיך די ווערטער, אַז ער איז געקומען נאָר אויף עטלעכע שעהען. מיט זיין טעכטערל אויף זיינע קניִען, האָט ער אויף קיין איין מינוט נישט געוואָלט וועגן דעם אַ טראַכט טאָן. בינעמס אויגן, אָנגעגאָסענע מיט פרייד, האָבן אים פאַרשיכורט און געמאַכט אין דעם פאַרגעסן, כאָטש דער זייגער אויף דער האַנט האָט אים געוויזן, ווי גיך עס לויפט די צייט פון זיין קורצן אורלויב.

אין בינעמס שטוב זענען אַריין שכנים פון דער שכונה, אים באַגריסן און בענטשן צו זיין באַוויזן זיך מיט אַ גוטן אויסזען אין די מלחמה־טעג. בינעם האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אויף די שלאַכטפעלדער. זאָלן זיי, די שכנים מיט די פאַר־זאָרגטע פּנימער, מיינען אַז אַ מלחמה איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען שטעלט זיך פאָר. נאָך וואָס זיי פאַרשאַפן נאָך מער זאָרגן — האָט בינעם געטראַכט. אָבער זיין ווייב רחל, אַן אויסגעשולטע אין די געהיימע קרייזן פון דער „הגנה", זי האָט יאָ פאַרשטאַנען און געפילט, וואָס עס מיינט אַ מלחמה־פראָנט און געטראַכט מיט באַהאַלטענער זאָרג, אַז איר מאַן

בינעם דאַרף נאָך דורכמאַכן אַ שווערן וועג ביז ער וועט זיך צוריק אומקערן צו איר אין ציווילע קליידער.

גיך זענען אַריבערגעלאָפֿן די שעהען פֿון זייער געמיינזאַמער פֿרייד אין דער היים. אין אַזעלכע מינוטן האָט רחל פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי צו צוימען אירע געפֿילן מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם, פֿאַרשטיקטן קול האָט זי בינעמען אַרויסבאַגלייט און געזעגנט.

געגאַנגען זענען טעג און וואָכן, גרויליקע, אויסגעפּילטע מיט אומרו, מיט שווערע קאַמפֿן. טעג און וואָכן, צעפּלאַמטע אין פֿייערן, האָבן זיך געשפּרייט איבער שטעט און דערפֿער, איבער פֿעלדער און וועגן.

בינעם איז נאָכגעגאַנגען זיין וואַנדערנדיק האַרמאַטל פֿון איין פֿראָנט־אָפּשניט צום צווייטן. זיינע מלחמה־וועגן האָט ער פֿאַרענדיקט אין צווייטן פּאָלק פֿעלד־אַרטילעריע אויף די זאַמדן אין נגב.

נאָך אַ נאַכט פֿון שאַקאַלן־געיאָמער, האָט בינעם זיך אַרויסגעשאַרט פֿון געצעלט אין באַגינענדיקן דרויסן. די צוויי טעג צווישן די ברעזענטענע געצעלטן, אָנגעצויגענע אויף שטריק, האָבן אים אויסגעזען עפּעס אַזוי מאָדנע נישט געוויינלעך אין פֿאַרגלייך צו יענע, מיט די כסדרדיקע אַרטילעריע־קאַמפֿן. אין די געצעלטן האָבן גערוט די אַרטילעריסטן; זיי האָבן אָפּגעוואָרט אַ באַפֿעל, וווהין זיך צו פֿאַרנעמען נאָך דעם ווי די שלאַכטן אויף דעם פֿראָנטאָפּשניט האָבן זיך איינגעשטילט.

אָט אין דער וועלט פֿון בראשית, צווישן הימל און זאַמדיקע ערד־אָנשיטן, האָט בינעם אַוועקשפּאַצירט טיפֿער איבער די וויסטע פֿעלדער. ער האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף אַ באַרג, אָנגעשטעלט איבער די אויגן די לאָרנעטע און זיך איינגעקוקט אין די ווייטקייטן אויף די שוואַרצע פּונקטן פֿון די פֿאַרברענטע פּאַנצער־וואַגנס, געטראָפֿענע פֿון דער ייִדישער אַרטילעריע. דער ברייטער זאַמד־שטח, וואָס האָט זיך געצויגן צום שאַסיי ג'וליס — ניר עם, האָט אויסגעזען ווי אַ בית־הקברות פֿאַר די פֿיינטלעכע כלי־זין וואָס האָבן געצילט איבערצושניידן אָט דעם סטראַטעגיש־וויכטיקן וועג.

שטייענדיק אויפֿן באַרג האָט בינעם זיך דערמאָנט אין די נאַר וואָס

אָפּגעלאָפּענע מלחמה־טעג, ווען יענער „טויטער״ שטח האָט געדראָט מיט פּחד, געהילכט מיט ווידערקולות פון שווער געווער. איבער די איינ־געגראָבענע קעפּ אין די זאַמדיקע לעכער האָבן געפּייפט שראַפּנעלן און קוילן פון מאַשינביקסן. יעדער שאָס האָט אויפגעריסן דעם געהער.

איצט, אויף דעם באַרגשפּיץ, איז בינעם געשטאַנען אַ באַפרייטער פון יענע טעג, געלאָדענע מיט שטורעם און אומרו. דער מדבר איז געלעגן פאַר זיינע אויגן נאָך יענער ברומעריי, וואָס האָט צעטרייסלט די זאַמדיקע שטחים, פאַרווישט די טריט אויף די סטעזשקעס פון וואַנדערנדיקע בעדויִנער איבער טאָל און באַרג, מיט זייערע סטאַדעס קעמלען און שאָף. מען האָט מער נישט געזען זיי רייטנדיק אויף די שפּיציקע רוקנס, אַרומגעהילטע מיט פרענדזענע שאַלן, מיט שוואַרצע בייגל איבער די קעפּ און מיט פלאַמענדיקע אויגן פון האַלב־פאַרדעקטע טונקל־ברוינע פּנימער אַרויס. בלויז די שאַ־קאַלן זענען באַלד צוריקגעקומען. די טויטע מדבר־שטילקייט האָט זיי גערופן צו זיך, זענען זיי סטאַדעסווייז אָנגעלאָפן. ס׳האָט זיי אַהערגעצויגן די איבערבלייבעניש נאָך די שווערע שלאַכטן. אויף בינעמס פרישע שפּורן פון זיינע טריט האָבן זיי דערשמעקט. אַראָפּקוקנדיק צום ראַנד פון באַרג, האָט ער באַמערקט, ווי עס וואַלט זיך עפּעס באַוועגט איבער די זאַמדן. עטלעכע פון זיי זענען אַריבער דעם טאָל און געבליבן שטיין אויפן הויכן ראַנד פון דער צווייטער זייט טאָל, און געקוקט גלייך צו בינעמס אומבאַ־וועגלעכע געשטאַלט. בינעם איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם מדבר־בילד. ער האָט געוואָלט אויספרווון, ווי לאַנג וועלן די חיות, וואָס האָבן אויס־געזען ווי הימלאַזע פאַרבלאָנדזשעטע הינט, אָנהאַלטן זייער אויגן־קאָנטאַקט מיט אַ מענטש אין דער מדבר. אָבער וואָס לענגער עס האָבן זיך פאַרצויגן די אומהיימלעכע מינוטן פון דער באַגעגעניש, אַלץ מער האָט אָנגעהויבן זיך צעוואַקסן בינעמס שרעק פאַר די ווילדע, חיהשע בליקן. אַ שאָס פון זיין „סטען״ האָט די חיות פאַריאָגט פון בינעמס אויגן.

אויפן וועג צום געצעלט, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט בערקען, וואָס האָט געהאַלטן שמירה אַרום די מיליטערישע כלים נאָענט פון די געצעלטן.

— בינעם, גיב אַ קוק אויף די בילדער — האָט בערקע אים גערופן צו זיך און געוויזן אַן איינגעוויקלט פּעקעלע אין האַנט.

בינעם האָט זיך פֿאַרהאַלטן לעבן נאָך גאַנץ יונגן ברייטפּלייציקן אַרטילעריסט, אָבער שוין מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, וואָס ער האָט מיט־געבראַנגט פֿון זיינע לאַגער־איבערלעבענישן. אויפֿן האַרמאַט האָט בערקע צעלייגט דאָס פּעקעלע מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס. פֿאַר בינעמס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ זאַמלונג פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון ייִדישן מאַרטירער־לעבן — פֿון אַ גרופּע קאַצעטלער באַלד נאָך זייער אָנקומען אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, ביז זייער פֿאַרוואַנדלט ווערן אין „מוסולמענער”, און צום סוף אין אַ באַרג טויטע ביינער.

— מיר זענען שוין וואָכן צוזאַמען — האָט זיך בינעם געוווּנדערט — און ערשט איצט וויזטו מיר דאָס?

בערקען האָט אַ ברי געטאָן בינעמס באַמערקונג:

— אַ שיינע קלאָץ־קשיה. אַלע וועמען איך האָב געוויזן די בילדער, זענען זיך צעלאָפֿן... אַ שרעק איז זיי באַפֿאַלן... דו, בינעם, ביסט דאָך אויך „דאָרט” געווען, איז קוק זיך גוט איין...

— ווערסט מיר פֿאָלגן, וואָס איך וועל דיר ראָטן? — האָט בינעם זיך איינגעקוקט אין בערקעס טרויעריקע אויגן — די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דעם פּעקל דאַרפֿסטו איבערגעבן צו אַן אינסטיטוציע, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאָרשן די תקופֿה פֿון ייִדישן חורבן אין פּוילן, איך קאָן דיר דערביי צו הילף קומען.

בערקע האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט פֿון בינעמס פֿאָרשלאָג. אַוועקנע־מענדיק די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון בינעמס הענט, האָט בערקע געזאָגט מיט אַ פֿאַרדראָסיקן טאָן:

— די פֿאָטאָגראַפֿיעס זענען אַ טייל פֿון מיין לעבן. קיינער וויל אויף דעם נישט קוקן, און דו הייסט מיך דאָס אַוועקגעבן. צו וועמען? ווער פֿאַרנעמט זיך? ווער וויל דיך אויסהערן?

— בערקע, וואָס רעדסטו? די בילדער האָבן אַ היסטאָרישן ווערט, זיי דאַרפֿן קומען צו דער עפֿנטלעכקייט.

בערקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פֿאַרריכט די ביקס אויפֿן אַקסל און מיט אַ פּאָר טריט זיך אָפּגערוקט פֿון בינעמען, ווי ער וואָלט אים מער נישט וועלן אויסהערן.

— ווער איז די עפנטלעכקייט מיט די פאַרשטאָפּטע אויערן? נישטאָ צו וועמען צו רעדן...

— בערקע — איז בינעם אים נאָכגעגאַנגען און נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן — איך האָב דיר נאָך עפּעס וואָס פאַרצויליגן. איך בין גרייט דיר צו באַצאָלן פאַר די בילדער.

— בינעם — האָט בערקע אָנגעשטעלט זיין קאָפּ אויף פאָרויס — ווילסט ווערן אַ סוחר מיט מיין בלוט? טראָג זיך בעסער אָפּ פון מיר. אויב נישט, וועל איך צו דיר רעדן, ווי צו יענע עגאָיִסטן, וועמען איך וויל פאַר מיינע אויגן מער נישט זען...

— בערקע, פאַרשטייסט מיר שלעכט, לאָז מיך דיר בעסער אויפקלערן.

אַן אומגעקערטער פון אַ זייט, האָט בערקע מיט אַ שפּאָטישן טאָן אויסגערופן:

— אויפקלערן, פאַרשטיין! מיט שיינע ווערטלעך וועסטו מיר אפשר ווילן איינרעדן, איך זאָל דיר פאַרקויפן מיינס אַ האַנט אָדער אַ פוס?

בינעם איז געבליבן שטיין אַן איבערגענומענער. ער האָט געוואָלט מיט עפּעס אַ וואָרט איינעמען זיין חבר צום געווער, וועמען ער האָט שטאַרק געשעצט פאַר זיין קאָמפּסמוט, אָבער בערקע האָט ווייטער גערעדט:

— בינעם, נעם זיך אין קאָפּ אַריין, וואָס בערקע וועט דיר זאָגן. ווייסט ווער ס'איז מיר צום נאָענטסטן פון אַלע „שיינרעדערס"? — אָט די שטומע כלי, ווען זי „צערעדט" זיך מיט פייער — האָט ער אָנגעוויזן אויפן האַר־מאָט — דאָ געפין איך דעם בעסטן ענטפער אויף אַלע נאָכטראַכטעונישן, וואָס די פאָטאָגראַפיעס רופן אין מיר אַרויס. אָט זע די בילדער, וואָס איך האָב זיך געלאָזט מאַכן לעבן האַרמאָט. אַז איך וועל זיי צונויפלייגן מיט די פאָטאָגראַפיעס פון אוישוויצער לאַגער, וועט דאָס זיין מיין אמתע לעבנס־געשיכטע. אַ גאַנץ לעבן וועל איך פון דעם לייענען...

אַז עס איז אָנגעקומען דער באַפעל צו פאַרלאָזן דעם זאַמדיקן שטח, איז צו דער פרייד נישט געווען קיין גרענעץ. ענדלעך ווערן זיי פּטור פון די ביטערע זאַמדן אין די אויגן, מויל און נאָז. די צוויי לאַסטאויטאָס מיט די זיך נאָכשלעפּנדיקע צווירעדלדיקע האַרמאָטן, זענען זיך צעלאָפן איבער

לאַנגע צעבראָכענע שאָסייען צווישן בערגער און טאָלן, באַרג־אַרויף־און־אַראָפּ. פוןביידע זייטן נאַקעטע זאַמד־שטחים — אויף וויפל די אויגן האָבן געקאָנט נאָר פאַרנעמען — זענען געלעגן שיטערע, צעוואָרפענע ישובים מיט ווייסע הייזלעך, אָפּגעטיילטע פון זיך דורך ווייטע מרחקים מיט אַ מאָגערער פאַרטריקנטער ערד, נאַקעטע פעלדזן, אַנגעיאָגטע זאַמדיקע בערג. דאָס אויג האָט אויפגעכאַפּט אין דער ווייטקייט שוואַרצע בעדויִנישע געצעלטן, מיט זייערע בעלי־חיים מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, וואָס האָבן געזוכט אַ גרינעם שפּראָץ אויף דער נאַקעטער ערד.

די בערגלעך, צוזאַמענגעדריקטע ביי די זייטן פון וועג, זענען געווען ענלעך איינס צום צווייטן — פליכצוואַטע, גרוי־ברוינע, אַרומגעוויקלטע מיט גאַרטלען שטעכיקע קוסטעס. פאַרטריקנטע שטיינדלעך האָבן אונטער דער זון געגלאַנצט ווי שטייענדיקע וואַסערלעך. אַזוי האָבן זיך די וועג־בילדער געצויגן קילאָמעטער־לאַנג, ביז די מיליטערישע אויטאָס זענען אַריין אויף אַ גלאַטן שאָסיי צווישן גרויסע, רחבותדיקע פעלדער, ברייטע פלאַכלאַנד־שטחים, צעשפּרייטע אַרום יִדישע ישובים. אַנגענעמע פרישקייט האָט אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן — אַרויס פון זאַמדיקן מדבר און אַריין אין גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט מיט אויפגעאַקערטע שטחים און שפּראָצנדיקע פעלדער. די גרופּע אַרטילעריסטן איז פאַרפאָרן אין דעם גרויסן מיליטערישן לאַגער תל־נוף, וואָס האָט געדינט פאַר דער לופט־אַרמיי און פאַר די דרומדיקע אַרטילעריסטן ווי אַ באַזע.

נאָך עטלעכע טעג רו איז איבערן לאַגער זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַ קלאַנג וועגן אַלגעמיינעם וואָפנשטילשטאַנד. די זעלנער זענען באַפאַלן די, וואָס האָבן געהאַלטן די פריש־געדרוקטע צייטונגען אין האַנט, אַרום זיי איז געוואָרן אַ טומל און אַן אַמפעריי. טייל האָבן געגלייבט, אַז עס איז דערגאַנגען צו אַן אַלגעמיינעם וואָפנשטילשטאַנד, אַנדערע האָבן אָפּגעלייקנט אָדער סתם נישט געוואָלט גלייבן, אַז די אַראַבער וועלן אַזוי שנעל מסכים זיין אַוועקצולייגן דאָס געווער. ביז דער גאַנצער לאַגער האָט נאָך אַן אָפיציעלע מעלדונג מיט אַ מאָל דערפילט די בשורה. די שוואַרצע בערעטן זענען פון פרייד געפלויגן אין דער לופטן. דאָס ערשטע מאָל אין משך פון דער מלחמה האָט דער גרויסער מיליטערישער לאַגער אין אָוונט זיך

גערבאָדן אין ליכט; אַלע שמאָלע און ברייטע וועגן איבערן גרויסן לאַגער־שטח זענען געוואָרן העל באַלויכטן. אַנשטאָט מיט מיליטערישע באַפעלן האָבן די ראַדיאָס זיך צעהילכט מיט טענער פון זיגערישע מאַרשן, און דער לופט האָט געשוועבט יענע מאַסנפרייד פון אַ פאַרענדיקטער מלחמה.

קאַפּיטל עלף

# אין קרית־מאיר

שרהלע איז שוין אַלט געווען איבער אַ יאָר. ווען בינעם איז אַריינ־געקומען אין שטוב מיט דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס, האָט דאָס קינד אים אויפֿגענומען מיט דערשראָקענע אייגעלעך און מיט אַ פֿאַרקרימט מיילעכל, ווי אַ פֿרעמדער וואָלט זיך פּלוצלינג באַוויזן פֿאַר איר. מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך האָט זי זיך געריסן צו דער מאַמען. אָבער דער פֿרעמדער אויסזען פֿאַר זיין קינד איז גיך פֿאַרשוווּנדן. שרהלע האָט באַלד אָנגעהויבן דערפֿילן ווער עס וויגט זי אויף די הענט און ווער עס שפּיגלט זיך אין איר צעשמייכלט פּנימל.

בינעמס בעל־הבית, דער מילכיקער, האָט אים מקבל־פּנים געווען מיט אַ גלאָז מילך, ווי אַ מין באַלוינונג פֿאַר זיין שכנס אַהיימקומען אַ גאַנצער פֿון דער מלחמה.

דורך דער שויבנטיר אין בינעמס שטוב האָט זיך געזען דער טרויער־פּלאַקאַט נאָך דעם געפֿאַלענעם בכור פֿון זיין שכן עזרא. אַ פֿאַרשטעלטער היגטערן פֿאַרהאַנג איז בינעם געשטאַנען און געקוקט צו דעם נידעריקן פֿענצטער אַנטקעגן אים. דאָרט איז געזעסן דער אַלטער ניסעלעך־פֿאַרקויפֿער עזרא מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד אין האַנט, דאָס פּנים איבערן אָפֿענעם ספֿר, און האָט טרויעריק געשאָקלט זיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. אַזוי האָט דער אַלטער טאַטע גאַנצע טעג אָפּגעריכט אבֿלות נאָך זיין געפֿאַלענעם זון אין די לעצטע קאַמפֿן, פֿאַרן פֿאַרענדיקן די מלחמה. אַז עזרא האָט זיינע אויגן אויפֿגעהויבן צום דרויסן, האָט ער זיי תּיכף צוריקגעקערט צום ספֿר, נישט געוואָלט זיך צונויפֿטרעפֿן מיט די בליקן פֿון פֿאַרבייגייענדיקע שכנים וואָס האָבן נישט געקאָנט פֿאַרמיידן זיך אומצוקוקן אויפֿן נאָמען אין דעם שוואַרצן ראַמל. די פֿאַרבייגייענדיקע האָבן אַ שטילן זיפֿץ געטאָן און פֿאַר־

שנעלערט זייערע טריט איבער די זאַמדן; אויך זיי, די שכנים, האָבן זיך אויסגעהיטן פון צונויפטרעפן זיך מיטן צער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דעם אַלטנס אויגן.

נאָך די שלושים, האָט עזרא אַרויסגעפירט דאָס הילצערנע וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען איבערגעדעקט הינטער דער הויזטיר, עס אָפּגערייניקט פון די אָנגעיאָגטע זאַמדן, און אָנגעפילט דעם קאַסטן מיט זעקעלעך און פּאַפּירענע טאָרבעס, אויסגעלייגט אויף דער אייבערשטער דעק פּאַפּירענע בייטעלעך, פּאַרצויגענע אויף שטריקלעך, צעעפנטע טאָרבקעס מיט קערע־לעך און ניסלעך פון אַלע סאָרטן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואָגל מיט צוויי בלעכענע טעלערס, וואָס האָבן זיך געהוידעט ביי יעדן ריר פונעם וועגעלע. ווען עזרא האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז אַלץ איז שוין גרייט, האָבן די אייזערנע רעדלעך אָנגעהויבן זיך איינשניידן אין די זאַמדן ביז דער אַספאַלטירטער שבזי־גאַס. מיט געמאָסטענע טריט האָט דער אַלטער תימענער, אַן אָנגעבויגענער, געשטויסן דאָס וועגעלע צו דער הערצל־גאַס לעבן די באַנרעלסן ווו ער האָט יאָרן לאַנג געהאַט זיין פּאַרקויפסשפּלאַץ פאַר די גאַסן־דורכגייער. מיט אַ דערשלאָגן געמיט איז עזרא צוריק אַריין אין טעגלעכן לעבן. דער טרויער־פּלאַקאַט איז שטיקערווייז אַראָפּגעשיילט געוואָרן פון דער וואַנט, צוזאַמען מיטן נאָמען, וואָס האָט אויף שטענדיק זיך איבער־געטראָגן אינעם האַרץ פון אַלטן פאָטער.

די שכונת שבזי האָט בינעם געפונען שוין אין איר געוויינלעכן אויס־זען, די אָפענע קלייטלעך, מיט דער רעשיקער באַוועגונג פון די איינוווינער, די פאַרקלעפּטע לעכער פון די באַשאָסענע ווענט צו דער זייט פון יפו, האָבן פאַרווישט די שפּורן פון דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער מלחמה. בלויז די פאַרלאָזענע הייזקעס פון אַראַבישע איינוווינער האָבן נאָך דערמאָנט אין יענע אומרויִקע טעג.

אַהיימקומענדיק האָט בינעם זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַרבעט. זיין שפּול־מאַשין איז שוין וואָכן געשטאַנען אָן באַוועגונג. ווען בינעם פלעגט אַהיים־קומען מיט ליידיקע הענט, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און מיט אַן אָנגעכמורעט שווייגן און ס'איז שווער געווען פון אים אַ וואָרט

אַרויסצוקריגן. אים האָט ווײ געטאָן, וואָס ער קאָן נישט לאָזן אין גאַנג די מאַשין. זיין אַרומדרייען זיך אָן אַרבעט האָט ער אויפגענומען ווי אַ נישט פאַרדינטן גזר. אָבער צו ווען זאָל ער לויפן מיט טענות? האָט אים דאָך קיינער גאָרנישט פאַרזיכערט. און הגם זיין ווייב האָט אַרויסגעוויזן געדולד, האָט ער זיך געפילט אַ דערדריקטער ביי זיך. אים האָט געפעלט דאָס זשומען פון דער מאַשין. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די וואָס האָבן צו אים געשמייכלט ביי דער ערשטער באַגעגעניש נאָך זיין צוריקקומען אַהיים, קוקן אויף אים מיט גרינגשאַץ צוליב זיין ליידיק אַרומגיין. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַפילו אומבאַקאַנטע דורכגייער דערקענען אין אים אַ ליידיקגייער.

נישט איין מאָל זענען פאַר בינעמען אויפגעקומען בילדער פון זיין שווערער פאַרגאַנגענהייט. דאָרט, אויף דער פרעמדער ערד, האָט אים זיין ענערגיע נישט נאָכגעלאָזט אויף קיין איין מינוט, און דווקא דאָ, אויף דער באַפרייטער ערד, האָט ער אָפט דערפילט אַ מידקייט אין זיינע טריט. פאַר וואָס אַזאַ געפיל? — האָט בינעם זיך אַליין געפרעגט — און אַ פאַרמאַטערטער פון די לאַנגע שפאַצירן זיך געלייגט אויף דער סאָפקע.

בינעם מיט רחלען האָבן זיך באַראָטן. זיין ווייב, אַ געבוירענע אין לאַנד, איז געווען די פאַרשלאַג־געבערין. זי האָט בינעמען געעצהט אָנצו־הייבן זוכן אַ קראָם, וווּ מען פאַרקויפט עסנוואַרג. ביי דעם איז מען שטענדיק באַשעפטיקט. בינעמען וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי זיין טעקסטיל־מלאכה, איז אַזאַ פאַרשלאָג נישט געווען צום האַרצן. אַ קרעמער איז ער קיין מאָל נישט געווען. אָבער וואָס טוט מען נישט צוליב פרנסה? ווו ער איז פאַרביי געגאַנגען אַ שפּייזגעוועלב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען געוועלבער, וווּ דורך די שויפענצטער האָט מען געזען פאַרקויפן ביסקוויטן, מילכוואַרג, און מינים עסנוואַרג, וואָס זיין טעכטערל האָט עס נאָך אין מויל נישט געהאַט.

גייענדיק איבער די גאַסן, האָט בינעם איין מאָל זיך אָפּגעשטעלט ביי אַזאַ קראָם, ווו דער פאַרקויפער איז געווען אַ ייִד שוין אין די יאָרן, און דערצו האָט ער אויך אונטערגעהונקען אויף אַ פוס. אַזאַ ייִד, האָט ער געטראַכט, קאָן אפשר וועלן איבערגעבן דאָס געוועלב. בינעם האָט צו־

געוואָרט און ווען אין געוועלב זענען קיין קונים נישט געווען, איז ער אַריין.

— איר זעט אויס אַ נייער אין לאַנד — האָט דער קרעמער זיך געמאַכט פאַרשטיין בינעמס יידיש רעדן.

— יאָ, אַ נייער.

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— מיט וואָס האָט דאָס אַ שייכות? — און בינעם האָט דערציילט ווי לאַנג ער געפינט זיך אין לאַנד.

— אַ נייער עולה — האָט דער קרעמער געשאָקלט מיטן קאָפּ — איר פאַרמאָגט וויפל עס דאַרף קאָסטן מיין געוועלב?

— מען קאָן הערן אַ פּרייז?

— אַזאַ קראָם מיט אַ זיכערער פּרנסה לאָזט מען נישט אַזוי לייכט אַרויס פון די הענט.

— אדוני, איך האָב אייך געפרעגט, וויפל עס דאַרף קאָסטן אייער קראָם.

— יאָ — האָט דער ייִד אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל דאָס פּנים — לאָמיר רעדן צום ענין, האָט איר שוין יאָ אַזוי פיל געלט, איז גלייכער אַז איר זאָלט זיך זוכן אַ לייכטערע פּרנסה.

— און אַזאַ ווי אייערע, וויפל קאָסט?

— אַזוי קורץ אין לאַנד, און שוין אומגעדולדיק. איר האָט דאָך נאָך פון מיר נישט געהערט, אַז איך וויל איבערגעבן דאָס געוועלב, איז נאָך וואָס טויג אייך וויסן אַ פּרייז?

— איז דאָך נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

דער ייִד האָט אַ צי געטאָן דעם שטייפן פוס צו זיך און זיך אויפגעשטעלט:

— יונגער־מאַן, לויפט נישט, זייט געדולדיקער, אין ארץ־ישראל אָן סבלנות איז מען אַ פאַרשפּילטער. איך וויל אייך אַן עצה געבן, און איר שטייט שוין ביי דער טיר. הערט אויס, גייט צו אין „קרית מאיר". דאָרט וווינט אַ מעקלערין, זי וועט שוין פאַר אייך עפּעס אויסגעפינען.

דער ייִד האָט געמאַכט עטלעכע הינקענדיקע טריט צום אַרויסגאַנג און געוויזן בינעמען דעם וועג, ווו צו גיין.

דער וועג פון עק מלך דזשאָרדזש האָט געפירט איבער פוסטע זאַמד־פעלדער מיט צעגראָבענע לעכער פון אַרויסגעריסענעביימער. פון דער ווייטנס, איבער די ברייטע געלע זאַמדן, האָבן זיך אָנגעזעען די ווייסע ווענט פון ניי־אויסגעבויטע הייזער, אָפּגעזונדערטע פון דער שטאָט. די שמאָלע דורכגענג צווישן די לאַנגע הייזערבלאָקן האָט דער שכונה, וואָס מען האָט גערופן „קרית־מאיר״, צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ פאַרשטויסענעם ישוב, אַ ווייט־אָפּגערוקטן פון דער אויפגייענדיקער שטאָט תל־אביב.

אויף די זאַמדן אַנטקעגן דער שכונה זענען געשטאַנען עטלעכע הילצערנע ביידלעך. אויף איינס איז געהאַנגען אַ שילדל „בית כנסת״, אין דער צווייטער בודקע איז געשטאַנען דער גזונניק. אַז עמעצער איז דורך די טיפע זאַמדוועגן אָנגעקומען פון תל־אביב, האָט ער דאָרט זיך געקאָנט דערפרישן מיט אַ קאַלטן טרונק. צום דריטן הילצערנעם הייזל, וואָס האָט אויסגעזעען ווי אַ הינערשטייג, איז מען דערגאַנגען אויף אויסגעלייגטע ברעטער. דאָרט האָט געוווינט ציפורה די מעקלערין — אַ שווער־רירעוו־דיקע פולע ייִדענע. דערהערט, אַז בינעם זוכט אַ געוועלב צום דינגען, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע, עס אונטערגעטראָגן צו די אויגן און גענומען זוכן און מישן די פאַרשריבענע בלעטלעך. זי האָט אויפ־געצייכנט אַ פּאָר אַדרעסן, אָבער אין מיטן דערינען איז זי אויף אַ ווײַלע אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַ צעפלאַמט פנים:

— וואָס דאַרפן מיר ווייט זוכן, אַז דאָ, אונטער דער נאָז, האָב איך פאַר אייך אַ ברויט מיט אַ מעסער...

אין שכנות פון די הילצערנע ביידלעך איז געשטאַנען אַ ניי געמויערט איינשטאָקיק הויז וואָס האָט אויסגעזען פאַראײַנזאַמט אויף דעם אַרומיקן פוסטן שטח. בלויז פון דער פאָרנטדיקער זייט פון דעם הויז האָט מען געקענט זען אַ באַוועגונג פון איינוווינער.

אין דעם הויז האָט זיך געפונען אַ קאַפע. די מעקלערין האָט פאָר בינעמען פאָרגעשטעלט אַן עלטערן מאַן, וואָס איז געווען פאַרטאָן בײַם

ריין מאַכן די צעשטעלטע טישלעך, אַן עלטערע פרוי איז אַרויסגעקומען פון קיך.

דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און פאַרגעשטעלט פאַר בינעמען דאָס געוועלב מיט אַלע איינריכטונגען צו דער אַרבעט. בינעם האָט זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— ווער קומט צו אייך עסן אין דעם מדבר?

די מעקלערין מיט דעם אַלטן פּאָרפּאָלק האָבן צעשמייכלטע זיך איבערגעקוקט:

— פונקט די זעלבע פראַגע האָב איך געפרעגט דעם בעל־הבית, און איצט בין איך שוין מיד פון צו פיל אַרבעט — האָט דער אַלטער אַריינ־גערעדט בינעמען אין פּנים. זיין ווייב האָט צוגעשאָקלט מיט איר ווייסן קאָפּ:

— דאָס געוועלב פאַרלאַנגט יונגע כוחות. מיר האָבן זיך צו דעם גענומען צו שפּעט.

— וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן — האָט די מעקלערין זיך אַריינגע־מישט אין די רייד — איר קומט מאָרגן 9 אין דער פרי, וועט איר זען אַז אויף די זאַמדן ווי מיר שטייען ראַיעט פון מענטשן, ווי די מוראַשקעס, וואָס קריכן דאָ אַרום.

אויף צו מאָרגנס,ביים צווייטן באַזוך, האָט בינעם דאָס אָרט נישט דערקענט. דאָס געוועלב איז פול געווען מיט בוי־אַרבעטער אין פאַר־שטויבטע כאַקי־קליידער, אויסגעזעצטע אַרום טישלעך ביז טיף אין דרויסן. פאַריאַכמעטע, האָט דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק זיך באַוועגט אַרום די געסט, דערלאַנגט זיי צוגעגרייטע טעלערלעך פון אַ גלעזערנעם שענקל אַרויס.

— פון וואַנען קומען די אַרבעטער צו אייך? — האָט בינעם נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זיין נייגעריקייט.

— קוקט זיך איין — האָט דער אַלטער מיט דער האַנט איבער די אויגן אָנגעוויזן אין דער ווייטקייט — דאָרט בויט מען עטלעכע הייזער, און ווי מען זאָגט, איז עס אַן אָנהייב פון אַ לאַנגער גאַס, וואָס וועט דער־גרייכן אַזש ביז דעם עק ווו מיר שטייען.

— ווער האָט דאָס אייך געגעבן אַזאַ גענויע אינפאָרמאַציע? און איר גלייבט אין דעם אַזוי שטאַרק?

— יאָ, יאָ — האָט דער אַלטער צעשאָקלט דעם קאָפּ — איך וויל אין דעם גלייבן. אַזוי זאָגן אויך די מענטשן פון דער תל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס קומען איינמאָנען שטייערן.

בינעם איז געשטאַנען, געקוקט און נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן צוטרוי צו דעם אַלטנס רייד. אים איז פאַרגעקומען, אַז דער זקן מיט די ציטערנדיקע הענט וויל אים איינרעדן צום געשעפט. די אַרומיקע פוסטקייט האָט געוועקט אין אים פּחד און פאַרדאַכט, דאָך האָט ער געלאָזט זיך איינרעדן צו בלייבן ביז איבער די מיטאָג־שעהען.

— קומט אַריין, זעצט זיך. וואָס די אויגן זעען, ווערט נענטער צום האַרץ — האָט דער אַלטער געזאָגט און זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבעט.

אין האַלבן טאָג איז דאָס געוועלב מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט אַרבעטער. זיי זענען אַריין מיט איילִיקע טריט, יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע צו פאַרנעמען אַן אָרט ביי אַ טיש. לעבן די זיצנדיקע זענען אומגעדולדיקע געשטאַנען אַנדערע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ בענקל. דאָס ביסל געקעכץ האָט מען געגעסן אין איילעניש, כדי פריי צו מאַכן דאָס אָרט און וואָס גיכער זיך אומקערן צום אַרבעטספּלאַץ. ווען אין געוועלב איז שטיל געוואָרן, האָט אין די אויערן נאָך געזשומעט דער רעש און געפּילדער פון די עסערס און די צעקלונגענע כלים אויף די טישלעך. איבערן דיל איז געבליבן אַ דיקער שיכט מיט געלע זאַמדן, אַנגעטראָגענע פון שווערע טריט.

דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעלייגט זייערע מידע הענט איבערן טישל און טיף אָפּגעאָטעמט:

— אַזוי איז עס מיט אַלטע אברים: כל זמן זיי זענען אין גאַנג, איז נאָך ווי עס איז, שטעלט מען זיי אָפּ, איז שווער, אוי ווי שווער!

בינעם איז אַהיימגעגאַנגען מיט שנעלע טריט. אין דעם טאָג, האָט ער געטראַכט, האָט ער עפּעס אויפגעטאָן. זיין ווייב וועט ער דערציילן אַלץ וואָס ער האָט געזען. די פאַרשלאָגן פּונעם אַלטן פאָרפאָלק זענען אים געפעלן. דעם גאַנצן לאַנגן וועג האָט ער זיך געמאָלן דאָס בילד פון זיך מיטן ווייב ביי דער אַרבעט אויפן אָרט פון די אַלטע־לייט, וואָס האָבן זיך באַוועגט מיט שווערע טריט און אויסגעזען מיד, פאַרהאָרעוועט. זיך אַליין

האָט ער געזעגן מיט פלינקע הענט און פיס אַרום די טישלעך, וואָס באַ־דינען גיך דעם גאַסט, כדי דאָס אָרט זאָל פריי ווערן פאַר אַ צווייטן.

בינעם איז אַריין אין שטוב מיט אַ צופרידענעם שמייכל, אָבער רחל, אויסהערנדיק ווי דאָס געוועלב געפינט זיך, האָט פאַרדרייט מיט דער נאָז און אַ זאָג געטאָן:

— צו ווייט! און וואָס וועט זיין מיטן קינד?

בינעם, אַ געטראָפענער פון זיין ווייבס גלייכגילטיקייט צו דעם גאַנצן ענין, האָט מיט פאַרדרוס אָפּגעענטפערט:

— אַרומגיין אָן אַרבעט איז בעסער?

די עטלעכע ווערטער וואָס בינעם האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך האָט די שטוב אָנגעפילט מיט זאָרג און נאָכקלערענישן. אויך רחל האָט זיך נישט געקאָנט באַרויִקן, איז זי געגאַנגען צו איר אַלטן בעל־הבית זיך מישב זיין. מוגרבי האָט געגלעט דעם גאָלן קאָפּ, זיך פאַרטראַכט, און ווי אַ דערפאַרענער סוחר געראָטן צו נעמען דאָס געוועלב. מיט זיין פאַר־קוועטשטן אַראַבישן דיאַלעקט האָט ער פאַרגעשטעלט דעם פאַרנעם, וואָס ווערט פּלאַנירט פאַרן צפון פון דער שטאָט. דאָרט וועלן אויפקומען נייע גאַסן און אויף דעם אָרט ווו מען בויט וועלן זיך אַנטוויקלען אַלע געשעפטן.

רחל איז אַהיימגעקומען גאָר אַן אַנדערע ווי זי איז אַוועק. בינעמען האָט זי געהייסן גיין צום בעל־הבית נאָך אינפאָרמאַציעס. ער איז אַהין אַוועק און האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ נידעריק דאַר ייִדל מיט אַן אָפּגעצערט פּנים, צעקנייטשטן שטערן און איינגעפאַלענע באַקן. ביי די ערשטע רייד האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט זיינע אַלטע־לייט פון געוועלב לעבט ער נישט בשלום.

— יע, — האָט ער מיט אַ טיף ליטווישן ייִדיש אַ זאָג געטאָן — פאַר דער קראָם זענען נייטיק יונגע כוחות. די שטאָט הייבט זיך אָן פונאַנדערצושפרייטן, ברויכט מען דאָ יונגע מענטשן.

נאָכן צונויפרעדן זיך האָט בינעם געפרעגט אויב ער איז מסכים מיט אים שרייבן אַ קאָנטראַקט.

דאָס ייִדל האָט מער אויסגעזען ווי אַ לערנער, אַ באַנקקוועטשער, איידער ווי אדון גורעוויטש — דער בעל־הבית פון הייזער און מגרשים.

ער האָט אָנגענומען זיין דיך־באַוואָקסענע גאָמבע מיט דער האַנט, ווי ביים לערנען אַ בלאַט גמרא, און געזאָגט:

— יע, איר זייט אַ נייער אין לאַנד, דאַרף איך קודם וויסן וועמען איך נעם אַריין פֿאַר אַ שכן.

— אַ נייער אין לאַנד קאָן קאָן פֿאַר אייך זיין אַ שטערונג?

— חלילה — האָט דער בעל־הבית איינגעצויגן זיינע שמאָלע אַקסלען — אָבער ביי וועמען זאָל איך זיך פרעגן אויף אייך?

בינעם האָט אָנגעשריבן עטלעכע באַקאַנטע נעמען פון תל־אביב.

— דאָס וועט פֿאַר אייך גענוג זיין?

גורעוויטש האָט אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, פון דער נאָענט זיך איינגעקוקט אין די אָנגעשריבענע נעמען, און ווידער אָנשטעלנדיק די ברילן איבער די אויגן האָט ער אויף בינעמען אַ קוק געגעבן:

— וואָס האָט אַזאַ ייִד ווי איר, אַ נייער אין לאַנד, צו טאָן מיט דעם רייכן מוגרבי? משפחה זענט איר געוויס ניט, געשעפטן פירט איר אויך ניט מיט אים, ווען יע, וואָלט איר ניט געזוכט אַזאַ שווערע פּרנסה, ווי אין מיין קראָם...

בינעם האָט זיך צעשמייכלט:

— מיין פרוי האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט ביי מוגרבי.

— אַזוי פֿאַרשטיי איך שוין. פֿאַרענטפֿערט די קשיא. ניט נייטיק צו פרעגן, איר קאָנט קומען אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט.

אין דעם ערשטן טאָג פון זייער אַרבעט איז רחל געווען אַן אומעטיקע. זי האָט פלעגמאַטיש אָנגעטאָן אויף זיך דעם ווייסן פֿאַרטעך מיטן קאָפּטיכל, און אַ שווייגנדיקע זיך גענומען צו דער אַרבעט אין קיך, ווי אַ פרעמדע.

וואָס איז די סיבה פון זיין ווייבס פלוצעמדיקע ענדערונג צום שלעכטן?

— האָט בינעם געטראַכט — האָט זי דאָך מיט פרייד אין די אויגן זיך איינגעקוקט ווי בינעם מאַכט זיך גרייט אַרויסצופֿאָרן צו דער אַרבעט. אפשר האָט איר מיד געמאַכט דער לאַנגער זאַמדיקער וועג? בינעמס נאָכקלערענישן זענען פֿאַרשווונדן ווען שרהלעס נאָמען איז געקומען אויף זייערע ליפּן. דאַן איז פֿאַר בינעמען קלאָר געוואָרן אַז זיין ווייבס מחשבות ציִען זיך אַהין צו דעם קינדער־גאָרטן אויף דער זאַמדיקער גאַס אין

שכונת שבזי, דאָרט ווו זייער דרייייאָריק טעכטערל האָט דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט דעם פּחד פון בלייבן אין פרעמדע הענט. מיט טרערן אין די אויגן האָט רחל זיך דערמאָנט, ווי אַזוי דאָס קינד האָט מיט די קליינע הענטלעך זיך געצויגן צו איר. די דערציִערינס, שוין געוווינטע צו אַזעלכע בילדער, האָבן זי באַרויִקט און אַרויסגעפירט. אָבער זי, די מוטער, איז נאָך געבליבן שטיין הינטער דער טיר ביז דאָס וויינען פונעם קינד האָט זיך איינגעשטילט.

בינעם האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן אין רשות פון זיינע נייע אויפגאַבעס, אָבער פאַר איין וועגס האָט דער אימפּעט אים פאַרוואַנדלט אין אַ קנעכט, פאַרקויפט צו די קאַפּריזן פון דער אַרבעט.

פאַר בינעמען מיט רחלען האָט זייער אַריינטריט אין דער אַרבעט אויסגעזען ווי אַ שווערער אַריינפיר צו דעם שווונג נאָכצויאָגן די צייט — אַז אַלץ זאָל גרייט זיין גלייך צום דערלאַנגען. אין קיך האָבן געפּאַרעט די צעקאָכטע טעפּ. אויפן לאַנגן טיש, אונטערן גלאָז, זענען געשטאַנען הויפנס טעלערלעך מיט סאַלאַטן איינס איבערן צווייטן. דער אייזקאַסטן איז געווען אָנגעפילט מיט מילכיקס פון „תנובה״. די בוי־אַרבעטער האָבן דערפילט אַז זיי ווערן באַדינט דורך פרישע און נייע כוחות. דורכן קיכ־פענצטערל האָבן זיך געלאָזט פילן געשמאַקע ריחות פון געפּרעגלטע בליני־צעס, לאָקשן־קוגעלעך, רייז מיט מילך און אַנדערע נייע מאכלים, וואָס זיי האָבן פריִער נישט געזען אויף די טישן. פון גרינוואַרג האָט רחל געמאַכט פאַרשידענע פּאַטראַוועס, וואָס זי האָט געלערנט אין דער היים פון איר מאַמען און באָבען.

מיטן שפּראָץ פון באַגינען, ווען תל־אביב איז נאָך געווען פאַרזונקען אין שלאָף, איז שוין בינעם געזעסן אויף זיין רייטוועגעלע און זיך געיאָגט ביז צום סוף פון די שטיינערנע גאַסן אויף צפון־זייט פון דער שטאָט. אַ קילער פרימאָרגן האָט אָפּגעפרישט זיינע נאָך פאַרשלאָפענע גלידער, ביז די צוויי רעדלעך האָבן זיך איינגעשניטן אין די טיפע זאַמדן. דער ווייכער באָדן איז נאָך נישט געווען אייגן אונטער זיינע פיס. די הייזער פון קרית־מאיר זענען נאָך געווען אַרומגענומען מיט נאַכטיקער רו, אָבער

בינעם, מיט זיינע פאַרשאַרצטע אַרבל, איז שוין געווען אין באַוועגונג. אַרום אים האָבן זיך געפּילט די ריחות פון צעשניטענע גרינסן און פון פרישע מילך־פּראָדוקטן. אין קיכל האָט שוין געזשומעט דער גרויסער קעסל מיט וואַסער. עס האָט געשמעקט די פריש פאַרבריטע טיי און די אויפגעקאָכטע מילך.

אין די ערשטע טעג, ווי נאָר בינעם איז אַריין אין דער אַרבעט, האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט אַ מאַן מיט אַ גראָען קאָפּ האָר, שוואַרצע, געדיכטע ברעמען, ווי צוויי בערשטלעך איבער די אויגן. פון זיין טונקל־הויטיק פּנים און פון זיין ליטווישן יידיש האָט אַרויסגערעדט אַ באַסאָווע שטימע פול מיט ענערגיע און איניציאַטיוו. ער האָט זיך געגעבן צו דער־קענען ווי דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון „תנובה" מיטן נאָמען זעטלאַנד. רייכערנדיק איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, האָט ער קודם בינעמען אָבסער־ווירט ביי זיין אַרבעט, און נאָך דעם אים פאַרגעלייגט אַריינשטעלן אַ קעסל צום פונאַנדערטיילן מילך פאַר די קונים. בינעם האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ גוטע בשורה און געפרעגט:

— וויפל מילך וועל איך באַקומען?

— זיבן ליטער יעדן טאָג, און פרייטיק אַ ביסל מער.

— ווי גרויס וועט זיין דער קעסל?

— בערך אַזוי — האָט זעטלאַנד אויף דער וואַנט אָנגעצייכנט די הויך און דעם פאַרנעם.

— אין אַזאַ גרויסן קעסל וועלן די זיבן ליטער קוים צודעקן די דנאָ.

זעטלאַנד האָט איינגעצויגן זיינע געדיכטע ברעמען:

— יונגער־מאַן, אַ ביסל געדולד, איר זעענט נישט לאַנג אין לאַנד, אין ארץ־ישראל הייבט מען מיט אַלץ אָן פון קליין, ביז עס צעוואַקסט זיך גרעסער.

בינעם האָט געמאַכט אַ נאַיִוון אָנשטעל, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזעלכע רייד און איינגעשטימט אויפן פאַרשלאָג.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען אַ שילדן־מאָלער, געשיקט פון זעטלאַנדן, און מיט גרויסע רעקלאַמע־אותיות אויפן שוי־פענצטער אויפגעשריבן —

„סניף תנובה" — פאַרקויף־שטעלע פון מילכפּראָדוקטן, וואָס „תנובה" פּראָדוצירט.

בינעמס געוועלב האָט אָנגעהויבן באַקאַנט ווערן אין דער גאַנצער געגנט, אויך אין די ווייטע גאַסן. דאָס וואָרט „תנובה" איז געווען אַ שטאַרק צוציִונגס־מיטל. ווייבער מיט טעפּלעך אין די הענט האָבן אָנגעהויבן קומען, ווי בינעם וואָלט זיי פאַרבעטן. כאָטש ער האָט פאַר יעדן פון זיי זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, דאָך האָט אים זעלטן ווער פון די, וואָס זענען געגאַנגען מיט די ליידיקע טעפּלעך צוריק, געגלייבט, אַז ער באַקומט נישט מער ווי זיבן ליטער מילך אַ טאָג.

— וועמען גייט ער איינרעדן?

— אַ נייער קרעמער מיט אַלטע ליגנס.

— „תנובה" וואָלט אים אַוועקגעשטעלט אַזאַ גרויסן קעסל אויף די עטלעכע ליטער מילך?

— נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן...

אַזעלכע רייד האָבן די ווייבער איבערגעלאָזט ביים אַרויסגיין פון געוועלב. ביז די קונים זענען ביסלעכווייז געקומען צום גלייבן, האָט שוין בינעם געהאַט איינגעפירט אַ סדר ביים פאַרטיילן די פאַר ליטער מילך בלויז פאַר קליינע קינדער אין דער שכונה, לויט זיין אייגענעם איינזען, מיט אַ צונויפגעשטעלטער רשימה.

אין קרית־מאיר האָט מען זיך דערוווּסט, אַז בינעם טיילט מילך נאָר פאַר קליינע קינדער. באַלד אין דער פרי האָבן ווייבער זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי, ווען די טיר פון געוועלב איז נאָך געווען פאַרמאַכט. ער איז אַרויס זיי אויפקלערן, אַז דאָס ביסל מילך האָט ער קוים פאַר די קינדער, וואָס זענען ביי אים פאַרשריבן.

— אַזוי גאָר?! — האָט זיך איינע צעשריגן — איר טיילט די קינדער לויט זייער יחוס? וואָס איז מיין שכנהס יִנגעלע מער „משה גרויס" ווי מיינער?

— פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? אייער שכנה איז יִנגער פון אייך און שמייכלט שענער — האָט זיך אָנגערופן איינע פון דער ריי...

— און די פון ערשטן בלאָק, וואָס ווינט איבער מיר, ווער האָט ביי אייך מער נושא־חן געווען? זי אַליין, אָדער איר קינד?

— און ווער האָט דאָס איינגעשטעלט אַזאַ יושר, אַז אַן עלטערע פרוי דאַרף נישט נעמען אין מויל קיין טראָפּן מילך?

אַז די ווייבער זענען זיך צעגאַנגען האָט בינעם געעפנט די טיר. עס איז אַריין אַ פרוי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט. בינעם האָט זיך אָנגעבויגן צו דער רשימה, געמאַכט אַ צייכן און אָנגעגאָסן אַ גלאָז מילך.

— איך בעט אייך — האָט די פרוי אָנגעשטעלט אַ נעבעכדיק פּנים — אַז איר גיט שוין, טאָ מאַכט עס מיטן גאַנצן האַרץ. גיסט אַריין נאָך אַ גלאָז.

— ווען נישט דאָס קינד, וואָלט איך אייך דאָס אויך נישט געקאָנט געבן.

דעם צווייטן טאָג איז די פרוי געקומען מיט איין קינד אויף זיך, דאָס צווייטע ביי דער האַנט און מיט מער דרייסטקייט האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל אויפן טיש.

בינעם האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז מילך.

— וואָס טוט זיך מיט אייך? פאַר צוויי קינדער איין גלאָז?

בינעם האָט צוריקגערוקט דאָס טעפּל:

— איך קאָן אייך מער נישט געבן.

די פרוי איז אַרויס אַן אומצופרידענע. נאָך איר איז אַריין אַ שכנה פון דעם זעלבן הויז אין דער שכונה. בינעם האָט זיך פאַר איר פאַרקלאָגט אַז די פרוי מיט די צוויי קינדער דינגט זיך שטענדיק מיט אים, דרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געהאַט און וויל נישט געבן.

— ס'קומט איר דאָס אויך נישט — האָט די שכנה בינעמען דערציילט אַ סוד — די צוויי קינדער זענען נישט אירע. זי אַליין איז אַן אַלטע מויד, וואָס פירט די קינדער שפּאַצירן. זי קאָן מאָרגן צו אייך קומען מיט צען קינדער.

בינעמען האָט די מעשה פאַרדראָסן און ער האָט גלייך איר נאָמען אויסגעמעקט פון דער רשימה.

צו מאָרגנס איז די זעלבע פרוי מיט די צוויי קינדער געקומען נאָך מילך און בינעמען גלייך געמאָנט צוויי גלעזער.

בינעם אָנקוקנדיק די פרוי, האָט איר געזאָגט:

— נעכטן זענט איר געקומען מיט צוויי מיידעלעך, היינט מיט צוויי ייִנגעלעך. קיין ע״ה, אַזוי פיל קינדער האָט איר?

— וואָס איז אייך אַן אונטערשיד? אַ קינד, איז אַ קינד. אַ ייִנגל, אַ מיידל...

— מיר איז יאָ אַן אונטערשיד. די מילך טייל איך נאָר פּאַר קינדער.

— און די זענען נישט קיין קינדער?

— יאָ, אָבער...

— וואָס אָבער — האָט די פרוי מיט בייזקייט אויפגעהויבן איר טאָן — איר האַלט זיך אין גרויסן מיטן גלאָז מילך?

— גברת, דאָס זענען אייערע קינדער, וואָס איר שטעלט זיך אַזוי איין פּאַר זיי?

די פרוי האָט אָנגעשטעלט אַ שאַרפן בליק אויף בינעמען:

— דאָס גייט אייך אויך אָן?

— יאָ, כל־זמן מען גיט מיר אַזוי ווייניק מילך.

די פרוי, ווי זי וואָלט זיך דערפילט אַ געטראָפענע, האָט אַ כאַפּ געטאָן די קינדער און איז האַסטיק אַרויס פון געוועלב.

בינעם האָט צו זיינע קונים אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד, מיט רויִקע ווערטער גערעדט צו די וייבער, זיך באַמיט זיי איינצונעמען מיט די זעלבע צוזאָגן, ווי די מענטשן, וואָס האָבן אים באַזאָרגט מיט סחורה, האָבן צו אים גערעדט: נאָך אַ ביסעלע צייט, אַ ביסל מער געדולד, און אַלץ וועט זיין בשפע...

די לעצטע דריי גלעזער מילך פון טאָג האָט בינעם געהיט פּאַר די דריי ייִנגלעך: שמוליק, דוד און עמוס, וואָס יעדער פון זיי, צוליב זייערע ספּעציעלע באַדינגונגען און זייער באַזונדער קינדערישן חן, זענען ביי אים געווען מער פּריווילעגירט פון אַנדערע. שמוליקס מאַמע, די אַלמנה, האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט. אין די פּאַרנאַכט־שעהען איז זי געקומען איינקויפן מיטנעמענדיק מיט זיך דעם קליינטשיקן שמוליק מיטן בלאָנד־געלאָקטן קאָפּ האָר. זיין קינדעריש הערצל האָט נישט באַוויזן צו פילן די פרייד פון פּאָטערלעכער ליבשאַפט — איז ער געווען שטאַרק עמפּינדלעך צו בינעמס

באַזונדערער באַציונג צו אים. אויך אין אָפּגעהיטענעם גלאָז מילך האָט דאָס ייִנגעלע געזען, ווי בינעם וואָלט עפּעס אַ באַזונדערע זאָרג פֿאַר אים אויסגעטיילט. קיין זאַך, וואָס די מאַמע האָט איינגעקויפֿט, איז אים נישט אַזוי אָנגעגאַנגען ווי דאָס ביסל מילך. אָן דעם וואָלט זיין מאַמע פֿאַר אים נישט געקאָנט צונויפֿשטעלן דאָס עסן, וואָס ער האָט צום מיינסטן ליב געהאַט.

ווען שמוליק איז עלטער געוואָרן האָט ער ליב געהאַט אַרויסצורופֿן אַ שמייכל מיט דעם זאָג: „מיין מאַמע האָט מיר אויסגעכאָוועט מיט בינעמס מילך"... און ווען ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער בחור, דער בלאָנדער קאָפּ האָר איז שוין ביי אים נישט געווען צעשויבערט, נאָר שיין פֿאַרקעמט, אָן אויסגעפּוצטער ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ חתן־בחור, האָט ער אויך ערב זיין חופּה־טאָג, פֿאַרבעטנדיק בינעמען אויף זיין חתונה, נישט פֿאַרגעסן אין גלאָז מילך פֿון זיינע קינדער־יאָרן. שפּעטער, שוין אַ דירעקטאָר פֿון אַ פֿאַרנעמיקער פירמע, האָט ער ביים איינקויפֿן מילכיקס פֿאַר זיינע קינדער, זיי געלערנט געדענקען, אַז אין זיינע קינדעריאָרן איז אַ גלאָז מילך געווען אַ חלום.

דער צווייטער איז געווען דודל, אַ קליין שוואַרץ־חנוודיק פֿאַרחלומט ייִנגעלע, וואָס איז אַלע טאָג אַריינגעקומען צו בינעמען אין קראָם מיט זיין מאַמען, אַן אינוואַלידין. דודלס פֿאָטער איז געווען אַ זשורנאַליסט און גאַנצע טעג געזעסן ביים שרייבטיש אין רעדאַקציע „דבר". זיין מאַמע איז געווען די גאַנצע אַריינבריינגערין אין שטוב. אַז דודל פֿלעגט דערזען ווי בינעם מעסט אויס דאָס קווערטעלע מילך און גיסט עס איבער אין דעם טעפּעלע, וואָס ער האָט ליב געהאַט בינעמען דערלאַנגען, האָט זיין פֿאַרריסן פּנימל מיט די צעשפּילטע אייגעלעך געלויכטן פֿון פֿרייד. זיין מאַמע, מיט איר צעוויגטן גאַנג, האָט געדאַרפֿט זיך שטאַרק מיִען עס זאָל נישט פֿאַרגאָסן ווערן אַ טראָפּן פֿון דעם גלאָז מילך.

דודל איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ שיינער בחור, געווען פֿון די בעסטע שילער אין דער שכונה און געלערנט ביז ער איז געוואָרן אַ יוריסט. אין משך פֿון יאָרן איז ער פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿון בינעמס אויגן. אָבער איין מאָל איז צו אים אין קראָם אַריין אַן עלעגאַנט פֿאַרפּאָלק און דער מאַן

פון דער פרוי האָט זיך פאַר בינעמען געלאָזט דערקענען פאַר דעם מיט יאָרן צוריק קליינעם דודל. דורך דער צייט האָט בינעם שוין געהאַט פאַרגעסן אין יענעם באַחנטן ייִנגעלע, אָבער דער אַדוואָקאַט האָט בינעמען פאַרגעשטעלט פאַר זיין צעשמייכלטער פרוי — דעם „מילכיקן", וואָס האָט פאַר אים אין די קינדעריאָרן יעדן טאָג אָפּגעהיט דאָס גלאָז מילך.

דער דריטער איז געווען עמוס — אַ דראָבנע ייִנגעלע מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע אויגן אין צאַרטן פּנימל. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע קינדער אין דער שכונה מיט זיין אַנטוויקלטן פאַרשטאַנד און אויפנעם־פעיִקייט. אַלע טאָג אין דער זעלבער צייט נאָך זיין מאַמעס אַהיימקומען פון דער אַרבעט פלעגט זי אים מיטנעמען מיט זיך איינקויפן די מילכיקע שפּייזן. ווי נאָר עמוס איז איבערגעטראָטן די שוועל פון בינעמס געוועלב האָט ער מיטן פלאַטשיקן נעזל אויף דער שויב פון אייזקאַסטן געזוכט בינעמס אויסגעשטרעקטע האַנט צו זיין אויסגעטיילטן גלאָז מילך, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט ביז ער וועט קומען נאָך דעם. אַלץ האָט ער געלאָזט דער מאַמען אַרויסטראָגן פון געוועלב אַחוץ דאָס קענדעלע מיט דעם דראַטענעם אויערל, וואָס האָט זיך געוויגט אין זיין הענטל צוזאַמען מיט דעם ביסל מילך.

דער קליינער עמוס האָט אין בינעמען געזען נישט בלויז אַ קרעמער, נאָר אויך אַזאַ, וואָס האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין ליבשאַפט צו אים.

ווען עמוס איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן מוחביים לערנען. מיט יאָרן שפּעטער איז ער פון די אַמעריקאַנער הויכשולן צוריקגעקומען אַ געלערנטער און געוואָרן אַ לעקטאָר פון פיזיק און מאַטעמאַטיק. אויך ביי זיין הויכגעשטעלטער פּאָזיציע האָט עמוס נישט פאַרגעסן אין בינעמס אַדרעס, און מיט זיין חוש פאַר הומאָר, דערמאָנט אין זיינע מאָגערע קינדעריאָרן, נאָכן אויפקום פון דער מדינה.

בינעמס געוועלב האָט עטלעכע מאָל אין טאָג געטוישט דעם אויסזען. אין די פרימאָרגן־שעהען איז עס געווען אַ קראָם פון מילך־פּראָדוקטן פאַר די ווייבער פון קרית־מאיר. שפּעטער איז דאָס געוועלב שוין געווען פאַרנומען מיט טישלעך און בענקלעך, גרייט אויפצונעמען די בוי־אַרבעטער —

בינעמס קונים שוין מיט אַן אַנדער אויסזען. ברוין־אָפּגעברענטע פון זון און לופט, אין פאַרשטויבטע אַרבעטס־קליידער זענען זיי אָנגעקומען אין שנעלן גאַנג צו באַווייזן פאַרכאַפּן אַ בענקל. לעבן די אייליקע עסערס זענען געשטאַנען די, וואָס האָבן געוואַרט, אַז דאָס אָרט זאָל פאַר זיי פריי ווערן. בינעם מיט רחלען האָבן אין דער צייט זיך צעלאָזן אין אימפּעט. רחל, אין שירצל מיט אַ טיפער קעשענע, און ער, בינעם, מיטן שויבער איבער די אויגן — האָבן זיך געיאָגט הין און צוריק מיט פולע און ליידיקע טעצלעך און גלעזער. איז אַריבער די צייט פון פרישטיק, האָבן שוין געפּאַרעט די טעפּ מיט געקעכצן צום מיטאָג. דער אַרבעטס־עול האָט זיי אַלץ מער אַריינגעשלעפּט אין די טיפע שעהען פון טאָג.

אין די נאָכמיטאָג־שעהען איז דאָס געוועלב געווען פאַרלאָזן פון מענטשן. דורך דער אָפענער טיר האָט אַריינגעקוקט אַ פוסטער דרויסן. דער פריִערדיקער רעש אַרום די טישלעך האָט זיך געביטן אויף אַ מדבר־דיקער שטילקייט. די אַרומיקע זאַמדפעלדער זענען געלעגן אונטער דער גליִיִקער זון. די זומערדיקע טעג אין נאַקעטן דרויסן האָבן געברענט מיט אַ הייסער חמימה. איין טאָג האָט געיאָגט דעם אַנדערן מיט שווערער פּראַצע. בינעם האָט זיך אין גאַנצן געמוזט איבערגעבן אין רשות פון די לאַנגע אַרבעטסטעג, אַז זיינע הענט און פיס זאָלן מיט נאָכגיביקייט פאָלגן די אויפגאַבעס, וואָס ער האָט אויף זיך געמוזט נעמען.

קאַפּיטל צוועלף

# אַ שווערער וועג

אין איינעם אַ טאָג האָט בינעם באַקומען אַ מעלדונג פון „תנובה" אַז פון מאָרגן אָן דאַרף ער זיין גרייט אויפצונעמען אַ פאַרגרעסערטן מילך־צוטייל. אין דער פרי, ווען ער איז געקומען צו דער אַרבעט, איז שוין ביי דער טיר פון זיין געוועלב געשטאַנען אַ ריי בלעכענע קאַנען. בינעמס פרייד פונעם ערשטן בליק האָט זיך גלייך פאַרטווישט אויף זאָרגן וועגן פאַרשאַפן קונים: פון זיבן ליטער איז פלוצלינג געוואָרן זיבן קאַנען. בינעם האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח נישט אַרויסצווייזן זיינע דאגות צוליב דער צו גרויסער שפע.

ווען די ווייבער זענען געקומען איינקויפן דאָס קאַרגע גלאָז מילך און האָבן דערזען די פולע קאַנען, איז איבער קרית־מאיר זיך פונאַנדערגע־גאַנגען די נייעס, אַז בינעם טיילט מילך וויפל מען פאַרלאַנגט. איז געוואָרן אַ גייערייַ פון ווייבער מיט טעפּלעך און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי. בינעמס פרעגן „וויפל אַריינגיסן" האָט ביי די ווייבער אַרויס־גערופן אַ מונטערע שטימונג.

— עס קומען בעסערע צייטן...

— אויס קוואָרטעלע, זעט נאָר, דער „תנובהניק" מעסט מיט אַ ליטער...

— מיר זענען געוואָרן אויס בעטלערינס אויף נאָך אַ טראָפּן מילך, נישט היינט געדאַכט...

מיט אַזעלכע ווערטלעך האָבן בינעמס קונים אויפגענומען דעם ערשטן זאַטן טאָג פון „תנובה"ס שפע. פאַר בינעמס ברייטהאַרציקייט ביים אויס־ליידיקן די קאַנען, האָבן אים די ווייבער פון קרית־מאיר געקרוינט מיטן נאָמען „אדון תנובה". ווער עס האָט צו אים גערעדט, האָט געזאָגט, אַז ער גייט אָדער קומט פון „תנובה".

צוזאַמען מיטן פֿאַרגרעסערטן מילכפּאַרקויף, איז אויך אין בינעמס געוועלב געשטיגן דער נאָכפֿרעג אויף אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. צושטעלער פֿון פֿאַרשידענע סאָרטן שפּייז האָבן בינעמען פֿאַרגעלייגט ער זאָל ווערן זייער אָפּנעמער. אַז דער זעמל־פֿאַרטיילער האָט אָנגעהויבן באַקומען גרע־סערע באַשטעלונגען, האָט ער מיטן פֿולן גרויסן קויש אויפֿן בויך זיך אַריינגעשטויסן אין געוועלב, ווען ס'איז פֿול געווען מיט קונים. בינעם מיט זיין „כבדהו וחשדהו" איז גיך דערגאַנגען, אַז דער זעמל־צושטעלער באַגנבעט אים יעדן טאָג. דערהערנדיק אַזאַ שווערן פֿאַרוואורף, האָט דער זעמל־פֿונאַנדערטיילער זיך צעשריגן מיט אַ גראָב קול:

— וואָס? מיך חושד זיין אין גנבה?!

— זענט איר יאָ אָרנטלעך — האָט בינעם איינגעהאַלטן זיין כעס — טאָ פֿאַר וואָס זשע פֿעלט יעדן טאָג זעמל?

— אָט זעט, אַ נייער קרעמער, און שוין זיך אויסגעלערנט פֿאַרליי־קענען. נישט געטראָפֿן ביי מיר דאָס אָרט!

דער צווייטער זעמל־צושטעלער האָט עפּעס פֿון דעם געלערנט.

דער נייער פֿונאַנדערטיילער פֿון „תנובה", וואָס האָט זיך באַוויזן צו־זאַמען מיט דער פֿאַרגרעסערטער מילך־צושטעלונג, האָט גיך געוווּנען בינעמס צוטרוי. ביי אים האָט זיך בינעם געלערנט ווי אַזוי אומגיין מיט די פֿאַרשידענע מילכיקע פּראָדוקטן, כדי אויפֿצוהיטן זייער פֿרישקייט. בינעם האָט אין יעדן פֿונאַנדערטיילער געוואָלט זעען אַזאַ ווי דעם, וועמען ער האָט אַ סך מאָל גערופֿן היימיש־פֿאַרצויגן, פֿאַר זיין צוגעלאָזנקייט און איינזעעניש ביים אויסטיילן די סחורה. אָבער ביים דערגיין וויפֿל ריווח עס בלייבט בינעמען פֿון די זיבן קאַנען מילך, האָט ער צו קיין טאָלק נישט געקאָנט דערגיין. עפּעס איז אים כסדר פֿאַרגעקומען אַ נייער שווינדל פֿאַר די אויגן. אָט באַקומט ער יעדן אינדערפֿרי פֿולע קאַנען, און דאָך פֿעלט נאָכן פֿאַרקויפֿן. ווי אַן אָנפֿאַנגער ביי דער אַרבעט, איז בינעם אַריין צו זיין בעל־הבית דעם מילך־פֿאַרטיילער אין שכונת שבזי.

— אדון בן־דוד, איר ווייסט דאָך שוין פֿון מיינע גליקן, איך בין אויך געוואָרן אַ מילך־פֿאַרקויפֿער, האָב צו טאָן מיט ווייבער, מיט טעפּ, מיט אויסגעשטעלטע רייען, אָבער דער גאַנצער טאַראַראַם זעט מיר אויס

עפּעס מאָדנע ביי דעם נישטיקן ריווח. אַנדערע מילך־פּאַרטיילער לעבן דאָך פון דעם. גיב מיר דאָס צו פאַרשטיין.

בן־דודן האָט דווקא הנאה געטאָן, וואָס בינעם איז געקומען זיך צו־נויפרעדן וועגן זיין פּרנסה. ווי אַ דערפאַרענער מילך־פּאַרטיילער האָט ער זיך פאַרטראַכט אויף בינעמס רייד און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, איך פאַרשטיי שוין: דיין מחלק איז אַ ממזר; ער האָט געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. אַ גרינער, אַ נישט־געניטער — נאַרט ער דיר מיט די אַלטע קאַנען וואָס נעמען אין זיך אַריין דריי ליטער ווייניקער. אַ כיטרער פויגל, אָבער ער האָט אים געכאַפּט.

אַז בינעם האָט שוין געוווּסט דעם סוד פון דער גנבה, האָט ער ביים פאַרטיילער געזוכט אַ ביסעלע יושר.

— דו שלעפּסט די קאַנען מילך אָן ריווח?

— פאַר וואָס פרעגסטו מיר אַזאַ שאלה? — האָט דער מחלק געעפנט די אויגן — ווער וויל עס אַרבעטן בחינם?

— איך פאַרקויף די מילך אָן פאַרדינסט.

— ביסט אַ יאָלד, אַ פרישער אין דער אַרבעט, לערן זיך מאַכן אַ חשבון.

— אָט זע, דאָ איז פאַרשריבן יעדער פּיאַסטער וויפל איך נעם אײַן פאַר די זיבן קאַנען מילך.

— דריי מיר נישט קיין קאָפּ מיט דיינע צעטעלעך.

— אַז עס וועט ווייטער אַזוי גיין, ווייס איך צו וועמען זיך צו ווענדן.

צו מאָרגנס, איז בינעם געבליבן אָן מילך. די ווייבער זענען צוריק־געגאַנגען מיט ליידיקע טעפּלעך. בינעם איז געלאָפן זיך פאַרקלאָגן צו זעטלאַנדן.

— דער וואָס אַרבעט אין „תנובה" פון די יינגלשע יאָרן? איך קען אים פאַר אָן אַרנטלעכן און אַרבעטסזאַמען. דער טעות איז ביי דיר.

בינעם איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער וואָס דער פאַרוואַלטער נעמט אין שוץ דעם, וועמען ער האָט געכאַפּט ביים באַשווינדלען אים.

— כ'בין טאַקע אַ נייער אין דער אַרבעט, אָבער איך בין גאָרנישט אַזאַ נאַיִווער, ווי מען קאָן מיינען.

זעטלאַנד האָט באַמערקט בינעמס אויפֿגערעגטקייט, האָט ער אים באַרויִקט:

— גיי צו דיין אַרבעט, וועסט איינזען, אַז אַלץ וועט זיין בסדר.

אין דער פֿרי איז דער פֿונאַנדערטיילער געקומען און צוגעשטעלט בינעמען אַ העלפֿט פֿון די מילכפּראָדוקטן מיט דריי גרעסערע קאַנען מילך. בינעם האָט תּיכף באַמערקט זייער אַנדערשדיקן געשטעל. דער פֿונאַנדער־טיילער האָט שוין צו בינעמען נישט געשמייכלט, געוואָרן אויס חבר און אַ ברוגזער קורץ געענטפֿערט — נישטאָ מער!

בינעם האָט געוואַרט עטלעכע טעג. אפֿשר וועט דער פּאַרטיילער פֿאַרגעסן דעם קאָנפֿליקט. אָבער זיין כּעס האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. בינעם איז נאָך אַ מאָל אַוועק צו זעטלאַנדן.

— וואָס איז ווידער? — האָט זעטלאַנד אָנגעקוקט בינעמען מיט זיינע גרויסע אויגן — קיינער קומט נישט מיט אַזוי פֿיל טענות ווי דו.

— אדון זעטלאַנד, אויף מיין שויפֿענצטער געפֿינט זיך אייער רעקלאַמע־שילד, ווייל איך אַז „תּנובֿה" זאָל ביי מיר אין געוועלב האָבן אַ גוטן נאָמען. איז עס נישט ריכטיק פֿון מיין זייט?

— אַדרבה, גאָר פֿיין — האָט זיך זעטלאַנד צוריקגעצויגן.

— אָבער אייער פֿונאַנדערטיילער האָט עפּעס אַנדערש אין זינען. פֿריִער האָט ער מיר געגאַרט מיט די קלענערע קאַנען, ערשט ווען איך האָב אים געכאַפּט ביים שווינדל, באַשטראָפֿט ער מיך מיט צושטעלן ווייניקער סחורה. אויף דעם וויל איך נישט איינגיין. איך בין געקומען מאָנען מיינע רעכט, וואָס איר אַליין האָט זיי מיר געגעבן מיט אייער שילד.

זעטלאַנדן האָט דער ענין שוין אָנגעהויבן פֿאַרדריסן. זיינע אויגן הינטער די גערדיכטע ברעמען זענען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט כּעס. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפֿאָן־טרייבל אויפֿן טיש און מיט אַ באַפֿעלערישן טאָן אין דעם אַריינגערעדט:

— דעם נייעם סניף אין קרית־מאיר צוטיילן מער סחורה!

ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, איז דער פּאַרטיילער ווידער געוואָרן צוגעלאָזענער. בינעם האָט זיך נישט געמאַכט פֿאַרשטיין, אים געלאָזן שפּילן די ראָל פֿון אַן אָרנטלעכן מענטש. בינעם האָט אָנגעהויבן באַקומען סחורה

לויט זיינע באַדערפעּנישן. אין דער שכונה האָבן קונים אויפגעהערט זיך איילן און שטעלן זיך אין דער ריי. מען האָט אָנגעהויבן זיך איינלעבן מיט דער שפע. דאָס איינקויפן איז געוואָרן פריי אין משך פון אַלע שעהען אין טאָג.

ווען די זון איז פאַרגאַנגען האָט קרית־מאיר אַרומגענומען אַן אומע־טיקע שטילקייט. די הייזערבלאָקן מיט די שמאָלע טראָטואַרן־דורכגענג זענען געשטאַנען ווי פאַרנעפּלט אין דער גראָער טונקלקייט. קיין מענטש האָט מען פאַר די אויגן נישט געזען. פון די טיפע זאַמדפעלדער האָבן אָנגעהויבן זיך הערן די יאָמערלעכע קולות פון שאַקאַלן. אין די מינוטן פון פאַרגייענדיקן טאָג האָט בינעם זיך נישט געפונען קיין אָרט. דער אומ־געדולד איז אין אים געוואָקסן. אין דער צייט האָבן אין בינעמס דמיון אַ שווער געטאָן פאַרגאַנגענע יאָרן איבער וויסטע מרחקים מיט בייזע געשטאַלטן. עס האָט אים געיאָגט אַהיים אין שכונת שבזי.

איבערראַשנדיק די שוועל פון זיין הויז האָט בינעם אויסגעגלייכט זיין רוקן און באַלד זיך דערפילט אָפּגעפרישט. שרהלעס אויסגעשטרעקטע הענטלעך האָבן בינעמען געמאַכט פאַרגעסן אין די צעקלונגענע מילכקאַנען, אין די יאָגענישן אַרום די עסערס. דעם גאַנצן טאַראַראַם פון באַגינען ביז טונקל האָט שרהלע, אַ צעטאַנצטע אויף זיינע הענט, ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע פאַריאָגט.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען בינעם איז אַהיימגעקומען, האָט אויף אים גע־וואַרט אַן איבעראַשונג: ער האָט דערזען אַ צעעפנט פּאָסט־פּאַקעטל מיט זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך אין אַרגענטינע — „טרעבלינקע". מיטן צעשויבערטן קאָפּ, אַזוי ווי ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער זיך איינ־געגראָבן אין ספר. די בלעטער פון דעם בוך האָבן אים פאַרפירט אין גאָר אַן אַנדער וועלט פון בלוט און פּיין, ווי ער וואָלט אויף ס'ניי געבליבן שטעקן אין דעם גליִענדיקן אַש פון יענעם פאַרלאָשענעם פייער און אין האַרץ זיינעם זשאַרען נאָך ברענענדיקע קוילן.

רחלס כסדרדיקע אַריינקומען האָט אויף בינעמען געווירקט ווי אויף אַ קראַנקן, וואָס זיינע נערוון זענען אָנגערייצט. ער האָט אָבער נישט

געוואָלט, זי זאָל אים זען אַזעלכן, האָט ער איר געבעטן, זי זאָל אים אַזוי לאָזן מיטן בוך. דאָס האָט אין איר אַרויסגערופן אַ באַדויער, פאַר וואָס זי האָט דאָס בוך נישט באַהאַלטן אויף שפּעטער נאָך זיין אַהיימקומען.

אין אַזאַ מאָמענט האָט רחל געזען בינעמען אַן אַנדערן, ווי זי האָט אים פריִער דערקענט: ער איז געזעסן אַן איינגעבויגענער איבערן בוך, ווי ער וואָלט געטראָגן אויפן רוקן אַ שווערן זאַק. זיין פּנים איז געווען צעקרימט מיט גרימאַסן. עפּעס אַזאַ שווערע פאַרבאַרגנקייט האָט ער געטראָגן אין זיך. ער האָט דאָך שוין אַלץ פון זיך אויסדערציילט; מיטן אָנגעשריבענעם בוך, האָט זי געמיינט, דאַרף שוין געענדיקט זיין מיט די יאָרן פון חורבן.

— בינעם, קום אַהער צום טיש — האָט רחל פאַרלאַנגט — וויפל איז דער שיעור זאָלסט זיצן אַזאַ איינגעבראָכענער? דאָס בוך וועט נישט אַנטלויפן.

אָבער בינעם איז נאָך אַלץ געזעסן אַן אָפּגעזונדערטער, ער האָט געהאַט אַיין פאַרלאַנג: בלייבן מיט זיך אַליין.

— איך דאַרף איצט גאָרנישט מער, נאָר אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטיין — האָט בינעם זיך געבעטן און דאָס פּנים צוריקגעקערט צום בוך.

רחל האָט איינגעצויגן די ליפּן מיט אַ גרימאַסע אַרום מויל. געוויינלעך, ביי זיין אַריינקומען אין שטוב, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּאָטעמען פונעם שווערן וועג אויפן ראָווער, פלעגט ער גלייך צו צום קינד, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געזען. אָבער איצט איז דאָס בוך אַריין אין זיינע אויגן און זיך געשטעלט, ווי אַ וואַנט צווישן אים און איר מיטן קינד.

אָט ווי דער בלינדער גורל פירט דעם מענטש פאַר דער האַנט — האָט בינעם מיט פאַרמאַכטע אויגן געטראַכט — ערשט נישט לאַנג האָבן טעג און נעכט פון אים געריסן לעבעדיקע שטיקער. ער האָט זיך געפונען אין מיטן פון אַ ברענענדיקער וועלט. איצט ליגן די אַלע גרוילבילדער צעלייגט אויף די בלעטער פונעם בוך ווי פיינלעכע ווידערקולות פון אַ חרובער וועלט, מיט אַן אומעט, וואָס האָט זיין באַנייט לעבן נאָך נישט געלאָזט באַהעפטן זיך מיטן איבערבלייב פון זיין עבר. ווי אַזוי זאָל ער דאָס אַלץ איינגלידערן אין איין גוף און בלייבן מיט אַ גאַנצע נשמה?

שפּעט אין דער נאַכט איז בינעם אַריין מיט שטילע טריט אין פינצטערן

צימער. ער האָט מקנא געווען זיין ווייב מיט איר געשמאַקן שלאָף. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. אַט הערט ער אַריינפאָרן אין דער זאַמדיקער גאַס אַן אויטאָ מיט אַן אָפּקלאַנג פון צעטרייסלטע מילכקאַנען. זיין שכן גייט אַרויס פון שטוב, קלאַפּט אָן אַוועק פון הינטער דער וואַנט די קאַנען אין אַריינגאַנג פונעם הויז און מאַכט זיך שוין גרייט צום טאָג אַרבעט. אים אַליין האָט די שטוביקע פינצטערניש אַנגעפילט מיט אומרו און אומקלאָרן באַשייד נאָך דער שווער איבערגעלעבטער וואַכנאַכט. בינעם האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז דער באַגינען זאָל אָנהייבן בלאָען. די גאַסן האָבן זיך געוועקט פון נאַכטישן שלאָף. פון ערגעץ ווייט האָבן אָפּגעהילכט די פערדישע קאָפּעטעס אינעם וועגעלע פון אַ ברויט־פאַרטיילער, אַ גאַסן־קערער מיט אַ לאַנגן בעזעם האָט זיך באַוועגט אין אַ שטויבוואָלקן. איבער די שטילע גאַסן פון נאָך שלאָפנדיקן תל־אביב האָט פאַר זיינע אויגן זיך געדרייט און געשווינדלט אַ פאַרנעפּלטע גראָקייט. בינעמס ראָוער איז אין שנעלן לויף געשפרונגען איבער ברוקשטיינער.

די פאַרגאַנגענע נאַכט איז געבליבן שטעקן אין בינעמס נישט אויסגערוטע גלידער. פאַר זיין ווייב האָט ער אויסבאַהאַלטן דעם אמת. זי — האָט ער געטראַכט — וועט אים סיי ווי נישט פאַרשטיין. מיט אָנגעשטרענגטע כוחות האָט ער נישט דערלאָזט אויף זיך דערקענען, אַז די אַרבעט קומט אים דאָס מאָל אָן שווערער ווי אַלע טאָג. דער אויפגעצווונגענער אימפּעט האָט בינעמען פאַרשלונגען מיט דער צייט פון קיילעכדיקן זייגער, וואָס אויף דער וואַנט.

אין קרית־מאיר האָבן זיך באַוויזן נייע קונים. אין גרויסע גרופּעס פלעגן זיי באַגינען קומען אויף ראָווערן מיט צעפּלאָמטע פנימער און באַהאַנגענע מיט הילצערנע געשטעלן וואָס האָבן אויסגעזען, ווי לאַנגע שטיוול. אויף די געשטעלן פלעגן זיי איבערטראָגן ציגל פון דער זאַמדיקער ערד צו די בנינים, וואָס מען האָט געבויט. מיט די ברעטער אויף זיך האָבן די ציגל־טרעגער אין פאַרשטויבטע מלבושים און צעפּלאָשעטע האָר אויסגעזען ווי סטראַשידלעס אין פעלד צום פאַרטרייבן פייגל. דערהערט אַז בינעם פאַרקויפט מילך פריי ווער עס פאַרלאַנגט, זענען אים די ציגל־

טרעגער באַפאַלן מיט אויסגעשטרעקטע הענט און זיך געשטופּט צו בינעמען מיטן שעפּלעפּל ביי דער קאַן. מיט דורשט האָבן זיי אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע באַגינענדיקע לופט און זיך מחיה־נפש געווען מיט דעם ווייסן געטראַנק. אויך בינעם איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און טיף געאָטעמט נאָך דער יאָגעניש איבער די זאַמדן. און אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך אָראָפּ־געלאָזט, ווי אַ מחנה אַנגעפלויגענע פייגל, אַזוי גיך, מיט דעם זעלבן אימפּעט, זענען זיי זיך צעלאָפן איבער דעם זאַמדיקן וועג אויף דרום פון תל־אביב.

בינעם האָט געוואַרט אויף קומענדיקע אַזעלכע פרימאַרגנס. מיט איין צי האָט ער אויסגעליידיקט אַ קאַן מילך און אָנגעפילט זיין טאַש מיט אַ שנעלן ריווח. אָבער אומזיסט האָט ער זיי אויסגעקוקט: די ציגל־טרעגער זענען צו אים מער נישט געקומען, פאַרביילויפנדיק האָבן זיי אין דער זייט פונעם געוועלב געוואָרפן פאַרדראָסיקע בליקן. אַנדערע ווידער האָבן אַפילו זיך דערלויבט אויפהייבן דראָענדיקע פויסטן ווען זיי האָבן בינעמען דער־כאַפּט מיט די אויגן. בינעמען איז שטאַרק אָנגעגאַנגען צו וויסן מיט וואָס אַזוינס האָט ער זיך פאַרזינדיקט ביי די ציגל־טרעגער, אַז זיי מיידן אים אויס מיט כעס. בלויז איינער האָט איינגעהאַלטן זיין ראָווער, זיך געשטעלט מיט אַ פוס אויפן זאַמד אויסצוהערן בינעמען:

— איר פאַרט פאַרביי ברוגזע, וויל איך וויסן פאַר וואָס.

דער ציגל־טרעגער האָט אַרויפגעשאַרט די לאַנגע האָר איבער די אויגן און אַ פאַרסאַפּעטער אָפּגעענטפערט:

— מיינסט, מיר זענען אַזעלכע טפשים? נאָר איין מאָל איז דיר גע־לונגען אונדז אָפּצונאַרן!

— מיט וואָס האָב איך אייך אָפּגענאַרט?

— מיט וואָס? — האָט דער טרעגער אויסגעקרימט די מויל — מאַכסט זיך תמעוואַטע? אַ טרעגער איז ביי דיר קיין מענטש נישט?

בינעם, אַן איבערגענומענער פון די פאַרוואָרפן, האָט נישט געלאָזט דעם טרעגער אַ שטויס טאָן זיין ראָווער, ביז ער וועט פון אים הערן די סיבה פון זיין כעס.

— דיין מילך האָט אונדז אַלע צעדרייט די קישקעס אין בויך. בלויז

עטלעכע פון דער גאַנצער גרופּע האָבן באַוויזן צו דערפאָרן אַהיים מיט ריינע הויזן...

— בין איך שולדיק, אויב איר פאַרטראָגט נישט קיין רויע, קאַלטע מילך? קאָן איך פאַר אייך צוגרייטן געקאָכטע, אויב איר וועט פאַרלאַנגען.

דער טרעגער האָט אַ שפּיי געטאָן:

— איך נעם נישט מער אין מיין מויל קיין מילך. אַ טרעגער מיט אַ לויזן מאָגן איז ווי אַן אייזל מיט אונטערגעהאַקטע פיס. האָסט פאַרשטאַנען? — האָט דער ציגל־טרעגער גיך אָפּגעענטפערט און זיך אַוועקגעלאָזט דעריאָגן זיין גרופּע.

אויף די זאַמדפעלדער אַרום קרית־מאיר האָט אָנגעהויבן בולטער זיך אָנזעען דער צעוואַקסענער פאַרנעם פון הייזער־סקעלעטן. פריש־אויפגעשטעלטע ווענט האָבן אָנגעהויבן פאַרשאָטענען די געל־צעגליטע זאַמדן; אָנגעשאָטענע בערגער ערד האָבן געוויזן אויף נייע בויפלענער; איבער די וויסטע זאַמדפעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן מענטשן און מאַשינען. בינעם האָט דאָס גלייך דערפילט מיטן אַריינקומען פון די נייע, ברוין־אָפּגעברענטע קונים. געטראָגן האָבן זיי אויף די קעפּ שטייפע גרינע היטלען, מיט לאַנגע דאַשקעס קעגן די זונשטראַלן. געקומען זענען זיי עסן נאָך דעם אָנלויף פון די בוי־אַרבעטער. זיי האָבן זיך צעלייגט מיט אַקטנטאַשן, געלאַסן, אָן יאָגעניש, זענען זיי געזעסן ביי די טישלעך און נאָך געפונען צייט אַריינצוקוקן אין די צעעפנטע פּאַפּירן מיט די בויפּלענער. דאָס זענען געווען די אונטערנעמערס, די „קבלנים", וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן איינצונעמען דעם מדבר אויף דער צפון־זייט פון תל־אביב.

אַן אויסנאַם צווישן זיי איז געווען דער קבלן שמואל מיט זיין צעטראָגענעם אויסזען. ער האָט נישט געפונען קיין צייט רויק אָפּצועסן. בינעם האָט שוין געקענט דעם קבלנס פאַרסאָפּעט אַריינקומען און זיין קלאַפּן מיטן שפּיץ־פינגער אין טישל, מען זאָל וויסן, אַז ער איז דאָ. אַז בינעם פלעגט צו אים אַ זאָג טאָן: „פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס", האָט שמואל פון איבער די טונקעלע זונברילן אַ נישט היימישן קוק געגעבן און אונטערגעיאָגט: „נו, נו, אַ שאָד די צייט".

איין מאָל נאָכן עסן, ווען דאָס געוועלב האָט זיך אָפּגעליידיקט, האָט בינעם געפונען אַ לעדערנע טעקע. נישט לייגנדיק קיין אַכט, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, האָט ער דעם טאַש אַוועקגעלייגט אויף אַ זיכער אָרט. בינעם האָט פאַרשטאַנען אַז עמעצער וועט זיכער קומען זיך פרעגן אויף דער טעקע. שפּעטער איז שמואל אַנגעלאָפן און מיט אַ פאַרסאָפּעט קול אויסגערופן:

— מיין טאַש מיטן געלט!

בינעם האָט אים אַנגעקוקט פאַרוווּנדערט און געלאָזן אים געענטפערט:

— אַ טאַש האָב איך געפונען, פון קיין געלט ווייס איך נישט...

דער קבלן האָט פאַרביילט די פויסטן:

— מיין געלט, מיין געלט!

בינעם האָט אַרויסגעצויגן דעם טאַש פון הינטערן טיש, אים געעפנט און פאַר זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן פעקלעך מיט באַנקנאָטן, וואָס ער האָט אונטערגעטראָגן צום קבלנס אַרויסגעזעצטע אויגן:

— פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס...

אַ צעטומלטער, מיט אַ געפּיל פון באַדויער און חרטה, האָט שמואל פאַרביסן אַ ליפּ און זיך אונטערגעגעבן:

— יאָ בינעם, ביסט גערעכט, מען דאַרף זיין איינגעהאַלטענער...

די קבלנים זענען געוואָרן טעגלעכע אַריינגייער אין בינעמס געוועלב. פון זייערע בויפּלענער האָט מען זיך געקאָנט דערוויסן, אַז די צפון־זייט פון דער שטאָט תל־אביב דערוואַרט אַ גרויסע צוקונפט.

יצחק, דער אַקטיווסטער פון זיי און אַ פאַרהיימישטער מיט בינעמען און רחלען, האָט פאַר זיי פאַרגעשטעלט ווו אַלץ עס דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן נייע בנינים. ער האָט אַפילו געוווּסט, ווו עס דאַרפן זיך אָנהייבן און ענדיקן די גאַסן נאָענט פון זייער געוועלב.

יצחק, דער יונגער, ענערגישער בוי־אונטערנעמער, האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך בויפּלענער. אויף איינעם אַזאַ פּאַפּיר האָט ער אָנגעשטעלט דעם ווייזפינגער — דאָ דאַרף בלייבן אַ גרויסער נישט־פאַרבויטער שטח, וואָס וועט דינען פאַר אַ שטאָטישן צוועק. פאַר בינעמען האָט אָנגעהויבן קלאָר

ווערן, אַז די אַלע רייד, וואָס ער האָט געהערט ביים דינגען דאָס געוועלב, הערן אויף ווערן אַ חלום.

מיטן גאַנג פון טעג אין וואָכן האָבן די ברייטע זאַמד־שטחים אָנגעהויבן בייטן זייער אויסזען. אָנגעשאָטענע בערגער ערד און קופּעס אָנגעוואָרפענע ציגל האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. איבער די ליידיקע פליינען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען דער גערויש פון בולדאָזערס אריינגעשניטענע אין די זאַמדן, געגידערט אַלץ טיפער צו די האַרטע ערדשיכטן. פאַרצוי־מונגען האָבן אַרומגענומען די צעגראָבענע פעלדער. פון די ערד־טיפענישן האָבן אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן בעטאָנענע זיילן, ווי ביימער אין וואַלד. צענדליקער הייזער־סקעלעטן זענען ווי איבער נאַכט אויפגעקומען פאַר די אויגן. פירקאַנטיקע נייע בנינים מיט ווייסע ווענט, ווי פון פאַרמעס אַרויסגענומענע, האָבן פאַרכאַפּט די אויגן. מיט אַ ראַשיקער שנעלקייט זענען געוואָרן אויפגעשטעלט גרויסע טיילן פון נייע גאַסן, און זיי האָבן נאָך געוואַרט אויף זייער המשך.

אַ שאָד, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק צייט — האָט בינעם געטראַכט בעת זיינע קורצע שפּאַצירן וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט נאָכן שליסן זיין קראָם אין די פאַרנאַכטן, כדי צו כאַפּן אַ בליק ווי אַזוי די וויסטעניש אַרום אים ענדערט דעם אויסזען פון טאָג צו טאָג.

אין איינעם אַ טאָג איז יצחק אַריינגעקומען עסן און זיך פאַרזאַמט לענגער ווי שטענדיק. ער האָט דאָס מאָל געפינען מער צייט אריינצוקוקן אין אַ צייטונג, אויסרייכערן ביזן סוף דעם פּאַפּיראָס און וואַרטן ביז דער לעצטער עסער איז אַרויס. דאַן האָט ער רחלען פאַרבעטן זיך צו זעצן ביים טישל, וווּ ער האָט אויסגעלייגט אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַן אָנגעצייכנטן פּלאַן פון אַ בנין.

— אין דעם הויז, וואָס שטייט נאָענט צום געוועלב ראָט איך דיר צו קויפן אַ דירה. דאָס איז אַ זעלטענע געלעגנהייט, וואָס דו טאָרסט נישט אַדורכלאָזן.

— אַ שיינער פאָרשלאָג — האָט רחל זיך צעשמייכלט — אָבער ווי נעמט מען די טויזנטערס ?

ווי אַ געניטער מעקלער, האָט יצחק זיך אויפֿגעשטעלט און גערופֿן רחלען צו גיין מיט אים:

— קודם קום אַ קוק טאָן.

צוריקגעקומען איז רחל שוין נישט אַזאַ גלייכגילטיקע, ווי זי איז אַרויס. יצחקס פֿאַרשלאָגן האָבן צעוועקט אירע באַגערן זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם שווערן וועג צו דער אַרבעט.

— וואָס זאָגסטו, בינעם — האָט רחל אַן אומבאַהאָלפֿענע נישט געקאָנט זיך דעציִדירן אויף אַ באַלדיקן ענטפֿער, ווי דער קבלן האָט פֿון איר פֿאַרלאַנגט — איך האָב שטאַרק מורא מיר זאָלן אויף זיך נעמען אַזעלכע שווערע חובֿות צו דעם נאָך, וואָס מיר זענען שולדיק פֿאַרן געוועלב.

קעגן זיין ווייבס שוואַכקייט, האָט בינעם געוואָלט אַרויסקומען מיט אַ פֿעסטן באַשלוס וואָס זאָל איר באַווירקן. איז עס פֿון זיין זייט לאָגיש אויסגערעכנט? אויף דעם האָט בינעם נישט געוואָלט זיך פֿאַרטראַכטן, נאָר געלאָזט אויסשפּילן זיין באַפֿאַלענער אַמביציע און אויסגערופֿן:

— מיר נעמען די דירה!

— ביסט גרייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע לאַסט? — האָט רחל מיט אַ געפֿיל פֿון פֿרייד געפֿרעגט, אָבער אין זיך האָט זי געוואָלט געפֿינען אַן אָנשפּאַר אין איר מאַנס אַנטשלאָסנקייט.

— יאָ, מיר מוזן פּטור ווערן פֿון די לויפֿענישן אַזש פֿון יענעם עק תּל־אָבֿיבֿ — האָט בינעם נאָך אַ מאָל אויסגעדריקט זיין איינשטימיקייט און נישט געלאָזט מער זיין ווייב אין דעם צווייפֿלען.

בינעם איז געווען ביי זיך אַזוי אַנטשלאָסן, ווי ער וואָלט אין קעשענע שוין געהאַט דאָס געלט פֿאַר דער דירה. אין דער אמתן איז ער נישט גרייט געווען אַפֿילו מיט דעם ערשטן איינצאָל, וואָס דער קבלן האָט פֿאַרלאַנגט. אָבער בינעם האָט זיך געהאַלטן ביי דעם פֿאָלקסווערטל וואָס אויך דאָס מאָל האָט ער איבערגעחזרט: „אַז מען גרייט זיך אָן פֿריִער, האָט מען אויף שפּעטער". אים איז אַריין אין קאָפּ דעם קבלנס ווערטער, אַז צפֿון־תּל־אָבֿיבֿ וועט זיך צעוואַקסן ווי אויף הייוון, וועלן אויך די פּרייזן פֿון דירות שטייגן, — פּשוטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלייגט אויפֿן געדאַנק. בינעמען האָט זיך אויך דאָס מאָל פֿאַרגלוסט שפּילן אויף דער קאָרט פֿונעם מזל.

אַז בינעם האָט באַוויזן איינצוצאָלן די ערשטע קליינע ראַטע און אונטערגעשריבן די פּאַפּירן, וואָס דער קבלן האָט אים אונטערגעטראָגן, אויסגעשטעלטע מיט שווערע אותיות, שורותווייז, פּונקט נאָך פּונקט — האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער לאָזט זיך איבעררעדן פון אַ מער געניטן פון אים.

פון וואַנען וועלן זיי נעמען דאָס געלט — האָט זיין ווייב, זיפצנדיק, אים אין זיך געיאַדעט. אָבער בינעם האָט זיך געמאַכט האַרץ:

— מיר זענען יונג, דאָס לעבן איז נאָך פאַר אונדז, גלייב אין מיינע און אין דיינע כוחות.

בינעמס זיכערקייט האָט פון רחלען פאַריאָגט אירע זאָרגן. זי האָט אָנגעהויבן מיט אַ קלאָרן קאָפּ צו אַרבעטן. דער וואָלקן, וואָס האָט געהאַט פאַרטונקלט איר געמיט צוליבן פחד פאַר די חובות, איז צערינען געוואָרן. האָט דאָך בינעם די אַלע זאָרגן גענומען אויף זיך אָן וואַקלענישן און מיט אַ לייכט געמיט.

ביי דער שוועל פון געוועלב איז דער נייער בנין, נאָר מיטן אויג אַ וואָרף צו טאָן, געשטאַנען ווי אונטער דער נאָז. אָבער צוקומען אַהין צווישן די אָנגעוואָרפענע געהילצן, ציגל, און נאָך אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן איז געווען שווער, ווי דאָס הויז וואָלט זיך געפונען הינטער די הרי־חושך. אַלץ אַרום האָט געהאַט דעם זעלבן אויסזען מיט די ווענט, וואָס איבערן טאָג זענען זיי אויסגעוואקסן אין דער הויך. מיט מידע פאַרשטויבטע פיס פלעגט מען זיך אומקערן נאָך אַזאַ גאַנג.

איין מאָל, ווען יצחק איז אַריינגעקומען עסן, האָט בינעם זיך אָנגעבויגן צום קבלן און אים געפרעגט ביי וועמען ער האָט געקויפט דעם פּלאַץ פונעם הויז. דעם קבלן האָט בינעמס פּלוצעמדיקע פראַגע אויסגעקוקט עפּעס משונהדיק, דאָך האָט ער אַ קלער געטאָן און זיך דערמאָנט: — שטיינוואַקס!

בינעם איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרטראַכט פּנים:

— האָב איך נישט געהאַט קיין טעות...

— אין וואָס גייט דיר? — איז יצחק געוואָרן נייגעריק.

— איך האָב מיינע איבערלעבונגען, וואָס קומען מיר אויף מיט יאָרן שפּעטער. אויך די דירה דערמאָנט מיך אין עפּעס...

— טשעקאַווע, דערצייל — האָט יצחק, ווען אין געוועלב האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, בינעמען צוגערופֿן צו זיך.

בינעם, אַ פֿאַרטוענער אין ריין מאַכן די טישלעך, האָט אויף דערווייל זיך אָוועקגעזעצט לעבן יצחקן מיט די ליידיקע טעלער אין די הענט.

— ווען איך בין געקומען אין לאַנד האָט מיינער אַ בן־עיר מיך איינגעלאַדן אויף אַ שבתדיקן מיטאָג. נאָכן עסן האָט ער מיך פֿאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר. מיר זענען אַרויס פֿון דער מלך דזשאָרדזש־גאַס צו קרית מאיר, אַרויף אויף אַ ברייטן פּוסטן שטח, געטאַפּטשעט אין טיפֿע זאַמדן און דער־גאַנגען צו אַ שטיקל געל־פֿאַרהאַרטעוועטער ערד מיט טיפֿע שפּאַלטן.

— זעסט, בינעם? אָט דאָ, ווו מיר שטייען, און דאָרט ווייטער — האָט ער מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט — האָב איך די טעג געקויפֿט צוויי פּלעצער. יעדן פּלאַץ אַזש צו עטלעכע הונדערט פֿונט.

איך האָב זיך דאַן איינגעקוקט אין די זאַמדן און נישט פֿאַרשטאַנען מיין בן־עיר, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן ער האָט מיר געוואָלט פֿאַרשאַפֿן מיט דעם שפּאַציר, פֿון וועלכן מיינע שיך זענען באַדעקט געוואָרן מיט געלן שטויב.

— וואָס איז דאָ צו זען מער ווי די זאַמדן און די ברענענדיקע זון?

מיין לאַנדסמאַן האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן, ווי אויף אַ נאַיִוון בחור:

— יעדער שטיק מדבר אין לאַנד האָט זיין געשיכטע, דערמאָנט אין אַנדערע צייטן. אָט דאָ, דער גאַנצער ברייטער אַרום, איז ערשט נישט לאַנג געווען פֿאַרנומען מיט אַראַבישע פּרדסים און מיט נעסטן פֿון סטאַדעס שאַקאַלן. קיין יידישער פֿוס האָט דאָס אָרט נישט געטאָרט באַטרעטן. איצט איז עס אַריבער אין יידישע הענט און דאָס שטיקל ערד איז געוואָרן מיין אייגנטום.

מיין בן־עיר, אַ ייִד מיט אַ פּאַרנעם, מיט אַ ברייטער ברוסט, האָט זיך צעלאַכט מיט אַ געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער טיף פֿונעם ליידיקן שטח. איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן בליק, ווען ער האָט מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס לעבן אין ארץ־ישראל ברענגט אַ סך סיורפּריזן. קאָן זיין, אַז מיט יאָרן שפּעטער וועט מיר עפּעס דערמאָנען פֿונעם היינטיקן שפּאַציר.

בינעם האָט אין דער גיך פֿאַרענדיקט זיין מעשה: — איז וועך מיינסטו, יצחק, איז געווען מיין לאַנדסמאַן? טאָקע דער שטיינוואַקס, ביי וועמען האָסט געקויפט דעם מגרש. מיין דירה וועט זיך געפינען אויף דעם זעלבן אָרט, ווו איך בין מיט אים געשטאַנען יענעם שבת־נאָכמיטאָג אויף דעם וויסטן שטיק ערד.

יצחקן האָט דאָס האַנט־זייגערל דערמאָנט, אַז ער איז שוין צו פיל פאַרלאָפן מיט דער צייט פון זיין פרישטיק עסן. יונג אין זשוואַווע האָט ער זיך אַ שטעל אויף געגעבן און מיט זיינע פלינקע פיס אַוועק צו די רושטאַ־וואַניעס איבער זיינע זיך בויענדיקע הייזער.

אין טאָג פון איבערציִען זיך האָט אויך שרהלע געפילט, אַז עפּעס גרייט זיך אַרום איר אַ פאַרענדערונג. דער מאַמעס רייד, אַז זי וועט שוין מער נישט דאַרפן יעדן טאָג ביז אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען וואַרטן מען זאָל זי אָפּנעמען פון גן, די צונויפגעבונדענע פּעקלעך מלבושים און וועש און איר צענומען בעטל האָבן אין קינד אַרויסגערופן נייגעריקייט. ערשט ווען זי איז אַרויס צום לאַסטאויטאָ, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער מאַמעס שויס און געפאָכעט מיט די הענטלעך אויף „שלום" צו די שכנים מיט די קעפּ אין די פענצטער, האָט זי אויף אַן אמת דערפילט דאָס צעשיידן זיך מיטן אָרט, ווו איר וויגל איז געשטאַנען — שכונת שבזי.

## קאַפּיטל דרייצן

# „מכולת"

אין בינעמס קראָם האָבן אָנגעהויבן אָפּטער אַריינקומען באַאַמטע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. שוין ביי דער שוועל האָבן זיי זיך געלאָזט דערקענען מיט די אַקטנטאַשן אין די הענט און מיט די דורכדרינגענדיקע בליקן אַרום זיך. נישט יעדער אַזאַ באַזוך איז אַדורך גלאַטיק: דאָ זענען די טישלעך נישט געווען איבערגעדעקט, ווי מען דאַרף, דאָס קיכל איז געווען צו קליין, מיט ווייניק רוים. יעדער אַזאַ וויזיט האָט איבערגעלאָזט אַ ביטערן טעם מיט קאָפּ־פאַרדרייעניש, ביז איין מאָל האָט בינעם געמוזט אַראָפּשלינגען דעם פּסק:

— דאָס געזעץ דערלויבט נישט אַז אַ געוועלב מיט איין דערלויבעניש זאָל ווערן געטיילט אויף צוויי; אָדער אַ מכולת (שפּייזקראָם), אָדער אַ קאַפעהויז. מיר ראָטן אייך — אַ מכולת...

בינעם מיט רחלען האָבן שוין צום וויפלטן מאָל געפּרוווט זיי אויפקלערן מיט די זעלבע רייד:

— די אָרעמיקע זאַמדן... אויסער דער שטאָט... פאַר די בוי־אַרבעטער דאָ איז עס דאָס איינציקע אָרט אָפּצועסן, און פאַר די איינוווינער אין קרית־מאיר — דאָס איינציקע אָרט איינקויפן מילכיקס.

— ניין — האָבן די באַאַמטע טרוקן געענטפערט — דאָס זעלבע געזעץ איז חל אויף אַלע איינוווינער פון דער שטאָט, ווו זיי געפינען זיך.

צווישן בינעמען און זיין ווייב האָבן זיך אָנגעהויבן פירן לאַנגע וויכוחים אויף וואָס זיי זאָלן זיך דעצידירן. דאָס וואָרט „מכולת" האָט ביי רחלען אַרויסגערופן פחד און ווידערווילן. זי האָט זיך דערפון אָפּגעטרייסלט, נישט געוואָלט מער דאָס דערמאָנען. זי איז געווען פאַר דעם לייכטערן אויסוואַל, נישט אַראָפּנעמען פון קאָפּ דאָס ווייסע טיכל און ווייטער באַדינען די

עסערס ביי די טישלעך, וואָס זענען איר געווען דאַנקבאַר פאַר די געשמאַקע מאכלים און נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן פאַרן גוטן באַדינען זיי. אַ מכולת? טונקען די הענט אינעם לויג פון הערינג? שניידן אַ ברויט אויף פיר חלקים? שטיין ביי דער וואָג און די ווייבער זאָלן קוקן אויף די הענט? ווילסט, איך זאָל ווערן אַ מאַרק־יידענע?

רחלס רייד האָבן בינעמען געשמיסן, ווי מיט בייטשן איבערן לייב. אויך ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס אים דערוואַרט ביי אַזאַ אַרבעט. אָבער בינעם, ווי זיין שטייגער, האָט אויף זיינע באַדינגונגען געקוקט מיט פּראַקטישע אויגן, אָן איבערגעטריבענע חלומות. אין רויִקערע מינוטן האָט ער זיין ווייב אויפגעקלערט, אַז פון דער אַרבעט אַרום די טישלעך וועלן זיי נישט בכוח זיין צו צאָלן די חובות. און וואָס וועט זיין אַז די בוי־אַרבעטן וועלן זיך איבעררײַסן און ווייטער אויף צפון? אַ מכולת איז טאַקע נישט לייכט, אָבער ווען האָט זיך בינעם געשראָקן פאַר שווערער אַרבעט? דאָס איז נישט קיין אָנגענעמע, אָבער אַ טעגלעכע אַרבעט, און דערצו נאָך האָט ער נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג. סוף כל סוף האָט בינעם אַרויסגענומען די טישלעך, פאַרצויגן די ווענט מיט פּאָליצעס און אָנגעפילט זיי מיט פּראָדוקטן פון טעגלעכן געברויך — און דאָס געוועלב האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ מכולת.

באַלד אין ערשטן טאָג האָט בינעם דערפילט דעם טעם פון זיין אַ שפּייזקרעמער. דורך דער אָפענער טיר האָבן אָנגעהויבן גיין די קונים; אַגענטן פון פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען האָבן זיך דערוווּסט, אַז בינעמס געוועלב איז געוואָרן אַ מכולת, זענען זיי באַפאַלן מיט פאַרשלאָגן, ער זאָל ווערן ביי זיי אַן אָפּנעמער. בינעם איז מיט אַ מאָל אַריין אין אַ קרייז פון שטענדיקער באַוועגונג. ווי אַן אויטאָמאַט, וואָס מען שטעלט אים אָן צום גאַנג, אַזוי האָבן זיינע אברים זיך באַוועגט אין כסדרדיקן אימפּעט, און צו דעם — מיט אַ סך געדולד.

אָט איז אַריינגעקומען אַ קונה קויפן אַ פּודעלע שוועבעלעך, און געפונען צייט עס צו שאָקלען, עפענען און פאַרלאַנגען עס אויסצוטוישן אויף אַ מער פולערס. אָבער אויך דאָס צווייטע פּודעלע איז געווען נישט אין גאַנצן פול.

— אַזוי האָב איך דאָס באַקומען צום פאַרקויפן.

— פאַר מיין געלט מעג איך פאַרלאַנגען אַ פול פודעלע.

— איך קען אָבער פון איינס נישט אַראָפּנעמען, כדי דאָס צווייטע פולער מאַכן.

— מסכים, אָבער אויב איר ווילט אויף אַן אמת זיין ערלעך צו אייערע קונים, דאַרפט איר פאַרלאַנגען ראיעלע סחורה.

דאָס איז געווען די ערשטע לעקציע, וואָס בינעם האָט אויסגעהערט פון זיינס אַ קונה באַלד ביים אָנהייב פון זיין נייער אַרבעט.

אין ברויטשענקל האָבן עטלעכע מאָל אין טאָג זיך געטוישט די ברויטן אויף ווייסע, שוואַרצע, קלענערע, גרעסערע, מער אויסגעברוינטע און ווייניקער דערבאַקענע. דער קונה האָט ליב אָנצורירן דאָס ברויט מיט די הענט, אַ קוועטש טאָן און זען, צי עס איז באמת פריש. דער קונה פאַר־לאָזט זיך נישט אויפן קרעמערס מבינות. נאָכן קוועטש איז אָפּט געקומען דער שמעק מיט דער נאָז. אַז בינעם האָט צו דעם נישט געוואָלט דערלאָזן, האָט די יידענע זיך אויסגעדרייט און בינעמען געלאָזן מיטן ברויט אין האַנט.

דאָס ערשטע מאָל האָט בינעם געהאַט צו טאָן מיטן פאַרקויפן אַזעלכע פראָדוקטן, וואָס ער פלעגט זען ביי זיך אין דער היים ווען זיין ווייב פלעגט צוגרייטן אַ געקעכץ. אָט די אַלע אַרטיקלען מיט ריחות פון פאַר־שידענע געווירצן האָט בינעם געדאַרפט צעלייגן אויף די פאַכן, מען זאָל עס זען און דערפילן, און ס׳זאָל די ווייבער נישט אויספעלן צו דער שטובווירטשאַפט. האָט אים זיין מזל צוגעשפּילט ער זאָל ווערן אַ שפּייז־קרעמער, האָט בינעם געוואָלט פאַרמיידן די ווייבער זאָלן אים צוואַרפן שטעכווערטלעך, אַז דאָס און דאָס קריגט מען ערגעץ אַנדערש ווו. צו די אַן אַ שיעור בעכערלעך, גלעזערנע סלאָיִקלעך און קליינע פּאַפּירענע זעקעלעך, אָנגעפילטע מיט געווירצן פון כלערליי טעמים און ריחות האָט בינעם אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד און געזאָרגט, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך געפינען לעבן אים, נאָר אויסצושטרעקן די האַנט.

דאָס אָרט פון די באַזייטיקטע טישלעך האָבן פאַרנומען בלעכן, זעקלעך מיט פאַרשידענע סאָרטן שפּייז, מיט פולע און ליידיקע פלעשער, אַלץ האָט

געמוזט שטיין אויף זיין פּלאַץ, און די פאַרשידענע פּראָדוקטן האָבן אַרום זיך פאַרשפּרייט דעם ריח פון אַ מכולת.

מיט לייב און לעבן האָט בינעם זיך אַריינגעטאָן אין דעם נייעם סדר פון דער אַרבעט, זיך צוגעוווינט צום לאַנגן אַרבעטסטאָג, צו דעם אָנ־דערשדיקן פאַרקויף. זיינע יונגע יאָרן מיט זיין געזונט האָבן אים גוט געדינט. ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ קוואַל מיט ענערגיע ביים כסדרדיקן באַוועגן זיך פון אָרט צו אָרט, פון קונה צו קונה. ער האָט געמאָסטן, געוווויגן, געמאַכט חשבונות, גענומען באַצאָלט, געגעבן אַ רעשט, געענטפערט די ליפעראַנטן, געמאַכט באַשטעלונגען — אַלץ אין איין אָטעם. און הגם ער האָט די מי און מאַטער אָפּגעפּילט, האָט בינעם צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט. די פאַרדראָסן האָט ער באַהאַלטן אין זיך מיט דריקעניש. איז ער דאָך געווען דער, וואָס האָט די אַרבעט בלית ברירה אַליין אויסגעוויילט, אַליין גענומען אויף זיך דעם שווערן עול.

אַנדערש איז עס געווען מיט רחלען. באַלד ביי איר ערשטן אַריינקום, ווי נאָר זי האָט דערזען דעם פאַרענדערטן אויסזען פון געוועלב און דער־שמעקט די ריחות פון מכולת, זענען אירע באַקן בלאַס געוואָרן און די ליפּן איינגעצויגן. דאָס האָט בינעמען געדאַרפט דערמאָנען, אַז נישט זי האָט מסכים געווען צו אַזאַ אַרבעט, אַז איר מאַן האָט איר דאָס אויפגעצווּנגען. דערפון — אירע פאַמעלעכע טריט, ווי זי וואָלט אַריינגעקומען אין אַ פרעמד געוועלב עפּעס איינקויפן און באַלד וועט זי צוריק אַרויסגיין. אָבער בינעמס פאַרהאַרעוועטקייט האָט איר דערמאָנט, אַז זי איז דאָך אַריינגעקומען אים העלפן אין דער אַרבעט. פלעגמאַטיש האָט זי אַרויפ־געצויגן אויף זיך דעם ווייסן פאַרטעך, מיט צוריקגעהאַלטענע טריט דער־גאַנגען ביז הינטערן טיש און ווי אַ געצוווּנגענע אָנגעהויבן באַדינען די קונים.

אָבער ביסלעכוויז איז רחל געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט, זיך איינגעלעבט מיטן געדאַנק, אַז נישט איר מאַן, נאָר זייער געמיינזאַם לעבן מיט די שווערע פליכטן וואָס ביידע האָבן אויף זיך גענומען, האָט זי געבראַכט צום מכולת. פון דער נאַטור אַן אימפּולסיווע, מיט פלייס און ענערגיע, איז זי אַריין אין שווונג און האָט גענומען זאָרגן, אַז דאָס

געוועלב זאָל אויסזען וואָס שענער און ריינער. איז זי דאָך פֿון תמיד אָן געווינט געווען צו אַרבעטן. נאָך גאָר אַ יונגע, נאָר וואָס געענדיקט די שולע, איז זי אַוועק פֿאַרדינען, און העלפֿן די עלטערן אויסהאַלטן די שטוב.

אין אירע מיידלשע יאָרן האָט רחל, ווי אַ סך אַנדערע, פֿאַנטאַזירט, געחלומט, געפּרוּווט זיך פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי עס וועלן זיך געשטאַלטיקן אירע יונגע יאָרן, צי וועט זי מוזן ממשיך זיין מיט אַזאַ שווער לעבן, אָדער דאָס מזל וועט אויך פֿאַר איר אַ שיין טאָן מיט דעם אומגעריכטן? אָט קומען טאָג־טעגלעך אַריין אינעם גרויסן מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט יונגע מענטשן פֿון דער האַנדלסוועלט, קוקן זיך איין אין איר, שענקען איר קאָמפּלימענטן... פֿאַר וואָס זשע זאָל דאָס מזל אויך צו איר נישט אַ שמייכל טאָן?

דאָס מזל האָט טאַקע מיט איר זיך אַ שפּיל געטאָן, נישט מיט קיין רייכטום און נישט מיט קיין לייכטער לעבן, נאָר מיט אַ פֿולן בעכער ליבע, מיט גרויסע האָפֿענונגען, און גוטע צוזאָגענישן. אָבער דאָס אַלץ האָט אַזוי קורץ אָנגעהאַלטן, פֿאַרשוווּנדן ווי אַ מיראַזש...

און שפּעטער האָט דאָס לעבן זי צונויפֿגעפּירט גאָר מיט אַן אָפּ־געראַטעוועטן פֿון חורבן, אַ נייער אין לאַנד. זי האָט פֿון אָנהייב נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס לעבן אירס וועט זיך איינשטעלן מיט אַזאַ איינעם וואָס דאַרף זיך ערשט איינוואָרצלען אין לאַנד. רחל איז צו אים געקומען מיט אַ געפֿיל פֿון צוטרוי און ליבשאַפֿט, און ער, בינעם, איז אַן איבער־געגעבענער, אַ פֿאַרקויפֿטער צו די שווערע אויפֿגאַבעס, וואָסביידע צוזאַמען האָבן אויף זיך גענומען. איז פֿאַר וואָס זאָל זי זיך אונטערגעבן די שווערע געפֿילן, וואָס די נייע אַרבעט האָט איר פֿאַרשאַפֿט? באַגייט זי נישט קיין זינד קעגן זיך אַליין?

בינעם איז געווען געדולדיק, אויסגעוואָרט, געאַרבעט מער ווי פֿאַר צוויי. שפּעטער אַז רחל איז אַריין אין דער אַרבעט מיט אַ פֿרייער געמיט, איז בינעמען לייכטער געוואָרן און די אַרבעט — ליבער. זיין ווייבס שלום מאַכן מיט די נייע באַדינגונגען, איר אויסוויקלען זיך פֿון די פֿאַרפֿרעסטע געפֿילן, וואָס האָבן בינעמען פֿאַרפֿאָלגט און דערוועקט אין אים טראַכטענישן, אַז דאָס איז דער גורם פֿון אירע ליידן — ווען דאָס אַלץ האָט אָנגעהויבן

פאַרשווונדן, האָט אויך בינעמס אַנגעדראָלענע שטימונג גענומען אָפּגיין, זיין געמיט איז געוואָרן אַ ביסל פרייער, דער שמייכל האָט אָפּטער זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. צי האָט רחל ריכטיק אויפגענומען בינעמס געענדערטע שטימונג און פאַרשטאַנען זיין אינערלעכע וועלט — מיט דעם זיך צו פאַרנעמען איז בינעם געווען פאַרזיכטיק און ער האָט זיך אויס־געהיטן טיפער אַריינצודרינגען, נישט צו באַרירן די דינינקע נשמה־פעדעם, וואָס קאָנען זיך איינרייסן, פאַרוויקלען אין אַ קנויל, וואָס שפּעטער וועט שווער זיין אים אויפצופּלאָנטערן.

אויך זייער טעכטערל שרהלע האָט שטאַרק אָפּגעפּילט די ענדערונג אין דער אַרבעט. דעם קינד האָט אויסגעפּעלט דעם טאַטנס צעשמייכלטע פּנים, זיין וואַרעמער גלעט, זיין געלעכטער ביים הוידען זי אויף זיינע קניִען. ווען בינעם איז אַרויס צו דער אַרבעט איז דאָס קינד נאָך געשלאָפן, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז זי לאַנג שוין געלעגן אין קינדערבעטל אַ שלאָפנדיקע. דער איינציקער צונויפטרעף מיטן אַבאַ איז געווען אין געוועלב. עס האָט געמעגט זיין פול מיט קונים, מיט יאָגעניש, מיט קאָפּ־דרייעניש, שרהלעס רייסן זיך צום אַבאַ האָט קיינער נישט געקאָנט איינ־האַלטן. איר בענקעניש צום טאַטנס קושן האָט זי דערווייל געשטילט מיט די פאַרוואָרפענע הענטלעך אַרום זיין האַלדז.

אַ גאַנצע וואָך האָט בינעם צוזאַמען מיט דעם שווערן יאָך, אויך מיט־געטראָגן זיינע בענקשאַפטן צום קינד. ערשט דער שבתדיקער טאָג איז פאַר בינעמען געוואָרן נישט בלויז דער טאָג אויף באַפרייט ווערן פון די שווערע טעג אין דער וואָך, נאָר אויך דער טאָג פון נשמהדיקער רו, פון שטילן זיינע בענקענישן צום קינד. באַלד אין דער פרי האָט שרהלע דער־פילט דעם טאַטנס אָטעמען פון דאָרט, ווו אַ גאַנצע וואָך איז דאָס אָרט געווען ליידיק. שבת, אין שטילן פרימאָרגן, איז איר גרויסע פרייד געווען אַ טרייסל צו טאָן דאָס קינדערבעטל און צעלאָזן איר דין קעלעכל ביז דער טאַטע האָט געעפנט זיינע אויגן מיט אַ שמייכל...

דער שבתדיקער טאָג פאַר בינעמען איז געווען דער גרויסער טאָג פון מנוחה, פון קאָנען רויִק זיצן ביים טיש און אַראָפּשלינגען דעם ביסן. פון זיינע יִינגסטע יאָרן איז בינעם געווען אַ מענטש פון אַרבעט, אָבער

ער האָט נישט געדענקט נאָך אַזעלכע טעג פון מי און מאַטער, ווי אין מכולת. יאָ, בינעם האָט נישט איין מאָל זיך דערמאָנט אין זיין שקלאַפן־אַרבעט אינעם דייטשישן קוילן־גרובן. אויך דאָרט, אין געפאַנגענשאַפט, האָט ער אַזוי געבענקט און אויסגעקוקט דעם זונטיק, ווי להבדיל דאָ אין לאַנד ישראל — דעם שבת. אָך, צו וואָס פאַר אַ פאַרגלייך האָט בינעם זיך דערטראַכט? און דאָך האָט ער געפונען אין יענער ווי אין דער פּראַצע אַ שייכות צו זיין גורל אין לעבן, וואָס איז אים אומעטום נאָכגעגאַנגען, אַ באַשערטקייט אַזאַ, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסמיידן, וואָס האָט כסדר אים פאַרפאָלגט און באַזיגט.

נאָך גאָר פרי, ווי נאָר עס האָט געגומען טאָגן, האָט בינעם זיך צע־וועקט, ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן. זיינע פאַר־שלאָפענע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט אינעם האַלב פינצטערן צימער, ער האָט געקוקט און געקלערט, עפּעס האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען אין דעם איבערגעריסענעם שלאָף, געזוכט צונויפנעמען דעם נעכטן מיטן היינט, און קוים זיך געכאַפּט, אַז עס איז שבת. אַ פריידן האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, דאָס געפיל פון רו האָט אים איינגענומען, אַ גלעט געטאָן איבערן פאַר־שלאָפענעם פּנים, דאָס בעט האָט אים געצויגן צו זיך און בינעמס ליפּן האָבן שטיל אַ מורמל געטאָן: ס׳איז דאָך שבת... אַלץ רוט, שטיל איז אין הויז, שטיל אין דרויסן, בלויז דער אָטעם פון זיין ווייב איז זיך צעגאַנגען איבערן צימער. אויך זי איז געלעגן אַ מידע פון אַ גאַנצע וואָך מיטהעלפן אין געוועלב, פירן די שטובווירטשאַפט און צוגרייטן דעם שבת.

דאָס באַגינען־ליכט האָט זיך געריסן דורך די שפּאַלטן פונעם לאָדן. די פייגעלעך האָבן שוין געפלאַטערט אַרום די יונגע ביימלעך אַנטקעגן דער ווערענדע. בינעם וואָלט גערן אַרויס פון בעט עפּעס נעמען אויף די אַקסלען און זיך איינקוקן, ווי אַזוי דער טאָג קומט אָן צו זיין הויז. אַ גאַנצע וואָך האָט ער נישט אַזאַ פאַרגעניגן. אַ שאָד איז אים יעדע מינוט. ער וואָלט וועלן דעם שבתדיקן טאָג פאַרלענגערן, איינהאַלטן די ווייזערס פונעם וועקזייגער, וואָס מער געניסן פון דער שלווהדיקער שטילקייט, אָבער דער גוף איז אַ מידער, די אברים זענען שווער. פון זיין מויל האָט זיך אַ שטויס געטאָן אַ געגעץ, וואָס ער האָט פאַרהאַלטן מיט דער האַנט, כדי נישט צו

שטערן די שטוביקע שטילקייט. ער האָט געפּרוּווט זיך באַקוועמער אויס־לייגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און דער שלאַבעריקער גוף האָט זיך אונ־טערגעגעבן דעם נאָך נישט פאַרענדיקטן שלאָף...

אַ גאַנצע וואָך האָט בינעם נישט געוווּסט פון קיין וויזיטן. נישט מ׳איז געקומען צו אים, און נישט ער האָט צייט געהאַט גיין צו וועמען. בלויז אין שבתדיקן טאָג, נאָך דעם ווי ער האָט דערפילט דעם טעם פון אַ ביסל מנוחה, האָט אויך בינעם מיט זיין ווייב און קינד געקאָנט פאַרגינען זיך צו זיין אַ גאַסט ביי רחלס עלטערן אין שטוב. שבת נאָכן דאַווענען איז מען דאָרט זיך צונויפגעקומען אויף אַ קידוש. שוין אַזאַ מינהג געווען צו גיין צו ר׳ זלמנען זיין שווער און חווקע די שוויגער, זאָגן גוט־שבת און געניסן פון די שבתדיקע מאכלים.

אַ גרויס פאַרגעניגן איז ביי די צוויי באַיאָרטע סאַברעס געווען אויפ־צונעמען די משפּחה ווי שבתדיקע געסט. אין דער צייט פון פירן דעם טיש האָט ר׳ זלמן געפילט אין זיך דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם וואָרט־זאָגער אין זיין שטוב — אין זיין שבתדיקן רעקל, מיטן שניפּסל אונטערן צוגעשוירענעם גראָען בערדל, דאָס פּנים צעוואַרעמט, צעשמייכלט, אָבער אָן שיין. דאָס אויסגעלאָשענע ליכט פון זיינע אויגן האָט אָבער נישט פאַר־קלענערט זיין פרייד ביים גלעטן די אייניקלעך, וואָס האָבן זיך פאַר אים געלאָזט דערקענען יעדער באַזונדער מיטן צעזונגענעם „שבת־שלום, סבא״ און זיך געלאַשטשעט צו אים, צו זיינע זוכנדיקע הענט, צו זיינע ליפּן, צו דעם זיסוואַרג, וואָס ער האָט אָנגעגרייט אין די טאַשן פאַר זיי נאָך ערב־שבת.

די באָבע חווקע איז געווען אינעם ווייסן פאַרטעכל איבער דעם שבת־דיק־געבלימטן מאַרגנראָק ביז צו די קנעכל, אין דעם שייטל מיט די גלאַנציקע שפּילקעס. אירע גיכע דראָבנע טריטלעך האָבן איר געגעבן גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי אַ גאַנצע וואָך אין וויינקראָם. דאָס פּנים מיט די זיך וויגנדיקע אוירינגלעך איז געווען ליכטיקער, פאַרייַנגערט. זי האָט געקוקט אויף די צונויפגעקומענע קינדער מיט נחת און מיט באַבישער חשיבות.

פונעם טיש זענען צו איר דערגאַנגען די לויברייד פאַרן שיינעם כיבוד,

וואָס זי האָט דערלאַנגט. דער טשאָלנט מיטן קוגל איז יעדן שבת געווען געשמאַקער, און דער אַלטער וויין פון גרויסן גאַנשער, אַליין צונויפגע־שטעלט מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. האָט זיך די באָבע חווקע אָנגענומען מיט גדלות. פריידיקע רייד און געלעכטערן האָבן אויסגעפילט איר האַרץ און פאַרטריבן דעם שטילן אומעט, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געהויערט צווישן די ווענט פון איר גרויסער שטוב.

שבת פאַר נאַכט. די לעצטע שעהען פון פאַרגייענדיקן טאָג. בינעם האָט געזוכט נאָך אַ ביסעלע פרייד איידער זיין טעכטערל וועט מיד ווערן פון די שפּילערייען מיט טאַטע־מאַמע, איידער עס וועט איר אַ צי טאָן צום קינדערבעטל. ער האָט געציילט די שעהען, געוואָלט זיך אין זיי וואָס לענגער אָנהאַלטן, אָבער די צייט איז נישט געשטאַנען. פאַרטייענדיקע מינוטן האָבן זיך גערוקט צוזאַמען מיט די ווייזערס פונעם זייגער. פון די טאַליקע זאַמדן האָט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אָנגעזאָגט די אָנקומענ־דיקע נאַכט, צום אָפענעם פענצטער זענען דערגאַנגען די טויבע אָפּהילכן פון רעדער איבער ווייטע אַספאַלטירטע גאַסן — וואָכעדיקע טענער־אָפּ־קלאַנגען נאָך דער פאַרגאַנגענער שבת־רו...

מיטן איינפירן דעם מכולת האָט בינעם געמיינט, אַז ער איז ענדלעך פטור געוואָרן די אומגעבעטענע געסט מיט די טעקעס אונטערן אָרעם, וואָס אַ קרעמער זעט זיי נישט גערן אַריינקומען אין מיטן דער אַרבעט. פון דעם טעות האָט אים אַרויסגעפירט די קאָמיסיע, וואָס איז געקומען קאָנטראָלירן די סאַניטאַרע פאַרשריפטן אין געוועלב.

בינעם איז געווען זיכער, אַז ער האָט אַלע פאַרשריפטן אויסגעפילט אַזוי ווי מען האָט פון אים פאַרלאַנגט. ביי יעדער פונקט האָט ער געמאַכט אַ צייכן אַ סימן, אַז ער האָט מיט דעם זיך פאַרנומען. אַנדערש האָבן עס געזען די באַאַמטע. זיי זענען אַריין אומגעריכט, מיט די פּאַפּירן אין די הענט געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, געדרייט מיט די נעז, נישט געקאַרגט קיין באַמערקונגען: דאָס ברויטשענקל איז גראָד געווען מיט אָפּגעלעבנטע טירלעך, די קליינע געבעקסן אונטערן גלעזערנעם געשטעל זענען נישט געווען גענוג איבערגעדעקט מיט דער גאַזע, די זויערע זאַכן אויפן טיש

האָבן געדאַרפט זיין אין כלים וואָס זשאַווערן נישט. אויף יעדער זאַך, אין יעדן ווינקל האָבן זיי געהאַט אַנזאָגענישן צום אויסבעסערן. פאַרן ערשטן מאָל איז עס אַריבער אָן גרעסערע טענות, עס וואָלט נאָך בעסער געווען — איז געפאַלן אַ באַמערקונג צו בינעמען — ווען ער טראָגט אויף זיך אַ העל פאַרטעך ווי זיין ווייב.

— אַ מכולת איז נישט קיין אַפּטייק — האָט בינעם זיך פאַרענטפערט.

— אונדזער אויפגאַבע איז זיך צו פאַרנעמען מיט סאַניטאַרע ענינים ווו נאָר עס ווערט פאַרקויפט עסנוואַרג — האָט בינעם באַקומען אַ קאַטע־גאָרישן ענטפער.

צוזאַמען מיט די קונים אין געוועלב איז אויך בינעמען לייכטער גע־וואָרן ווען די מיטן שטייפן לשון האָבן זיך אויסגעדרייט צום אַרויסגאַנג.

נישט איין מאָל האָט בינעם מיט באַדויער פאַרגלייכט די איצטיקע אַרבעט צו דער פריִערדיקער. אויך פריִער האָט ער אַרום די טישלעך נישט געלעקט קיין האָניק. געווען פאַריאַכמערט, פאַרשמאַיעט, אין יאָגעניש וואָס מער עסערס צו באַדינען, אָבער אַלע זענען פון אים געווען צופרידן פון דער שנעלער באַדינונג, פונעם געשמאַקן עסן.

אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין מכולת, מיט דער אָפענער טיר פאַר אַלע, ווער עס האָט נאָר געוואָלט אַריין. דאָ האָט בינעם זעלטן פון וועמען געהערט אַ גוט וואָרט. פאַרקערט, דעם דאַנק, האָט דער קונה פאַרשטאַנען, קומט נאָר אים, פאַר איבערטרעטן די שוועל, פאַר נישט גיין זוכן אַן אַנדער אָרט צום קויפן. בינעם האָט נישט געקאָרגט קיין העפלעכקייט אַפילו ביים קויפן די קלענסטע זאַך, אויך צו אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוווּסט קיין גרענעץ ביים באַלעסטיקן: אַ גלעזל זויערמילך פלעגן זיי עטלעכע מאָל אומטוישן, אַ מאָל איז עס געווען צו שיטער, אַ מאָל — נישט גענוג פול. אָדער סתם אַ קאַפּריזנע ייִדענע, וואָס האָט ליב דעם קרעמער דרייען דעם קאָפּ מיט אַ זעמל, זי זאָל זיין געבאַקן לויט איר געשמאַק און מיט אַ שיינער פאַרעם, ווי זי וואָלט עס געדאַרפט פאַר אַ צירונג אויסצושטעלן. אויך צו אַזעלכע קונים האָט בינעם געהאַט געדולד, ווידער זיך געבויגן, און ווידער דערלאַנגט.

בינעמס אַרבעטסטאָג איז געווען אויסגעפילט ווי די קאַנען מילך, וואָס

ער האָט אין גראָען פרימאָרגן געפֿונען ביי דער טיר פון קראָם. איידער בינעם האָט באַוויזן זיי איינשטעלן צום פּאַרקויף, איז שוין אָנגעפּאָרן דער אויף בלאָ־ווייס־געפּאַרבטער אויטאָ מיט די „תנובה״־רעקלאַמע־אויפשריפטן. דער ברוין אָפּגעברענטער משה האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צייט. די אַרבעט איז ביי אים געווען אויסגעשטעלט אויפן זייגער. קיין איבעריקן טראָט אין די זאַמדן האָט ער נישט געוואָלט מאַכן און קיין איבעריקע מינוט קיינעם נישט געוואָלט שענקען. און אַז משה האָט געלאָזט אין גאַנג זיינע פּיס, האָבן די גלעזלעך אין די הילצערנע קעסטלעך, אָנגעלענטע אויף זיין בויך, זיך צעקלונגען ווי צעטרייסלטע גלעקלעך. די איבערגעװעקטע שכנים האָבן שוין געוווּסט ווער ס'איז דער פּאַרטיילער און ווער דער אָפּנעמער...

אין מיטן אַריינשטעלן די גלעזלעך אין גרויסן אייזקאַסטן, איז אָנגעפּאָרן דער געלער איציק מיט אַ קויש זעמל. דער געשמאַקער ריח פון די פרישע געבעקסן האָט גערייצט דעם אַפּעטיט, אָבער בינעם האָט נישט געפונען קיין צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. איידער ער האָט געענדיקט ציילן די זעמל האָבן זיך אַריינגעלאָזט די בוי־אַרבעטער, פאַר זיי איז בינעמס געוועלב געווען אַ גוטער אַדרעס אָנצופילן די קעשענעס מיט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט איינקויפן צום עסן. ווען זיי זענען אַרויס, זענען אָנגעקומען די פון קרית־מאיר, וואָס האָבן זיך געאיילט צו דער אַרבעט אין שטאָט אַריין.

ווען די זון האָט גענומען אויפגיין, איז פאַרפּאָרן בערנאַרד מיט זיין אַראַביש פערדל, וואָס האָט געשלעפּט אַ שווער־אָנגעפילטן וואָגן מיט וואַרעמע ברויטן פון פערטשיקס בעקעריי. בערנאַרד, אַ קרעפּטיקער יונג מיט אַ פיעגעוואַט פּנים, איז געווען אַ הייסער חסיד ביי די רעוויזיאָניסטן. זיין וואָגן איז פון אַלע זייטן געווען באַקלעפּט מיט אַגיטאַציע־אויפרופן. אַז בינעם האָט פאַרלאַנגט פון אים נאָך אַ פּאָר ברויטן פאַר די ניי צוגעקומענע קונים האָט בערנאַרד אַ שאַרפן קוק געגעבן פון אונטערן דאַשיק: „דו ביסט נישט פון מיינע מענטשן״...

אין העלן פרימאָרגן האָבן אָנגעהויבן קומען ווייבער מיט טעפּלעך, מיט קיישלעך. ביי בינעמען האָט זיך געשטעלט דער טאָג פון פאַרקויף. אין דער

צייט פלעגט זיך באַווייזן זלמן דער צושטעלער פון געלע קעזן. אַ הינקענ־דיקער, מיט אַ לאַמען פוס, האָט ער פאַרלאַנגט בינעם זאָל אים נישט לאָזן וואַרטן, נאָר תיכף דערליידיקן, אַנדערש לאָזט ער אים אָן די קעזן.

ווי צווישן זיך אָפּגערעדט, איז באַלד אָנגעפאָרן דער אויטאָ מיט „תנובה"־אייער, אַן אויסגעקוקטער גאַסט: די ווייבער האָבן אַלע זייערע קניות אָנגעהויבן מיט אַ צענדלינג אייער.

נאָך זיי — צושטעלערס פון זיס און זויערס, אַ מחנה ליפעראַנטן, וואָס האָבן געזוכט פּרנסה ביי בינעמען און פון אים אַרויסגעיאָגט דאָס חיות.

שפּעט אין אָוונט ביי זיך אין שטוב. די פאַרמאַכטע אייזערנע טיר אויפן שלאָס האָט בינעמען צעשיידט פון די פיר ווענט, מיט וועמענס ריחות ער האָט געאָטעמט דאָס רוב שעהען פונעם טאָג. די אויסגעפּילטע פּאַליצעס, די הויכע רייען קעסטלעך, בלעכענע פּושקעס, הויפנס גלעזלעך, בערג מיט פלעשער, קונים, ליפעראַנטן — דאָס אַלץ האָט זיך נאָך געדרייט פאַר זיינע אויגן ביז ער איז דערגאַנגען צו דער שוועל פון זיין הויז. ביי זיך אין שטוב האָט ער אין דעם געוואָלט פאַרגעסן ווי אין אַ בייזן חלום. נאָכן אַרומוואַשן זיך און טוישן די קליידער, האָט בינעם זיך דערפילט, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע משא.

נאָך דער אַרבעט האָט בינעם געזוכט אַ ביסל זעלישע רו. דווקא אין די שטילע שעהען מיט זיך אַליין איז פאַר אים אויפגעקומען די וועלט פון זיין פאַרגאַנגענהייט, דווקא אין די מינוטן פון פיזישער אָנטשפּאַנונג האָט יענע חרובע וועלט פאַר אים ווידער אויפגעלעבט, אַרויסגערופן אין אים צער און שווערע טענות צו זיך, פאַר וואָס ער באַהאַלט זיך אויס אין די לאַנגע אַרבעטסטעג און לאָזט יענע יאָרן הינטער די ווענט פון זיין מכולת. אין דער היים, אַן איינגעגראָבענער אין זיין ווייכן געלעגער, איז זיין מידער גוף פאַרזונקען אין שלאָף, געוואָלט זיך אָפּרייסן, אַנטלויפן, פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס האָט באַשווערט און געמאַטערט. אויך אין אַזעלכע נעכט האָט בינעם נישט געפונען קיין רו. אין חלום איז דער חורבן פאַר אים אויפגעקומען נאָך גרויליקער ווי אויף דער וואָך. די אומגעקומענע

יידן פון זיין שטעטל האָבן צעשטערט זיין נאַכטיקע רו. געמאָנט פון אים ער זאָל דערציילן וועגן זייער פּיין און אומקום. בינעם האָט זיך אַליין געשטעלט פאַרן משפט: צי מעג ער זיין אָפּגעראַטעוועט לעבן דערשטיקן צווישן די ווענט פון מכולת? מעג ער ווי אַ נייער עולה, אַ באַפרייטער פון אַלע אומגליקן אין גלות, אַראָפּטרייסלען פון זיך די הויט פון יענעם בינעם אויף דער ערד פון טרעבלינקע? צי איז זיין בלייבן לעבן בלויז אַ צופאַל, אָדער געבונדן מיט שווערע פליכטן?

אָן ענטפער אויף דעם האָט בינעם געזוכט אויף די בלעטלעך מיט די באַשרייבונגען פון זיין חרוב געוואָרן שטעטל. אין דעם האָט בינעם געפונען אַ פאַרגיטיקונג פאַר זיין שווער לעבן, די פרייע נאַכט־שעהען האָט ער אויסגעפילט מיט אָט דער הייליקער עבודה. זיין ווייב, דער סאַברע, איז שווער געווען צו פאַרשטיין אַזאַ אויפפירונג. זי האָט געפּרוווט אים איבער־צייגן, אַז ער רייסט אַרונטער זיין געזונט מיטן זיצן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען אָן איינגעהויקערטער איבערן טיש, ווינטער — אין קאַלטן צימער מיט קאָצן אַרומגענומען און זומער, אין די הייסע נעכט — מיט די פיס אין קאַלטן וואַסער. אָנקוקנדיק אים אַזאַ, פלעגט איר ביטער ווערן אויפן האַרץ. אַנדערע מענער נאָך שווערע אַרבעטסטעג שלאָפן שוין גע־שמאַק, לאָזן רוען די מידע גלידער, און ער, בינעם, נאָך אַזאַ טאָג האָרעוואַניע, אַנטלויפט ער פונעם היינט און לעבט מיטן נעכטן. איר איז גאָר פרעמד נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט אַוועקגעבן אַזוי פיל צייט פאַר „נעכטיקע טעג״... זי וואָלט געהאַט אַ סך דערוועגן צו רעדן, אָבער די שטובווירטשאַפט, דאָס אויפגעוועקטע קינד פון שלאָף, די שפּעטע נאַכט־שעהען, האָבן גערופן, געטריבן, נישט געלאָזט קיין צייט אויף צו פאַר־נעמען זיך מיט אַזעלכע זייטיקע ענינים. האָט זי שטיל אָפּגעזיפצט. העכער וועגן דעם רעדן, קאָן עס אַרויסקומען אויף דער גאַס. בעסער עס זאָל בלייבן צווישן די אייגענע ווענט...

בינעם האָט דאָס אַלץ געזען, געפילט און געשוויגן, ווי ער וואָלט אויף רחלס טענות נישט געהאַט קיין ענטפער. אים האָט אויסגעזען, אַז דאָס איז פאַר איר נישט צום פאַרשטיין, ער האָט אומעטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט דעם פלעגט דער ענין זיך ענדיקן. אָבער בינעם, ווי

זיין שטייגער, האָט אויך צו דעם געהאָט געדולד: זיין ווייב, די סאַברע, וועט זיך צוגעוווינען און בעסער אים אָנהייבן צו פאַרשטיין...

און בינעם האָט זיך נישט געגאַרט. די טענות זענען געוואָרן זעל־טענער. רחל האָט געזען, אַז איר מאַן וועט נישט אַנדערש ווערן. אים ציט צו די בויגנס פּאַפּיר. זיצט ער ביז האַלבער נאַכט און שפּעטער פאַלט ער אַוועק אַ מידער אויפן בעט אין פינצטערן צימער. גאַנץ אָפט, אַז איבערגעוועקטע נאָכן ערשטן שלאָף, האָט זי געהערט, ווי ער דרייט זיך און קאָן נישט איינדרימלען. צום מיינסטן פלעגט זי זיך אויפוועקן פון זיין שווערן אָטעם אָדער פון זיינע פאַרשטיקטע געשרייען אין חלום. עס האָט איר אָנגענומען אַ רחמנות־געפיל ווען ער פלעגט בלייבן ליגן אַן אויפגעוועקטער באַגאָסן מיט שווייס און טיף געאָטעמט: עס איז נאָר אַ חלום געווען... און אין דער פינצטער האָט זי געטראַכט: אפשר איז זי נישט גערעכט געווען מיט די אַלע פאַרוואורפן און שטעכווערטלעך צו אים, אפשר איז עס טאַקע אַזוי, ווי ער גיט אַ מאָל אַ זאָג: „דו קאָנסט דאָס נישט אַזוי פאַרשטיין, אַזוי פילן ווי איך"...

אויך נאָך אַזעלכע נעכט האָט בינעם נישט פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט צו דער צייט, האָט אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און שנעל אויף זיך אַרויפגעצויגן די אַרבעטס־קליידער. מיט שטילע טריט איז ער אַרויס פון שטוב, קיינער האָט אים נישט געהערט, נישט געזען. אין דרויסן האָט אַ מדברדיקע שטילקייט זיך געשפּרייט איבער די ברייטע זאַמדן. אין גראָען פאַרטאָג האָט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען, בלויז די זשאַבעס אין די שטייענדיקע וואַסערן איבער די טאַליקע זאַמדן האָבן געקוואַקעט. גייענדיק אויף דעם זאַמדיקן וועג האָט זיך בינעם געוווּנדערט, פאַר וואָס ביי אים אין שטוב, אַזוי נאָענט צו די וואַסערן, איז מען שוין איינגעוווינט צום גערויש פון די זשאַבעס, ווי זיי וואָלטן זיך געפונען גאָר וויַיט פון דעם אָרט. נאָר אין דרויסן איז דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אים אַנטקעגנגעקומען און נאָכגעגאַנגען ביז צו דער טיר פון זיין געוועלב, ווו ער האָט שוין געפונען די אויסגעשטעלטע קאַנען מיט מילך. אַ „תנובה"־פאַרטיילער האָט ביים מאַטן שיין פון אַ נאַכטלעמפּעלע צוגעגרייט די באַשטעלונג לויטן צעטל וואָס בינעם האָט

געלאָזן אָנגעקלעפּט אויף דער טיר. מיטן עפענען די טיר פון געוועלב האָבן אים די ווענט פאַרשלונגען ווי אַ תפיסה־קאַמער אַן אַרעסטאַנט. אויס טראַכטן, אויס געדאַנקען. די אָנגעשטעלטע קעסטלעך סחורה, דאָס געאייל פון פאַרטיילער, דער אָנפאַר פון די ליפעראַנטן — דאָס אַלץ האָט בינעמען דערמאָנט ווו ער געפינט זיך. צו די שטילע שעהען פון דער קומענדיקער נאַכט אין זיין שטוב איז נאָך געווען ווייט, אַ חלום...

אין די שפּעטע שעהען פון אַ זומערדיקער נאַכט האָט רחל דערפילט, אַז בינעמס אָרט איז בעט איז נאָך ליידיק. זי האָט שוין געהאַט איבער־געשלאָפן די גרעסטע טייל נאַכט, און איר מאַן זיצט נאָך אין צווייטן צימער ביים ליכט? באַלד וועט אָנהייבן טאָגן, די צייט ווען ער גייט אַרויס צו דער אַרבעט, און ער האָט נאָך דעם קאָפּ נישט אָוועקגעלייגט? נישט אַנדערש, נאָר אַ משוגעת איז אין אים אַריין... זי האָט געמאַכט ליכטיק, אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל, און אַ שרעק האָט איר אַזש אַרומ־גענומען. מיט אימפּעט איז זי אַרויס פון בעט אים זאָגן אויף אַן אמת, וואָס זי טראַכט וועגן אַזעלכע נישט נאָרמאַלע שטיק...

רחל איז אַריין מיט צעפּינטלטע אויגן אין דעם ליכט און געבליבן שטיין מיט פאַרפרעסטע ליפּן אַנטקעגן איר מאַן. איר שאַרפער בליק האָט גערעדט צו בינעמען מער ווי אַ שרייענדיק קול. נישט אַנדערש, נאָר אַזוי ווי זי האָט נאָר וואָס געטראַכט: אַראָפּ פון זינען...

בינעם איז פאַר רחלס אַריינקומען געזעסן ביים טיש אַ בלאַסער און האָט איין מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס לעצטע זייטל פון נאָר וואָס פאַרענדיקטן בוך. ער האָט זיך צעשמייכלט צו זיין ווייב. צווויי פּנימער האָבן אַ ווײלע זיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע בליקן. אין דער רגע איז רחלס אומרויִקע געפיל נאָך מער געטראָפן געוואָרן. מיט אַן אַדורכגעלאָפענעם ציטער איבערן לייב האָט זי אַ טראַכט געטאָן: אַזוי פירט זיך אויף אַ נאָרמאַלער מענטש?

בינעם, ווי ער וואָלט זיך מאַכן נישט פאַרשטיין זיין ווייבס אויסזען, האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו איר:

— ווינטש מיר מזל־טוב...

— וואָס פאַר אַ מזל־טוב? — האָט זי געפרעגט קוקנדיק אויף בינעמען מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן.

— איך האָב איצט פאַרענדיקט שרייבן דאָס בוך.

— אין אַזאַ צייט ווען מענטשן רוען?

— און דו — האָט בינעם אויפגעהאַלטן זיין מילדן בליק — האָסט נישט געבוירן שרהלען נאָך האַלבער נאַכט?

— אַ שיינער פאַרגלייך — אַ לעבעדיק נפש צו טויטע בלעטלעך...

בינעם מיט אַן איינגעמענדיקן טאָן:

— אַ בוך איז אויך אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן אין שווערע ווייען, און טראָגט אַ נאָמען, און לעבט איבער דורות...

רחל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַוועקגעשאַרט פון זיך איר מאַנס פאַרשלאָפענע רעיונות און איז אַריין צוריק אין פינצטערן צימער. בינעם האָט די נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. מיטן טאָג צוגלייך איז ער אַוועק אין מכולת.

קאַפּיטל פערצן

## אַן אָפענע טיר

דער צוקום צו בינעמס געוועלב איז נישט געווען קיין לייכטער: מען האָט געדאַרפט איבערשפרייזן טיפע זאַמדן, דערנאָך אַריבערגיין דורך אויסגעלייגטע ברעטער איבער אויסגראָבונגען, ווו מ'האָט געפּלאַנט צו פּלאַסטערן אַ שאָסיי.

צו בינעמען אין געוועלב איז מען נישט אַריינגעקומען סתם אַזוי. יעדער האָט געוווּסט וואָס ער קומט איינקויפן און וואָס מ'קאָן ביי בינעמען בעטן. אַזאַ אַריינגעקומענער האָט אויך געוווּסט נישט צו שטופּן זיך אויסער דער ריי: קיינער פון זיינע קונים האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייער צייט.

איין מאָל האָט אין געוועלב זיך באַוויזן אַ שוואַרצהויטיקער, מיט אַ גלאַנציק פּנים ווי ביי אַ נעגער, אָנגעטאָן אין פאַרשטויבטע אַרבעטס־מלבושים, דעם האַמער פאַרשטעקט אין גאַרטל, ווי עס האָבן געטראָגן די בוי־אַרבעטער. דער מענטש האָט קיין געדולד נישט געהאַט איבערצוואַרטן ביז עס וועט קומען זיין ריי. ער איז צוגעגאַנגען גלייך צו בינעמען און פון אים עפּעס פאַרלאַנגט. די ווייבער האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי וועגן דער חוצפּה פון „אַזאַ שוואַרצן".

מיט דעם איינגעקויפטן אין די הענט האָט דער בוי־אַרבעטער זיך אומגעדרייט צו די, וועמען ס'איז נישט געפעלן געוואָרן זיין אויפפירונג, און ער איז אַרויס מיט לשון:

— מאַדאַמס, איך ווערט שוואַרץ אין די אויגן ווען איר קוקט מיך אָן. איר, אויסגערוטע ווייבער, איר האָט נעבעך קיין צייט נישט צו וואַרטן עטלעכע מינוט, אַז אַן אַרבעטער זאָל פאַר זיך עפּעס קויפן צום עסן. איך קריך אויף די רושטאָוואַניעס, און איר קריכט אויף די גלייכע ווענט...

מדינת ישראל איז פאַר אַלע ייִדן, פאַר שוואַרצע, פּונקט אַזוי גוט ווי פאַר ווייסע...

און אַ שפּיי־טועדיק אין דער זייט פון די איבערגעשראָקענע ווייבער, איז דער שוואַרצהויטיקער ייִד אַרויס פון געוועלב.

מיט פאַרוואונדערטע בליקן האָבן די קונים זיך איבערגעקוקט, נישט אַזוי צוליב די מיט כעס אַרויסגעזאָגטע זידלווערטער, ווי פון זיין ריינעם ייִדיש, וואָס האָט אויסגעזען קאָמיש און אַרויסגערופן אויף אַ שמייכל אויף די פּנימער: ווער איז דאָס דער מאַן מיט נעגערישן פּנים, וואָס רעדט ייִדיש אַזוי פריי און דרייסט? בינעם האָט אויף דער פראַגע נישט געוווּסט צו ענטפערן.

צו מאָרגנס איז דער שוואַרצער ייִד ווידער געקומען איינקויפן, און ווידער מיט דער זעלבער דרייסטקייט זיך געשטעלט אויסער דער ריי. בינעם האָט איבערגעבעטן זיינע קונים, און דערלאַנגט דעם שוואַרצן מאַן, וואָס ער האָט געבעטן און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס אין ייִדיש, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די קונים אין געוועלב. מיט נייגעריקייט האָבן זיי אויסגעהערט, אַז דער ייִד פון סודאַן, אַ נייער עולה, האָט זיך באַזעצט אין אַ שיכון צוזאַמען מיט פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט מאַמע־לשון.

ווינען אַ טיר לעבן אַ טיר און נישט קאָנען זיך צונויפרעדן מיט נאָענטע שכנים איז זייער נישט אָנגענעם. נו, האָט דער סודאַנער ייִד מיט געדולד זיך איינגעהערט אין דער שפּראַך פון זיינע שכנים, זייער ייִדיש־רעדן איז אים געוואָרן וואָס אַ מאָל היימישער, נעענטער. ער האָט זיך צוגעוווינט צום נייעם טאָן פון זייער רעדן און ביסלעכוויז אָנגעהויבן מיט זיי זיך פאַרשטענדיקן צו ערשט מיט דער הילף פון זשעסטיקולאַציעס און דערנאָך — שוין נישט מיט קיין שטאַמלדיקן ייִדיש וואָס האָט אין זיין מויל באַקומען אַ באַזונדערן חן. אַזוי איז ער אויף לאַנגע יאָרן געוואָרן זייערס אַ גוטער שכן און זייער מאַמע־לשון איז אים צו נוץ געקומען נישט בלויז צום פאַרשטיין, נאָר אויך צום אַריינצוזאָגן...

„אַז מען לעבט — דערלעבט מען", האָט בינעם געטראַכט, און ער

האָט דערזען צום ערשטן מאָל פאַר זיין געוועלב די נייע הילצערנע קעסטלעך מיט די פלעשער מילך: געענדיקט מיט די בלעכנע קאַנען, מיט דעם גרויסן מילכקעסל, וואָס האָט פאַרנומען אַן איבעריק אָרט, מיט די צעשפּריצטע טראָפּנס, מיטן רייניקן און וואַשן די כלים. „תנובה" גייט פאָרויס, און אויך ער וועט געניסן פון דעם פּראָגרעס. אַלץ וואָס האָט נאָר געקאָנט פאַרלייכטערן אין דער אַרבעט, האָט אין אים אַרויסגערופן אַ גוט געפיל. די מילכפלעשער, אַ קעסטל אויף אַ קעסטל, האָבן פאַרנומען קנאַפּער אָרט, געשפּאָרט כוח און צייט. אָבער דאָס אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען נישט די עטלעכע פלעשער מילך וואָס האָבן אָנגעהויבן פעלן פונעם אויבערשטן קעסטל.

בינעמען האָט די גנבה ווי געטאָן. אויב שוין יאָ אַ ביסל לייכטער אין דער אַרבעט, מוז דאָס זיין באַגלייט מיט פאַרדרוס? ער האָט כסדר געטראַכט וועגן דער אויסגעצויגענער האַנט צו זיינע מילכפלעשער: ער מוז עפּעס טאָן קעגן דער גנבה. דאָס האָט אים נישט געלאָזט דערשלאָפן זיינע קורצע נעכט. ער איז אַפּגעזעסן אין פאַרבאָרגענע ערטער, געפּטרט די טייערע שעהען פון רו, ביז ער האָט זיינס דערגרייכט.

אין אַ פאַרטאָג איז צו בינעמס אָנגעשפּיצט געהער דערגאַנגען אַ טיף אָטעמען און שווערע טריט איבער די זאַמדן. אַ געשטאַלט איז אָנגעקומען, טראָגנדיק אין דער האַנט אַן איינגעדרייטע לאַמטערנע, געבליבן שטיין ביי די קעסטלעך און אין אַ טאָרבע אָנגעהויבן אַריינשטעלן פלעשער מיט מילך.

— דו נאַכט־שומר! אָנשטאָט צו פאַרהיטן פון גנבות, פאַרנעמסטו זיך אַליין מיט גנבענען?

אַן איבעראַשטער פון זיין דורכפאַל האָט דער נאַכטוועכטער גענומען מיט בינעמען פאַרהאַנדלען וועגן שאָדן.

בינעם האָט אָפּגעאָטעמט, געהאָפט, אַז ער וועט שוין קאָנען רויק שלאָפן, אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווידער האָבן אים געפעלט פלעשער מיט מילך. דאָס מאָל נישט פון ערשטן, נאָר פון צווייטן קעסטל. פאַר וואָס אַזאַ אויסגערעכנטע גנבה? יעדן טאָג דאָס זעלבע, אָבער ערב שבת — מער ווי אַלע טעג. וועט ער ווידער דאַרפן פּטרן זיינע נישט־דערשלאָפענע נעכט? די גנבה האָט אים פאַרפאַלגט, נישט געגעבן רו.

איז בינעם ווידער אַרויס אין די פינצטערע פאַרטאָגן און אָפּגעזעסן שעהען, אויסגעקוקט זיינע אויגן פון דער באַהעלטעניש, אויסגעפּרוווט פאַרשידענע איינפאַלן איבערצוקליגלען דעם גנב, אָבער די מיסטעריעזע האַנט האָט געשלעפּט פלעשער מילך און ווי מיט אַ כישוף פאַרשטעלט זיינע אויגן, ביז בינעם איז מיד געוואָרן. זיין אַמביציע צו אַנטדעקן דעם גנב האָט ער נישט אויפגעגעבן, נאָר אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

ביז וואַנען אַ קונה, אַ פרוי וואָס האָט געוווּסט, אַז מען גנבעט ביי בינעמען מילך, איז אַריין אין געוועלב און דערציילט אַזאַ מעשה:

— פאַר טאָג בין איך אַרויס פון שטוב כדי צו פאָרן אויסער דער שטאָט. אין דער טונקל האָב איך געזען אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך דער־נענטערט צו דער וואַנט פון אייער געוועלב און איז געבליבן שטיין ביי די קעסטלעך מיט מילך. איך האָב מורא געהאַט ווייטער צו גיין. טאָמער, חלילה, איז דאָס אַ רויבער, אַ מערדער. בין איך אַרונטער אונטערן בוים און מיט פחד דערזען איך, ווי דאָס געשטאַלט שאַרט זיך אַרויס פון הינטער דער וואַנט, און טראָגט זיך אָפּ מיט שנעלע טריט מיט די פלעשער מילך אין די קעשענעס. ווו, מיינט איר, איז ער געגאַנגען? גלייך צום דאַווענען...

— איר זענט זיכער אין דעם? — האָט בינעם געפרעגט מיט אומ־צוטרוי צו אירע רייד.

— וואָס, איר גלייבט מיר נישט? איך האָב אויך זיך נישט געגלייבט, ביז מיינע אויגן זענען אים נאָכגעגאַנגען צו דער טיר ווו ער איז אַריין מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם.

— געדענקט איר זיין אויסזען?

— אַוודאי געדענק איך: אַ הויכער, אין אַ לאַנגן מלבוש, מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. אויך זיינע אַראָפּגעלאָזטע ברילן אויף דער נאָז האָב איך געזען, ווי ביי טאָג...

דער אָ, מיט דער יאַרמלקע אונטערן קאַפּעליוש — האָט בינעם מיט ספק אַ טראַכט געטאָן — דער פרומער ייִד, וואָס קומט צו אים אַריין איינקויפן באַלד נאָכן דאַווענען? דער בן־תורה, מיט די צייכנס פון תפילין־לייגן אויף זיין נאַקעטער לינקער האַנט? ווי מעג ער, בינעם, דערלאָזן אַזאַ געדאַנק?

בינעם האָט אָבער גוט געקענט די פּרוי, וואָס איז נישט געווען מסוגל אויסצוטראַכטן אַזאַ בילבול. איז אים די מעשׂה נישט אַרויס פֿון קאָפּ. ער האָט דעם ייִד אָנגעהויבן נאָכקוקן ביים איינקויפֿן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער גאַנצער דרך־ארץ, וואָס בינעם האָט געהאַט פֿאַר דעם ייִד מיטן פֿרומען פּנים, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די פֿאַרדראָסיקע רייד האָבן זיך געריסן פֿון בינעמס מויל:

— ווי פֿאַרט זיך אייער אָפּהיטן ייִדישקייט מיט דעם וואָס איך האָב געפֿונען אין אייער טאַש נאָכן חשבון? און געגנבעטע פֿלעשער מילך אונטערן טלית ביים דאַווענען?

אַ צעטומלטער האָט דער ייִד געכאַפּט זיין פּעקל און איז אַרויס פֿון געוועלב.

די קונים אַרום האָבן מיט אומהיימלעכקייט געקוקט צו די זאַכן אויפֿן טיש, וואָס דער ייִד האָט געוואָלט פֿאַרלייקענען. עפּעס ווי אַן אינערלעך שולדגעפֿיל וואָלט אַלע באַהערשט פֿון דעם ייִדנס זינד, אַ באַדויער, פֿאַר וואָס אַזאַ נישט אָנגענעמע זאַך האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען דווקא אין זייער אָנוועזנהייט.

שפּעטער האָט אין בינעמען זיך דערוועקט אַ געפֿיל פֿון באַדויער. אים האָט באַנג געטאָן פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי שאַרף רעאַגירט קעגן דער גנבה. אפֿשר האָט ער געדאַרפֿט מיט אַנדערע ווערטער, מער איינגעהאַל־טענער, דעם ייִד אויפֿמערקזאַם מאַכן, געבן אַ רמז אויף זיין נישט־אָרנטלעכקייט, נישט געדאַרפֿט אים דערפֿירן צו אַזאַ פֿאַרלוירענעם אויס־זען מיט אַזעלכע פֿאַרשעמטע בליקן. בינעמען האָט פֿאַרקלעמט ביים האַרצן: ער האָט מבֿזה געווען אַ מענטש, פֿאַריאָגט פֿון זיין טיר, ער האָט אָבער שוין נישט געקאָנט אַנדערש מאַכן. ס'איז געווען נאָך דעם.

די שווערע געפֿילן זענען געוואָרן פֿאַרשטויסן דורך די נייַע קונים וואָס האָבן נישט געהערט און נישט געזען, זענען דערביי נישט געווען. די פֿריש־אָריינגעקומענע האָבן בינעמען נישט געדאַרפֿט זען מיט אַ פֿאַר־זאָרגט פּנים; ווי שטענדיק האָט ער געדאַרפֿט ענטפֿערן געמיטלעך, זיין העפֿלעך, גוטווייליק צו אַלע, בפֿרט צו אַזעלכע, וואָס זענען צו אים אַריין מיט אַ שמייכל, מיט אַ גוט וואָרט, היימיש, פֿריינדלעך.

און ווידער אַן אַנגעלאָפענער געדאַנק, אַן אויפגעבליצטע מחשבה: פאַר וואָס חרטה האָבן? האָט דער ייִד נישט געגנבעט? נישט אַנגעמאַכט אים צרות, עגמת־נפשן, נישט דערשלאָפענע נעכט? זאָל ער חרטה האָבן פאַר שטראָפן אַ מענטש ביים גיין אויף אַ שלעכטן וועג? אָדער זיין צופרידן, וואָס אַזאַ איינער וועט מער צו אים נישט אַריינקומען און נישט זיין צווישן זיינע קונים?

בינעם איז שוין געווען איינגעוווינט מיט די גערוכן פון זיין געוועלב: מילך, קעז, ברויט, הערינג, געווירצן, אַן אַ צאָל נישט געוואַשענע גלעזלעך און פלעשער, קעסטלעך מיט פאַרזויערטע ריחות — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין שאַרף־געדעמפטן גערוך. פאַר אַ פרעמדן האָט עס אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז, אָבער פאַר בינעמען איז עס געווען זיין לופט, מיט דעם האָט ער אין זיינע לאַנגע אַרבעטסטעג געאָטעמט.

נישט בלויז מיט די ריחות פון זיין קראָם האָט בינעם זיך געדאַרפט איינלעבן, נאָר אויך מיט דער אַטמאָספער, וואָס זיינע קונים האָבן געשאַפן אַרום אים: דאָס שטופן זיך צום טיש, די אומגעדולדיקייט ביים איינקויפן, אָדער די קליינלעכע קאַפריזן פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף אים אָנגעהאָנגען ווי אַ שווערע לאַסט. צו דעם האָט בינעם אַרויסגעוויזן די גרעסטע מאָס פון געדולד, אַנדערש, האָט ער איינגעזען, וועט פאַר אים נישט מעגלעך זיין איינשטיין אויף דעם אָרט.

בלויז מיט איין סאָרט מענטש איז בינעם גרייט געווען צו פירן אַ מלחמה. ביי פאַלן פון גנבה איז דער שטילער, איינגעהאַלטענער בינעם געוואָרן אַנגעפילט מיט צאָרן. אַזאַ איינעם האָט ער אָפגעשטויסן פון זיך ווי אַ קרעציקן.

נאָך דעם פאַרטריבענעם ייִד מיט די געגנבעטע פלעשער מילך, ווען בינעם איז שוין געווען באַרויִקט און נישט געדאַרפט אָנקוקן מער זיין פאַלש פנים צווישן די קונים, איז אים ווידער געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן, וואָס האָבן באַשיינפערלעך געזען טאָג־טעגלעך דאָס זעלבע זיך איבערחזרן.

אַ נייע ביטערע אַנטוישונג: זיין געשווירענער קונה — אַ באַיאָרטער

ייִד, אַ שומר מצוות, אַ בעל־תפילה פאַרן עמוד, אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט צו שטאָלצירן מיט זיין ייִחוס, דער, מיט וועמען בינעם האָט געפירט אָפטע געשפּרעכן וועגן יושר און מאָראַל, אויסגעהערט זיינע שיין־דערציילטע מעשיות פון אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד, דער קליינגע־וויקסיקער ייִד מיטן גרויסן פליושענעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם — זאָל פאַרלייקענען אַ טייל פון דעם, וואָס ער קויפט איין יעדן פרימאָרגן?

מיט ווייטיק און צער האָט בינעם אַרומגעטראָגן דעם חשד אין זיך און נישט געוואָלט אים אַרויפברענגען אויף זיינע ליפּן. האָט דאָך בינעם אַליין געזען, אַז ביים נעמען זעמל צעטיילט זיי דער ייִד, איינעם — אין קעשענע, דעם צווייטן — אין האַנט, און דאָס זעלבע — ביים קלויבן אייער: איינס פאַרן אויג, דאָס צווייטע — אין הויזן־קעשענע, און אויך ביים איינקויפן אַנדערע קליינע פּראָדוקטן וואָס האָבן געפונען אַן אָרט אין די טיפע קעשענעס.

וואָס זאָל ער מאַכן מיט דעם ייִד? אים פּשוט אַרויסוואַרפן, מבייש זיין? האָט ער דאָך שוין איין מאָל אַזוי געטאָן, האָט עס אים געקאָסט אַ סך געזונט, ביז ער האָט זיך געפונען פאַרן גערעכטן. בינעם איז אַריין אין קלעם: פון איין זייט די שאָדנס, און פון דער צווייטער זייט האָט ער נישט געפונען ביי זיך גענוג כוח מבייש זיין אַ פאַרהיימישטן מענטש. בינעם האָט זיך אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין: ער, מיט זיין האַרטער פאַרגאַנגענהייט, זאָל ווערן געפּאַנגען פון אַזעלכע ווייכע געפילן מיט נאָכ־טראַכטענישן: וואָס וועלן זאָגן די שכנים פון דעם הויז, אַלע בינעמס בכבודיקע קונים, אַנגעזעענע אַלטע תושבים, צווישן וועלכע דער ייִד איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ שכן מיט אַ גוטן שם? וואָס פאַר אַ פּנים וועט בינעם ביי זיי האָבן? בינעמען איז איינגעפאַלן זיך אַ שפּיל טאָן מיט דעם ייִד, צו וועלכן זיין פריִערדיקע נאָענטקייט האָט זיך געביטן אויף אַן אָפּשטויסנ־דיק געפיל.

אָט דערזעט בינעם שטיין דעם ייִד ביי אַ קעסטל מיט אייער, ער קלויבט און וועגט מיט דער האַנט יעדער איי באַזונדער, קוקט מיט זייטיקע בליקן, צי בינעם איז שטאַרק פאַרנומען ביים פאַרקויף — און זיין האַנט פאַרבלאָנדזשעט מיט אַן איי אין דער הויזן־קעשענע. מיט וואַכע בליקן און

אָנגעצויגענע נערוון האָט בינעם געלאָזט דעם ייִד אויסשפּילן זיינע „שטיק״. פּלוצלינג, אונטער דעם ייִדס רוקן, איז בינעם אָנגעקומען מיט אַ פּאַר־מעליקטער האַנט.

— איר זענט אַראָפּ פון זינען? וואָס האָט איר געטאָן?! — האָט דער ייִד זיך צעשריגן.

— אדון — האָט בינעם אים אָפּגעענטפערט — זייט אַ ביסל מער פאַרזיכטיקער ווען איר גייט פאַרביי לעבן אַ זעקל מיט מעל.

— אויף ריין מאַכן האָב איך מיינע אייגענע הענט — האָט דער ייִד זיך געבייזערט.

— אפשר זענען אייערע הענט שמוציק — האָט בינעם זיך געמאַכט תמעוואַטע — אַנשטאָט מיר דאַנקען, זענט איר גאָר אין כעס...

דערפילנדיק די קלעפּיקע נאַסקייט וואָס איז זיך צערונען איבער דער לענג פון די הויזן, האָט דער ייִד, אַ צערודערטער, זיך געאיילט מאַכן אַ חשבון און אַרויס פון געוועלב לאָזנדיק נאָך זיך געדיכטע שפּורן פון געלע טראָפּנס...

בינעם האָט הנאה געהאַט פון זיין איינפאַל. איצט וועט דער ייִד פאַר־שטיין דעם רמז...

צו מאָרגנס איז געקומען איינקויפן דאָס ווייב. זי איז אַריין מיט אַ גאַנצער טענה צו בינעמען פאַר וואָס ער קאַרגט פאַר איר מאַן אַ גרעסער בייטעלע פאַר די אייער. אַ טייל האָט ער געמוזט ברענגען אין קעשענע און ער איז אַהיימגעקומען מיט פלעקן אויף די הויזן, וואָס זי האָט קוים דערוואַשן...

—— אַזוי גאָר! — האָט בינעם אַ הייב געטאָן די אַקסלען — איך האָב נישט געוווסט, אַז אייער מאַן קאָן נישט דערגיין ביז דער שטוב מיט צען אייער.

— און די איבעריקע, וואָס זענען נישט אַריין אין דעם קליינעם בייטעלע — האָט די פרוי מיט אַ ברוגזן טאָן בינעמען פאַרגעוואָרפן — מוזן אין שטוב אַריין דערגיין צעקוועטשטע?

בינעם מיט אַ נאַיִוו שמייכעלע:

— די צען אייער אין בייטעלע האָט איר באַקומען גאַנצע?

— יאָ — האָט די פרוי געענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק בינעמס כוונה.

— אויב אַזוי, זאָגט אייער מאַן, אַז ער דאַרף מיר באַצאָלן פֿאַר די איבעריקע אייער. אין חשבון איז דאָ נאָר פֿאַר צען...

— איך פאַרשטיי נישט אייערע צעדרייטע חשבונות — האָט די פרוי געשאָקלט מיטן קאָפּ — גלייבט יאָ, גלייבט נישט, אָבער איך וויל נישט, אַז מיין מאַן זאָל פון אייער געוועלב קומען מיט צעקוועטשטע אייער...

בינעם האָט דער פרוי פאַרזיכערט, אַז ער וועט שוין מער נישט קאַרגן איר מאַן אַ גרעסער בייטעלע...

עטלעכע טעג זענען אַריבער ביז דער ייִד איז ווידער געקומען איינ־קויפן. בינעם האָט נישט געגעבן צו דערקענען, וואָס צווישןביידע איז פאָרגעקומען. דער ייִד האָט ווי שטענדיק אַלץ איינגעקויפט, אַחוץ אייער. אָבער ביי דער גלעזערנער שאַפּקע וואָס האָט געשמעקט מיטן ריח פון פרישע זעמל, האָט דער ייִד נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון עפּעס אַראָפּצולאָזן אין טאַש. ער האָט נישט געפילט, אַז בינעמס אויגן פאַר־פאָלגן אים.

ביים איבערקוקן דעם חשבון האָט דער ייִד אויסגעפונען אַ טעות.

— היתכן — האָט דער ייִד זיך געוווּנדערט — איר פאַרגעסט אַז איך בין אַ בוכהאַלטער. פאַר וואָס געפינט זיך אין חשבון מער מיט איין זאַך?

— טאַקע דערפאַר, ווייל איר קענט גוט חשבונען, דאַרפט איר וויסן אַז דאָ איז קיין טעות נישט פאַראַן...

— וואָס מיינט איר מיט אייערע רייד?

— איך מיין, איר זאָלט צו דעם חשבון צוגעבן דאָס פלעצעלע מיט מאַן, וואָס איר האָט, מיין איך, פאַרגעסן אַרויסצולייגן אויפן טיש...

— אוי — האָט דער ייִד זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים שטערן — איר האָט רעכט. גוט, וואָס איר האָט מיך דערמאָנט... טאַקע פאַרגעסן...

דערפילנדיק אַז ער האָט פאַרלוירן ביי בינעמען זיין פריִערדיקן חן און כבוד, האָט דער ייִד אָנגעהויבן אויסמיידן בינעמס געוועלב.

יעדן פרייטיק פאַר טאָג איז בינעם געקומען אָפּנעמען די הונדערטער

חלות מיט ברויטן, גלייך פון וואָגן אין געוועלב אַריין, איז ער אַ מאָל פאַרשלאָפן, האָט ער דאָס געבעקס געפונען צעלייגט פאַר דער טיר פון געוועלב, דאָס האָט בינעם נישט געקאָנט פאַרטראָגן. דער עול פון אָפּנעמען די חלות פלעגט אים אויפרייסן פון שלאָף.

דאָס איז געווען דער איינציקער טאָג אין דער וואָך ווען בינעם איז אויפגעשטאַנען פריִער ווי יעדן טאָג, כדי ער זאָל מיט אַ רויִק געוויסן קאָנען פאַרקויפן זיינע קונים אַ חלה, וואָס איז נישט באַרירט געוואָרן פון אַ קאַץ אָדער אַ מויז, וואָס האָבן געראַיעט אַרום די זיך בויענדיקע הייזער.

אין אַזאַ ערב־שבתדיקן טאָג איז בינעם ווי אַלע מאָל אַרויס פון שטוב ווען אַרום האָט נאָך געררוט די נאַכט. אַן אומרויִקע שטילקייט איז געלעגן צעשפּרייט איבער די זאַמדפעלדער. ערגעץ פון דער טיפקייט האָבן שאַקאַלן מיט אַ טרויעריקן געיאָמער געגעבן צו וויסן, אַז די נאַכט געהער צו זיי. די אויפגעבויטע ווענט פון די נייע בנינים האָבן מיט זייער צעשפּרייטקייט נאָך מער פאַרטונקלט די אויגן. די אַרויסשטאַרנדיקע זיילן פון דער ערד האָבן דערמאָנט אין מצבות אויף אַ וויסטן בית־הקברות.

איבערגעטראָטן די שוועל פון געוועלב — איז בינעם באַלד אַריין אין דער אַרבעט: ריין געמאַכט דעם טיש, צוזאַמענגעשטעלט אין הויכע רייען די קעסטלעך, אַרויסגעקערט די אָנגעטראָגענע זאַמדן — איבערגעבליבענע רעשטלעך פון נעכטיקן נישט פאַרענדיקטן לאַנגן אַרבעטסטאָג. פאַרן אָנקומען מיט די חלות, איז ער אַריין אין קיכל זיך מאַכן אַ גלאָז וואַרעמס.

שטייענדיק מיטן פּנים צו דער אָנגעצונדענער גאַזמאַשינקע, האָט זיך בינעם דערמאָנט, אַז ער האָט נישט פאַרמאַכט די טיר אויפן קלאַפּשלאָס. ער האָט געוואָלט זיך אומקערן, אָבער אין דעם מאָמענט איז אויף זיין קאָפּ געפאַלן אַ טעמפּע זאַך. ווי אַ דערשראָקענע קאַץ האָט בינעם אַ שפּרינג געטאָן און זיך אָנגעשטויסן אין אַ גראָבער ייִדענע אין אונטערגעפּליקטע קליידער, מיט ווילדע, אַרויסגעזעצטע אויגן. זי האָט געהאַלטן דעם שטעקן פון בעזעם אין אירע אויפגעהויבענע הענט גרייט ווידער צום אַראָפּלאָזן איבער זיין קאָפּ. מיט אימפּעט האָט בינעם זיך געוואָרפן אויף דער געשטאַלט. אַרויסגעשטופּט זי פונעם ענגן קיכל אין געוועלב אַריין ביז דער טיר, אָבער די צעיושעטע פרוי האָט מיט אַ ווילדן כוח זיך פאַרמאָסטן אויף

בינעמען מיט אירע קרעפּטיקע הענט. בינעם האָט דערפֿילט די סכנה פֿאַר זיין לעבן, האָט ער געלאָזן אין גאַנג אַלע זיינע יונגע כוחות און געראַנגלט זיך מיט איר, ווי מיט אַ ווילדער חיה. בינעם האָט נישט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ, ער האָט געוואָלט זי באַזייטיקן פֿון געוועלב, אָבער די משוגענע האָט מיט אַלע כוחות אָפּגעשטופּט פֿון זיך די געעפֿנטע טיר. אַ צוגעדריקטע צו דער וואַנט, האָט בינעם געפּרוווט זי איינעמען: „וואָס פֿאַרלאַנגסטו? ביסט הונגעריק, וועל איך דיר געבן עסן, אָבער שטיל זיך איין". אָבער די משוגענע, ווי זי וואָלט נישט וועלן הערן זיינע ווערטער, האָט געענטפֿערט מיט קללות און אַ ווילד ברומען. אַלע קלעפּ פֿון בינעמס הענט און פֿיס זענען געפֿאַלן, ווי אויף אַ שטיק גומי אָן צו דערקענען ביי איר אַ סימן פֿון ווייטיק אָדער שרעק. ער איז געווען אַליין אין דעם זאַמדיקן דזשונגל אָן אַן אויסקוק אויף וועלכער עס איז הילף. און זי, אַ פֿאַרשטויסענע אין אַ ווינקל, האָט געקוקט מיט אויפֿגעריסענע אויגן און צוריקגעשליידערט דאָס ברויט וואָס בינעם האָט איר צוגעוואָרפֿן, זיך פֿאַרבאַריקאַדירט אונטערן באַרג צעשאָטענע קעסטלעך און פֿון דאָרט אַרויסגעקוקט מיט שטעכיקע בליקן.

אין דער סכנה באַזיגט צו ווערן דורך אַזאַ צעווילדעוועטע פּוריע, האָט בינעמען נישט פֿאַרלאָזט זיין מענטשלעך געפֿיל. אפשר לאָזן זי אָפּעטעמען, געווינען אַ ביסעלע צייט. אפשר וועט דער חלות־פֿאַרטיילער ענדלעך אָנ־קומען. אָבער קיינעם האָט ער נישט געהערט און נישט געזען אַחוץ דאָס ווילדע געשטאַלט מיטן צעעפֿנטן מויל גרייט אין אים זיך איינצובייסן. אַ קול אין אים האָט געוואָרנט נישט צעטומלט צו ווערן, נישט לאָזן זיך פֿאַנגען פֿון די אויסגעשטרעקטע הענט מיט די צענומענע פֿינגער.

בינעמס מחשבות זענען איצט אין אים אויפֿגעקומען מיט אַ בליציקער שנעלקייט. ער האָט געעפֿנט די טיר, איז אַרויס אין דרויסן און צוריק־געקומען מיט זשמעניעס זאַמד און דאָס אַ שליידער געטאָן אין איר פּנים. ווי דער סופֿיט וואָלט זיך איינגעבראָכן איבער איר קאָפּ, האָט זי זיך אָנגעהויבן ווערן מיט בלינדע באַוועגונגען, ווישן דאָס פּנים, ווערגן זיך, שפּייען און טרייבן דעם חושך פֿון די אויגן. בינעם האָט קיין מינוט נישט געוואָלט פֿאַרלירן פֿון דעם געוווּנענעם שאַנס. אַ באַזיגטע, האָט די משוגענע

זיך געלאָזט ציִען פֿאַר די צעשויבערטע האָר ביז אין דרויסן אַרויס, אויף די זאַמדן.

אַז בערנאַרד איז אָנגעפֿאָרן מיטן וואָגן חלות און דערזען בינעמען מיט אַ שטעקן אין האַנט אַנטקעגן אַזאַ געשטאַלט, האָט ער צעפּאַקעט די בייטש מיט אַ געפּייף אין דער לופֿט. דער משוגענער איז פֿון דעם באַפֿאַלן אַ פּחד און אַ בּאָרוועסע, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. בינעם האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

בינעמען האָט געפֿרייט דאָס האַרץ ווען אין איינעם אַ טאָג האָט ער דערזען אַנטקעגן זיין געוועלב אַ באַוועגונג פֿון מענטשן ביים אויסמעסטן די לענג און ברייט פֿונעם זאַמדיקן שטח וואָס איז שטענדיק געלעגן פֿאַר זיינע אויגן פּוסט און וויסט. אָנגעפֿאָרענע לאַסטאויטאָס האָבן אָנגעשאָטן הויכע בערג ערד, אַן אויפֿגעשטעלטער פּאַרקאַן האָט אַרומגענומען דאָס אָרט, ווו די רוישיקע מאַשינען האָבן מיט יעדן טאָג אַלץ טיפֿער זיך איינ־געגראָבן אין דעם אַרומגעצוימטן שטח. געמויערטע ווענט צווישן בעטאָנענע זיילן האָבן זיך אַ הייב געטאָן איבערן פּאַרקאַן, זיך צעוואַקסן אין דער הייך מיט פֿענצטער און טירן. דאָס ניי אויסגעבויטע הויז איז געווען דער ערשטער אָנזאָג צו באַהערשן די פּוסטע זאַמדפֿעלדער אַרום קרית־מאיר. פֿאַר בינעמס אויגן האָט אויפֿגעלעבט דער טויטער שטח. אַ פֿרייד האָט אָנגעפֿילט בינעמס האַרץ ווען ער האָט פֿון דער טונקל קעגן איבער דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ שיין פֿון די פֿענצטער. אים איז געוואָרן נענטער דאָס אָרט, זיין געפֿיל פֿון איינזאַמקייט אין די באַגינענס ביים עפֿענען די טיר פֿון געוועלב איז שוואַכער געוואָרן. ער האָט דערזען אַריינציִען זיך די ערשטע שכנים אין הויז. ווי אַ וואַנדערער אין מדבר, וואָס באַגעגנט אַ לעבעדיקן מענטש, אַזוי האָט בינעם אויפֿגענומען דעם ערשטן שכן פֿון דעם נייעם הויז וואָס האָט אין אַ באַגינען איבערגעטראָטן די שוועל פֿון זיין קראָם מיט אַ ליבלעכן „שלום“. געווען איז דער מאַן אַ נייער עולה פֿון באַגדאַד, אַן אַפּטייקער. ער האָט מיט בינעמען זיך צונויפֿגערעדט מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל.

נאָך נישט קיין באַשעפּטיקטער, איז עובדיה געווען שטאַרק אויסגע־

רעכנט ביים איינקויפֿן. בלויז דאָס נייטיקסטע אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות פֿון די זיבן קינדער, האָט ער מיטגענומען אין שטוב. מיט דער האַנט אויפֿן האַרץ האָט ער בינעמען געדאַנקט פֿאַרן אַרויסהעלפֿן אים אָנרופֿן די שפּייז־אַרטיקלען, און מיט יעדן מאָל אַריינקומען האָט דער נייער עולה מיטגעבררענגט נייע אויסגעלערנטע ווערטער. מיט יעדן טאָג איז בינעם געוואָרן מיט אים נענטער. ער האָט באַמערקט, ווי שטיל עובדיה טראָגט אין זיך דעם ווייטיק פֿון זיין אויסגעוואָרצלטן לעבן אין אַראַבישן לאַנד צוזאַמען מיטן שווערן איבערפֿלאַנצן זיך אין דער נייער היים. בינעם האָט אים גוט פֿאַרשטאַנען, מקרב געווען, געפֿירט מיט אים שמועסן. נאָך יעדן אַזאַ צונויפֿרעד איז עובדיהן לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה.

— עובדיה, זאָג מיר — האָט בינעם, בלייבנדיק מיט אים אַליין אין געוועלב, געפֿרעגט — דו קויפֿסט בלויז ברויט און מילך. דאָס איז דאָס עסן פֿון דיינע קליינע קינדער?

עובדיה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פֿאַרענטפֿערט:

— אויך אויף דעם פֿאַרדין איך נישט. מען פֿאַרקויפֿט פֿון זיך אַראָפּ פֿאַרן שטיקל ברויט...

בינעמען האָט אַ נאָג געטאָן ביים האַרצן.

— זיי נישט געפֿאַלן ביי זיך, עובדיה, נעם פֿון די זאַכן, וואָס איך האָב אין קראָם און גיב דיינע קינדער. מיט דיינע קענטעניש, בין איך זיכער, וועסטו באַקומען אַרבעט, ביז דעמאָלט נעם ביי מיר אויף באָרג.

עובדיה איז אַ ווײַלע געבליבן שטיל. זיינע אויגן זענען אים פֿאַרלאָפֿן מיט פֿייכטקייט.

— אדון בינעם, דיינע ווערטער האָבן מיך טיף געריהרט. כ׳בין שוין איבער אַ האַלב יאָר אין לאַנד, און פֿון קיינעם נאָך האָב איך נישט געהערט אַזוי רעדן צו מיר.

בינעם איז אַריין אין עובדיהס רייד מיט אַ פּראַקטישן פֿאָרשלאָג:

— שפּיל זיך נישט מיט דיינע סענטימענטן. פֿון דעם וועלן די קינדער אין שטוב נישט זאַט ווערן. זאָג, וואָס זאָל איך אַרויפֿלייגן אויפֿן טיש?

עובדיהס פּנים איז געוואָרן אויפֿגעלעבטער, דער פֿריִערדיקער אומעט איז פֿאַרשווונדן. מיט שנעלע טריט איז ער אַריבער די זאַמדן און געבראַכט

מיט זיך דאָס ווייב — אַ שטילע מיט דערפּרייטע אויגן. בינעם האָט אָנ־געפּילט זייערע ליידיקע קיישלעך מיט שפּייז־אַרטיקלען און פאַרשריבן דעם ערשטן חוב אויף עובדיהס קאָנטע.

נאָך יעדער וואָך איינקויפן, האָט עובדיה געוואָלט וויסן מיט וויפל זיין חוב האָט זיך פאַרגרעסערט. אַז בינעם האָט געזען עובדיהס איבערנעמען זיך, האָט ער דאָס געמאַכט צו קליינגעלט:

— וואָס זאָרגסטו, עובדיה. זעסט דאָך, איך גיב דיר מיט אַ גוטן ווילן, אָן דעם מינדסטן חשד פאַרן חוב...

עובדיהן האָבן בינעמס רייד וויניק פאַרלייכטערט זיין געפיל, אַז ער עסט געבאָרגט ברויט, מיט וואָס ער איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געפּרוּווט געוואָרן.

אפשר דערפאַר האָט בינעם זיך באַצויגן צו עובדיהן מיט נאָך מער איבערגעגעבנקייט און צוטרוי, ווי צו זיינע בעסטע קונים. פאַר עובדיהס ערלעכקייט האָט בינעם געהאַט גרויס דרך־ארץ, אים געשעצט פאַר זיין אויפריכטיקייט. אַז בינעם האָט עובדיהן פאַרגעלייגט נייע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס ער האָט אַריינבאַקומען, האָט עובדיה זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען מער ווי דאָס נויטבאַדערפטיקסטע. די עטלעכע פרישע זעמעלעך, וואָס בינעם האָט פון זיין פרייען ווילן צוגעלייגט פאַר די קליינע קינדער, האָט עובדיה אָוועקגעשאַרט פון זיך. „וועסט איין מאָל זיי געבן עפּעס בעסערס — האָט ער געזאָגט — וועלן די קינדער דאָס זעלבע פאַרלאַנגען יעדן טאָג".

אַזוי האָבן זיך געצויגן לאַנגע וואָכן. עובדיהס חוב האָט זיך געצויגן איבער גאַנצע זייטלעך פון חובות־בוך. בינעם האָט דעם חשבון נישט פאַר־סכהכלט, כדי נישט צו באַאומרויִקן זיין שכן.

אין איינעם אַ טאָג איז עובדיה אַריין אין געוועלב און געבעטן צוגרייטן דעם חשבון. ער האָט געוואָלט וויסן וויפל ער איז שולדיק.

— סוף־סוף וועל איך קאָנען דיר באַצאָלן דעם חוב.

— אדון עובדיה — האָט בינעם אַ זאָג געטאָן מיט תרעומת — האָסט מיר גאָרנישט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דו האָסט שוין אָנגעהויבן פאַר־דינען. איך וואָלט פון דעם געהאַט פרייד.

— אָך, ווען איך הייב שוין אָן פֿאַרדינען! — האָט עובדיה געשאָקלט דעם קאָפּ — מיין שטוב וואָלט אויפגעלעבט.

— איך פֿאַרשטיי נישט די כוונה פון די רייד — האָט בינעם געקוקט אויף עובדיהן.

— ס'איז מיר נישט אָנגענעם צו דערציילן דיר פון וואַנען איך וועל באַקומען דאָס געלט צו באַצאָלן דעם חוב.

בינעם האָט נישט אָוועקגענומען זיינע אויגן פון עובדיהס פּנים:

— אפשר קאָן איך דאָס יאָ וויסן — איז בינעם נישט אָפּגעשטאַנען — איך וויל דאָס געלט פון דיר באַקומען אין אַ בעסערער שטימונג, ווי איך זע דיך איצט.

עובדיה איז געבליבן שטיין אומעטיק פֿאַרטראַכט און זיך אָנגערופן:

— אדון בינעם, מיר זענען דאָ עלנטע מענטשן. ווי איך זע, האָבן מיר אין דיר און אין דיין ווייב רחל געפונען גוטע ידידים. עפן איך פֿאַר דיר מיין האַרץ: מיר האָבן שוין אויספֿאַרקויפט פון שטוב פֿאַרשידענע חפצים. איצט איז אונדז געבליבן צו פֿאַרקויפן בלויז דאָס ייִנגסטע מיידעלע, רבקה. אין אַזאַ נויט איז נישט מעגלעך צו האָדעווען אַזאַ קליין קינד. זי רייסט זיך אָן אָן אויפהער, און מיר האָבן נישט מיט וואָס איינצושטילן איר געוויין. איר פעלן די נייטיקסטע וויטאַמינען, מיט וואָס זי צו שטאַרקן. זאָג מיר, מיין ידיד, וועלכער וועיטיק איז גרעסער: טאָג און נאַכט צוזען זיך דערצו, אָדער איין מאָל איבערלעבן דאָס אָוועקגעבן דאָס קינד אין פרעמדע הענט?

איבער בינעמס לייב איז אַדורך אַ ציטער, ער איז אַרויס פון הינטערן טיש, זיך געשטעלט אַנטקעגן עובדיהן און אים אַריינגערעדט אין פּנים:

— ווילסט באַגיין אַ פֿאַרברעך קעגן זיך און דיינע קינדער? גייסט פֿאַרקויפן אַ שטיק פון דיין לעבן? היינט איז דיר שלעכט, מאָרגן קאָן דיר גוט זיין. וואָס וועלן זאָגן דיינע קינדער ווען זיי וועלן אויסוואַקסן? וואָס וועט מיט יאָרן שפּעטער זאָגן דאָס מיידעלע, ווען זי וועט זיך דער־וויסן, אַז איר טאַטע־מאַמע האָבן זי פֿאַרקויפט פֿאַר געלט? און דו מיט דיין פרוי וועלן אַזוי גיך אין דעם פֿאַרגעסן? עס וועט אייך נישט פּייניקן דאָס געוויסן? ביסט אַ געלערנטער מענטש, מיט פֿאַרשטאַנד, מיט אַ מענטשלעך געפיל, טו דאָס נישט!

— און אַז דאָס קינד וועט קראַנק ווערן אָדער שטאַרבן פון נישט דערעסן, וועט מיר בעסער זיין? — האָט עובדיה, אַ געטראָפּענער פון בינעמס רייד, זיך געוואָלט מאַכן גערעכט.

— ניין! — האָט בינעם אויסגערופן אַן אויפגעבראַכטער, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין גורל פון זיין אייגן קינד — דיין מיידעלע וועט פון דעם נישט שטאַרבן! ברענג מיר אַ רשימה פון די שפּייזן, אין וועלכע דיין קינד נייטיקט זיך, וועל איך דאָס איינפירן אין געוועלב צו פאַרקויפן און דיך באַפרייען פון די שווערע זאָרגן. דעם חוב וועסטו מיר באַצאָלן פון דיינע פאַרדינסטן, נישט פון אַזאַ פּסול געלט...

עובדיה איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער אין מיטן פון געשפּרעך. פאַר זיין אַריינקומען האָט ער זיך דאָס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט. געמיינט האָט ער, אַז בינעמען וועט דערפרייען דער אָנזאָג פאַרן באַקומען זיין געלט. צום סוף אַזאַ איבערראַשונג! בינעם דער קרעמער, וועמען ער איז שולדיק געלט, האָט זיך גאָר אַזוי שטאַרק פון דעם איבערגענומען, אים געשטראָפט, געמוסרט, געוואָרנט, געזען אין דעם אַ פאַרברעך.

עס זענען אַריבער עטלעכע טעג. עובדיה איז נישט געקומען איינקויפן. געשיקט האָט ער די עלטסטע פון די זיבן קינדער, מיט אַ צעטעלע אין האַנט, אַ רשימה פון די פּראָדוקטן, אין וואָס די שטוב האָט זיך גענייטיקט. בינעם האָט צו דעם צוגעלייגט אַ פּושקע פּודערשפּייז פאַר קליינע קינדער, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי אים אויף דער פאָך צום פאַרקויפן. אַן איבער־גענומענער פון בינעמס געדענקען אין זיין יינגסטן קינד, איז עובדיה אַריין אים באַדאַנקען און אויך מודיע זיין, אַז ער האָט ענדלעך שוין באַקומען אַרבעט אין אַן אַפּטייק פון קופּת־חולים. דער עיקר האָט ער זיך געוואָלט גרויסן מיט דער קליינער בלאַסער רבקהלען אויף דער האַנט און זאָגן בינעמען, אַז זי לעקט אויס די פּולווערשפּייז, וואָס ער האָט פאַר איר געשיקט, און נאָך עפּעס — ווייזן בינעמען, אַז זיינע רייד האָבן געווירקט.

ווען עובדיה האָט אָפּגענומען דעם ערשטן חודש־געהאַלט, איז ער דערמיט אַריין צו בינעמען נאָך איידער ער איז געקומען דערמיט אין שטוב, און דעם גרעסטן טייל האָט ער אָפּגעגעבן אויפן חשבון פון זיין חוב.

— נו, אדון עובדיה, ווער איז געווען גערעכט? — האָט בינעם געפֿרעגט מיט סאַטיספֿאַקציע.

עובדיה האָט אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט מיט אַ נאָכגיביקן טאָן:

— איך שעם זיך דיר צו ענטפֿערן, אָבער איך מוז מודה זיין אַז שטענדיק איז בעסער ווען אַ מענטש רעאַגירט מער מיטן שכל, ווי מיט זיינע עמאָציעס. וועגן דעם האָב איך נישט ווייניק געלערנט, אָבער אין מיינע שווערע טעג האָט מיר דער קאָפּ נישט געדינט.

מיטן שפּראָץ פֿון באַגינען האָט שוין בינעם זיך אַרומגעפּאַרעט אויף די זאַמדן אַרום זיין געוועלב. דער קילער דרויסן האָט אָפּגעפֿרישט זיין נאָך פֿאַרשלאָפֿן פּנים. מיט פֿלינקע טריט האָט ער איבערגעטראָגן פֿון די זאַמדן אין געוועלב אַריין די אָנגעשטעלטע קעסטלעך מילך און מילכיקע פּראָדוקטן.

אַז בינעם האָט פֿאַר דער טיר אויף אַ מינוט זיך אָוועקגעשטעלט אָפּעטעמען, האָט ער ערשט רעכט דערזען, ווי דער דרויסן אַרום אים הייבט אָן טוישן זיין אויסזען. פֿון דער לינקער זייט פֿאַרענדיקט זיך דאָס לעצטע הויז פֿון דער לאַנגער שורה בנינים, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין די ערשטע. אין דער פֿאַריאָגעניש ביי דער אַרבעט האָט ער קיין צייט נישט געהאַט רעכט זיך אומקוקן וואָס אַרום אים ווערט אָפּגעטאָן. ערשט ווען קיינער האָט אים נישט געשטערט, האָט ער זיין בליק אַ פֿיר געטאָן איבער די טיפֿקייטן און דערזען, ווי אַזוי מענטשן האָבן זיך פֿאַרמאָסטן איינצונעמען דעם מדבר, אים באַוועלטיקן און איינשליסן אין דער ניי־אויפֿקומענדיקער שטאָט תל־אביב.

פֿון די דערנעבנדיקע הייזער־סקעלעטן האָט בינעם דערזען אָנקומען אַ מיטליאָריקע פֿרוי איינגעהילט אין אַ ווינטער־מאַנטל. זי איז געגאַנגען געבויגן, ווי זי וואָלט עפּעס געטראָגן אויף זיך. דאָס פֿאַרריסענע פּנים איז געווען אָנגעשטעלט צו בינעמען. כאָטש אַ פֿאַרטוענער אין דער אַרבעט, האָט ער נאָכגעפֿאָלגט די אָנקומענדיקע פֿרוי. זי איז געבליבן שטיין לעבן אים און מיט בלאָע ציטערנדיקע ליפּן קוים אַרויסגערעדט: „איך בין הונגעריק". נאָך אַ וואָרט האָט איר מויל נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

פֿאַר בינעמען זענען געגוג געווען די עטלעכע ווערטער. ער האָט איר אָנגעוויזן אויף דער אָפענער טיר פֿון געוועלב, געגעבן איר אַן אָרט ביי אַ טישל, אויף גיך געמאַכט אַ וואַרעמען טרונק, אָנגעשמירט ברויט מיט פּוטער און קעז. אַ זאַטע און צעוואַרעמטע איז זי שנעל געקומען צו זיך. אַ באַחנט פּנים האָט אויף אים געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט און נישט גע־קאָרגט קיין לויבווערטער פֿאַר זיין גוטהאַרציקייט.

— פֿאַר וואָס געפֿינט איר זיך אין אַזאַ לאַגע?

די פֿרוי האָט טיף אָפּגעזיפֿצט און געענטפֿערט אויף אַ היימיש ייִדיש לשון:

— איך זע, אַז איר זענט אַ פֿאַרנומענער מענטש, וועל איך אייך ענטפֿערן אין צוויי ווערטער: איינזאַם און היימלאָז.

— לאַנג אין לאַנד?

— באַלד נאָכן צווייטן וועלטקריג.

— אַן אָפּגעראַטעוועטע פֿון חורבן?

— יאָ, אין רוסלאַנד.

— פֿאַר וואָס זענט איר אָן אַ היים?

— מיין מאַן האָט מיך געשלאָגן און פֿאַרטריבן.

— איז ער אויך אַ ניצול־געוואָרענער פֿון חורבן?

— ווען ער וואָלט דאָרט געווען, וואָלט ער געוווּסט מיך צו שוינען.

בינעם האָט אויסגעהערט די פֿרוי מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ. ער האָט דערזען איר אויסגעצויגענע האַנט מיטן געלט פֿאַרן עסן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו נעמען.

— ווען מען העלפֿט וועמען אין אַ נויט, נעמט מען נישט דערפֿאַר באַצאָלט.

— פֿון נאָך די לאַגערן האָב איך נאָך ביז איצט אין מיין מויל נישט גענומען אַ געשענקט שטיקל ברויט. איר זענט אַ קרעמער. איך בעט אייך, נעמט וויפֿל אייך קומט.

— איך וועל אייך געבן עפּעס צו טאָן אין געוועלב, וועט עס הייסן ווי באַצאָלט.

— יאָ — האָט די פֿרוי אין דעם זיך אָנגעכאַפּט — איך בין מסכים.

בעת דער אַרבעט האָט די פּרוי זיך אויסגעווייַנט דאָס האַרץ איבער דעם שווערן לעבן אין לאַנד. אָן אַנטוישטע, האָט זי באַשלאָסן צו פֿאָרן צוריק קיין רוסלאַנד.

— אַהין אויפֿן בית־עולם? ווו ייִדיש לעבן איז אונטערגעגאַנגען?

— אָט בין איך דאָך צווישן ייִדן, און כ'גיי אַרום אַ געשלאָגענע — האָט די פּרוי אָפּגעדעקט איר אַקסל מיט בלאָע צייכנס.

— אין דעם איז שולדיק אייער מאַן, נישט דאָס לאַנד, מיט אים האָט איר שלעכט געטראָפֿן, נישט מיט דער מדינה. נעמט אייך דערווייל צו צו דער אַרבעט. שפּעטער וועט מען זען וואָס ווייטער צו טאָן פֿאַר אייך.

בינעם האָט דערפֿילט אַ דערלייכטערונג. ס'האָבן זיך אָנגעזען די פֿאַר העגט וואָס האָבן געווישט, גערוימט, געוואַשן, גלייכגעשטעלט, איינגעלייגט, דאָס געוועלב האָט באַקומען אַ שענערן אויסזען. ס'איז געוואָרן ליכטיקער אין די אויגן, די קונים האָבן געהאַט מער אָרט ביים איינקויפֿן.

— נו, ווי פֿילט איר זיך איצט, סאָפֿיאַ? — האָט בינעם זיך אומ־געקוקט מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק.

— יאָ, איצט איז מיר בעסער — האָט זי געזאָגט און צוגעשמייכלט.

נאָך עטלעכע שעה אַרבעט, האָט סאָפֿיאַ זיך גרייט געמאַכט צום אַוועקגיין.

— איר ווילט נישט ממשיך זיין?

— איך מוז גיין אויף שדרות ראָטשילד.

— אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע?

— יאָ.

— איר ווילט באמת צוריקפֿאָרן קיין רוסלאַנד?

— איך זע נישט קיין אַנדער אויסוועג.

בינעם האָט זי פֿאַרהאַלטן, געראַטן, זי זאָל נישט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן פֿון פֿאַרצווייפֿלטע געדאַנקען. ער האָט איר פֿאָרגעלייגט אַרבעט ביי זיך אָדער ביי וועמען אַנדערש און דערלאַנגט אַ צעטעלע מיט עטלעכע אַדרעסן. ער האָט זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל זיך איינהערן אין זיינע רייד, אַז די טיר פֿון זיין געוועלב וועט שטיין פֿאַר איר אָפֿן, ווען זי וועט זיך נאָר נייטיקן אין זיין הילף.

נאָך שעהען פאַרברענגען אין גאַס איז סאָפּיאַ צוריקגעקומען מיט אַן אַנדער פּנים, שוין נישט אַזוי אומעטיק ווי פריִער.

— יאָ, איר זענט גערעכט — האָט זי געזאָגט נאָך שטייענדיק ביי דער שוועל — מ'טאָר נישט פאַלן פון מוט. אָט האָב איך שוין אַרבעט אין אַ קאַפע, און אויך אַ צימער צום וווינען.

אין די שטילע נאָכמיטאָג־שעהען, ווען זעלטן איז אַ קונה אַריין, האָט בינעם צייט געהאַט זי אויסצוהערן דערציילן וועגן אירע איבערלעבונגען אין די חורבן־יאָרן, ווי אַזוי זי איז אַרויס פון אַ מאַסן־קבר צווישן דער־שאָסענע און פאַרוווּנדעטע, אַן איינציק־געבליבענע פון אַ גאַנץ שטעטל. מיט ניסים האָט זי איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן. איר מאַן האָט פון דעם אַלעם געוווּסט, ביי אַלע קריגערייען זי דערנידעריקט, גערופן „די נישט דערשאָכטענע"... דאָס האָט זי שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן. זי איז אַנטלאָפן פון שטוב.

אויף סאָפּיאַס פּנים האָט ווידער זיך צעלייגט אַן אומעט.

בינעם האָט סאָפּיאַן באַגלייט צום אַרויסגאַנג און איר האַרציק גע־וווּנטשן:

— ווי ביי מיר, זאָלט איר אומעטום טרעפן אויף אַן אָפענער טיר.

ווער איז דאָס דאָרט איבער די זאַמדן, וואָס שלעפּט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן מיט שווערע טריט? אין פריִען באַגינען איז בינעם נישט געוווינט געווען אָנצוטרעפן אויף אַ מענטשלעך געשטאַלט — אַחוץ דעם צייטונגס־פאַרשפּרייטער מיט דער אָנגעהאָנגענער געשוואָלענער טאָרבע אויפן בויך, דעם מילכיקן מיט בלעכענעם קלונג, דעם בעקער מיט די זעמל, אַ פאַרשלאָפענע קאַץ, וואָס איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש זיך אויסציִען, אָדער גאָר אַ הונט איבער די זאַמדן, ווען דאָס געוויין פון די שאַקאַלן איז פאַרגאַנגען צוזאַמען מיט דער נאַכט.

— גאָט צו דאַנקען, געפונען אַן אָפענע טיר — האָט אַ פרוי, אַן איינ־געהויקערטע פון דער באַגינענדיקער שאַרפער לופט, קוים אַרויסגערעדט.

— פון וואַנען קומט איר אַהער אַזוי פרי? — האָט בינעם זיך אָפּ־געשטעלט מיטן קעסטל פלעשער מילך.

— איך זוך אַן אַדרעס צו אַ הויזווירטין.

— איר בלאָנדזשעט, דאָס איז קרית־מאיר, און איר דאַרפֿט אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג.

— ס׳איז נאָך אַזוי פֿרי. ביז די באַלעבאָסטע דאָרט וועט אויפֿשטיין... פֿאַרקויפֿט מיר עפּעס צום עסן, מיך נאָגט ביים האַרץ.

בינעם האָט דער פֿרוי דערלאַנגט מיט וואָס צו שטילן איר הונגער.

— נו, אַצינד גייט אויף דעם אַדרעס, ס׳איז נישט וויט פֿון דאַ.

די פֿרוי האָט אים געפֿרעגט מיט בעטנדיקע בליקן:

— צו אייך קומען דאָך אַריין באַלעבאָסטעס קויפֿן, אפֿשר וועט ווער פֿון זיי זיך נויטיקן אין שטובאַרבעט?

— איר האָט דאָך אַן אַדרעס.

— אוי, זי איז אַ שלעכטע, גיט נישט צו פֿאַרדינען און קאַרגט אַ שטיקל ברויט.

בינעם האָט זיך איבערגענומען פֿון דעם אָרעמען אויסזען פֿון דער פֿרוי. ער איז תמיד גרייט געווען צו העלפֿן אין אַ נויט, בפֿרט נאָך אַ הונגעריקן — דאָס וואָרט הונגער אַליין האָט אים אויפֿגערודערט. ער האָט אָנגעהויבן פֿרעגן ביי די קונים און די פֿרוי איז באַלד מיטגעגאַנגען אויף עטלעכע אַדרעסן צו אַ פֿולן טאָג אַרבעט. בינעם איז געווען צופֿרידן און די ייִדענע איז אַוועק מיט רירעוודיקע טריט. דאָס מזל האָט איר צוגעשפּילט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיינע קונים אים געפֿרעגט אויב ער קען די פֿרוי. בינעם האָט געזאָגט דעם אמת, אַז זי איז אַריין אין געוועלב אַ הונגעריקע — דאָס איז געווען איר איינציקע לעגיטימאַציע פֿאַר אים.

— צו אייך קען יעדער אַריינקומען — האָט זיך אָנגערופֿן איינע, ביי וועמען די פֿרוי האָט געאַרבעט — אָבער אין אַ פּריוואַטער שטוב דאַרף מען וויסן וועמען מען לאָזט אַריין. איר דאַרפֿט זיין פֿאָרזיכטיקער ביים רעקאָמענדירן אַ מענטש.

— איך האָב נישט געוואָלט מער ווי אַ טובֿה טאָן — האָט בינעם זיך פֿאַרענטפֿערט און געוואָלט וויסן וואָס ס׳איז געשען.

— איך מיין, אַז די ייִדענע מיטן נעבעכדיקן פּנימל איז אַ ראַפֿינירטע גנבֿטע. זי גנבֿעט מיט חשבון, צו ביסלעך.

בינעם האָט פאַרבעטן די פרוי צו זיך, געגעבן איר צו פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך געמיט זי זאָל נישט הונגערן, קומען איצט זיינע קונים מיט טענות: עס פעלט זיי זאַכן פון שטוב. דאָס איז דער דאַנק, וואָס אים קומט?

צו בינעמס פאַרוווּנדערונג, איז די פרוי געבליבן גלייכגילטיק צו זיינע רייד, נישט איבערגענומען זיך פון דעם וואָס מען וואַרפט איר פאָר, געמאַכט דאָס צו גאַרנישט. אויב ס׳פאַלט איר עפּעס אַריין אין האַנט, נעמט זי פון דעם בלויז וויפל זי דאַרף. דאָס איבעריקע לאָזט זי איבער...

— אַזוי, פאַרשטייט איר, הייסט זיין אָרנטלעך?

— אַ גנב — האָט די פרוי אָן בושה זיך פאַרענטפערט — נעמט אַלץ, אויף וואָס ער לייגט די האַנט. איך נעם בלויז דאָס, וואָס מיר איז צום נייטיקסטן, נישט מער. הייסט דאָס אויך גנבה?

אין די זאַמדן פאַר בינעמס געוועלב איז געבליבן שטיין אַן אויטאָ. ער האָט אויסגעזען נאָך אַ נייער, אַ גלאַנציקער, פאַרפּוצט מיט רעקלאַמע־אויפשריפטן פון גאַנגבאַרע אַרטיקלען. דער אייגנטימער פונעם אויטאָ, מיט אַ באַחנט פּנים און שמייכלדיקע אויגן, האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ האַנדלס־אַגענט פון באַקאַנטע פירמעס, אויפגעשריבענע אויף די ווענט פון אויטאָ מיט גלייכגעשטעלטע שורות אין גראַמען, ווי אַ געדרוקט ליד.

— איך בין דורכגעפאָרן און דערזען אַ געוועלב מיט אַן אָפענער טיר, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט — אַזוי האָט פאַר בינעמען זיך פאָרגעשטעלט דער יונגער־מאַן מיטן קעסטל מוסטערן פון אַלע זיינע סחורות, וואָס ער האָט געהאַט אין אויטאָ.

בינעמען זענען געפעלן געוואָרן די אַרטיקלען און אויך דער יונגער־מאַן, וואָס האָט אַזוי שיין רעקלאַמירט די סחורות מיט קאָנקורירנדיקע פרייזן און לאַנגדיקע קרעדיטן. בינעם האָט געמאַכט ביי אים גרעסערע באַשטעלונגען, זיין געוועלב איז פול געוואָרן מיט סחורות פון ערשטן געברויך און אַריינגעצויגן מער קונים, ער האָט דיספּאָנירט מיט מער פליסיקע געלטער. ברוך דער אַגענט האָט דורך דער אָפענער טיר אַריינ־געבראַכט אַ ברכה און בינעם האָט עס דערפילט אין שופלעדל פון דער קאַסע.

בינעם איז געווען אַ פּינקטלעכער צאָלער. זיין צוגעזאָגט וואָרט איז געווען אַזוי גוט ווי זיינס אַן אונטערשריפֿט. אויף דעם האָבן זיך דערקענט אַלע זיינע ליפֿעראַנטן, און אויך ברוך. ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינ־קומער אין קראָם און געפֿירט מיט אים שמועסן וועגן געלייענטע ביכער, באַזוכטע קולטור־אונטערנעמונגען. אַן אייגענער און פֿאַרהיימישטער, האָט ער געוווּנען בינעמס צוטרוי, און זייערע האַנדלס־באַציונגען האָבן זיך זייער אויסגעברייטערט.

אַזוי איז אַן אָפֿענע טיר פֿון אַ קראָם — האָט צו בינעמען אַ מאָל נאָך, אין די יינגלשע יאָרן געזאָגט זיין טאַטע דער שניטקרעמער. עס קומען אַריין אַזוי פֿיל סאָרטן מענטשן, וויפֿל סאָרטן סחורות עס ליגן אויף די פּאָליצעס: קוקערס, פּרעגערס, קאָפּ־פֿאַרדרייערס, גנבים, און צווישן זיי — אויך אַזעלכע, וואָס מיינען באמת צו קויפֿן. דאַרף מען זיך אויסטויגן זיי צו דערקענען. אַזוי איז אויך מיט אַגענטן, סחורה־צושטעלערס. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זוכן פּרנסה, גייען אין אויף הנחות, האָבן אַ גרינגע האַנט און אַ גוטן ווילן. זיי ווילן לעבן און לאָזן אַנדערע לעבן. פֿאַראַן אויך אַנדערע, וואָס זוכן נאָר פּטור צו ווערן פֿונעם פּעקל און לאָזן דעם קרעמער זיך מאַטערן ביים פֿאַרקויפֿן.

ברוך האָט נישט אויסגעזען צו זיין אַזאַ. ער איז פֿאַר בינעמען פֿאַר־געקומען, ווי איינער, וואָס פֿאַרשטייט ווי אַזוי צו טרייבן דאָס געשעפֿט, עס זאָל גיין מיט שנעלערע טריט, נישט צו באַלעסטיקן מיט שווער־יקייטן. ער פֿלעגט אַריינקומען מיט אַ שמייכל, מיט אַ גלייכווערטל, און אַרויסגיין מיט אַ צופֿרידן פּנים: אַ גוט־אויסגעשולטער אַגענט, וואָס האָט געקאָנט די תּורה פֿון אָנהאַלטן קאָנטאַקט מיט מענטשן.

אַט איז ברוך אַריין מיט אַ קאָלעקציע נייע אַרטיקלען, אָבער ער האָט צייט געהאַט, זיך נישט געריסן נאָך אַ באַשטעלונג. צו ערשט האָט ער דערציילט אַ מעשׂהלע, אַ צוגעגרייטעס נאָך פֿון פֿריִער, געריידט וועגן דער לאַגע אין לאַנד, אַן איבערגענומענער זיך געקאָכט איבער דער קרימינעלער כראָניק, וואָס פֿלעגט נישט זעלטן זיין פֿאַרבונדן מיט אַ געזעלשאַפֿטלעכן סקאַנדאַל. אַזאַ געשעעניש האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ שעדלעך געוויקס,

וואָס מען דאַרף מיטן וואָרצל אויסרייסן, עס זאָל זיך נישט אָננעמען און צעוואַקסן אין דער ייִדישער מדינה.

ברוך, מיטן שיין פּאַרקעמטן קאָפּ האָר, איז אַלץ מער געוואָרן פּאַמיליאַר, נישט צודרינגלעך, נאָר מיט דיסטאַנץ. ער האָט אַפילו איין מאָל זיך גענומען די דרייסטקייט און בינעמען געראָטן — נישט מחמת דעם, וואָס ער האָט געוואָלט משפּיע זיין, נאָר סתם ווי אַ גוטער־ברודער, צוליב ריין עסטעטישע און אויך נאַציאָנאַלע מאָטיוון — אַז בינעם זאָל טוישן זיין פֿאַמיליע־נאָמען, וואָס קלינגט צו פיל פאַרגויִשט. איטלעכער העברעיִשער קלאַנג, אויך פון אַ נאָמען, איז ווי מיר וואָלטן עפּעס צוגעגעבן צום נייעם ייִדישן לעבן אין לאַנד.

ברוך איז געווען צעוואַרעמט פון זיינע רייד: אַ מאָל אין דער אַלטער היים, אין פּוילן, איז די פרעמדע שפּראַך געווען ביי אים איינגעבאַקן אין האַרצן. דאָ, אין דער ייִדישער מדינה — איז ער דערווייטערט געוואָרן פון דעם. ער האָט אַלע יענע פרעמדע געוווינהייטן פאַרוואָרפן, זיך אָפּ־געטרייסלט פון זיי, ער איז געוואָרן אַ העברעער.

די באַשטעלונגען גופא האָט ברוך איבערגעלאָזט אויף צום סוף, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ זייטיקער ענין. די אַרטיקלען האָט ער דערווייל אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט, גענומען פּאַמעלעך זיך אומקוקן וואָס עס פעלט און פאַרנאָטירן וואָס צו ברענגען. געלט האָט ער דאָך נישט פאַרלאַנגט ביים ברענגען די סחורה. בלויז אונטערשרייבן און אַ קאָפּיע, וואָס איז געבליבן ביי אים אויף איינקאַסירן דעם חוב.

אַז עס האָט זיך אונטערגערוקט דער טערמין פון צאָלן די חשבונות, האָט בינעם שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן יענעם טאָג ווען ער האָט באַקומען די סחורה. זעכציק אַרבעטסטעג אין אַ שפּייזקראָם איז אַ ריזיק ראָד, וואָס דרייט אַ סך מאָל איבער דאָס געלט פון דער פאַרקויפטער סחורה. אָבער ברוך — ער האָט גוט געדענקט דעם טאָג פון איינקאַסירן, זיין ביכל איז געווען אויסגעסדרט, ווי אַ קאַלענדאַר אויף דער וואַנט און אויסגעשטעלט — ווען פריִער, און ווען שפּעטער. גאָר אַנדערש ווי בעת די באַשטעלונגען פון זיינע סחורות פלעגט ברוך זיך אויפפירן מיטן איינקאַסע־ביכל. ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער עס אַ מיש געטאָן און

אַרויסגענומען פון דאָרט די קאָפּיעס פון די חשבונות. דער קרעמער האָט שוין געדאַרפט וויסן, אַז דאָס געלט דאַרף דערלאַנגט ווערן תיכף, נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע צייט.

אַז ברוך איז אַריין אין געוועלב אַן אויסגעפּוצטער מיט דער לעדערנער טעקע אונטערן אָרעם, האָט אויך בינעם געוווסט, אַז ער דאַרף באַלד עפענען דעם בייטל און אויסצאָלן די חשבונות, וואָס ברוך האָט אים אָוועקגעלייגט אויפן טיש. ערשט ביי נאַכט, נאָכן לאַנגן טאָג אַרבעט, האָט בינעם נאָכקאָנטראָלירט די חשבונות, וואָס ער האָט אויסגעצאָלט. אין יענעם טאָג, ווען ברוך האָט איינגענומען זיין געלט, פלעגט בינעם איבערלעבן אַן אומרויִקע נאַכט, מיט קלערענישן פאַר וואָס דערלאַנגט אים ברוך מער קאָפּיעס וויפל ער דאַרף צאָלן לויט דעם, ווי ביי אים איז פאַרשריבן. איז ער באמת אַזוי נאַכלעסיק און ווייסט נישט וויפל ער איז שולדיק? אָדער גייען ביי אים פאַרלוירן חשבונות? ווי קאָן מען פירן אַ קראָם אָן חשבון?

אַז בינעם האָט אויפמערקזאַם געמאַכט ברוכן, ווי לשם אינפאָרמאַציע, אַז ער צאָלט אים מער וויפל ביי אים איז פאַרשריבן — האָט זיך ברוכס פּנים גענומען מיניען אין פאַרשידענע גרימאַסן, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס בינעם מיינט מיט זיינע רייד. און ווידער האָט בינעם אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָרציע פאַרדרוס פון ברוכס פאָרוווּרף אין אַ שאַרפן טאָן:

— ס'איז דיין אונטערשריפט? — מען דאַרף אַ טראַכט טאָן איידער מען רעדט אַרויס אַזעלכע ווערטער — האָט ברוך זיך געברוגזט.

לפנים האָט בינעם געצוימט אין זיך די גריזאָטע, געוואָלט פון זיך אַרויסטרייבן די קרענקעניש, אָבער מעשה־שטן האָט זיך דאָס דווקא פון אים נישט געוואָלט אָפּטשעפּען. ברוכס טרייסל מיטן קאָפּ האָט אין אים נישט איינגעשטילט די נאָכקלערענישן, נישט איבערצייגט, אַז יענער איז דער גערעכטער. אין אָוונט, נאָכן רעש און געפּילדער פון די קונים און פאַרטיילערס, האָט זיין פאַרגליווערטע שטומקייט אין אים אָנגעהויבן ווערן באַרעדעוודיק. מאָרגן, האָט ער זיך דערמאָנט, דאַרף ברוך קומען אויפנעמען באַשטעלונגען. אין דעם טאָג, האָט בינעם באַשלאָסן, מוז פאַר אים קלאָר ווערן דאָס רעטעניש. אַזוי קאָן עס לענגער נישט אָנגיין.

ווי שטענדיק, איז ברוך געקומען אין דער צייט ווען דאָס געוועלב איז

געווען פול מיט קונים. בינעם איז שוין געווען גרייט מיט דער רשימה פון די סחורות, וואָס ברוך האָט געדאַרפט אַריינברענגען. דאָס מאָל זענען די אויגן פון אונטער בינעמס ברעמען געווען שאַרף אָנגעשטעלט אויפן ביכל מיט די חשבונות, וואָס ער האָט באַקומען צום חתמענען. אין דער רגע האָט בינעם באַגריפן דאָס, וואָס אים האָט געמאַטערט אַ לענגערע צייט. ער האָט דערשפּירט ווי עפּעס וואָלט ביי אים אין האַרצן זיך פאַרקלעמט. נאָכן אונטערשרייבן די חשבונות, האָט בינעם אָוועקגעשאַרט ברוכס האַנט, גענומען דאָס ביכל נענטער צום פּנים, אַ מיש געטאָן די בלעטלעך, און אַ ביסל טיפער געפונען אַ שטיקעלע קאַלקע־פּאַפּיר וואָס האָט אַראָפּגענומען בינעמס אונטערשריפט אויף אַ ליידיק בלעטל...

— סוף גנב לתליה! — האָט זיך פון בינעמס מויל אַרויסגעריסן.

ברוכס פּנים איז געוואָרן פאַרלאָפן מיט אַ בלוטיקער רויטקייט, די זאַך איז געקומען פאַר אים אומגעריכט. לפנים קאַלטבלוטיק, אָבער מיט אַ לויפנדיק האַרץ האָט ער געפרעגט:

— ווענען מיינסטו מיט אַזעלכע ווערטער?

— איך מיין טאַקע דיין טאַפּעלע בוכאַלטעריע — האָט בינעם אַ פּאַכע געטאָן אין דער לופט מיט דעם אַרויסגעריסענעם ליידיקן בלעטל בלויז מיט זיין חתימה.

— ווי איך זע — האָט ברוך געזאָגט ווי נישט אים מיינט מען — קאָנסטו גאַנץ שיין צעשפּילן דיין פאַנטאַזיע צוליב אַ נישטיק שטיקעלע פּאַפּיר, וואָס האָט זיך צופעליק פאַרוואַלגערט צווישן די בלעטלעך אין ביכל. דו מאַכסט פון דעם אַ גאַנצע פאַרשטעלונג.

— צופעליק?

— יאָ, טאַקע צופעליק — איז ברוך אין כעס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין.

— הער זיך איין — האָט בינעם אים נאָכגעשיקט אַ בייזן בליק — דער ענין איז נאָך נישט געענדיקט.

ברוך איז נישט געבליבן שולדיק:

— טאַקע נישט פאַרענדיקט. פאַר אומזיסט חושד זיין, רופט מען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

אין דרויסן האָט ערשט אָנגעהויבן טאָגן. די לאַנגע ווינטערנאַכט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דין רעגנדל, וואָס האָט דורכגענעצט דעם זאַמדיקן וועג און איבערגעלאָזן אַ שפּור פֿון די גומירעדער פֿון אַוועקגעפֿאָרענעם אויטאָ, וואָס האָט געבראַכט צום געוועלב די קעסטלעך מילך.

אַרום איז געווען שטיל. דער ערב־שבת־טאָג האָט זיך נאָך געהאַלטן אין אויספּיקן פֿון דער נאַסער און פּוילער פֿאַרוואַלקנטער נאַכט. קוים וואָס מ׳האָט פֿון דער טונקלקייט אַרויסגעזען די פֿריש אויסגעבויטע הייזער. ווי אַלע פֿרייטיקדיקע פֿאַרטאָגן, זענען בינעמס טריט געווען די ערשטע וואָס האָבן מיט פֿרישע צייכנס באַטראָטן דאָס שמאָלע זאַמדיקע וועגל פֿון זיין שטוב צום געוועלב.

בינעם איז געווען פֿאַרטאָן אין צוגרייטן דאָס געוועלב צום מסחר. פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי די טיר שפּאַרט זיך אָפּ און עס קומט אַריין אַ טונקלהויטיקער בחור מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר. ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ חלה. בינעם האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דער צייט פֿאַר־קויפֿט ער נישט, אָבער אַז ער איז שוין אַריין, האָט ער אים געגעבן אַ חלה און געוואַרט אויף באַצאָלן. דער בחור האָט אָפּגעריסן אַ שפּיץ פֿון דער חלה, געקייט און געקוקט בינעמען גלייך אין די אויגן.

— דו שטערסט מיר אין דער אַרבעט. איך האָב נישט קיין צייט צו שטיין און וואַרטן אויף די פּאָר פּיאַסטער פֿאַר דער חלה — האָט בינעם אין איילעניש געזאָגט.

אָפּרייסנדיק נאָך אַ שטיק פֿון דער חלה, האָט דער בחור מיט געבייזער אָפּגעענטפֿערט:

— איך מיין פֿאַרקערט, דו האַלטסט מיך אויף מיטן געבן אַ רעשט פֿון די צען פֿונט.

— נישט גענוג, אַז איך האָב דיך אַריינגעלאָזט, ווילסטו מיר נאָך איינרעדן אַזאַ ליגן?

— אַז אַ טיר איז אָפֿן, מעג מען אַריינגיין. האָסט מיר נישט געטאָן קיין טובה און דריי זיך נישט אַרויס פֿון געבן מיר אַ רעשט — האָט דער בחור שאַרף אָפּגעענטפֿערט.

בינעם האָט זיך געכאַפּט מיט וועמען ער האָט צו טאָן. אַליין אין דער אַרומיקער שטילקייט — האָט ער אָנגעהויבן רעדן ווייכער:

— האָסט אפשר אַ טעות. זוך דאָס געלט אין דיינע קעשענעס. אויב דו האָסט נישט, וועסטו מיר אַ צווייט מאָל באַצאָלן, און שטער מיר נישט אין דער אַרבעט.

— הער נאַר, דו, מאַך נישט קיין קונצשטיק, דערלאַנג מיר אַ רעשט...

אין בינעמס מוח האָבן געגומען לויפן אין געדאַנק נאָכן צווייטן: אָוועקשטעלן זיך מיט כוח קעגן אַזאַ פּאַרשוין, ווייסט ער נישט מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן. אויפהייבן אַ געשריי, האָט ער נישט געזען ווער עס קאָן אים קומען צו הילף. אין קאַסע האָט ער געהאַט ליגן בלויז קליינגעלט. דאָס פּעקל פּאַפּירגעלט האָט ער פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש. ווי אַזוי זאָל ער פּטור ווערן פון דער אָנשיקעניש אין דעם מדבר? האָט ער ווידער מיט אַ געמאַכטער רויִקייט אַ זאָג געטאָן:

— ביסט נאָך הונגעריק? נעם נאָך אַ חלה מיט אַ שטיקל קעז און גיי דיר דיין וועג.

— גיב, וועסטו מיר דאַרפן ווייניקער אַ רעשט געבן...

בינעם מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל צו פאַרשטעלן זיין אינערלעכן אומרו:

— מיינסט נאָך אַלץ, אַז דיר קומט אַ רעשט פון דעם געלט, וואָס דו האָסט מיר נישט געגעבן? אָבער איך שטעל זיך נישט, איך גיב דיר עסן און פאַרלאַנג נישט ביי דיר באַצאָלט.

בינעם האָט פּאַמעלעך גענומען זיך פאַרען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף געווינען אַ ביסל צייט. ער האָט אַרויסגענומען אַ קעזל, צעשניטן אַ חלה און געמאַכט פון דעם סענדוויטשן. ער האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן צו דער גרויסער שויב, אָנגעשפּיצט זיין געהער צום דרויסן, ס'איז שוין געווען די צייט ווען דער תנובה־אויטאָ האָט געדאַרפט אָנקומען. אפשר דאַך וועט ווער פון די פאַרטיילערס זיך באַווייזן און אים אויסלייזן פון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ הפקר־יונג, וואָס שטייט דערוויל אַזוי אומשולדיק־רויִק און זיכער מיט זיך. און אַט איז טאַקע אָנגעפלויגן אַ מלאך. ער האָט דערהערט דעם גערויש פון אַ מאָטאָר. צוויי ליכטפּאַסן האָבן זיך צעטאַנצט

איבער די זאַמדן. דער אויטאָ איז געבליבן שטיין, צביקה, דער פעסט־געבויטער קרעפטיקער יונג, האָט מיט שנעלע טריט זיך דערנענטערט צו דער טיר נאָך דער באַשטעלונג. דער בחור איז געוואָרן אומרויִק און האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען. בינעם איז אַרויס פון הינטערן טיש, פאַר־מאַכט די טיר אויפן קלאַפּשלאָס און דערציילט, וואָס עס קומט דאָ פאָר צווישן אים און דעם פרעמדן.

צביקה האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דעם צעטומלטן בחור, אים אַ שטופּ געטאָן צו דער וואַנט, אונטערגעהויבן מיט דער פויסט זיין גאָמבע און אים אַריינגעשריגן אין פּנים:

— וועד ביסטו, דו שטיק טינופת? אַ יידישער נאַכטרויבער? באַלד קוועטש איך פון דיר אַרויס די בעבעכעס!

אַ געפּאַנגענער צווישן צביקהן און בינעמען האָט דער בחור אָנגעהויבן ציטערן:

— איך וויל באַצאָלן... איך וויל באַצאָלן...

בינעם האָט געעפנט די טיר, דער בחור האָט זיך אַ ריס געטאָן פון צביקהס הענט און איז פאַרשוווּנדן אין די זאַמדן.

ביי דער אָפענער טיר פון בינעמס קראָם איז געבליבן שטיין אַ מאַן מיט נישט קיין נאָרמאַלן אויסזען. ער האָט געטראָגן אויף זיך אויסגעריי־בענע גלאַנציק־פּאַרפּעטסטע רעקלעך פון עטלעכע קאָלירן, ענג אָנגעצויגענע איבערן גוף, און אויך עטלעכע פאַר הויזן, איינע קורצער פאַר דער צווייטער. זיין קאָפּ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ וואָלענעם שאַליק, זיינע גראָע האָר האָבן אַרויסגעשטעקט פון שפּיץ קאָפּ און זיין פּנים איז געווען געדיכט באַוואָקסן מיט קופּקעס האָר צעטיילטע, אויסגעבויגענע, אַרויף און אַראָפּ, ווי עס וואָלט זיי נישט אָנגעשטאַנען זיך האַלטן צוזאַמען אויף דעם אויס־געבלייכטן, שפּיציקן פּנים. זיינע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען זענען געווען אָנגעשטעלט צום געוועלב, ווי ער וואָלט טראַכטן: יאָ, אָדער נישט אַריינגיין.

בינעם האָט אים דערלאַנגט אַ נדבה, געוואָלט, ער זאָל וואָס גיכער פריי מאַכן דעם דורכגאַנג. אָבער דער מענטש, אַ באַלאָדענער מיט פאַר־

שנורעוועטע פעק אין די הענט, האָט געשאָקלט דעם קאָפּ מיט די צוויי אָפּשטייענדיקע אויערן אויף „ניין". ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער טיר, נישט גערירט זיך פון אָרט, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר געעפנט דאָס מויל. בינעם האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל עסן, האָט ער שנעל צוזאַמענגעלייגט אין אַ בייטעלע עטלעכע זאַכן און אים דערלאַנגט.

— פאַר וואָס רירט ער זיך נישט פון אַריינגאַנג? — האָט בינעם מיט אַ נערוועזן בליק צו זיינע קונים געפרעגט.

ס'האָט אויסגעזען, אַז דער מאַן האָט פאַרשטאַנען וואָס בינעמען קוועלט. ער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט מיט קליינגעלט. בינעם האָט פאַר יוצא וועגן גענומען עטלעכע פּיאַסטער. פון דער נישט אַוועקגענומענער האַנט און פון די שטומע בליקן, האָט בינעם פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש וויל נישט עסן קיין געשענקט ברויט.

בינעם האָט אויף אַ צעטעלע אויסגעשריבן אַ חשבון און פון יענעמס אָפענער האַנט גענומען געלט. ערשט איצט האָט דער מאַן באַפרייט דעם אַריינגאַנג און זיך געזעצט ביי אַ וואַנט עסן פון בייטל אַרויס.

שפּעטער, ווען בינעם איז לויזער געוואָרן פון די קונים, איז ער אַרויס כאַפּן אַ בליק צו דעם מאַן לעבן דער וואַנט. דאָרט איז ער געזעסן, דעם קאָפּ געבויגן איבער אַ צעריסענעם בוך. אַרום אים זענען געלעגן צעשפּרייט אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן אין פרעמדע שפּראַכן. דאָס האָט אין בינעמען געוועקט אַ נייגעריקייט: קאָן ער לייענען, טאָ פאַר וואָס הערט מען פון אים נישט קיין וואָרט? און אפשר האָט זיין שטום-לשון אַ שייכות צו זיין נישט נאָרמאַלן אויסזען?

— ווילסט נאָך עפּעס עסן?

אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „ניין". פון דער אונטערגעשטעלטער האַנט צום מויל, האָט בינעם פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אַ טרונק. בינעם האָט אים צוגעברענגט אַ פלאַש מיט מילך. דער מאַן האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים.

— וואָסער ווילסטו?

אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

— מילך איז דאָך בעסער — האָט בינעם געמיינט אַרויסצובאַקומען אַ וואָרט.

אָבער דאָס בלאַסע פּנים מיט די געשלאָסענע ליפּן, אַראָפּגעבויגן צום בוך, האָט קיין אַכט נישט געלייגט אויף בינעמס רייד. ערשט ווען בינעם האָט אים דערלאַנגט דאָס וואַסער, האָט ער זיך אַ ריר געגעבן און איבער־געגאָסן אין זיין פלאַש.

אין אָוונט, ווען בינעם האָט זיך געגרייט פאַרמאַכן די קראָם, האָט ער דעם זעלבן מאַן געזען אָנקומען איבער די זאַמדן. ער איז געבליבן שטיין ביי דער גרויסער שויב. בינעם האָט צוגעפּגענומען אַ ביסל שפּייז, אָנ־געפילט אַ פלאַש מיט וואַסער — און ווידער דאָס זעלבע, מיט דער אויס־געשטרעקטער האַנט צום באַצאָלן.

— איך וויל נישט ביי דיר נעמען קיין געלט. פאַר וואָס ביסטו קעגן?

זיי זענעןביידע געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט: בינעם — מיטן פּעקעלע שפּייז, און דער מאַן — מיטן געלט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. בינעם האָט ווידער פון זיין האַנט גענומען דאָס געלט.

ווען בינעם האָט פאַרשלאָסן די טיר פון געוועלב און געשטעלט אַ טראָט צום אַוועקגיין, האָט ער הינטער זיך דערהערט אַ הייזעריק קול:

— קום נאָר אַהער...

בינעם האָט זיך אומגעדרייט, איז צוגעגאַנגען צום מאַן און האָט זיך איינגעהערט אין די שטילע פּליסטער־רייד, ווי אַריינגערעדט אין אויער:

— איך קען דיך, קרעמער — האָט ער צו בינעמען געזאָגט — איך זע דיך אין די פאַרטאָגן גיין אויף די זאַמדן. דו זעסט מיך נישט. דער הונגער יאָגט מיך אַרויס פון די לעכער. איך בין נישט דער פון פאַרן וועלט־אונטערגאַנג. דאָרט בין איך געווען מיט אַלע גלייך, אַ מענטש מיט אַ נאָמען, געווען אַ לערער פון שפּראַכן, איצט בין איך דער, ווי דו זעסט מיך — אַ גילגול פון דעם פּריִערדיקן. קוקסט אויף מיר, זעסט אַ שלעפּער אין טראַנטעס, באַדעקט מיט שמוץ. אַזוי האָב איך אויסגעזען אין דעם גרוב אין וואַלד. געלעבט ווי אַ חיה, שטום געוואָרן פון נישט האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. קיינער האָט נישט געטאָרט מיך זען, נישט הערן מיין קול. איבערגעלעבט דאָס אַלץ, געקומען אין לאַנד, געוואָלט זיין מיט אַלע גלייך — און נישט געקאָנט. מיך ציט אַהער, אין דער וויסטעניש, אָן מענטשן, אַזוי ווי דאָרט אין וואַלד. איך קום צו דיר, דו יאָגסט מיך

נישט פון זיך, ווי די אַנדערע. ווילסט מיר שענקען אַ נדבה, אָבער איך בין נישט קיין בעטלער, איך בין נאָר אַ פאַרשלעפּטער, אַ געפאַנגענער פון יענע טעג און נעכט.

מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ האָט דער מאַן זיך צעוויינט, און באַלד האָט דאָס כליפּען זיך פאַרביטן אין אַ היסטעריש געלעכטער, ביז ער איז געבליבן שטיל, ווי אין זיין פריִערדיקער פאַרשטומטקייט.

ווי זיינע פּיס וואָלטן איינגעזונקען אין די זאַמדן, האָט בינעם זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט איבערגעריסן דאָס שוויגן:

— שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די שלעכטע געדאַנקען. ביסט אַ געלערנ־טער מענטש, מיט שפּראַכן, מיט קענטעניש. דיין אָרט איז צווישן נאָרמאַלע מענטשן, אַזוי איז נישט קיין לעבן.

דער מאַן האָט אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל איבערן פּנים און ווידער געלאָזט הערן זיין הייזעריקע שטים:

— גלייב מיר, קרעמער, איך וואָלט אַזוי געטאָן, אָבער די אַלע וואָס גייען אַזוי פאַרפּוצט אָנגעטאָן, זעען אויס ווי יענע, וואָס האָבן געוואָלט מיך הרגענען. וויל איך נישט מיט זיי לעבן צוזאַמען...

— לעבסט דאָך אין אַ ייִדיש לאַנד, צווישן ייִדן, יענע זענען געווען גויִים, רוצחים.

דער מאַן איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון בינעמס אַריינרעדן אין אים.

— קרעמער, דו גלייבסט נאָך אין מענטשן. איך בין אויך אַ מאָל געווען אַזוי. איצט שטויסן מיר אַלע אָפּ פון זיך, קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר. בלויז דו, דו געהערסט נישט צו יענע. טאָ קום מיט מיר, אַנטלויף פון דיינע מענטשן, טו זיך אָן אַזוי ווי איך. זעסט דאָך, איך שטער נישט קיינעם, טו קיינעם נישט קיין שלעכטס, מ׳הערט מיך נישט. אַזוי, און נאָר אַזוי, דאַרף מען לעבן...

אַרום איז געווען נאַכטיק שטיל. ווינטן האָבן זיך געדרייט איבער די זאַמדן, געיאָגט איבער בערגלעך און טאָלן, זיך צעוויפגעמישט מיט דעם געוואָי פון שאַקאַלן. זיי ביידע, בינעם מיטן עלענטן מאַן, זענען געשטאַנען הינטער דער וואַנט, אַ בלאַס ליכט פון אַן עלעקטרישן סלופּ האָט מיט אַ געלבלעכער שיין זיי ביידע אויסגעטיילט פון דער פינצטערניש. בינעם

האָט אַ לעצטן בליק געטאָן אויף דעם עלנטן מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַ פֿאַרשטומטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פּנים צו די זאַמדן, מיט שלאַבעריקע טריט איז בינעם אַוועק צו זיין שטוב און דער פרעמדער איז געבליבן אַליין מיט דער קאַלטער האַרבסטיקער נאַכט.

אין געוועלב איז אַריינגעקומען אַ באַיאָרטע פרוי מיט אַ קורצזיכטיקער ראיה. ביים אַריינגאַנג האָט זי זיך אָנגעשטויסן און פון קלאַפּ אין שטערן איז געבליבן אַ בלאָער צייכן. בינעם האָט באַנעצט איר טיכעלע מיט וואַסער און די פרוי האָט דערמיט געשטילט דעם ווייטיק. זייטיקע מענטשן אין געוועלב האָבן דער פרוי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף איר אומפאַרזיכטיקן גאַנג. מיט זאָרג האָט די פרוי דערציילט, אַז זינט זי האָט פאַרלוירן אירע ברילן איז זי האַלב בלינד.

אויפן טיש ביי וועלכן די קונים האָבן איינגעקויפט, האָט בינעם יעדן טאָג געפונען פאַרגעסענע זאַכן. פאַרשידענע חפצים פלעגט זיך צונויפזאַמלען אין דעם דראָטענעם קיישעלע: שליסעלעך, אָנגעהויבענע שאַכטלעך סיגאַ־רעטן, נישט דערנומענע רעשטן קליינגעלט, פאָטאָגראַפיעס, דאָקומענטן, צינד־מאַשינקעס, און צווישן דעם — אויך ברילן פון פאַרשידענע סאָרטן מיט שיידלעך און אָן שיידלעך. די פאַרגעסענע חפצים האָבן פול געמאַכט דאָס דראָטענע קיישל, וואָס איז געשטאַנען אָפן פאַר אַלעמענס אויגן צום דערקענען. נישט געווען כמעט קיין טאָג, אַז בינעם זאָל נישט דאַרפן עפּעס צולייגן אָדער אַרויסנעמען אויף אַ נאָכגעפרעגטער אבידה. עס זענען געווען קונים „פראָפעסיאָנעלע״ פאַרגעסערס, וואָס האָבן שוין געוווסט אַליין צו־צוגיין צום דראָטענעם געשטעל ווי צו אַ באַנק־קאַסעטע און פון דאָרט אַרויסצונעמען דאָס געזוכטע.

דאָס זענען צום מיינסטן געווען נאָענטע און היימישע קונים. אָבער אָט די פרוי, די קורצזיכטיקע, איז געווען אַ פרעמדע, גאַרנישט פון דער געגנט. איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן אַ זוך צו טאָן צווישן די פאַרגעסענע זאַכן. דאָך, אויס נייגעריקייט, און פון זיין שטענדיקן ווילן צו הילף צו קומען, האָט ער דער פרוי געפרעגט אויף דעם אויסזען פון אירע פאַרלוירענע ברילן.

— גאָט מיינער! — האָט די פרוי אויסגערופן — עפּעס אַ כישוף

האָט דער קרעמער מיט מיר אָפּגעטאָן! די ברילן זענען דאָך מיינע!

צוזאַמען מיט די קונים איז בינעם געשטאַנען אַ פאַרוווּנדערטער און הנאה געהאַט פון דער שמחה וואָס די אָפּגעפונענע אבידה האָט אַרויס־גערופן ביי דער פרוי, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט איר גלויבן אין די „האָראָסקאָפּן". טאָקע אויף דעם טאָג האָט זי געהאַט אַ צוזאָג אויף אַן אָנגענעמע איבעררעשונג. זאָלן טאָקע אַלע זען, ווי אמתדיק די פאַרויס־זעוגגען זענען...

אַ באַזונדער אָרט האָט בינעם געהאַט פאַר די איבערגעלאָזטע שירעמס. ווינטער, בעת די רעגנס, איז דאָס ווינקל הינטער דער טיר געווען אויס־געפילט מיט פאַראַסאָלקעס פון אַלע סאָרטן און גרייסן: מענער־שירעמס — שוואַרצע, מיט מאַסיווע געבויגענע הענטלעך, ווי ביי שפּאַציר־שטעקנס, אַלע מיט דעם זעלבן פאַרטונקלטן אויסזען, ווי דער פאַררעגנטער הימל, און דאַמען־פאַראַסאָלקעס — מיט אַלערליי מאָדעלן און פאַרבן: לאַנגע, קורצע, איינגעלייגטע, רונדיק־פאַרוויקלטע ווי אַ טייגל צום שניידן, מיט הענטלעך לויט דער מאָדע פון סעזאָן, און מיט קאָלירן, צוגעפּאַסטע צו די ווינטער־מלבושים. ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען, האָבן קונים זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט זיי דער שירעם, איז מען געקומען צו בינעמען זיך פרעגן אויף דער אבידה. אַנדערע האָבן גאָרנישט געספּקט ווו דער פאַרגעסענער שירעם געפינט זיך, נאָר גלייך געלאָפן צו בינעמען אין געוועלב. אַז עס האָבן זיך צונויפגעטראָפן עטלעכע פון זעלבן מין און אויסזען, האָט בינעם געדאַרפט זיין דער פוסק, צו וועמען דער שירעם געהער. אַ פינטעלע, אַ פלעק, אַ דעפעקט — דער מינדסטער סימן האָט בינעמען געגעבן דאָס רעכט צו באַשטימען וועמען אומצוקערן דעם שירעם. נישט שטענדיק איז אים צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק מיט אַלעמענס איינ־שטימיקייט. אָט האָט זיך איינע מישב געווען און איז געקומען צוריק צו בינעמען מיט אַ טענה: דער שירעם איז נישט אירער: זי האָט געפונען אין אים אַ פעלער, וואָס ביי אירן איז עס נישט געווען.

— וואָס ווילט איר נאָך פון מיר? ווייניק קאָפּדרייעניש האָב איך גע־האָט? מוז איך זיין דער שומר פון אייער שירעם? און איר אַליין קאָנט אים נישט היטן?

— אָבער איר האָט דאָך אַזוי באַשטימט.

— און ווו זענען געווען אייערע אויגן ?

נישט איין מאָל האָט זיך דאָס פֿאַרענדיקט מיט אַ ברוגז און בינעם האָט צו דעם אַלעם נאָך פֿאַרלוירן אַ קונה.

בינעמס פֿאַרנעמען זיך מיט די פֿאַרגעסענע חפצים האָט אויך געהאַט קאָמישע מאָמענטן. איין מאָל האָט ער געפֿונען עטלעכע פּאָר זאָקן פֿון זעלבן מין און פֿאַרב און די ווייבער איז שווער געווען זיי צו דערקענען. בינעם האָט פֿאַרגעלייגט צו זוכן אַ סימן אויף די פּיס. ביי זיינע היימישע קונים האָט בינעמס פֿאַרשלאַג אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער. אָבער איינע, אַ יונגע שיינע דאַמע, איז געשטאַנען פֿרעמד און אָפּגעזונדערט, ווי עס וואָלט איר נישט זיין צום האַרצן בינעמס אונטערהאַלטן זיך מיט זיינע קונים. פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגערופֿן :

— ווען מיר שפּילט אַזוי צו דאָס מזל מיט מיין פֿאַרלוירן פּידעלע... אַזאַ אַנטיק, אַ טייערע מתנה פֿון מיין ברודער אין דער שווייץ...

— אויב פֿאַרגעסן — האָט זיך עמעצער אָנגערופֿן — איז נאָר ביי בינעמען אין קראָם...

אַנדערע האָבן געלאָזט פֿאַלן חוזק־ווערטער איבער די „פֿאַרגעסענע קעפּ״, וואָס זוכן דעם נעכטיקן טאָג...

די פֿרוי האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און אָפּגעזיפֿצט :

— אָ, דאָס טונקלגרין שאַכטעלע... זיך אויף ס'ניי דערמאָנט... עס שטייט מיר נאָך פֿאַר די אויגן...

אירע מיט ווייטיק אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָבן זיך אָפּגעזעצט אין בינעמס אויערן. אַ מאָמענט איז ער געבליבן שטיין מיט פֿאַרטראַכטע אויגן :

— רגע אחד — האָט בינעם איבערגעבעטן זיינע קונים. מיט גיכע טריט איז בינעם אַריין אין קעמערל, דאָרט געזוימט זיך אַ פּאָר מינוט און צו אַלעמענס איבערראַשונג צוריקגעקומען מיט אַ שאַכטעלע אין דער האַנט.

די פֿרוי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון איר אָרט און איז שטיין געבליבן אַ פֿאַרגאַפֿטע אַנטקעגן בינעמען. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אים צו באַדאַנקען. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט זי דערציילט וועגן איר רייזע אין דער שווייץ צו איר ברודער פֿון וועמען זי האָט באַקומען די מתנה.

ווי אַ קונצן־מאַכער אין צירק, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן פון געוועלב, אַ דריק געטאָן מיטן פינגער, און דאָס שאַכטעלע האָט זיך אויף טאָפּל צעצויגן. נאָך אַ מאָל אַ דריק געטאָן — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גאָלדפאַרביקער איינגעוויקלטער שטאָף, וואָס האָט זיך רונדיק צענומען ווי אַ פֿאָלשירעם אין דער לופט.

די קונים האָבן הנאה געהאַט זיך איינצוקוקן אין דעם און בינעם האָט זיך געגרייסט וואָס ער איז געווען דער רעזשיסער פון אַזאַ פריילעכן ספּעקטאַקל דווקא אין מיטן דער אַרבעט.

— אַט זעט — האָט די פרוי נאָך אַ צעשטרייטע אַ פיר געטאָן דעם בליק אַרום זיך — איך האָב איין מאָל אַהער פאַרבלאָנדזשעט, האָב איך עס פאַרלוירן, און היינט בין איך ווידער צופעליק אַריין — און געפונען. יעדער טאָג מיט זיין מזל...

— אָבער דער קרעמער — האָט בינעם שוין נישט קיין צעשמייכלטער צוגעגעבן — ביי אים איז יעדן טאָג דאָס זעלבע...

איין מאָל, ווען דאָס געוועלב האָט זיך אָפּגעליידיקט נאָך אַן אַנלויפעניש פון קונים, האָט בינעם דערזען אין אַ זייט אויף אַ פּאָליצע אַן אָפּגעטראָגע־נעם, אויסגעריבענעם שוואַרצן דאַמענטאַש. בינעם האָט זיך רעכט אויף דעם נישט אומגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עמעצער פון די ווייבער האָט אין יאָגעניש ביים איינקויפן פאַרגעסן דעם טאַש און וועט זיכער באַלד זיך אומקערן אים נעמען. עס איז אָבער אַריבער אַ שטיקל צייט, און קיינער האָט זיך נישט באַוויזן פרעגן אויפן טאַש, וואָס איז געשטאַנען, ווי אויף הפקר.

ווען בינעם האָט גענומען אין האַנט אַריין דעם בייטל, האָט ער דער־פילט אַ שווערקייט. ער האָט גענומען דעם טאַש צו זיך הינטערן טיש, נאָך אַ מאָל אים געעפנט, און גוט זיך איינגעקוקט אין דעם זעקעלע מיט די גאָלדענע מטבעות, אין די איינגעראָלטע, מיט גומעלעך אַרומגענומענע, פעקלעך דאָלאַרן, און אַחוץ דעם — ישראלדיקע באַנקנאָטן, אויסגעסאָר־טירטע, נייע, ווי נאָר אָפּגענומענע פון אַ באַנק. בינעם האָט אין דעם טאַש געזוכט עפּעס אַ סימן פון אַנגעהעריקייט צו וועמען, און נישט געפונען.

עטלעכע שעה זענען אַריבער, קונים זענען אַריין און אַרויס, און בינעם האָט קיינעם נישט געהערט זיך פֿרעגן אויפֿן בייטל. וואָס זאָל ער, בינעם, טאָן מיטן געפֿונענעם אוצר? מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי — האָט אים אויסגעזען פֿאַר צו אייליק. אין בייטל האָבן זיך געפֿונען אומלעגאַלע געלטער, און דאָס קאָן אים אַריינפֿירן אין אַ שלעכטער סיטואַציע, און ווער ווייסט — מיט וועמען. אָבער אָט איז אַריינגעקומען זיינס אַ קונה אַ באַנק־דירעקטאָר, אַ חסידישער ייִד מיט אַ גוטן נאָמען און מיט אַ ברייט וויסן פֿאַר געזעץ און יושר.

דערהערנדיק וואָס אַלץ עס געפֿינט זיך אין דעם בייטל, האָט דער ייִד געראָטן אָפּוואַרטן. עמעצער מוז דאָך קומען זיך פֿרעגן אויף דעם. ביידע האָבן וועגן דעם גערעדט בסוד און זיי זענען געוואָרן נייגעריק צו וועמען עס געהערט דער אוצר. איז עס אַ גנבה, אַ רויב, פֿאַרגעסן, אָדער אונטערגעוואָרפֿן? אַ פּראָוואָקאַציע מיט פֿאַלשע געלטער? סתם פֿאַרלירן דעם קאָפּ און איבערלאָזן אַזאַ פֿאַרמעגן — האָט זיך אויך נישט געלייגט אויפֿן שׂכל. בינעמען האָבן די אַלע נאָכקלערענישן אָנגעפֿילט מיט אַן אומרויִקער נייגעריקייט. אַלע מאָל האָט ער זיך אומגעקוקט צו דער אָפֿענער טיר און אָפּגעוואַרט, אַז עמעצער פֿון די אַריינגעקומענע זאָל זיך באַווייזן מיט פֿרעגנדיקע בליקן, נישט ווי מען קומט געוויינלעך אַריין צום איינקויפֿן.

ס׳איז שוין געווען אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען. בינעם האָט זיין אַרבעט געטאָן מיט זייטיקע בליקן צו דער אָפֿענער טיר. יעדער שאָטן, יעדער באַוועג, פֿאַר זיינע אויגן, האָט געצויגן זיין אויפֿמערקזאַמקייט. און אָט איז אין אַריינגאַנג געבליבן שטיין אַ מיטליאַריקע, דיקלעכע פֿרוי, און זיך אַרומגעקוקט מיט בלאָנדזשענדיקע בליקן, ווי זי וואָלט נישט זיכער געווען מיט זיך — צי דאַרף זי אַריין אין געוועלב אָדער צוריקגיין, ווי דער זכרון וואָלט איר נישט גוט געדינט. זי האָט געקויפֿט ערגעץ אין אַ מכולת אַ ברויט מיט אַ פּעקעלע פּוטער און געדענקט נישט, צי אויפֿן וועג אין קרית־מאיר, אָדער טאָקע דאָ, וווּהין זי קוקט אַריין מיט אַזאַ נישט־זיכערקייט.ביים קויפֿן דאָס ברויט איז דאָס געוועלב פֿול געווען מיט קונים. זי האָט געזען פֿאַר זיך נאָר די מענטשן, אַפֿילו נישט געדענקט

דעם אויסזען פֿון קרעמער, געקויפֿט — און שנעל אַוועק. ווען בינעם האָט דערהערט, אַז זי זוכט אַ פֿאַרגעסענע זאַך, האָט בינעם אַ כאַפּ געטאָן דעם בײַטל און געוואָלט וויסן, צי איז דאָס טאַקע, וואָס זי זוכט. דערזעענדיק בינעמס אויפֿגעהויבענע האַנט מיטן שוואַרצן טאַש, האָט די פֿרוי זיך אַ וואַקל געטאָן און געפֿאַלן אין חלשות. די קונים אין געוועלב האָבן נישט געוווּסט און וואָס עס גייט. מען האָט איר געהאָלפֿן זיך אַוועקזעצן אויף דעם בענקל, וואָס בינעם האָט אונטערגעטראָגן, געברענגט וואַסער, גע־שפּריצט אויפֿן טויטבלאַסן פּנים, געריבן איר די הענט, און אונטערגע־האַלטן דעם קאָפּ. קיינעם האָט נישט אינטערעסירט די סיבה פֿון איר אַוועקפֿאַלן. אַ מענטשן איז נישט־גוט געוואָרן, דאַרף מען געבן הילף.

די פֿרוי איז נאָך אַלץ געווען מאַכטלאָז, ווען בינעם איז געבליבן שטיין לעבן איר און אַרײַנגערעדט אין אויער אַ סוד: „דאָס גאַנצע געלט איז דאָ אין בײַטל". איר פּנים איז געוואָרן אויפֿגעלעבטער, די אויגן באַרויִקטער און דער אָטעם פֿרייער. זי איז שנעל געקומען צו זיך, פֿאַר־בראָכן די הענט, און געקוקט מיט שרעק אויפֿן קרעמער, אין וועמענס הענט ס'איז אַרײַנגעפֿאַלן דאָס טריפֿהנע געלט. דער סוד וואָס ער האָט אײַנגערוימט אין איר אויער האָט זי נישט אין גאַנצן באַרויִקט. ווער ווייסט, מיט וויפֿל דעם קרעמערס הענט האָבן פֿאַרקלענערט איר אוצר?

אַז די פֿרוי האָט זיך דערוואָרט צו בלײַבן מיט בינעמען אַליין אין געוועלב, איז זי געזעסן אין שטומער דערוואַרטונג.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך צו פֿאַרגעסן אַזאַ פֿאַרמעגן? — האָט בינעם געפֿרעגט כסדר זיך אומקוקנדיק, צי עס קומט נישט ווער אַרײַן.

— אָט זעט איר — האָט די פֿרוי אַ פֿאַרשעמטע געענטפֿערט — באַפֿאַלן מיר אַזאַ שוואַכע מינוט, איך האָב געטראָגן מיט זיך צוויי פּונקט די זעלבע טאַשן. צו מײַן ביטערן מזל האָב איך פֿאַרגעסן נישט דעם, נאָר דעם צווייטן...

— וויינט נישט אויף אײַער מזל, דאָס מזל האָט אײַך צוגעשפּילט...

—יאָ, יאָ — האָט די פֿרוי זיך אַ חנפֿה געטאָן צו בינעמען — איך זע שוין, ווען חלילה אויף אַן אַנדער אָרט... גאָט האָט מיר געשטראָפֿט, נאָר מיט רחמנות...

— איר קענט דען מיך? איר זענט דאָך ביי מיר דאָס ערשטע מאָל.

— איר זעט אַליין, אַ באַשערטע זאַך...

— אַז עס איז נישט אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון פֿרעמדע, וואָס קומען אַהער אַריין קויפֿן — האָט בינעם צוגעגעבן.

— זאָל גאָט אָפּהיטן...

די פֿרוי איז געזעסן אומגעדולדיק און געקוקט אויף בינעמען, ער זאָל שוין נעמען דעם טאָש אין זיינע הענט. אָבער בינעם האָט זיך דערמיט נישט געאיילט. ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון די פֿרוי סימנים, וואָס זאָלן שטימען מיט דעם, וואָס אין טאָש געפֿינט זיך. צו זיין שטוינונג, איז דער אוצר געווען נאָך גרעסער ווי בינעם האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. נאָך דעם האָט בינעם זי אַריינגעפֿירט אין אַ פֿאַרשטעלט אָרט, זי זאָל קאָנטראָלירן, אויב דאָרט געפֿינט זיך אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלאָזן. אַז זי איז ענדלעך אַרויס מיט אַ ברייטן שמייכל, האָט זי בינעמען געפֿרעגט וויפֿל ער וויל פֿאַר זיין טרחה. בינעם האָט דער פֿרוי געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַרקויפֿטע ערלעכקייט איז נישט יושרדיק און נישט מענטשלעך. אויב זי וויל זיך לאָזן קאָסטן — האָט איר בינעם אָנגעוויזן אויפֿן ווינקל פֿון טיש — זענען פֿאַראַן דאָרט בלעכענע פּושקעס פֿאַר וווילטעטיקע צוועקן.

בינעם האָט נישט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פֿון דער פֿרוי. זי האָט געזוכט אין אירע טאַשן, ביז זי האָט געפֿונען דאָס בייטעלע מיט קליינגעלט, אַרויסגענומען פֿון דאָרט עטלעכע מטבעות און זיך געלאָזט גיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט צום ווינקל פֿון טיש.

— דאָס ווילט איר מנדב זיין אויף פֿאַליאַ־קראַנקע פֿאַרן צוריקבאַקומען אייער פֿאַרלוירענעם אוצר? — האָט בינעם אַן אויפֿגעבראַכטער אַרויסגערעדט.

די פֿרוי, אַ געטראָפֿענע פֿון בינעמס שאַרפֿע ווערטער, האָט איינגעזען, אַז זי איז באמת נישט אין אָרדענונג, האָט זי אַ שאַר געטאָן מיט די שפּיצן פֿינגער דאָס געלט אין בייטעלע און אַרויסגענומען פֿון דאָרט נאָך עטלעכע מטבעות, געוואָלט אויף גיך פּטור ווערן פֿון דער אויפֿגעצוווּנגענער פֿליכט. בינעם האָט פֿון איר האַנט אַוועקגענומען די פּושקע און מיט אימפּעט צעעפֿנט דעם שופֿלאָד:

— זעט, איך לייג פאַר אייך אַריין אין דער פּושקע. וועט זיין מיין מצווה אַ דאָפּלטע...

— איר פאַרשעמט דאָך מיך — האָט די יידענע זיך צעבייזערט.

— איר האָט גאָר קיין באַגריף נישט וואָס איז שאַנדע.

— וואָס האָט איר אין מיר געזען אַזאַ שלעכטס? אין אַ פּושקע לייגט מען אַריין פּיאַסטערס, נישט עפּעס אַנדערש.

בינעם, מיט אַ קרומען קוק צו דער יידענע:

— גייט, זייט מוחל, אַהיים מיט אייער נישט כשר פאַרמעגן! געלט האָט איר איבער גענוג, אָבער מענטשלעכקייט פעלט אייך!

ר׳ חיים, אַן עלטערער ייד, אַ געוועזענער וויין־סוחר, האָט זיך אַרום־געטראָגן מיט זיין אָפּגעשפּאָרט געלט, וואָס ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנפאַרטרויען. פאַר דעם צוועק האָט ער זומער און ווינטער געטראָגן צוויי פּאָר הויזן. די אייבערשטע הויזן האָבן געדאַרפט באַשיצן די אָנגעשוואָלענע טאַשן פון די אונטערשטע. ער האָט זיך אויסגעהיטן פאַר זיין דריט ווייב און אויך פאַר אַ פרעמד אויג.

אַז ר׳ חיים איז צו בינעמען געקומען איינקויפן און געדאַרפט באַצאָלן, פלעגט ער אַרונטער הינטער דער טיר אין דעם טונקעלן ווינקל, דאָרט האָט ער געקאָנט צעעפענען די אייבערשטע הויזן, דערשלאָגן זיך צו די פאַרבאָרגענע טאַשן און צוריקקומען מיט געלט אין דער האַנט. פלעגט געשען, אַז ביים צוריקלייגן, האָט זיך דער בייטל אַראָפּגעלאָזט צווישןביידע פּאָר הויזן און איז שפּעטער אַריינגעפאַלן אין בינעמס הענט. האָט ער דעם אַלטן געוואָרנט צו זיין פאַרזיכטיקער ביים צוריקלייגן דאָס געלט.

— ר׳ חיים, דאָס איז ס׳וויפלטע מאָל. וואָס וועט זיין, אַז אייער בייטל וועט אַריין אין פרעמדע הענט?

ר׳ חיים האָט איינגעצויגן דעם שטערן און געענטפערט:

— אַ מאָל, אין די יינגערע יאָרן, האָב איך געוווּסט ווו צו זוכן פּרנסה, איצט, אויף דער עלטער, ווייס איך ווו צו פאַרלירן...

גאָר אַנדערש פלעגט איינקויפן דער גאַסן־הענדלער לעאָן. פאַריאָגט, פאַרשמייעט, האָט ער קיין צייט נישט געהאַט וואַרטן אין דער ריי. שטענדיק

איז ער געקומען מיטן גרייטן געלט אין דער האַנט, געכאַפּט אַ פּאָר זעמל, אַ ברויט, אַ פלאַש מילך, אויסגעשאָטן די פּיאַסטערס פון דער האַנט — און שוין איז ער געווען אין דרויסן.

ווי שטענדיק אין איילעניש, איז ער אַ מאָל אַריין, דורכגעשטופּט זיך צווישן די קונים, געכאַפּט עפּעס אין האַנט אַריין און גראָד פֿאַרגעסן אָנגרייטן דאָס קליינגעלט. ער האָט געזוכט, געטאַפּט, אַרויסגעלייגט פון די טאַשן און געפונען, און באַלד זיך אָפּגעטראָגן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און לעאָן איז אַריין אין געוועלב מיט אַ געשריי:

— מיין געלט!

— שרעק זיך נישט, דיין געלט איז דאָ — האָט אים בינעם באַרויִקט און דערלאַנגט דאָס פּעקל באַנקנאָטן — אָבער איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— וואָס? ווילסט עפּעס פאַר דעם? אַ זייטיק פֿאַרדינסטל?

— ניין. איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת: ווען דאָס פּעקל מיטן געלט גייט פֿאַרלוירן פון דעם אָרט, ווו פרעמדע מענטשן שטעלן זיך צום קויפן, און צו דיין מזל האָב איך עס צופעליק דערזען, וואָס וואָלסטו געטראַכט, וועמען וואָלסטו באַשולדיקט?

— פֿאַררעד מיר נישט די ציין... ס'וועט דיר גאָרנישט געלינגען... נישט ביי לעאָנען...

אָפּגעזאָגט, איז ער אַוועק צו זיינע לינקע געשעפטן לעבן דער פּאָסט אויף דער אַלענבי־גאַס.

ווי פֿאַרשידן ס'זענען געווען בינעמס קונים, אַזוי זענען געווען די פֿאַרגעסערס. אדון ירושלמי, אַ בכבודיקער ייִד, דער הויפּט־גבאי פון שול, אַ בעל־דרשן, אַ כלל־טוער, אַ דעה־זאָגער ביי קהל, און צו דעם אַ רייכער אימפּאָרטער — אַזאַ ייִד, אַז ער האָט אַ מאָל געדאַרפט אויסלייזן דאָס ווייב פון צו גיין באַלד אין דער פרי אין קראָם איינקויפן, איז עס פאַר אים געווען אַ שטיק אָפּקומעניש, אַ שטראָף. שטיין אין דער ריי און וואַרטן ביזן אָנקומען צום טיש — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר ווייבער, נישט פאַר אַזאַ ווי ער. איז אים שווער געווען איינצושטיין אויף אַן אָרט, ער האָט זיך געדרייט, געזיפצט, אַרויסגעוויזן אומגעדולד. אַז אדון ירושלמי

איז שוין ענדלעך דערגאַנגען צום טיש, האָט דאָס צעטעלע צום איינקויפן געציטערט אין זיין האַנט, די אויגן האָבן פאַרזען עפּעס וואָס איז דאָרט געווען אויפגעשריבן, אָדער ער האָט עפּעס געלאָזט אויפן טיש נאָכן איינ־קויפן. צו אַזעלכע זאַכן איז שוין בינעם געוווינט געווען, נישט געווען פאַר אים קיין נייעס.

איין מאָל, נאָך אַזאַ קניה, איז דער אדון צוריקגעקומען, מער צעטראָגן ווי ער איז געוועןביים איינקויפן און האָט אָנגעהויבן זוכן מיט אַראָפּגע־לאָזענע אויגן אויף דעם אָרט, וווּ ער איז פריִער געשטאַנען.

— וואָס נאָך פעלט אייך אַחוץ דעם, וואָס איך האָב געפונען אויפן טיש?

— אַ טשעקל פון דער און דער באַנק — האָט דער ייִד מיטן פאַר־זאָרגטן פּנים געענטפערט.

בינעם האָט צוגעהאָלפן זוכן אויפן טיש, אונטן אַרום זיך, צענומען יעדעס איינגעקנייטשט פּאַפּירל פון באַצאָלטע חשבונות, און — קיין סימן פון אַ טשעק.

דער ייִד איז אַרויס און ווידער צוריקגעקומען. אפשר דאָך, איידער ער גייט מעלדן אין באַנק. ער וואָלט דאָס שטאַרק געוואָלט אויסמיידן.

דער ענין האָט בינעמען פאַרשאַפט זאָרג. ס'האָט אים געערגערט די צערייצטע שטימונג פון דעם ייִד, זיינע שטיל אַרויסגערעדטע ווערטער, ווי צו זיך אַליין: „אַלץ צוליב איר... מער גיי איך נישט איינקויפן... אַ קאָפּ־דרייעניש... טראָגן זיך מיט די קיישלעך און שטיין מיט די ווייבער אין ריי, זיי זאָלן אים אַ דעה זאָגן, ווי אַזוי שטעלן אַ טריט און ווען אַרויס־רעדן אַ וואָרט צום קרעמער".

אין מיטן באַדינען די קונים, איז בינעמען עפּעס איינגעפאַלן:

— נאָך איין אָרט איז דאָ וווּ צו זוכן.

בינעם האָט זיך איינגעבויגן צום מיסטקעסטל און אַרויסגעשאָטן פון דאָרט אַלע איינגעקנייטשטע פּאַפּירלעך, צונויפגענומענע פון טיש. מיט געדולד האָט ער צעעפנט און באַטראַכט יעדעס באַזונדער, און אָט איז אים אַריין אין האַנט אַ צעקנייטשט פּאַפּירל. די געדרוקטע ווערטער האָבן אים אַ שיין געגעבן פאַר די אויגן: — אָט איז אייער טשעק!

בינעם האָט דאָס איינגענעצטע פּאַפּירל אונטערגעטראָגן צו די אויגן

און זיך געווונדערט: — אַ טשעק פון פערציק טויזנט פונט אין מיסט?

דער ייִד האָט זיך דערפרייט מיט דער אָפּגעפונענער אבידה, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף בינעמס פאָרוואורף, האָט ער דאָס שמאָלע צעקנאָדערטע פּאַפּירל אויסגעגלייכט אויף דער פלאַך פון זיין האַנט, ווי ער וואָלט עס געגלעט און געמאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר. פאַרן אַרויסגיין האָט ער אַריינגערעדט אין געוועלב אַריין:

— מיין ווייב וויל ענדערן דעם סדר פון דער וועלט. אַ מאַן שאַפט פרנסה און דאָס ווייב ברענגט אַריין אין שטוב...

— אָט זעט איר — האָבן זיך דערהערט העכערע טענער פון צווישן די ווייבער — אין אַלץ איז שולדיק די פרוי, אַפילו ווען דער מאַן פאַר־לירט זיין קאָפּ...

פון צווישן די קונים האָט זיך צום שאַרפסטן אַרויסגעשטעלט די גברת שמואלי. איר שטים האָט זיך אַרויסגעהערט פון צווישן די ווייבער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער פרוי.

— צו אַלץ טויגן זיי זיך אויס, די מענער, נאָר נישט ביים איינקויפן אין שטוב אַריין. דאָ, אין קראָם, זענען זיי גרויסע שלימזלן. און פון דעם געניסן די קרעמער. וואָס מען שטופּט זיי אַריין, איז גוט: אַן אויפגעפרישט ברויט, פאַרזויערטע מילכפּראָדוקטן, אַלץ איז ביי זיי סחורה, אַז דער קרעמער וויל פּטור ווערן פון אַ צעבראָכן איי, פון אַ נעכטיק ברויט, פון אַ פלאַש מילך מיט אַ דיקער הויט, געפינט ער שוין אין אַ מאַנספּאַרשוין אַ גוטן קונה. וואָרעם זיי וויסן דען נאָכצוקוקן, פאָדערן? ביים טיש אין שטוב זענען זיי גוטע מבינים, דאָרט וויסן זיי אַלץ. און פּרובירט, חלילה, דאָס אויסרעדן דעם מאַן, גייט ער באַלד אַרויס פון די כלים: „גיי דיר אַליין איינקויפן"...

די גברת שמואלי איז תמיד געווען אַ באַרעדעוודיקע ביים איינקויפן. קיין מאָל איז איר נישט געפעלן געוואָרן דאָס ערשטע ברויט, וואָס בינעם האָט איר דערלאַנגט, אויך די ערשטע גלעזלעך פון קילקאָסטן זענען נישט געווען לויט איר געשמאַק: איינס איז צו לויז, נישט גענוג געזעצט, דאָס צווייטע — צו גראָב, נישט עסטעטיש. דעם קעז פלעגט זי עטלעכע מאָל פאַרזוכן ביז זי האָט דערפילט דעם פרישן טעם; אַן איי פלעגט זי וועגן

אין דער האַנט און מעסטן מיט די אויגן. איז געשען, אַז זי האָט עפּעס איבערגעלאָזן אויפן טיש, איז אין דעם שולדיק געווען נאָר בינעם דער קרעמער, וואָס האָט זי נישט באַדינט ביז צום סוף, צוליב זיינע איילעניש. און אַזוי איז אויך מיט איר מאַן: שטענדיק דאַרף זי לויפן ברענגען דאָס פאַרגעסענע. מילא, די מענער, פאַר זיי איז דאָך אַן אָפּקומעניש צו גיין אין מכולת אַריין... זי אַליין איז אַן אָפּגעהיטענע, אַ גוטע איינקויפערין און בינעמען געווונטשן וואָס מער אַזוינע קונים ווי זי איז...

איין מאָל, איז זי נאָך אַן איינקויף צוריקגעקומען און נישט דרייסט דערציילט בינעמען אַ שטילן סוד, אַז זי האָט ביי אים עפּעס פאַרגעסן:

— קוקט אַריין אַהין — האָט איר בינעם אָנגעוויזן אויפן קיישל מיט די פאַרגעסענע חפצים.

— ניין — האָט די פרוי אָנגעשטעלט איר בליק צום שופלאָד — דאָס קאָן זיך געפינען נאָר צווישן דעם דראָבנעם געלט.

— וואָס דאַרף דאָס זיין? — האָט בינעם אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנ־דיקע אויגן.

די פרוי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים:

— אַ גאָלדשטיקל... ווייזט אויס, זיך אַריינגעמישט צווישן די נייע געלע צענער־פּיאַסטערס...

בינעם האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— אַזאַ חפץ האָט מען נאָך ביי מיר אין קראָם נישט פאַרגעסן. נעמט און זוכט — בינעם האָט פאַר איר אַוועקגעשטעלט אַ טיף שיסעלע פול מיט קליינגעלט.

— איך שעם זיך איצט. בעסער ווען ס׳וועלן נישט זיין קיין קונים.

— טאָ קומט אַריין נאָך זיבן, ווען איך שליס צו די טיר.

אין אָוונט איז די גברת שמואלי אַריינגעקומען מיט אַ שמייכעלע און זיכער אין זיך, אַז דאָס פאַרלוירענע שטיקל גאָלד ליגט ערגעץ טיף באַגראָבן אין בינעמס כלי מיטן דראָבנעם געלט. זי דאַרף זיך נאָר באַ־קוועם אַוועקזעצן, אָנטאָן די ברילן, און צוזאַמענגעמען די צעשרויפטע נערוון וואָס דאָס פאַרלוירענע גאָלדשטיקל האָט איר אָנגעמאַכט. זי האָט עס גענומען אויף אַ וויילע ביים מאַן, בלויז אַ קוק צו טאָן דערויף, און

ער וועט זיכער פֿאַרלאַנגען עס צוריק. און אפֿשר האָט ער זיך שוין אין דעם דערמאָנט, און זי זיצט גאָר ביי בינעמען אין געוועלב מיט אַן אַראָפּ־געבויגענעם קאָפּ צום קליינגעלט איבערן טישל. מיט די אויגן און מיט די פֿינגער באַקוקט זי און באַטאַפּט די גאָלדפֿאַרביקע צענער־פּיאַסטערס. טאַקע די זעלבער גרויס, דער זעלבער גאָלדקאָליר, אָבער נישט דאָס וואָס זי זוכט — נישט מיט די יידישע אותיות, נאָר מיט גויִישקע, און מיט יענעם יאָר, ווען זי איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. אַזאַ טייערע, שיינע מטבע — און פֿון די הענט זיך אַרויסגעגליטשט, ווי זיי וואָלטן געווען געליימט, ווי זי וואָלט אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ.

— איך בין געווען זיכער, אַז כ׳וועל עס ביי אייך געפֿינען — האָט זי געזאָגט נאָך אַ שווער אָפּזיפֿצן.

— זענט איר נישט אַ מאָל געגאַנגען אויך אין אַנדערע ערטער עפּעס קויפֿן?

די גברת האָט זיך געהאַלטן ביי אירס:

— אַזוי איז מען שוין איינגעוווינט, מיט קליינגעלט גייט מען אין אַ מכולת.

— איינגערעדט, נישט איינגעוווינט — האָט בינעם אָנגעשטעלט אויף דער פֿרוי זיינע אויגן — פּונקט, ווי איר האָט זיך איינגערעדט, אַז נאָר מענער פֿאַרגעסן און גייען אַרום מיט צעטראָגענע קעפּ...

— ס׳איז דאָך טאַקע דער ריינער אמת. צו אַלץ האָבן די מענער געדולד, נאָר נישט צום איינקויפֿן. מוז איך נאָך יעדע קלייניקייט קומען צו אייך, דערפֿאַר איז עס מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען. אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן? ס׳וועט שוין גאָרנישט העלפֿן, ווי אין ים אַריין. איר זענט דאָך אַ קרעמער, האָט צו טאָן מיט מענטשן, איז גיט מיר אַן עצה, מיין מאַן זאָל זיך אין מיר נישט אָנהענגען, אויסלאַכן. איר קענט דאָך מיינעם, ס׳וועט פֿאַר אים זיין אַ גאָלדענע מציאה...

— קויפֿט אָפּ אַזאַ מטבע, און ווערט פּטור פֿון די זאָרגן.

— זעט נאָר, פֿאַר וואָס איז דאָס מיר גלייך נישט איינגעפֿאַלן? אַ קרעמער איז פֿאָרט אַ קרעמער, אָבער זאָל עס בלייבן צווישן אונדזביידע. נישט כדאַי מ׳זאָל זאָגן, אַז איך גיי אַרום אין גאָלד...

מיט דעם האָט בינעם געמיינט, איז ער שוין פּטור פון דעם קאָפּדרייעניש. אָבער צו מאָרגנס אין דער פרי איז די פרוי שמואלי אַריין אין געוועלב, די אויגן גלייך אָנגעשטעלט צו בינעמען. זי האָט ווידער אים געבערענגט אַ סוד: ביי נאַכט האָט זיך איר געחלומט, אַז די גאָלדענע מטבע האָט זי על פּי טעות אַריינגעוואָרפן אין איינער פון די בלעכענע צדקה־פּושקעס.

— גברת שמואלי, אפשר איז די גאַנצע מעשה מיט דעם גאָלדשטיקל נישט מער ווי אַ חלום?

— אדון בינעם — האָט די פרוי זיך אַ בייזער געטאָן — איר מאַכט חוזק פון מיר? מיין מאַן מאָנט עס ביי מיר און איר שפּילט מיר נאָך אויף די נערוון, ווי עס וואָלט איך גאָרנישט אָנגעגאַנגען. עפנט די פּושקע מיט דעם אינוואַלידן־בילד. דאָרט וואָרף איך אַריין די געלע צענער־פּיאַסטערס.

— איר ווילט מיך אויסשטעלן צו נאַר. די פּושקעס אויפן טיש זענען דאָך אַלע פּלאָמבירט, מיט פילאַנטראָפּישע געלטער.

— אָבער מיין גאָלדענע מטבע געהער נישט צו יענע געלטער.

— אָבער דאָס האָט זיך אייך בלויז געחלומט. צום בעסטן וואָלט געווען, ווי איך האָב אייך געראָטן: קויפט אַ צווייטע מטבע.

— אוי, וואָס רעדט איר? ווו וועל איך קריגן פּונקט אַזאַ מטבע, וואָס מיין מאַן מאָנט ביי מיר? עפּעס אַזאַ אַנטיק, פון די ערשטע רוסישע צאַרן, זאָגט ער, מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק. אַזאַ בראָך האָט מיך געטראָפן!

— נו שוין, באַרויִקט אייך. איך וועל בעטן די פרוי וואָס וועט קומען טוישן די פּושקע, זי זאָל עפענען, און מיר וועלן נאָכקוקן.

— וואָלט איך אפשר געקאָנט דערביי זיין?

— אויב איר ווילט שטיין און וואַרטן ביז איר אָנקומען...

ס'איז אַריבער עטלעכע טעג. די פרוי פון די „פּאַליאַ"־פּושקעס האָט זיך ענדלעך באַוויזן. בינעם האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה. די פרוי האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל וועגן דער סיבה פון עפענען די פּושקע. בינעם האָט געשיקט רופן נאָך דער פרוי שמואלי אוןביידע פרויען האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. יענע האָט געעפנט די פּושקע און פרוי

שמואלי האָט מיט אָנגעשטרענגטע אויגן נאָכגעקוקט יענערס האַנט־באַוועגונג, ביז פון דער פושקע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פאַרשידענע מטבעות, צווישן זיי אויך געלע צענער־פּיאַסטערס. די פרוי שמואלי, אָן אָנגעבויגענע צום טישל, האָט מיט אירע בליקן אויסגעטאַפּט יעדע געלע מטבע און צום סוף געבליבן זיצן מאַכטלאָז: איר חלום האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט...

אָבער ווו איז פּאַרט אַהינגעקומען דאָס גאָלדשטיקל? זי אַליין וואָלט שוין אין דעם פאַרגעסן, אָבער איר מאַן לאָזט זי נישט צו רו מיט זיינע טענות, פאַרווורפן און פאַרדאַכטן, ווו זי האָט די גאָלד־מטבע אַהינגעטאָן. ער וואָלט גרייט געווען איר געבן אַ צווייטס, אָבער דאָס זאָל זי אים ברענגען צוריק. דאָס געהער צו אַ קאָלעקציע פון ווערטפולע מטבעות.

אַז דאָס פאַרלוירענע גאָלדשטיקל זאָל זי אַזוי שווער פאַרפאַלגן, נישט לאָזן אין דעם פאַרגעסן — דאָס וואָלט זי זיך נישט פאַרגעשטעלט. מילא, אַ מענטש פאַרלירט אַ מאָל עפּעס, באַשטראָפט ער זיך אַליין מיט פאַרדרוס און ווייטיק ביז די שווערע געפילן גייען פאַרביי. עס גייט אַרויס פון זכרון, מ׳פאַרגעסט אין דעם. אָבער די גאָלדענע מטבע גייט איר נישט אַרויס פון קאָפּ מיט כלערליי טראַכטענישן ווי אַזוי דאָס אָפּצוגעפינען. ביי נאַכט זעט זי אַרום זיך צעשאָטענע גאָלדענע מטבעות, פונקט אַזעלכע ווי דאָס פאַרלוירענע. אין דער פרי נאָכן שלאָף, איז זי פאַרקלעמט און לויפט ווייטער צו בינעמען זוכן איר אבידה. זי קאָן זיך נישט מוחל זיין, פאַר וואָס אַזאַ ווערטפולע זאַך האָט זי געהאַלטן צוזאַמען מיט די צענער־פּיאַסטערס. ווו זענען געווען אירע אויגן?

וועגן דעם אַלץ האָט פרוי שמואלי זיך אָפּגערעדט דאָס האַרץ פאַר בינעמען. ער איז געווען דער נאָענטסטער מיטבאַטייליקטער אין איר צער. זי האָט נישט געדענקט קיין אַנדערן גאַנג מיט דער מטבע, ווי נאָר צו אים. איז זי געקומען מיט אַ נייעם איינפאַל — שוין נישט קיין חלום, נאָר טאַקע אויף אַן אמת. אַזוי ווי זי האָט אויך אַריינגעוואָרפן אין דער פושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס כמעט יעדן ערב־שבת ביים איינקויפן, זאָל מען אויך יענע פושקע עפענען...

בינעם האָט מער נישט געוואָלט הערן וועגן דעם. ער האָט אַלץ געטאָן

כדי צו העלפן איר. געניג פאַר אים. אָבער די פרוי שמואלי, מיט די דינע ליפּן און שמאָלן מיילעכל, האָט זיך אין אים אָנגעקלעפּט ווי אַ פּיאַווקע און נישט געוואָלט זיך אָפּטשעפּן, נישט געוואָלט מוותר זיין אויף איר לעצטער האָפענונג — די ר׳ מאיר בעל הנס־פּושקע...

די פרוי שמואלי איז יעדן טאָג געקומען איין מאָל איינקויפן. איצט האָט זי אירע קניות צעטיילט אויף ביסלעך, אָדער סתם פאַרמערט איר אַריינקומען כדי צו דערוויסן זיך, צי דער ייִד איז שוין געווען טוישן די פּושקע. נישט יעדעס מאָל האָט בינעם צייט געהאַט איר צו ענטפערן, פלעגט זי בלייבן שטיין ביים אַריינגאַנג און געוואַרט, אַז בינעם זאָל זיך אומקוקן און ענטפערן מיט אַ קאָפּשאָקל — יאָ אָדער ניין. אַז דאָס געוועלב איז פול געווען מיט קונים ביזן אַריינגאַנג, האָט די גברת שמואלי זיך דורכגעשטופּט צום ווינקל פון טיש און אַ הייב געטאָן די פּושקע, צי איז נאָך אַ פולע.

די צדקה־פּושקעס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל אויפן לאַנגן טיש און האָבן זיך בולט אָנגעזען פאַר יעדן, וואָס האָט געהאַט אַ ווילן עפּעס אַריינצוואַרפן. פון פאַרנט איז געשטאַנען די קיילעכיקע „פּאַליאַ״־פּושקע מיטן אינוואַלידן־בילד לעבן דער פּירקאַנטיקער פון ר׳ מאיר בעל הנס. דיביידע פּושקעס זענען שנעלער פון אַנדערע פול געוואָרן. יעדן אָנהייב חודש פלעגט דער ייִד מיט דער לאַנגער באָרד און מיט די פאַרלייגטע פאות איבער די אויערן קומען אויסטוישן די פּושקע — צונעמען די פולע און איבערלאָזן די ליידיקע מיט אַ צולאָג ברכות פאַר פּרנסה און געזונט.

אַז דער ייִד איז אַריינגעקומען און נישט געפונען זיין פּושקע מיטן קליינגעלט אויפן שטענדיקן אָרט, האָט ער זיינע אויגן נישט געגלייבט. נישטאָ די פּושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס. בינעם האָט אויף דעם אָרט געזען שטיין אַן אומבאַקאַנטן, און מיט זיין אָוועקגיין, איז די פּושקע פאַרשוונדן פון אויג. דער ייִד איז געבליבן שטיין אַן איבערגענומענער און זיך געוווּנדערט: צווישן ייִדן זאָל זיך געפינען אַזאַ גנב...

נאָך גרעסער איז געווען דער ווייטיק פון גברת שמואלי. מיט דער אַוועקגעקומענער פּושקע איז פאַרלוירן געגאַנגען איר לעצטע האָפענונג...

— אויף אַזאַ אָנשיקעניש האָב איך זיך גאָרנישט געריכט — האָט זי געזאָגט מיט פֿאַרבראָכענע פֿינגער.

בינעם האָט אָפּגעענטפֿערט:

— ביי מיר אין קראָם איז אָן אָפּענע טיר. ווער עס קומט, דאַרף זיך נישט לעגיטימירן.

קאַפּיטל פופצן

# נאָכגייענדיקע שאָטנס

אין אָוונט ווען בינעם פלעגט אַהיימקומען, אַ באַפרייטער פון דער אַרבעט און פונעם טאָגיקן גערודער, איז ביי אים געווען אַ געפיל, ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ ברויזנדיקן ים אויף אַ ווייט אינדזעלע. אין זיין היים איז אים געוואָרן לייכט, און יעדעס מאָל דאָס זעלבע, ווי ער וואָלט נישט געווינט געווען דערצו.

אָבער די שטוביקע מנוחה האָט אים נישט באַקומען. ווי נאָר ער האָט זיך דערווייטערט פון מענטשן, זענען זיינע אויגן פול געוואָרן מיט אַ פאַרהוילענעם אומעט. אַליין מיט זיך, האָט ער זיך געוואָלט אַרומרינגלען מיט דער וואַרעמקייט פון דער היים: פרוי און קינד, אַ ציימונג, אַ בוך. אַ שטילער און שווערער פאַרמעסט איז פאָרגעקומען צווישן אים, דעם אויסגעטוענעם פון שווערן יאָך, און די מחשבות, וואָס זענען אים באַפאַלן. געבליבן זענען די מחשבות. דאָס אַנדערע אַרום אים האָט נישט געקאָנט פאַרשיטן דעם תהום צווישן די ביידע. בינעם האָט זיך אַליין געוואָלט פאַרשטיין: פאַר וואָס, ווען ער אַנטרינט פון דעם מענטשן־גערודער און קומט אין זיין שטילער היים, ערשט דעמאָלט דערפילט ער, אַז ער ווערט געיאָגט פון אייגענעם אומרו, וואָס פּיקט אים, ווי מיט אַ פויגל־שנאָבל, אין זיין שאַרבן.

בינעם האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע יאָרן אויף דער אַרישער זייט — אָט גייען זיי הינטער זיינע פּלייצעס, די גוים, מיט וועלכע ער האָט טאָג און נאַכט געלעבט, מיט די פאַרדעכטיקע בליקן, פאַר וועמען זיין האַרץ האָט געצאַפּלט, די געהיימע, נישט זעעוודיקע באַגלייטער. און אָט זעט ער זיך, ווי ער גייט מיט זיין שטאָלצן גאַנג, דעם קאָפּ אויפגע־הויבן, באַמיט זיך, אַז זיין בליק זאָל קיינעם נישט פאַרהאַלטן.

אין איינעם פון יענע טעג איז געשען דאָס, פאַר וואָס ער האָט זיך צום מייסטן געשראָקן. זי איז געקומען, די קאַטאַסטראָפע, און אַזוי אומגעריכט אים אַ נעם געטאָן פאַרן האַלדז, אַז ער האָט געמוזט אויפהייבן די הענט, קאַפּיטולירן. ער האָט דערפילט דעם קאַלטן שווידער פון טויט. פון זיין באַצווינגער, דעם פוילישן סאַניטאַר, האָט געשלאָגן דער זיגערישער טריומף באַגלייט מיט אַ בייסיק געלעכטערל.

וויפל מאָל איז בינעם געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן. ער האָט דורכגעמאַכט די געטאָס, לאַגערן, דורכגעריסן זיך אַ וועג אין די וועלדער, אַרומגעגאַנגען איבער די טומלדיקע וואַרשעווער גאַסן, אַנגעשטויסן זיך אויף דייטשן, אָבער דעם ייִד אין אים האָט קיינער נישט געזען. און דאָ, נאָך אַזאַ לאַנגן וועג פון שווערע געראַנגלען, זאָל ער גרייט זיין גיין צום טויט? ניין — ער מוז ווידער געפינען דעם וועג צום לעבן, נישט אונטערגעבן זיך. און בינעם האָט ווידער דעם שווערן פּרוּוו אויסגעהאַלטן. זיין פאַרפאָלגער אין ווייסן כאַלאַט האָט אין אים דערקענט אַ מוטיקן מענטש מיט אַ כּוח צו קעמפן פאַר זיין לעבן. ער האָט אים, בינעמען, דעם פאַרמאַסקירטן ייִד נישט פאַרהאַלטן.

אַ סך טרויער האָט בינעם מיט זיך מיטגעבראַכט אין זיין נייער היים. אין די נעכט אויף זיין געלעגער איז בינעם געלעגן אַ געפאַנגענער פון די חלומות און שרעקקאָשמאַרן. ער האָט געזען שווערע בילדער, געשפּענסטער, און אומעטום אין דער מיט — האָט אַ טונקעלער אָפּגרונט אים גערופן, געזוכט אים אַריינצונעמען, איינשלינגען און פאַרשליסן אויף שטענדיק. ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט, האָט אים אַ געשריי באַפרייט פון קלעם און אים דערמאָנט אין די שעהען פון פאַרן חלום. אַ באַגאָסענער מיט שווייס האָט ער צוריקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן.

בינעם האָט אָפט דערציילט וועגן זיך, ער האָט געוואָלט עפענען דאָס האַרץ, אָבער שטענדיק פלעגט מען אים איבעררייסן. בינעמס טרויער און אומרו האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, נישט די הונדערטער קונים, וואָס האָבן זיך באַוועגט פאַר זיינע אויגן, און נישט זיינע נאָענטסטע האָבן דאָס נישט געקאָנט אויפנעמען. אַליין מיט זיך, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן דער

מילדער שמייכל און פֿאַרשטילט איז געוואָרן דער ווייכער טאָן פֿון זיין רעדן. ער האָט זיך געפֿילט ווי אַן אָפּגעריסענער פֿון זיינע וואָרצלען.

בינעם איז געזעסן אין געדיכטן שאָטן אַ פֿאַרזונקענער אין טראַכ־טענישן. ער האָט דערקענט די געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט פֿאַר זיינע אויגן. ער האָט געוואָלט מיט אַ געשריי פֿאַריאָגן פֿון זיך די מענטשן־שאָטנס, נישט דערלאָזן זיי צו זיך, אָבער זיין קול האָט זיך איינ־געשניטן אין זיין שוויגעניש. זאָלן נאָר די שטובּיקע נישט דערהערן. בינעם האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון זיינע נאַכט־באַגעגענישן מיט יענע געשטאַלטן און נישט געקאָנט.

זיי זענען נאָך אַלץ געקומען צו אים, יענע פֿון דער אַרישער זייט, די וואָס האָבן אים פֿאַרפֿאָלגט, און די, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפֿ־געלעבט. זעלטענער איז געקומען צו אים יאַדוויגאַ, די שטילע איידעלע פֿרוי. עטלעכע מאָל האָט זי זיך באַוויזן פֿאַר אים אין חלום, ווי נאָר אים אָנצוקוקן אַ לעבעדיקן — און באַלד איז זי שטיל פֿון אים אַוועק. געבליבן אַרום אים זענען בלויז די, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון מיט אומרו. ווען ער האָט אין זיין דמיון געזען יאַדוויגאַן, איז בינעמען געוואָרן שטיל, לויטער און רויִק. דאָס איז געווען יענע רויִקייט, וואָס נעמט אַרום אַ מענטשן נאָך אַ שטורעמווינט. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט בלייבן אין אים, ווי דער איינציקער זכר פֿון אַ מענטש אין דעם פּוילישן דזשונגל און איר נאָמען וועט שפּרייטן רו אַרום אים.

ווי לאַנג וועט ער אַזוי אַרומטראָגן אין זיך די אַלע איבערלעבענישן: ביי טאָג — מיט זיינע קונים אין געוועלב און ביי נאַכט — מיט זיינע גויִים אויף דער אַרישער זייט? בינעם האָט געפּלאַנט ווייטער צו שרייבן. ער האָט אָנגעזאַמלט אַ סך נאָטיצן מיט דאַטעס, פֿאָטאָגראַפֿיעס, נעמען, ער האָט געוווּסט, אַז ווען ער וועט דאָס אַלץ אַרויסברענגען פֿון זיך, וועט אים ווערן לייכטער. אָבער אין זאַך האָט אים געפֿעלט דערצו — צייט. די לאַנגע אַרבעטסטעג האָבן פֿאַרשלונגען זיין גאַנצע ענערגיע, דאָס נישט קאָנען נעמען די פֿען אין האַנט אַריין האָט צערודערט זיין געמיט. די טענות צו זיך אַליין זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל אַלץ שאַרפֿער. ווי אונטערגעטריבן פֿון אַ געהיימען כּוח האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַן

אָפּגעזונדערט ווינקל און אין גאַנצן זיך איבערגעטראָגן אַהין, אין דער פרעמדער וועלט. אַ געפּאַנגענער, איז ער געפּירט געוואָרן פון יענעם גרויסן כוח, פון יענעם צויבערדיקן ווילן, וואָס קאָן דערהייבן, אָנפילן מיט חיות, מיט נייעם אָטעם, אויסלייזן פון דריקעניש. בינעם האָט דערפילט ווי אַ גוטע טרייסט וויקלט זיך אַרום זיין נשמה. ער האָט גאַרנישט באַ־מערקט, ווי שנעל עס רוקן זיך די שעהען פון דער נאַכט מיט דער פען אין זיין האַנט.

פון דעמאָלט האָט בינעם באַשלאָסן, אַז גאַרנישט וועט אים קאָנען אָפּהאַלטן, גאָרנישט וועט אים מיד מאַכן אַרויסצוברענגען פון זיך די איבערלעבענישן פון יענע יאָרן. ווי נאָר דער טאָג האָט אָנגעהויבן פאַרגיין, האָט אים שוין געצויגן צו יענעם שטילן ווינקל, דאָרט האָט ער איינגענומען די אַלע געשעענישן, ערטער און נעמען. אָט איז טאַדעוש, סטעפאַן, באָלעק, ווינצענטי. זיי קוקן צו אים פון די פאָטאָגראַפיעס, יעדער מיט זיין באַזונדער פּנים און מיט זיין באַציִונג צו אים דעם קאַטאָליק. אַ טייל פון זיי מיט רעספּעקט פאַר זיין שטילער פרומקייט, אַנדערע מיט פאַרשנדיקע אויגן נישט בלויז צו אים, נאָר צו יעדן, וואָס האָט געקאָנט פאַר זיי דינען ווי אַ ציל פאַר זייערע פאַרדעכטיקטע בליקן.

יאַדוויגאַס פאָטאָגראַפיע האָט זיך נישט געפונען צווישן די אַלע. איר בילד איז בינעמען געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. ער האָט בולט געזען אין זיין דמיון יענע מיטליאַריקע פרוי מיטן גלייכן שרינט אין דער מיט פון אירע גלאַט־פאַרקעמטע בלאָנדע האָר, מיט איר שלאַנקער פיגור אין די שוואַרצע טרויערקליידער נאָך איר אומגעבראַכטן מאַן. ווי וואָלט ער אויסגעזען אין יענע אויסזיכטלאָזע טעג אָן איר מילדן בליק צו אים, אָן איר ווילן צו פאַרנעמען זיינע רייד? יאַדוויגאַ. וויפל מוט און גייסטיקן כוח דער נאָמען האָט אים צוגעגעבן צו קאָנען וויטער אָנגיין מיט זיין ראָל אין גויִשן פּליטים־אַנשטאַלט. אפשר האָט אויך זי, יאַדוויגאַ, אין רויִקע פרידלעכע מינוטן, ערגעץ־ווו אַ טראַכט געטאָן וועגן אים, דעם סאָלידן, באַשיידענעם סטאַניסלאַוו, וואָס האָט זי אַזוי גוט פאַרשטאַנען אין יענע שווערע טעג און איז געוואָרן באַענט צו איר דערשלאָגן געמיט?

אָן אָנגעבויגענער צו די בויגנס פּאַפּיר איז בינעם מיט זיין דמיון

פֿאַרפֿירט געוואָרן אין יענער פֿאַרגאַנגענער וועלט, וואָס האָט אין אים נאָך געלעבט, נישט געלאָזט פֿון זיך אַרויסרייסן. שוין דאָס אַרויפֿברענגען אויפֿן זכרון האָט אים אַוועקגענומען זיין רו מיט די שווערע טענות צו זיך אַליין: פֿאַר וואָס האָט ער זיך געלאָזט אַזוי פֿאַרפֿירן פֿון דער צייט? די אַרבעט! זי איז געווען דער שטן, וואָס האָט זיך געשטעלט אין וועג און אים אָפּ־געריסן פֿון דער פֿעדער, אים פֿאַרפֿירט, גענאַרט. מער וועט עס אַזוי נישט גיין, אַ בונט האָט זיך אין אים צעוועקט. בינעם האָט אָנגעהויבן פֿירן אַ קאַמף מיט זיך אַליין, מיט די שפּעטע נאַכט־שעהען. זיינע שעהען נאָך דער אַרבעט האָבן באַקומען אַ ווערדע, געבערענגט אים פֿאַרגיטיקונג און אָנגעפֿילט מיט תוכן די נישט דערשלאָפֿענע נעכט.

ווי נאָר דער טאָג האָט אָנגעהויבן פֿאַרגיין, האָט בינעם גענומען זיך צויאָגן. מיט זיינע מחשבות איז ער שוין געווען אויסער די ווענט פֿון זיין קראַם. זיין מוח איז געווען אויפֿגערודערט, זיין אינערלעכע זעונג האָט געכוואַליעט מיט בילדער, מיט רייד, וואָס האָבן גאַרנישט געהאַט צו טאָן מיט דעם וואָס ער האָט געהערט פֿון זיינע קונים. אַ פֿאַרטראַגענער האָט ער זיך באַוועגט צווישן זיינע געוויינלעכע טוונגען און אויפֿגעקומענע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געריסן אַהין, צום באַרג פּאַפּירן. אַ, מיט וואָסער אומגעדולד האָט ער אויסגעוואַרט דער אָוונט זאָל צופֿאַלן. עס האָט גע־ווונקען צו אים דער אָנקומענדיקער אומרו, וואָס האָט אים באַלד פֿון דער ערשטער מינוט אַרומגעשפּונען און טראָץ אַלע שוועריקייטן געמוזט פֿונאַנדערוויקלען דאָס בילד, וואָס איז געלעגן אין אים טיף אין זיין געמיט, מיט די אַלע געשטאַלטן, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי שאָטנס. אין שלאָף האָט ער זיי געזען, גערעדט מיט זיי און אויסגעהערט זייערע פֿאַר־ווורפֿן, פֿאַר וואָס ער האָט זיי, זיינע גויִישע חברים אָפּגענאַרט, פֿאַרפֿירט זייער גלויבן אין אים. דערפֿאַר איז פֿאַראַן ביי זיי אַזאַ נקמה־דורשט אים אומצוברענגען...

מיט אַ באַזונדערן כעס האָט זיך געריסן צו אים דער יוגנטלעכער מיכאַליק, וואָס האָט אים, דעם געוועזענעם סטאַניסלאַוו, געהאַלטן משפּחה־דיק נאָענט, גערופֿן אים „ווויעק״ (פֿעטער), נאָכגעגאַנגען זיינע פֿרומע געלאַסענע טריט אין קאָשטשאָל אַריין און געווען געהאַרכזאַם צו זיינע רייד.

און באַליעק, זיין נאָענטסטער חבר אין קוילנגרובן און אין לאַגער, דער געפּייניקטער פון הונגער און איינזאַמקייט. ער האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין זיינס גלייכן, געשענקט אים זיין פולן צוטרוי און צום סוף אים דערזען אַן דער מאַסקע...

און דער גרויסער סטעפּאַן מיט די ברייטע טריט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן ווי אַ פערד אין שפּאַן, מיט אַ פּאָר הענט ווי צוויי אייזערנע צוואַנגען. ער האָט געטרונקען מיט אים פון איין פלאַש און פאַרביסן מיט שטיקער וורשט פון זיין רייכער פּויערישער היים. אָט די און נאָך אַנדערע האָבן אים אַרומגערינגלט, געהאַלטן אין געפּאַנגענשאַפט ביז ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן. דאָס האָבן די חלומות אַנגערירט אין בינעמען אַ פילבאַרע סטרונע, טיף אין האַרצן אַ פאַרבאָרגענע.

באַפרייט בינעמען פון דער קלעמונג האָבן די לאַנגע נאַכט־שעהען וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין זיין שטילן ווינקל. דער באַגערטער ציל האָט פאַמעלעך זיך דערנענטערט. פון דעם בערגל נאָטיצן זענען געוואָרן באַזונדערע קאַפּיטלען, און פון דער לאַנגער רשימה מיט נעמען — אויסגעפורעמטע געשטאַלטן, יעדער מיט זיין פנים און זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן.

בינעמען איז מיט אַ מאָל אַזוי גוט געוואָרן אויף דער נשמה, עס זענען אים געוואָרן פרעמד און איבעריק די פריִערדיקע לאַסטן. אים האָט אַרומגענומען אַן אומגעוויינלעכע גוטסקייט.

ווען ער האָט געענדיקט דאָס לעצטע זייטל „אויף דער אַרישער זייט" איז זיין געמיט שוין געווען איינגעשטילט. אַ רו איז אויפגעגאַנגען אויף זיין געזיכט. דער זייגער האָט געוויזן די שפּעטע נאַכט־שעה. אין בעט האָט בינעם געטריבן אַלץ פון זיין זכרון. ער האָט געבעטן אויף זיך אַ רויִקן, קורצן שלאָף.

קאַפּיטל זעכצן

# נייע פּנימער אין בינעמס געוועלב

אין בינעמס זכרון איז נאָך געבליבן איינגעקריצט דער איינדרוק פון יענעם ערשטן בליק אויף דער געגנט. בעת ער איז געקומען פאַרהאַנדלען וועגן איבערנעמען די קראָם, האָט פאַר זיינע אויגן זיך אויפגעוויקלט אַ ריזיקער זאַמד־שטח. אַ גרויסע מדבר־שטרעקע איז געלעגן אונטער אַ צעגליטן הימל. ער האָט געוווּסט, אַז די ערד אין ארץ־ישראל איז אַ זאַמדיקע, אָבער אין יענעם טאָג ווען ער האָט איבערגענומען די שליסלען פון געוועלב, האָט דער שטח אַרום אָנגעיאָגט אַ טריבקייט אויף זיין געמיט. זאַמד, זאַמד. די געלקייט פון די זאַמדן האָט זיך, ווי מיט עפּעס וויטיק־לעכס, געצויגן צו אים, ווי אַ געלזוכט וואָלט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים.

כאָטש איבער די זאַמדן אָנטקעגן איבער דעם געוועלב זענען שוין גע־שטאַנען העלע בנינים, מיט פּאַלמעביימער, קוסטעס און בלומען פאַר די הייזער. דער הימל איבער קרית־מאיר איז געהאַנגען אַ מער אָפענער, און אַראָפּגעקוקט מיט מער מילדקייט אויף די ווייס געקאַלכטע ווענט. אויך די זון האָט ווייכער אַרומגענומען די ניי אויפגעקומענע שכונה, פּונקט ווי זי וואָלט זיך רייצן מיטן אַרומיקן מדבר.

און דאָך, דאָס זאַמד האָט בינעמען פּשוט פאַרפאָלגט, אַרומגערינגלט ביז דער שוועל פון זיין קראָם, געשפּרייט זיך פאַר זיינע פיס, דערגרייכט צו זיינע אויגן פון ווי ווייט. אים איז ענג געוואָרן אין האַלדז ווען ער האָט געאָטעמט מיט דער זאַמדיקער לופט.

אין דעם אַלץ האָט בינעם זיך דערמאָנט ביים שפּאַציר מיט זיין ווייב און טעכטערל.

יענעם שבת אין דער פרי האָט זיך בינעם אויפגעכאַפּט פון שלאָף,

ווי עמעצער וואָלט אים אַרויסגעטריבן פון בעט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער קיין צייט נישט געהאַט אָנצוקוקן די גרויסע פאַרענדערונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען. לאַנגע שורות אויפגעשטעלטע הייזער האָבן שוין אויסגע־שפּרייט זייער שאָטן, און ער האָט זיי נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט. ס׳האָט אים נישט געלאָזט איינליגן אין בעט, ער האָט געמוזט אַרויס זעטיקן זיין נייגעריקייט וואָס אין די אַרבעטסטעג האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען בלויז מיט שנעל אַריבערגייענדיקע בליקן.

די פאַרמיטאָג־זון איז געווען אין איר העלסטן בלענד, און די ווייסע, פּירקאַנטיק־גלייכע הייזער, ווי פון אַ פאַרעם אַרויסגענומענע, זענען גע־שטאַנען צעשטעלט אין גלייכע רייען, האָבן צוריקגעשיינט מיט העלע ליכטפּונקטן, מיט גרינע גערטנער און געשוירענע גראָזן, מיט די יונגע ביימלעך, אויפגעקומענע פון דער זאַמדיקער ערד.

בינעם מיט זיין ווייב און קינד האָבן שפּאַצירט פון הויז צו הויז איבער אויסגעפּלאַסטערטע שטיינערנע שטעגלעך, איבער נייע אויסגע־לייגטע טראָטואַרן, געהויבן די פיס איבער צעגראָבענע זאַמדן, אַרויפ־געקוקט אין די הויכקייטן צו אָפענע באַלקאָנען באַצירטע מיט בלומענ־טעפּלעך. אין די אָפענע פענצטער האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן מיט צעשמייכלטע בליקן פון נייע קונים — פרישע אַריינגייערס צו זיי אין געוועלב.

צווישן די לאַנגע רייען נייע הייזער זענען געלעגן די זאַמדיקע גאַסן נאָך נישט געפּלאַסטערטע. ווי איינגעפּרעסטע זענען די זאַמדן געלעגן ביי די ראַנדן פון טראָטואַר, נישט געוואַגט זיך רירן פון אָרט, נישט דער־גרייכט מער צו די שוועלן פון די הייזער.

נאָכן שפּאַציר האָט בינעם זיך אָוועקגעזעצט מיט זיין משפּחה ביים טיש און געשמאַק געגעסן דאָס שבתדיקע מיטאָג. דערביי האָבן זיי זיך געטיילט מיט די איינדרוקן. יעדער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן, ביי יעדן איז פול געווען אויפן האַרצן. רחל האָט באַוווּנדערט דעם טעמפּאָ פון בויען. נאָך עטלעכע יאָר, האָט זי געמיינט, וועט דאָס אַלטע תל־אביב, וווּ זי איז דערצויגן און אויסגעוואַקסן, בלייבן נישט מער, ווי אַ דערינערונג אין איר זכרון.

בינעם איז געווען נאָך מער באַאיינדרוקט. אַט ליגט זי פאַר זייַנע

אויגן, די באַפרייטע וועלט. און נאָכן טרעטן איבער וועגן פון מאָרד, פּיין און שאַנד, איז ער געגאַנגען איבער די פּרי̇ערדיקע פּוסטע זאַמד־שטחים מיט דערהויבענע געפילן. אַזוי איז ער דערגאַנגען צו זיין טיש. דאָ האָט ער דערפילט זיין נייעם מעמד, אַ נייעם דור האָט ער געשאַפן. פון זיין ווייב האָט געשפּאָרט מיט לעבן, מיט חיות, מיט טעטיקייט: אַ רירעוודיקע, אַ פלינקע, האָט זי זיך באַוועגט פון איין אָרט צום צווייטן, כדי וואָס מער אָפּצוטאָן אין דעם טאָג וואָס זי האָט נישט געדאַרפט גיין אין געוועלב. אַ מידע פון אַ גאַנצער וואָך מיטהעלפן אין דער פּרנסה, האָט עס זיך אויף איר נישט אָנגעזען.

רחל האָט אויסגעהערט בינעמס דערציילונגען און זיי האָבן זיך צו־נויפגעמישט אין אירע מחשבות וועגן איר אייגענער נייער היים אויף די פּרי̇ערדיקע פּוסטע זאַמדן.

אויך שרהלע, שוין אַ שילערין אין ערשטן קלאַס פאָלקסשולע, האָט נישט געוואָלט פרי̇ער גיין זיך לייגן אין בעטל איידער דער טאַטע אָדער די מאַמע וועלן איר דערציילן די מעשה פון די קוואַקנדיקע זשאַבעס אויף דעם אָרט, ווו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס הויז ווו זי וווינט. און שרהלע האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף די קלענסטע פּרטים פון דעם מעשהלע. זי האָט געוואָלט וויסן ביז וואַנען די וואַסערן האָבן דער־גרייכט, און וויפל זשאַבעס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויף דעם אָרט. עפּעס האָט זי געדענקט, ווי אין אַ חלום, אַז ווען זי איז אַריבער וווינען פון שכונת שבזי אין דער נייער וווינונג, האָבן אין די נעכט די זשאַבעס זי איינגעשלעפערט ווי אַ וויגליד. אַז די אַלע זאַמדיקע טאָלן און בערגלעך זענען פאַרבויט געוואָרן און די טויזנטער זשאַבעס זענען פאַרשוווּנדן צו־זאַמען מיט דער אַרומיקער פּוסטקייט, האָט שרהלע ליב געהאַט צו הערן, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט פּאַר דעם אויסגעזען.

בינעם איז געבליבן זיצן ביים קינדערבעטל. ער האָט געקוקט אויף זיין איינגעשלאָפן טעכטערל און געטראַכט, אַז זי וועט עלטער ווערן, וועט ער איר דערציילן די געשיכטע פון יעדן הויז, פון יעדער גאַס, פון יעדן בוים. זי וועט דאַרפן וויסן, אַז זיי זענען נישט געקומען צום פאַרטיקן, נאָר מיט יונגע הענט געקומען אויפשטעלן אַ ניי לעבן — אַט שטייען אין

דרויסן אַנטקעגן דער טעראַסע פאַרפלאַנצטע סאָסנעביימלעך, נאָך אונטער־געשפּאַרטע מיט דרענגלעך. ווי יונגע קינדער ביים ערשטן מאָל זיך שטעלן אויף די פיס. אַז זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי שפּרייטן אַרום זיך שאָטן. אָפּגעקילטע לופט וועט שמעקן מיט רו און מיט סאָסנע־ריח.

ווען בינעם האָט דערזען די אויפגעקלאַפּטע שילדן מיט די נעמען פון די נייע גאַסן „ציטלין" און „פרישמאַן", וועמענס לעצטע הייזער האָבן דערגרייכט כמעט ביז זיין געוועלב, און אַ ביסל ווייטער — די גאַסן „מלך דוד" און „גאָרדאָן", האָט מען געקאָנט דערזען דעם גלאַנץ אין די אויגן, וואָס ער באַקומט אין דערהויבענע מאָמענטן. אַן אויסבאַהאַלטענער נייגער האָט געטליִעט אין זיינע שוואַרצאַפּלען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געקוואָלן פון דער צעבליטער וויסטעניש. אים מיט זיין ווייב, האָט ער געטראַכט, וועט מען נישט קאָנען פאַרוואַרפן, אַז זיי זענען אַהערגעקומען צום גרייטן.

אין די נייע הייזער האָבן זיך אַריינגעצויגן מענטשן, וואָס האָבן אויס־געזען צו זיין פון אַ בעסערן מעמד. זיי פלעגן קומען מיט אַ גרעסערן אויסוואַל פון קאַפּריזן ביים איינקויפן, ווי עס פּאַסט פאַר אויפגעקומענע גבירים. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון קרעמער, ער זאָל זיי באַדינען ביז דער טיר פון זייער וווינונג.

געווען צווישן די נייע קונים אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געצויגן צו זיך בינעמס אויפמערקזאַמקייט, ווי יענער עלטערער מאַן מיט די ווייסע האָר אַרום דעם רונדן פּליך אויפן גרויסן קאָפּ. אַ נידעריקער, מיט אַ ברייטן געשטעל, איז ער געשטאַנען ווי אין דער זייט, נישט צו שטערן די, וואָס האָבן געהיט זייער ריי.

אין דעם גערודער צווישן די קונים האָט בינעם זעלטן געפונען צייט פאַרזענלעך זיך אָפּצוגעבן מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געביטן פאַר זיינע אויגן, אָבער דער אַלטער מאַן מיטן ווייסן קאָפּ — אים האָט בינעם אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן מיט אַ פאַר ווערטער אויף יענעמס דאַנקבאַר־קייט פאַר גוטן באַדינט ווערן און פאַר די פרישע מילכיקע פּראָדוקטן, וואָס בינעם האָט אים שטענדיק דערלאַנגט.

ווען דער אַלטער מאַן איז אַריינגעקומען אין געוועלב און זיך אַוועק־

געשטעלט אין דער ריי מיט דעם קיישל פלעשער אין האַנט, איז ער שטענדיק געווען וואַך און ליב געהאַט אָבסערווירן, וואָס אַרום אים טוט זיך, ווער ס'איז פאַר אים, און ווער הינטער אים. אַ מאָל האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט און מיט דעם איז ער געוואָרן אַ מיטבאַטייליקטער אין די רייד, וואָס פלעגן אָפט אַרויסרופן פון דער זייט צעשמייכלטע פּנימער.

בינעם האָט שטאַרק ליב געהאַט באַדינען דעם אַלטן מאַן און אים ענטפערן אויף זיינע נייגעריקע פראַגן אַרום בינעמס אַרבעט. ווי אַזוי האָט אויסגעזען די מילך־פּראָדוקציע איידער „תנובה" האָט זיך באַוויזן מיט די מאָדערנע מאַשינען. דער אַלטער, אַ נישט לאַנג געקומענער פון דער גרויסער וועלט, האָט מיט אינטערעס זיך איינגעהערט אין בינעמס דערמאָנען יענע נישט לאַנג פאַרגאַנגענע טעג ווען אַ גלאָז מילך פאַר אַ קליין קינד איז געווען אַ לוקסוס.

בינעם פלעגט אויפכאַפּן דעם אַלטנס ליטווישן ייִדיש בעת ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט די קונים, וואָס האָבן אים שוין געקענט פון זיין אַריינקומען אין געוועלב. עס זענען געווען נייגעריקע צו וויסן פון וואַנען דער ייִד איז געקומען, ווי לאַנג ער איז אין לאַנד. אויף דעם האָט דער אַלטער געענטפערט: מיטן האַרץ — שוין אַן אַלטער תושב אין ארץ־ישראל, מיט מיינע הענט און פיס — אַ נייער עולה פון אַמעריקע.

עמעצער האָט זיך אָנגערופן:

— ייִדן פון אַמעריקע זענען בטבע נישט קיין ציוניסטן. זיי קומען ווי טוריסטן אַ קוק טאָן אויף דער מדינה און אַנטלויפן, אָדער זיי לאָזן זיך קאָסטן און לעבן זיך ווייטער רויִק אין אַמעריקע.

דער אַלטער מאַן האָט זיך אומגעקוקט צו יענעם מיט זיינע טיפע, גרויסע אויגן און געענטפערט, אַז צו ערשט דאַרף מען קענען דעם ייִד פון דער ברייטער וועלט, און ערשט דאַן קאָן מען אורטיילן זיין שייכות צו ארץ־ישראל, און אפשר אויך בעסער פאַרשטיין דאָס געפיל פון יענעם ייִד צו דער ייִדישער מדינה.

אַז דער אַלטער מאַן איז געבליבן שטיין לעבן איםביים טיש, האָט ער זיך דערמאָנט אין די רייד, וואָס זענען פריִער דערגאַנגען צו זיין געהער:

— אדון — האָט בינעם נישט וויסנדיק זיין נאָמען צו אים זיך געווענדט — וועגן דעם וואָס איר האָט פריִער געשמועסט, וואָלט איך אייך גערעדט צו לייענען אין „די גאָלדענע קייט" יעקב לעשטשינסקיס אָפּהאַנדלונג וועגן יידישן לעבן אין דער וועלט. דאָרט וועט איר געפינען דעם וועלטיִיד אַ טיף פאַרוואָקסענעם אין דעם לעבן פון יעדער לאַנד באַזונדער, מיט אַ יידיש לעבן, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין משך פון דורות. פאַר דער יידישער מדינה, ווי יענער האָט געזאָגט, שענקט ער די דאָלאַרן מיט גוטע ווונטשן, און זיין ציוניזם פּראַוועט ער אין גלות.

דערהערנדיק בינעמען אָנרופן יעקב לעשטשינסקיס נאָמען, האָט דער אַלטער מאַן געשאָקלט מיט זיין ווייסן קאָפּ:

— הערט זיך איין, אדון בינעם. יענער יעקב לעשטשינסקי וואָס איר האָט דערמאָנט איז אַ שרייבער אַן עקאָנאָמיסט, וואָס איז שטרענג אָפּגעהיט צו זיינע געשיכטלעכע פאָרשונגען, און דער יעקב לעשטשינסקי, וואָס שטייט פאַר אייך אין אייער קרעמל, האָט מיטגעברענגט אַלע זיינע ציון־בענקשאַפטן טאַקע פון דאָרט, פון דער ברייטער וועלט.

בינעם האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן די אַרבעט:

— זענט איר יעקב לעשטשינסקי, דער יידישער שרייבער? און איך האָב נישט געוווּסט ביז איצט ווען איך האָב דעם כבוד צו באַדינען!

דעם אַלטנס ליפּן האָבן זיך צעצויגן אין אַ ברייטן שמייכל:

— אָט זעט איר, דאָס רעדט דווקא גוט פאַר אייך. ווען איר ווייסט ווער איך בין, וואָלט עס געקאָנט הייסן, אַז איר באַדינט מיך אַזוי פיין מיט אַ כוונה. איצט קומט אייך באמת אַ לויב, אַז איר זענט צו אַלע ערלעך און פיין.

קורץ נאָך דעם האָט יעקב לעשטשינסקי פון דער קאַצענעלסאָן־גאַס אויפגעהערט אַריינקומען צו בינעמען אין געוועלב. אין די צייטונגען איז געווען געמאָלדן וועגן זיין טויט.

בינעמס בליק האָט אויפגעכאַפּט אַ ניי פּנים צווישן די פרישע קונים. אַ ייִד שוין אין די יאָרן, מיט קורצע כאַקי־הייזלעך, און שווערע הילצערנע טרעפּעס, אַ טאָרבע מיט צעקלונגענע פלעשער אָנגעהאָנגען אויף דער

האַנט, אָבער אַליין אַ שטילינקער, מיט קלוגע צעשמייכלטע אויגן, מיט אַ פריינדלעכן „בוקר טוב" באַלד אין די פריִע מאָרגן־שעהען.

בינעמען זענען נישט געווען צום האַרצן די זייער פריִע איינקויפן בעת ער איז נאָך געווען פאַרנומען ביים איינשטעלן די באַקומענע פּראָדוקטן. נישט איין מאָל פלעגט ער צו אַ קונה אַ זאָג טאָן: „פאַר וואָס אַזוי פרי"? אָבער דער נייער קונה, מיט זיין היימיש־ליטווישן יידיש, תמיד מיט אַ גלייכווערטל און פּיקחותדיקן זאָג, איז מיט זיין פריִען אַריינקום געווען אַ דערפרישונג פאַר בינעמען, נאָך דער נישט דער־שלאָפענער נאַכט.

אין דעם רעדן האָט בינעם זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ לערער פון געשיכטע, און זיין פרי איינקויפן האָט צו טאָן מיט דער צייט פון זיין אַרבעט. דורך דער פאַרמיטלונג פון פרישן פּעקל קעז זענען ביידע, בינעם מיט זיין נייעם קונה, געוואָרן שטאַרק פאַרהיימישט.

יעדעס מאָל ביי זיין אַריינקומען האָט ער געפונען וועגן עפּעס אַ פראַגע צו טאָן און פאַרגעדענקען זיין תשובה. פון דעם אָפטן צונויפרעדן זיך האָט דער העברעיִשער לערער פאַר געשיכטע זיך געלאָזט דערקענען פאַרן יידישן שרייבער ישראל קאַפּלאַן. פון דעמאָלט אָן האָט זייער קאָנט־שאַפט שוין אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. איין מאָל האָט ער בינעמען געבראַכט אַ פאַרבעטונג צו זיין אַ גאַסט ביי אליעזר שטיינמאַן אין שטוב.

בינעם איז געוואָרן שטאַרק באַאיינדרוקט פון דער פאַרבעטונג. שווער איז אים געווען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וועט זיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ גרויסן שרייבער און דענקער.

אָבער אליעזר שטיינמאַן, נאָכן איבערלייענען דאָס בוך „אָן ליכט" האָט אויסגעדריקט זיין ווילן דורכצושמועסן אויף דער טעמע מיטן מחבר אַליין, און מיט אליעזר שטיינמאַן צו שמועסן אין יידיש איז אַ גרויס פאַרגעניגן — האָט קאַפּלאַן געזאָגט.

אין אַ שבתדיקן פאַרמיטאָג זענען זיי ביידע אַוועק לענג־אויס דער אבן־גבירול־גאַס ביז צו די הויכע נומערן. פון אַ פּאַרטער־וווינונג האָט זיך געעפנט די טיר. אַ פריינדלעך קול האָט זיי אויפגענומען מיט אַ האַרציקן „שבת שלום" און אַריינגעבעטן טיפער אין שטוב צום טיש.

בינעם האָט דערפילט אַ וואַרעמען האַנטדרוק. פאַר אים איז געשטאַנען אַ קליינגעוויקסיקער ייִד, אויפן קאָפּ אַ היטל מיט אַ לאַנגן דאַשיק איבערן צעשמייכלטן פּנים מיט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, אָנגעשטעלט אויף בינעמען.

— זעצט אייך, גוטע ייִדן, ביים טיש — האָט אַ ליבלעך קול אין ייִדיש תיכף אויפגעלייזט בינעמס געשפּאַנטע שטימונג. מיט קאַפּלאַנס מיטבאַטייליקונג איז אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגן דער תקופה פון חורבן, דער עיקר וועגן ייִדן אויף דער אַרישער זייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט בינעם, ביים שליסן אין אָוונט דאָס געוועלב, דערפילט אויף זיך אַ לייכטן באַריר. לעבן אים איז געשטאַנען אליעזר שטיינמאַן. ער איז געווען אויף איינעם פון זיינע אָוונט־שפּאַצירן איבער דער לענג פון אבן־גבירול־גאַס.

— ביז אַזוי שפּעט אין קראָם? דאָס איז דאָך נישט קיין מענטשלעכע אַרבעט!

— וואָס זאָל איך טאָן? אַזאַ איז מיין גורל — האָט בינעם געענטפערט מיט אַ מיד קול.

— דאָרט האָט איר געלעבט מיט טעג אָן ליכט, און דאָ — מיט ליכט, אָבער אָן אַ לעבן...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס בינעם האָט געהערט אליעזר שטיינמאַנס קול.

ווער איז די פרוי, וואָס שטעלט זיך אַוועק ביי דער שוועל פון געוועלב און קוקט אַריין: איז דאָס געוועלב פול מיט קונים, ווערט איר פּנים באַ־זאָרגט, זי טוט אַ הייב מיט די אַקסלען און גייט אַוועק. זענען פאַראַן בלויז עטלעכע קונים, גייט זי אַריין מיט פאַמעלעכע טריט, וואַרט אויס איר ריי און קויפט איין אַ מאָגערן פרישטיק — יעדעס מאָל דאָס זעלבע. פאַרן אַרויסגיין, דאַנקט זי שיין, אַ מאָל אין ייִדיש, אַ מאָל אין עברית און לאָזט נאָך זיך אָן אָנגענעמען איינדרוק מיט אירע צעשמייכלטע בליקן.

אין בינעמס אויגן האָט דאָס פּנים פון דער פרוי אויסגעזען קענטלעך. ווען זי איז ווידער געקומען קויפן, האָט בינעם גענויער זיך איינגעקוקט אינעם געזיכט פון דער פרוי, וואָס האָט אים אין עמעצן דערמאָנט. פרעגן

ווער זי איז, האָט ער נישט געפונען אין זיך קיין דרייסטקייט. ער האָט געדאַרפט זיך האַלטן אין דער ראַם פון אַ קרעמער. אָבער גאָר גיך איז בינעמס נייגער געוואָרן געשטילט.

איין מאָל, ביים איינקויפן, האָט די פרוי אויף אַ פּאָליצע באַמערקט ליגן ביכער. איז זי געוואָרן נייגעריק: ווי קומען עפּעס ביכער צווישן שפּייז־אַרטיקלען? איר איז עס אויסגעקומען מאָדנע און זי האָט זיך נישט זשענירט צו פרעגן. בינעם האָט איר געזאָגט, אַז אַחוץ אַ שפּייזקרעמער, איז ער אויך אַ מוכר ספרים פון ייִדישע ביכער. ער פאַרקויפט מילך מיט קעז און צו דעם אַ בוך וועגן ייִדישן חורבן אין פּוילן. די פרוי איז געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט און זיך צעשמייכלט: מילא, אַ גלעזל סמע־טענע מיט קעז פּאַרט זיך נישט שלעכט, אָבער אַ פלעשל מילך מיט אַ ייִדיש בוך וועגן חורבן־פּוילן — אַזאַ צונויפמיש וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס? דאָס גיט נישט צו קיין כבוד דעם בוך.

— פאַר מיינע קונים זעט עס נישט אויס אַזוי חידושדיק, ווי ביי אייך. פאַר די וואָס קומען צו מיר קויפן שוין יאָרן, איז עס אַ פאַרשטענד־לעכע זאַך.

די פרוי האָט גענומען אין האַנט דאָס בוך, עס אַ מיש געטאָן און ווייטער אַרויסגעוויזן איר נייגער:

— ווער איז דער מחבר וואָס אייך גייט אַזוי שטאַרק אָן צו פאַרקויפן זיין בוך?

— אָט שטייט ער פאַר אייך: דער קרעמער.

די פרוי האָט בינעמען אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען:

— טשעקאָווע, שפּייזפּראָדוקטן מיט אַ קאַפּיטל חורבן...

בינעם, ווי די ווערטער וואָלטן אים אַ ברי געטאָן:

— מיינט איר, גבֿרת, אַז איך טו אַ שלעכטע זאַך? און פאַר וואָס שטרייכט איר אַזוי אונטער דאָס וואָרט חורבן מיט אַזאַ לייכטן טאָן?

— פאַרקערט — האָט די פרוי זיך פאַרטיידיקט — איר דאַרפט מיך בעסער פאַרשטיין. די זאַך הייבט מיר אָן געפעלן ווערן, און אויך די טעמע גייט מיך שטאַרק אָן.

— אויך אַ געראַטעוועטע פֿון חורבן?

— ליידער, יאָ. און אויך געשריבן ביכער אויף דער טעמע.

— אויב אַזוי — האָט זיך בינעם אָנגענומען מיט דרייסטקייט — בין איך נייגעריק צו וויסן מיט וועמען איך האָב דעם כבוד צו רעדן.

— אָט זעט — האָט די פֿרוי זיך אומגעקוקט צו דער טיר — דאָ באַלד אויף רעכטס, אויף שדרות־חן־גאַס האָט „יד ושם" געעפֿנט אַן אָפּ־טיילונג. איך פֿיר אָן מיט דער אַרבעט. מיין נאָמען איז רחל אויערבאַך.

— נו איצט — האָט בינעם מיט צופֿרידנקייט געזאָגט — ווייס איך שוין וועמען איך באַדין. בפֿרט נאָך ווען אייער נאָמען איז מיר באַקאַנט נאָך פֿון פֿריִער.

— קומט אַריין אין „יד ושם", וועט מען באַקוועמער שמועסן.

די גבֿרת קרני, בינעמס אַ קונה, האָט איין מאָל בינעמען צו וויסן געטאָן, אַז אין איר וווינונג האָט זיך אַריינגעצויגן אַ נייער שכן, וואָס וועט אַריינקומען צו אים קויפֿן. ער איז אַ הויכגעשטעלטער באַאַמטער אין דער אָנפֿירונג פֿון ועד הפּועל אין נייעם גרויסן בנין אויף דער אַרלאָזאָראָוו־גאַס. דאָס איז חיים גבתי פֿון קיבוץ גבת.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז צו בינעמען אַריינגעקומען איינקויפֿן אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַ סאָלידן שיינעם אויסזען. ער האָט שטיל און באַשיידן זיך אָװעקגעשטעלט אין דער ריי און ביים איינקויפֿן זיך פֿאָר־געשטעלט, אַז ער איז דאָס דער נייער שכן פֿון דער גבֿרת קרני. בינעם האָט מיט נייגער זיך איינגעקוקט אין פּנים פֿון דעם איש ציבור, וואָס זיין נאָמען איז שוין ברייט באַקאַנט געווען פֿון זיינע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן.

חיים גבתי איז געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער צו בינעמען אין געוועלב. ער האָט ליב געהאַט איינצוקויפֿן די מילכיקע פּראָדוקטן פֿון פֿרישן טראַנ־ספּאָרט, מיט דעם זעלבן פֿרישן טעם, ווי ער איז געוווינט געווען אין זיין קיבוץ.

זעלטן ווען האָט ער געלאָזט הערן זיין שטימע, ווי ער וואָלט זיך פֿוילן אַרויסרעדן אַ וואָרט. ביים איינקויפֿן איז פֿאַר אים באַקוועמער געווען

בינעמען צו דערלאַנגען אַ צעטל מיט אויסגעשריבענע פּראָדוקטן. ביים דערלאַנגען אים די זאַכן האָט בינעם געוואָלט אַרויסבאַקומען פון אים אַ וואָרט, אָבער חיים גבתי האָט געענטפערט מיט אַ באַוועג פונעם קאָפּ אָדער פון דער האַנט און פון דעם האָט בינעם געדאַרפט פאַרשטיין יאָ אָדער ניין. געלאָזט פאַלן אַ וואָרט האָט גבתי ווען ער איז נייגעריק געווען צו וויסן וועגן די „תנובה"־אויסאַרבעטונגען אין פאַרגלייך צו אַנדערע מילכעריייען. און אַז „תנובה" איז לויט בינעמס רייד געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט, איז דאָס פאַר חיים גבתי געווען פאַרשטענדלעך און ליב אויסצוהערן.

ווי פאַר אַ סך מענער, וואָס זענען געקומען איינקויפן, איז אויך פאַר אים, דעם הויכגעשטעלטן ועד הפועל־מענטש, נישט געווען פון די גרויסע פאַרגעניגנס דאָס שטיין אין דער ריי מיטן קיישל פלעשער אין די הענט. פלעגט ער שיקן איינקויפן אַ שוואַרץ־חנודיקע קליינוווקסיקע פרוי, וואָס האָט זיך פאַר בינעמען פאַרגעשטעלט ווי חיים גבתיס ווייב, וואָס פלעגט אַ מאָל פון קיבוץ קומען צו איר מאַן. בינעם האָט ליב געהאַט באַדינען די דאָזיקע שטילע, סימפּאַטישע פרוי, וואָס האָט מיט געדולד אויסגעוואַרט איר ריי. בינעם איז שוין געווען איינגעוווינט צו איר אַריינקומען און ער האָט געוווּסט אין וועלכע טעג פון דער וואָך זי דאַרף קומען קויפן. גאַנץ אָפט האָט ער פאַר איר אויך אָפּגעהיט די זויערמילך און קעז אין טעג פון מאַנגל אין „תנובה"־פּראָדוקטן. די פרוי גבתי האָט פון דעם געוווּסט און דערפאַר שטאַרק געדאַנקט און בינעמען נישט געקאַרגט אַ גוט וואָרט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז אין געוועלב אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי מיט ראָזלעכע באַקן און גלאַט־פאַרקעמטע האָר. פונעם פאַרביקן קליידל האָט זיך אויסגעטיילט איר געשיקטע פיגור, וואָס האָט געאָטעמט מיט לוסט, מיט באַוועגונג. אַ דרייסטע, ווי נישט דאָס ערשטע מאָל וואָלט זי אַריינגעקומען צו בינעמען איינקויפן, האָט זי מיט צעשמייכלטע אויגן זיך געלאָזט דערקענען פאַר דער פרוי פון חיים גבתי.

בינעם האָט די באַקאַנטשאַפט אויפגענומען מיט העפלעכקייט, ווי די פרוי האָט זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט. אָבער אַ געדאַנק איז אים אַדורך: אפשר וועט ער דאָ פאַרפירט פון אַ טעות, אַ שפּאַס אַזאַ פון אַ גוט

געשטימטער פֿרוי, וואָס ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל. אָבער איר אויסזען און איר רעדן איז געווען דורכגענומען מיט אַזאַ נאַטירלעכער אויפֿריכטיקייט, אַז אים איז שווער געווען אין דעם צווייפֿלען. און דאָך איז ער געבליבן נייגעריק צו וויסן ווער ס'איז אייגנטלעך חיים גבתיס פֿרוי, די ברונעטקע מיט די פֿאַרחלומטע אויגן, אָדער די מיטן העלן פּנים און צעשמייכלטע בליקן ?

אַז די גבֿרת קרני איז אַריינגעקומען איינקויפֿן, האָט איר בינעם איבערגעגעבן וועגן זיינע איינדרוקן פֿון אירע נייע שכנים. ווי אַ פֿרוי מיט אַ חוש פֿאַר הומאָר, האָט זי בינעמען געענטפֿערט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל :

— פֿאַרשטייסט דאָך ייִדיש : איינע איז זיין ווייב און די צווייטע— זיין פֿרוי...

אין געוועלב האָט אָנגעהויבן אַריינקומען קויפֿן אַן עלטער פּאָרפֿאָלק, וואָס בינעמס קונים האָבן אין זיי דערקענט משה דיינס עלטערן : שמואל דיין און זיין ווייב דבֿורה. זיי זענען געווען איינפֿאַך אָנגעטאָן, אין כאַקיקליידער. אויף ביידע איז געווען צו דערקענען, אַז זיי קומען פֿון דאָרף. בינעם האָט געוווּסט, אַז אויך זיי זענען טוערס אין ועד־הפּועל.

אין די קורצע אָבסערוואַציעס ביים באַדינען זיי, האָט בינעם געוואָלט וויסן צו וועמען אייגנטלעך איז ענלעך זייער זון משה. דער טאַטע, שמואל, איז געווען אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער, מיט פֿאַרטראַכטע אויגן, אַ שווייגנדיקער, ווי ער וואָלט זיך אויסגעהיט פֿאַר אַן איבעריק וואָרט. ווען ער האָט עפּעס געבעטן, האָט בינעם געדאַרפֿט זיך אָנשטרענגען אויף צו דערהערן. דערקעגן זיין פֿרוי דבֿורה איז נישט געווען אַזוי קאַרג אויף אַ וואָרט. בינעמס באַציִונג צו איר און די גרויסע „תּנובֿה"־שילד פֿאַר די אויגן האָבן איר געגעבן צו פֿילן, אַז זי געפֿינט זיך אויף אַ היימיש אָרט. זי האָט פֿריי זיך אַרומגעקוקט, אָבסערווירט די מענטשן אַרום זיך, איינגעקוקט זיך אין זייערע פּנימער מיט אַ שמייכל אין ווינקל פֿון מויל. בינעם האָט באַמערקט, אַז זי נעמט זיך אָן מיט איינדרוקן און טייל מאָל ברענגט זי דאָס אויך אַרויס פֿאַר אים, אַ מאָל מיט אַן ערנסט וואָרט

און אַ מאָל מיט הומאָר — וועגן די געשמירטע פּנימער, געשמינקטע ליפּן און געפאַרבטע האָר. כאָטש גוט, פלעגט זי צוגעבן מיט אַ שמייכל, וואָס די נשמה פונעם מענטש קאָן מען נישט פאַרשענערן מיט פאַרב.

אין טאָג, ווען דבורה דיין איז געקומען איינקויפן, האָט בינעם איר געהאָט צו דערציילן אַ טשעקאַווע מעשה. נאָר וואָס האָט ער געזען איר זון משהן פאַרפאָרן מיט זיין מיליטערישער מאַשין אַנטקעגן זיין געוועלב. נישט אַנדערש, האָט בינעם געמיינט, נאָר אַז דער זון איז געקומען זוכן דער מאַמען. אָבער אַריין איז ער גאָר אין דער שכנותדיקער נייער קאַפע צו דער גברת קלאַראַ און מיט זיינע באַגלייטערס זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ גלעזל קאָניאַק...

דבורה דיין האָט פון בינעמס דערציילן זיך צעלאַכט און אַזוי לאַכנדיק געזאָגט, אַז איר זון משהלע איז שוין זעלבשטענדיק און לויפט שוין נישט נאָך דער מאַמען, ער גייט זיך זיין וועג. אַ פאַקט, זי מיט איר מאַן שמואל טרינקען אַ גלעזל זויערמילך, און ער, זייער זון משה, טרינקט זיין גלעזל, און יעדער באַזונדער האָט הנאה פון זיין געטראַנק...

אין דעם מאַן מיט דער מאַסיווער פיגור, ברייטלעכן פּנים און צע־שויבערטע האָר, האָט בינעם גלייך דערקענט יעקב חזן. איבערגעטראַכטן דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון געוועלב, האָט ער זיך צו ערשט גוט אַרומגעקוקט אויף די ווענט, אויף די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אומגעדולדיק, אויף דעם קרעמער הינטערן לאַנגן טיש, און צום סוף אויף דער גרויסער בלאָ־ווייסער שילד מיט די „תנובה״־רעקלאַמעס. דאָ האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט: ער איז דערגאַנגען צו דעם אָרט.

אַנדערש ווי די אַנדערע הויכגעשטעלטע טוערס פונעם ועד־הפּועל וואָס זענען אַריינגעקומען צו בינעמען, האָט יעקב חזן נישט געמאָסטן דעם דיסטאַנץ צווישן אים, דעם ברייט באַקאַנטן, און בינעמען, דעם פאַרהאַ־רעוועטן אין זיין קראָם. שוין דער אַריינקום זיינער איז געווען באַגלייט מיט אַ וואַרעמער באַגריסונג און מיט פאַרהיימישטע בליקן.

יעקב חזן איז אויך געווען אַנדערש ביים איינקויפן. נישט האָבנדיק ווער עס זאָל דאָס פאַר אים טאָן, איז ער געקומען וויניקער און איינגע־

קויפֿט מיט אַ מאָל און מער. דאָס טיפֿע קיישל האָט ער אָנגעפֿילט מיט די פֿלעשלעך אויף עטלעכע טעג. און געוווּסט האָט חזן, ווען ביי בינעמען אין געוועלב איז די שטילסטע שעה, אָן דעם ווייבערישן גערודער. דאָס איז אויך פֿאַר בינעמען געווען די פּאַסיקע צייט חזנען אַ פֿרעג טאָן אַ מיינונג וועגן אַקטועלע ענינים.

אין די טעג פֿון „עסק־ביש" האָט יעקב חזן צו בינעמען זיך אויס־גערעדט: „די פֿאַרקאַכטע קאַשע וועט זיך איבערקאָכן, שטיין בלייבן, און שפּעטער פֿאַרזויערט ווערן. בן־גוריונען האָט געפּלאַצט דאָס געדולד, וועט ער זיך באַרויִקן אין דער שטילקייט פֿון שדה־בוקר"...

וועגן סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראָג האָט חזן געהאַלטן, אַז דאָרט איז פֿאָרגעקומען אַ טראַגישע פֿאַרשטעלונג, און דער אמת וועט שפּעטער אַרויס פֿון הינטער די קוליסן...

מיט אַלע שטורמישע געשעענישן פֿון יענע יאָרן האָט בינעם מיט־געפֿיבערט צווישן די פֿיר ווענט אין זיין קראָם. אין די טעג פֿון מבצע סיני איז אין זיין געוועלב גערעדט און דיסקוטירט געוואָרן ווי אויף אַן עפֿנטלעכער טריבונע: יאָ, אָדער נישט צוריקציִען זיך. האָט שוין בינעם אָפּגעוואַרט יעקב חזן זאָל אַריינקומען איינקויפֿן, וועט ער הערן זיין מיינונג.

ווען חזן האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים טיש און אָנגעהויבן אַרויס־לייגען פֿון צעטל זיינע מילכיקע באַדערפֿענישן, איז אויך בינעם אַרויס מיט זיין צעטל פֿראַגן, דער עיקר טאַקע וועגן דער סיני־אַקציע, דערביי האָט ער אים איבערגעגעבן וועגן די אַלע שמועסן אין זיין קראָם. אויף דעם האָט יעקב חזן געהאַט אַ קורצן ענטפֿער: „אפֿשר טאַקע איז גערעכט דאָס פֿאָלק, וואָס וויל נישט מען זאָל זיך צוריקציִען פֿון סיני".

יעדן טאָג איז פֿאַר בינעמס אויגן דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע רייע מענטשן, יעדער מיט זיין פּנים, מיט אַ קורצן אָפּשטעל אויף עטלעכע מינוט — און ווידער אַ נייע געשטאַלט.

איין מאָל איז פֿאַר בינעמען געבליבן שטיין אַ הויכוווּקסיקער מאַן מיט אַ באַחנט פּנים, אַ ברייטפּלייציקער, מיט געלאָקטע האָר און אין שיינע קליידער. זיינע רייד זענען געווען דרייסטע, מיט אַ שאַרפֿן טאָן

אויסגעדריקטע פּאַרלאַנגען: „די פּראָדוקטן מוזן זיין פריש און גוט". וועט ער גרייט זיין פון דער דובנאָוו־גאַס קומען צו אים קויפן.

ביים צווייטן מאָל אַריינקומען האָט אויסגעזען, אַז דער מאַן איז צו־פרידן געווען פון דעם ערשטן איינקויף. זיין פאָרשטעלן זיך מיט דעם נאָמען יוסף בורשטין האָט געדאַרפט ווייזן, אַז ער ווערט בינעמס אַ סטאַ־בילער קונה.

אַזוי האָט יוסף בורשטין, דער אָנפירער פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים ועד הפועל און שפּעטערדיקער וויצע־פרעזידענט פון תל־אביב, אַריינגעפירט זיין משפּחה צו בינעמען אין געוועלב: זיין פרוי, די סעקרע־טאַרין פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, און זיינע צוויי זין, אַמיר און נחום, וואָס זענען געוואָרן בינעמס ליבלינגען. יעדער באַזונדער איז געווען באַשאָנקען מיט שכל און מיט נאַטירלעכער אינטעליגענץ. דער פאָטער האָט מיט זיי שטאָלצירט, און פאַרגעזען פאַר יעדן איינעם זיין וועג אין לעבן. אַמירן, דעם עלטערן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ געלערנטן אויף אַ געביט, וואָס ער אַליין וועט פאַר זיך אויסוויילן. פאַר נחומען, דעם יינגערן, האָט דער פאָטער פאַרגעזען ברייטערע האָריזאָנטן, פאַר אים וועט דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע לעבן זיין דער ציל פון זיינע פאַר־אינטערעסירונגען.

בינעמען איז שטאַרק געווען צום האַרצן יוסף בורשטינס אויפריכ־טיקער טאָן פון רעדן, זיין שאַרף אַקצענטירט און גוט פאַרטראַכט וואָרט, צי דאָס איז געווען וועגן אַ פשוטן ענין, אָדער אָן אויפגעקומענע מחשבה אין רעזולטאַט פון אַ שנעלן צופעליקן שמועס. אין דער באַגרענעצטער צייט ביים איינקויפן, פלעגט ער קלאָר אַרויסברענגען זיין מחשבה און נישט איין מאָל פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין אַ קראָם און הינטער אים וואַרטן קונים, וואָס אויך זיי זענען אין דעם מאָמענט געוואָרן צו־הערער, ווי למשל, צו אַזעלכע רייד: „ביז דעם נאַצישן פעלקערמאָרד האָט מען געגלויבט, אַז קיין איין מענטש, ווי אָפּגעשטאַנען און פאַרדאָרבן ער זאָל נישט זיין, קאָן נישט פאַרלירן די שפּורן פון זיינע אומשולדיקע און צאַרטע געפילן אין די קינדעריאָרן. דער חורבן האָט די אַקסיאָמע אַרויסגענומען מחוץ דעם תחום פון מענטשלעכן גלויבן".

ס'איז געווען אין די טעג פֿונעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים. דאָס פֿאָלק אין מדינת ישראל איז דאַן געפּרווּוט געוואָרן מיט אַ שווערן נסיון פֿון אימהדיקע קאָשמאַר־בילדער, וואָס דער משפּט האָט אַרויסגעבראַכט. בורשטין האָט געוווּסט בינעמס אינטערעס צום פֿאַרלויף פֿון דעם משפּט, איז ער איין מאָל געקומען איינקויפֿן מיט צוויי צעטלען. איינער — מיט דער אויסגעשריבענער רשימה שפּייזפּראָדוקטן און דער צווייטער — אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אויפֿן פּראָצעס אין ירושלימער געריכט.

— רייס איבער דיין אַרבעט — האָט בורשטין געזאָגט צו בינעמען — און פֿאָר קיין ירושלים אָנקוקן דאָס בילד, ווי דער צורר שטייט פֿאַר יידישע ריכטער...

צוויי יונגע מענער, יעדער מיט זיין באַזונדערן אויסזען און געשטעל, אָבער ביידע זענען אין דער זעלבער צייט געוואָרן בינעמס קונים: דער ברייטפּלייציקער מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר און באַבריליטן רונדיקן פּנים איז געקומען פֿון דער שכנותדיקער צייטלין־גאַס. אַזוי שטיל און באַשיידן ווי ער האָט אויסגעזען, אַזוי איז ער געשטאַנען און אויסגעוואַרט אויף זיין ריי צום איינקויפֿן. פֿאַרדראָסיק פֿלעגט ווערן זיין פּנים ווען ס'האָט ווער קיין געדולד נישט געהאַט און זיך אַ רוק געטאָן פֿאַרויס אויסער דער ריי. דאַן האָט ער יענעם געוואָרנט זיך אויסצוהיטן פֿון צו איילקע טריט.

דער צווייטער, אַ ברוין־אָפּגעברענטער פֿון זון און לופֿט, איז צו בינעמען געקומען פֿון דער ניי אויסגעבויטער מאָדיליאַני־גאַס. גאַנץ אָפֿט אַ באַרוועסער, אין קורצע כאַקי־הייזלעך, אין אַ צעכראַשטשעט צעעפֿנט העמדל, צעשויבערטע האָר, האָט ער היימיש זיך אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן בינעמען — זיין שכן און זיין קרעמער.

אין איינעם אַ טאָג איז בינעם געבליבן אַ פֿאַרגאַפֿטער ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט דעם ערשטן פֿון זיי — אין מיליטע־רישע קליידער און אויף די אַקסלען די צייכנס פֿונעם העכסטן מיליטערישן ראַנג: שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. דאָס איז געווען זיין שטיל אַריינקומענ־דיקער קונה — חיים לאַסקאָוו.

מיט נישט ווייניקער פאַרוואונדערונג האָט בינעם באַגעגנט דעם צווייטן מאַן, זיין שכן, אין אַ נייעם אוניפאָרעם מיט גלאַנציקע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען: שעף פון דער ישראלדיקער פּאָליציי — פּנחס קאָפּעל.

אין זייערע אַמטלעכע אוניפאָרמען, מיט די הויכע ראַנגעס, האָבן די בײדע מענער אויפגעהערט אַריינצוקומען צו בינעמען אין געוועלב. געשיקט איינקויפן האָבן זיי די ווייבער, און טאָקע דורך זיי, די בײדע אײדעלע פרויען, האָט בינעם ערשט רעכט דערקענט די גרויסקייט פון זייערע מענער.

חיים לבנון — אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַן אויסגעאײדלט פּנים, סאָלידן גאַנג מיט דראָבנע געמאָסטענע טריט, מיט שטילע רייד, אַן ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. אַזאַ האָט ער אַנגעהויבן אַריינקומען צו בינעמען אין געוועלב פון דער שכנותדיקער דובנאָוו־גאַס, אַזוי האָט ער אויך אויס־געזען, ווען ער האָט ממשיך געווען קויפן ביי בינעמען שוין ווי דער אויסגעוויילטער שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב־יפו.

ווי אַ מענטש מיט אַזאַ הויכן אַמט, האָט אים בינעם געוואָלט איינ־ברענגען צייט, ער זאָל נישט דאַרפן שטיין אין דער ריי. מיט העפלעכקייט האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך פון דער ריי אַרויס, אָבער חיים לבנון האָט שטיל געזאָגט: „דווקא דער ראש העיר דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער פון שאַצן די אָרדענונג".

פלעגט חיים לבנון, דער שטאָט־פּרעזידענט, אַן אַ שפּור פון גאווה, שטיין צוזאַמען מיט די קונים און וואַרטן ביז בינעם וועט אים דערלאַנגען דאָס גוט אויסגעבאַקענע קימלברויט, מיטן פּעקל מאַגערן ווייסן קעז.

איין מאָל, אין אַזאַ מאָמענט, האָט פאַר בינעמס געוועלב זיך אָפּגע־שטעלט אַ באַאַמטער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. ער האָט געפונען אין דרויסן לײדיקע קעסטלעך און זיך געגרייט אַנצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל.

— דאָס האָט דער פּאַרטייִלער פאַרגעסן זיי צוצונעמען — האָט בינעם זיך פאַרטיידיקט.

— פון אַלע קרעמער הער איך דעם זעלבן ענטפער — האָט דער גרינ־מונדירטער אַ וואָרף געטאָן צו בינעמען אַ קרומען בליק און געטאָן זיינס.

— אדון, פרעג דעם ראש העיר, וואָס איז מיין קונה, צי האָט ער שוין געזען פאַר מיין געוועלב שטיין ליידיקע קעסטלעך?

דער באַאַמטער האָט אויף בינעמען אָנגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגן:

— מאַכסט פון מיר חוזק?!

— אָט געפינט זיך דער ראש העיר איצט ביי מיר אין קראָם.

דער באַאַמטער איז געוואָרן נאָכגעלאָזענער, זיין אָנגעצויגענע שטי־מונג האָט געפּלאַצט, געבעטן אָפּהיטן די פאַרשריפטן וועגן ריינקייט.

ביי בינעמען אין געוועלב האָט חיים לבנון געוואָלט זיין נישט אַנדערש ווי אַלע קונים, אָבער מחוץ דער שוועל פון געוועלב האָט שוין זיין נאָמען אַנדערש געקלונגען.

בלויז אויף פּראָבע איז ער פון אָנהייב אַריין צו בינעמען קויפן, דער שטענדיק פאַרפּוצטער מאַן מיט די טשאַפּלין־וואָנסעלעך אונטער דער גראָבער נאָז אויפן ברייטן פּנים. אַלץ איז אים גוט געפעלן געוואָרן: די מילכיקע פּראָדוקטן, דאָס פרישע קימלברויט, די געזאַלצענע קעזן וואָס זענען געווען לויט זיין טעם און ריח. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, איז געווען דאָס שטיין אין דער ריי.

אַ פאַרהיימישטער מיט בינעמען איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט אָנגעהויבן אַליין זיך באַדינען — צונויפגענומען די פּראָדוקטן וואָס זענען אים נייטיק געווען, געמאַכט אַ חשבון און איבערגעלאָזט אויפן טיש דאָס געלט, אָן צו דאַרפן באַקומען אַ רעשט.

בינעמס קונים, כאָטש זיי האָבן אויף דעם קרום געקוקט, האָבן איינ־געהאַלטן זייער פאַרדרוס. זיי האָבן געוווּסט אַז אָט די איבערגעטריבענע דרייסטקייט פּראַוועט דער באַקאַנטער ריכטער אליעזר חלפי, וואָס האָט זיך פאַרענטפערט מיט מאַנגל אין צייט, בפרט נאָך, ווען אַריינקומענדיקע אַדוואָקאַטן האָבן פאַר אים זיך פאַרנייגט און צוגעשמייכלט אָנקוקנדיק, ווי דער כבוד השופט שטייט הינטערן טיש, באַדינט זיך אַליין און מאַכט דאָס געשיקט און גיך, נישט ווי אַ ריכטער, נאָר ווי אַ געניטער קרעמער.

בינעם האָט פון דעם געליטן, ס'האָט אים געאַרט פאַר וואָס שאַצט ער גרינג זיין איינגעפירטן סדר ביי דער אַרבעט, פאַר וואָס רופט ער אַרויס

פּאַרדרוס ביי אים און זיינע קונים? טאָקע היימיש, גוטברודעריש, מיט אַ שמייכל, מיט אַ וויץ, אָבער ווי פּאַסט אַזעלכעס פּאַר אַ שופט אין ישראל? פּאַר וואָס קומט ער איינקויפן דווקא אין דער צייט ווען דאָס געוועלב איז פול מיט קונים? צי זעט נישט דער שופט די ערגערנישן אויף בינעמס פּנים? די קרומע בליקן פון די קונים אין זיין זייט?

איין מאָל איז צו בינעמען אין געוועלב אַריינגעקומען זיינער אַ קונה און האָט אים דערלאַנגט אַ ציימונג מיט אַ באַשרייבונג וועגן שופט חלפי — אַז ער איז פּאַרמישט אין אַ סענסאַציאָנעלער ראָמאַנטישער געשיכטע און דאָס געריכט וועט זיך דערמיט דאַרפן פּאַרנעמען.

פון דעם טאָג איז דער שופט שוין מער נישט געקומען קויפן אין בינעמס געוועלב.

צווישן די ערשטע קונים, וואָס זענען געקומען פון די נייע הייזער אויף מאַנה־גאַס, האָט די גברת גאולה זיך אויסגעטיילט מיט איר צעפּלאָמטן קאָפּ האָר און חנוודיקן דזשינדזשי־פּנים. זי איז געווען אַ רירעוודיקע מיט שווונג אין באַוועגונג און אין רעדן. זי פלעגט שנעל איינקויפן צוליב איר איילעניש צו דער אַרבעט און די אַנדערע וואָלונטאַרע געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן.

בינעם האָט די פרוי גאולה באַדינט מיט אָפענער סימפּאַטיע. אים איז געפעלן געוואָרן איר שנעלער איינקויף און איר געשענקטן צוטרוי צו אים, דעם קרעמער.

— היינט באַקום איך די מילכיקע געסט — מיט די עטלעכע ווערטער פלעגט פרוי גאולה בינעמען דערמאָנען דעם טאָג ווען עס האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען ביי איר מאַן יהושע ראַבינאָוויטשן זיינע פּאַרטיי־חברים אויף אַ זיצונג. דער איינקויף איז געווען אַ גרויסער. פּנחס ספּיר און די אַנדערע געסט האָבן ליב געהאַט גאולהס בלינצעס, די „תנובה״־קעז מיט די גרויסע לעכער, און אַנדערע מילכיקע מאכלים. און אַז גאולה האָט אויסגענומען מיט איר מילכיקן טיש, האָט זי מיט די ליב־ווערטער, וואָס זי האָט באַקומען פון די הויכגעשטעלטע געסט, זיך געטיילט מיט בינעמען. „זאָל ער וויסן — פלעגט זי מיטן צעשמייכלטן

פנים אַ זאָג טאָן — אַז אויך ער, דער קרעמער, האָט אַ שטיקל חלק אין דעם".

אין דעם טאָג פון די מוניציפּאַלע וואַלן, ווען איר מאַן יהושע ראַבי־נאָוויטש איז געוואָרן אויסגעוויילט פאַר שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב, איז די פרוי גאולה נישט אַרויס פון די כלים. זי האָט זיך געהאַלטן אין איר באַשיידענער ראָם פון פּרעבליסטין, זי האָט נישט געוואָלט אָנגיין ווי די ערשטע דאַמע אין שטאָט און געזאָגט מיט איר געוויינלעכער צוריקגעהאַלטנקייט:

— זאָל מיין מאַן, דער ראש־העיר, מצליח זיין ביי זיין אַרבעט מיט די גרויסע, און איך מיט מיין קליינוואַרג אין גן...

אין מאָל האָט בינעם פאַרלוירן דאָס לשון, ער איז קראַנק געוואָרן אויף די שטימבענדער און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט, מיט די קונים האָט ער זיך פאַרשטענדיקט אויף שטום־לשון און געוואַרט אויף דעם וויטן טאָג צו דער אָפּעראַציע. דערזען בינעמען אין אַזאַ מצב איז די פרוי גאולה אַוועק ווו מען דאַרף און געטענהט, אַז דער שפּייז־קרעמער פון דער סביבה האָט פאַרלוירן דאָס לשון און פון דעם ליידן אַ סך קונים. זי איז צוריקגעקומען מיט אַ צעטל, אַז בינעם זאָל זיך גרייטן גיין אין שפּיטאָל.

נאָך דער אָפּעראַציע איז די פרוי גאולה געקומען אין שפּיטאָל אַריין מבקר חולה זיין בינעמען מיט דער נאָך נישט פאַרהיילטער ווונד. ער האָט נאָך נישט געקאָנט פאַר דער פרוי אַרויסברענגען דאָס דאַנקוואָרט, וואָס האָט אים געשטיקט אין האַלדז, האָט בינעם דאָס אויפגעשריבן אויף פּאַפּיר.

גברת גאולה האָט איבערגעלייענט די עטלעכע ווערטער, און ווי איר געוווינהייט אַ גיכן זאָג געטאָן:

— אָן איבעריקע קאָמפּלימענטן. מאַך דאָס וואָס שנעלער. דיינע קונים וואַרטן אויף דיר...

אַריינגעקומען צו בינעמען איז זי נאָך ווי אַ קליין מיידל. די מוטער האָט איר אָנגעהויבן שיקן איינקויפן ווען זי האָט שוין געמעגט אַליין

אַריבערגיין פון דער צייטלין־גאַס ביזן געוועלב, צי איר איז ליב געווען קומען מיטן קײשל פלעשער זיך אַוועקשטעלן וואַרטן אין דער ריי, אָדער זי האָט מיט דעם געוואָלט די מוטער לייכטער מאַכן, איר איינשפּאָרן צייט — דאָס איז בינעמען נישט אָנגעגאַנגען. אים האָט מער אינטערעסירט דאָס שטילע דראָבנע מיידעלע מיט אירע צעשפּילטע אויגן, וואָס האָבן זיך גדולדיק איינגעקוקט אין די מענטשן אַרום און אויך אין בינעמען דעם קרעמער מיט זיינע פלינקע באַוועגונגען. אַלץ האָט זי געזען מיט איר וואַך פּנים: קונים וואָס זיינען געשטאַנען מיט געדולד און אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט איינשטיין אויף אָן אָרט און זיך געשטופּט צום טיש. אָבער פאַרלויפן איר דעם וועג — דאָס האָט קיינער נישט געטאָרט. אויך פון בינעמען האָט זי געפאָדערט, ער זאָל איר, דער קליינער, נישט פאַרזען צווישן די גרויסע.

בינעם איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם קליינעם מיידל צוליב איר פרי אַנטוויקלטן שכל, איר זעלבסטזיכערקייט, איר פּינקטלעכקייט ביים איינקויפן און דערביי נישט אַרויסברענגען קיין איבעריק וואָרט. און ווען בינעם האָט נישט אַזוי גוט דערהערט אירע שטילע רייד און פאַרטוישט אויף עפּעס אַנדערש, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, איז איר בלאַס פּנימל פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ בייזן בליק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז בינעם האָט איר איינגענומען מיט אַ ווייך וואָרט.

„זי וועט עפּעס אויסוואַקסן" — אַזוי האָט בינעם נישט איין מאָל אַ טראַכט געטאָן ביים באַדינען די קליינע ווען זי איז פאַר אים געשטאַנען בלויז מיט אַ קאָפּ העכער פונעם טיש.

ווען זי איז עלטער געוואָרן און איז אַוועק לערנען אין ירושלים, איז דאָס פאַר בינעמען געווען נאַטירלעך. ער פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף איר ביי דער מוטער, די פרוי קאַצענעלסאָן, וואָס האָט זיך גערימט און שטאָל־צירט מיט דער געראָטענער טאָכטער, די סטודענטין אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו גאַסט ביי איר מוטער אויף דער צייטלין־גאַס, איז זי אַריין איינקויפן צו בינעמען. עס האָט אים אויפריכטיק דערפרייט איר אַריינקומען. אויך זי האָט זיך פאַרקוקט אויף

בינעמען און פאַרהאַלטן אויף אים דעם בליק: יאָ, אויך ער, דער קרעמער, איז שוין נישט דער זעלבער ווי מיט יאָרן צוריק. דאָס געזיכט פאַרכמאַרעט, די האָר צעוואָרפן, און די באַוועגונגען שוין נישט אַזוי לעבעדיק־רירעווודיק ווי אַ מאָל. זיי האָבן זיך ביידע באַגריסט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. פאַר דער צייט וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז זי זיך צעוואַקסן. די אָפּגעלאָפּענע יאָרן האָבן איר אויספאָרמירט פאַר אַ רייפער פרוי. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט נישט צעטרענצלט איר יוגנט, געלערנט מיט תכלית, געוואָרן אַ באַגאַבטע פּסיכאָלאָגין.

בינעם האָט דערמאָנט אירע קינדעריאָרן, ווען זי פלעגט נאָך מיט איר מאַמען קומען צו אים קויפן, און שפּעטער שוין אַליין, אויף אירע ליפּן איז אויפגעגאַנגען אַ דינער שמייכל מיט דערמאָנונגען נאָך פון די זאַמדיקע פעלדער אַרום קרית־מאיר, איצט זענען די גאַסן אַספאַלטירט, מיט נייע הייזער, נייע פּנימער, אַלץ איז אַזוי פאַרענדערט. אויך זי האָט זיך געענדערט, געבליבן זענען די בולטע שטריכן פון בלייך־פאַרטראַכטן געזיכט מיט דעם דורכדרינגלעכן בליק פון די וואַכע אויגן פון יענעם קליינעם מיידעלע, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער אויסגעוואַקסן צו דעם פּאָפּולערן נאָמען — ד״ר מינה צמח.

קאַפּיטל זיבעצן

# אָפּקלאַנגען פון דער מלחמה

די טעג פון ערב דער זעקסטאָגיקער מלחמה האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן. די ייִדישע מדינה איז געשטעלט געוואָרן אונטערן צייכן פון גרויסע סכנות. אומהיימלעך און איינזאַם איז ישראל געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַראַבישע אַרמייען, גרייטע צו זייען חורבן און טויט אויף דער ערד פון ישראל.

מיטן אָנקומען פון די אומרויִקע טעג האָט בינעם זיך דערזען איינגעשפּאַנט אין שווערן גערודער. פון באַלד אין דער פרי האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן מענטשן אַריין און אַרויס: מען האָט געזוכט שפּייז־אַרטיקלען און פאַרלאַנגט מער וויפל בינעם האָט געקאָנט אויסטיילן. די פּאָליצעס זענען גיך געוואָרן אָפּגעליידיקט. די אַפּראָוויזאַציע־שוועריקייטן האָבן זיך שטאַרק אָפּגעפּילט. בינעם איז אַרומגעלאָפן, פאַרשאַפט פּראָדוקטן ווו נאָר ס'איז מעגלעך געווען. ער האָט געזאָרגט פאַר זיינע קונים.

בינעמס געוועלב איז אויך אין די טעג פול געווען מיט קונים. יעדער פון זיי האָט געזוכט איינצוקויפן, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. די מענטשן האָבן געוואָרט, אפשר וועט אָנקומען אַן אויטאָ מיט סחורה, און זיך איינגעהערט אין די ראַדיאָ־מעלדונגען מיט די פּאַראַל־נעמען. אויף די פּנימער האָט מען דערקענט נערוועזיטעט. אַ פאַרביסן שווייגן האָט געשטיקט אין זיך דעם אויסבאַהאַלטענעם אומרו.

אָט איז אַריין איינקויפן אַ יונגער־מאַן. געקומען איז ער, ווי אַלע טעג פאַרן גיין צו דער אַרבעט. אויך צו אים איז דערגאַנגען דאָס קול פון ראַדיאָ. ער איז געבליבן שטיין אַן באַוועגונג, זיך איינגעהערט, דאָס קול פון דער וואַנט אַראָפּ האָט אים געמאַכט געשפּאַנט, זיינע אויגן האָבן זיך ברייטער

געעפֿנט. ער האָט צוזאַמענגענומען די זאַכן פֿון טיש, געכאַפּט דאָס קיישל — און אַרויס.

דער שכן פֿון הויז, אַ טאַטע פֿון פֿיר דערוואַקסענע זין, האָט געקוקט דערשראָקן צום ראַדיאָ־קעסטל אויף דער וואַנט. באַלד האָט ער זיך אומ־געדרייט מיט אַ בלאַס פּנים און געזאָגט צו בינעמען:

— מען רופֿט אויך מיינע זין.

שלמה, דער „דזשינדזשי" פֿון ציטלין־גאַס, איז מיט איילִיקע טריט געקומען איינקויפֿן. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפֿן ראַדיאָ־קעסטל, נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אויסגערופֿענע פּאַראָלן, ווייל ער איז שוין געווען אָנגעטאָן אין מיליטערישן מונדיר מיט די אָפֿיצירישע פּאַ־סיקלעך אויף די אַקסלען. בינעם האָט אויף אים דערקענט, אַז יעדע מינוט שטיין און וואַרטן איז פֿאַר אים אַ לאַסט, האָט ער אים גערופֿן צו זיך, שנעל דערלאַנגט די פּראָדוקטן און נאָך באַוויזן אַ פֿרעג צו טאָן:

— ווידער אַ מלחמה?

שלמה, מיט אַ זיכערן טאָן:

— אונדזערע אַראַבישע שכנים ווילן אונדז דערטרינקען אין ים.

— וויפֿל וועט דאָס קאָסטן?

שלמה, קורץ און שאַרף:

— אַז מען וועט דאַרפֿן, וועט מען צאָלן...

און מיט די זעלבע איילִיקע טריט, וואָס ער איז אַריין, איז ער ארויס פֿון געוועלב.

נאָך אים האָט זיך באַוויזן עמוס ספּעקטאָר. בינעם האָט זיך דערפֿרייט מיט זיין אַריינקומען. ער האָט אין אים דערקענט דעם עמוס פֿון די קינדעריאָרן, וואָס בינעם האָט פֿאַר אים אָפּגעהיט אַ גלאָז מילך יעדן טאָג. ער איז געקומען צו פֿליִען פֿון אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט, כדי פּריוואַטליק זיך צושטעלן צום פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד. עס האָט אויף אים געברענט די הויט, וואָס גיכער זיך צו מעלדן אין זיין איינהייט. בינעם האָט אים אַרויסבאַגלייט פֿון געוועלב, געדריקט זיין האַנט און געווונטשן אים ווידער זען אַ געזונטן.

ביידע צוזאַמען זענען זיי געקומען איינקויפֿן, די צוויי הויכוווקסיקע,

שלאָנקע בחורים, וואָס בינעם האָט זיי דאָס ערשטע מאָל געזען און געהערט זייער ייִדיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט. איינגעקויפט האָבן ביידע פּאָר נאָך עטלעכע פרייוויליק־געקומענע פון לאָנדאָן. געוועזענע אָפיצירן אין דער ענגלישער אַרמיי, זענען זיי אין די אומרויִקע טעג געקומען זיך שטעלן אין דינסט פון צה״ל, און דערוויל געוואָרן בינעמס שכנים.

אין דרויסן איז די באַוועגונג געוואָרן אַ שיטערע. דאָס ערשטע מאָל האָט בינעם געזען די גאַסן אין אַזאַ אָפּשרעקנדיקער שטילקייט. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט שוין בינעם געהאַט איבערגעלעבט טעג פון ערב־מלחמה, געזען ווי זעלנער גייען אַרויס אין קריג, ווי זיי מאַרשירן צום פראָנט אונטער פויקנדיקע קלאַנגען, מיט הילכיקע טריט, געזעגנטע פון פאָכענדיקע הענט, אָבער דאָ, אויף דער אייגענער ערד, האָט בינעם דאָס מאָל איבערגעלעבט אַזעלכע געשפּאַנטע טעג.

שטייען ייִדן ווידער פאַר אַ טויטגעפאַר? אַ סך זאַכן פאַרגעסן זיך מיט דער צייט, אָבער אָט די אימה־געפילן, וואָס בינעם האָט מיטגעבערענגט פון די געטאָס, האָט ער געטראָגן אין זיך, געלעבט מיט זיי, און זיי זענען אין אים אויפגעקומען אין מינוטן פון נסיון און ציטער.

נאָך די מלחמה־טעג האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די יונגע קעמפערס. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט איינציקווייז, יעדער באַזונדער, מיט פאַרעל־טערטע פּנימער, באַדעקטע מיט שטויב און מיט שווערע איבערלעבונגען. זייערע נאָענטע קרובים, שכנים, און גוטע־פריינד — די אַלע, וואָס האָבן די אויגן זיך אויסגעקוקט אויף זייער צוריקקומען — זענען איצט געזעסן מיט אָנגעצויגענע נערוון און מיטן גאַנצן געהער אויפגענומען די איבער־לעבונגען פון די פאַרלאָפענע מלחמה־טעג, וואָס יענע האָבן דערציילט מיט אַ כאַפּנדיק לשון, פאַרגעשטעלט בילדער פון גרויליקע מינוטן, אַנטפּלעקט וואָס די שונאים האָבן פאַר אונדז געגרייט.

ס׳האָט דערציילט עלי, אַ בן־יחיד ביי טאַטע־מאַמע. זיין פּנים איז קוים געווען באַוואָקסן מיט די ערשטע אַרויסגעשפּראָצטע הערעלעך און שוין איז ער געווען ווי אַ גולני־קעמפער צווישן די ערשטע אַריינדרינ־

גערס אויף די גולן־בערג. זיין גראַנאַגל מיט די סיריער, זיין עדות־זאָגן וועגן ייִדישער גבורה, האָט ביי די אַרומיקע פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם.

און ס׳האָט דערציילט איינער פֿון די פֿיר ברידער, וואָס האָט נאָך נישט געוווסט, וועגן גורל פֿון די אַנדערע. ביי זיין אָנקומען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער פֿאַרלאַנגט נישט מער ווי אָפּרייניקן פֿון זיך דעם שטויב און זיך אויסבאַהאַלטן פֿון מענטשלעכע אויגן. זיין פּנים און דאָס מויל האָט אויסגעזען צו זיין פֿאַרשלאָסן, נישט אַרויסצוברענגען קיין וואָרט, אָבער די אָנלאָדונג פֿון די דורכגעגאַנגענע טעג האָט אים קיין רו נישט געגעבן און ער האָט דעם קאָפּ נישט געקאָנט אָוועקלייגן. ער האָט געלאָזט אויף זיך אויפֿצווינגען דאָס רעדן. דערציילט האָט ער וועגן די קאַמפֿן אויף די זאַמדן פֿון סיני, טעג און נעכט, אַרומגענומענע מיט וואַלקנס שטויב און פֿלאַמען. וועגן זיך האָט ער גאָרנישט געוואָלט דערציילן. גערעדט האָט ער נאָר וועגן זיינע פֿאַרלוירענע קאַמפּס־חברים פֿון דער פֿאַנצער־איינהייט וואָס האָט געדירט צום קאַמף נאָענט פֿון זיין היים און פֿאַרענדיקט אין די טיפֿענישן פֿון מדבר. און אָט דער פּשוטער סאָלדאַט, וואָס האָט וועגן דעם אַלעם אַזוי איינפֿאַך דערציילט, האָט נישט אַרויס־געוויזן קיין סימן פֿון שנאה צו מענטשן, נאָר אַ טיפֿן, טליִענדיקן אומעט.

פֿון נאָכן פֿייער איז בינעמס געוועלב געוואָרן אַ צונויפֿקום־אָרט, ווו מען האָט געקאָנט אויסהערן אַלע מאָל נייע דערציילונגען פֿון צוריקגע־קומענע קעמפֿערס.

מיט די קיישלעך אין זייערע הענט האָבן די קונים פֿאַרגעסן אין איינקויף און איינגעהערט זיך אין די אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען פֿון משה בר־עם, אַ לופֿט־פּליִער — ווי אַזוי אין געציילטע שעהען פֿון שלאַכטן אין די הימלען האָט ישראלס לופֿטפֿלאָט מצליח געווען צו טאָן דאָס וואָס אַנדערע האָבן נישט מצליח געווען צו טאָן אין משך פֿון יאָרן.

ווי איינגעשלאָפֿענע שוואַרצע פֿייגל אויף דער ערד האָבן די מצרישע עראָפּלאַנען אויסגעזען דורך די לאָרנעטע־גלעזער אויף משהס אויגן. ערשט ווען זיין עראָפּלאַן האָט געניִדערט צום ציל האָבן די שטאָלענע

פייגל אויף דער ערד זיך צעוועקט, אַ ריר געטאָן און צעפלויגן אין ברענענדיקע שטיקער. אַזוי האָט משה געשילדערט דעם פּלי אין די מצרישע הימלען, וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט.

געווען איז דאָס בלויז איינע פון די דערציילונגען, און אפשר נאָך נישט די וווּנדערלעכסטע פון זיי — נישט אַלע האָבן באַוויזן אין יענע גורלדיקע שעהען צו בלייבן לעבעדיקע העלדן. אַ סך האָבן באַצאָלט מיט זייער יונג לעבן אין די לופטשלאַכטן, און טאַקע זיי, זיינע קאַמפּס־חברים אין די הימלען, האָט משה כסדר אין זינען געהאַט ביים דערציילן.

און אָט איז אַהרעלע קוטנער מיטן געשטריקטן קאַפּעלע אויפן קאָפּ און מיטן שטרוי־געפלאָכטענעם קיישל אָנגעהאָנגען אויף דער האַנט. ער, דאָס צעפּיעשטשעטע ייִנגל ביי דער מאַמען, אָבער ביי זיך שוין אַ זעלבּ־שטענדיקער. מיט שטאָלץ האָט ער געטראָגן אויף זיך דעם מיליטערישן מונדיר. ער איז געווען אין די ערשטע רייען ביי די שווערע מאַשינביקסן.

אין יענע שעהען פון ערב־מלחמה איז ער געזעסן אַריבערגעבויגן איבער אַ ספר. ער האָט פּלוצלינג זיך אָנגעשפּאַנט אָנטקעגן קול פונעם ראַדיאָ־ספּיקער. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער שטול און אויסגערופן צו די עלטערן: „איך גיי, מען האָט אויך מיך גערופן״! די מאַמע האָט פאַרבראָכן מיט די הענט און דער פרומער טאַטע האָט אים באַגלייט מיט אַ תפילה. אַהרעלע האָט אַ נעם געטאָן דעם צוגעגרייטן רוקזאַק, געקושט די מזוזה און איז אַרויס פון שטוב.

ער וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט אויף זיין אַקסל גענומען דאָס שווערע מאַשינגעווער און איז אַרויס מיט זיין איינהייט צום ירושלימער פראָנט. ער איז באַלד אַריין אין קאַמף קעגן דער פאַרפעסטיקטער פּאָזיציע ביי די ירדנים. פון זיין אָפּטייל איז איבערגעבליבן ווייניקער ווי אַ העלפט. אין יענעם טאָג איז שוין די אַלטשטאָט געפאַלן. אין כסדרדיקן געלויף האָט ער אין די ערשטע מינוטן נישט געוווּסט, אַז ער איז אָנגעקומען צום כותל. צוויי פאַרלאַנגען האָט אַהרעלע דעמאָלט געהאַט: באַנעצן זיינע דאַרע פאַרטריקנטע ליפּן מיט וואַסער און באַרירן די שטיינער פון דער וואַנט.

דאָס איז געווען די גרעסטע און טיפסטע איבערלעבונג פון אַלע זיינע

איבערלעבענישן אין די מלחמה־טעג: דאָס אָנרירן, ממש מיטן גוף דעם כותל המערבי. ער איז געווען פון די ערשטע קעמפערס, וואָס האָבן דערצו זוכה געווען. אַהרעלע האָט געוווּסט, אַז דורך אַלע דורות זענען יידישע נשמות געווען צוגעצויגן פון ווי ווייט, צו דעם אָרט, וואָס איז איצט געשטאַנען פריי און אָפן פאַר זיינע אויגן.

בינעמס אויגן האָבן ווידער אויפגעלויכטן, ווען ער האָט דערזען פון אַנגעקומענעם „תנובה"־אויטאָ אַרויסשפּרינגען זיין פּאַרטיילער זהב, אַ יונג אַ שד, וואָס האָט אים, בינעמען, שטאַרק אויסגעפעלט אין די מלחמה־טעג, ווען דער אינוואַליד מיטן קורצן פוס האָט פאַרנומען זיין אָרט. און ערשט איצט, נאָך זהבס אַהיימקומען האָט בינעם זיך דערוווּסט, אַז זיין „מחלק" פון די קעסטלעך מיטן מילכיקס איז גאָר אַ הויכער אָפיציר, וואָס האָט בראש פון זיינע חיילים גענומען אין געפאַנגענשאַפט טויזנטער מצרים.

זהב האָט געפילט בינעמס אויפמערקזאַמקייט צו זיינע ווערטער, אָבער דאָס האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. ווען בינעם וואָלט אים נישט נאָכגעגאַנגען פון וואָגן צום געוועלב, כדי אַרויסצו־באַקומען נאָך עטלעכע ווערטער, וואָלט זהב אים דאָס אויך נישט דער־ציילט — נישט געווען קיין צייט און געדולד זיך אַרויסצושטעלן פאַר אַ העלד ווען די קרעמער האָבן אים אויסגעקוקט מיט זיין וואָגן סחורה. אויף בינעמס צופרידן פּנים פון די רייד האָט זהב זיך נישט אומגעקוקט, נישט געווען קיין אָרט ביי אים פאַר סענטימענטן. האָט ער בינעמען גע־לאָזן מיט די קונים און אַ יאָג געטאָן דעם אויטאָ.

און באַלד אַ נייע איבעררַאשונג: צווישן די קונים האָט בינעם דערזען עמוסן. ער האָט געוואָלט אים אַרומנעמען, אָבער עמוס האָט אויסגעצויגן אַ האַנט און נישט צוגעלאָזן בינעמען צו זיך. פון געעפנטן העמד האָט זיך אָנגעזען אַ ברייטער באַנדאַזש אַרום זיין לייב, און געשטאַנען איז ער אויך אַ ביסל אָנגעבויגן אויף אַ זייט: די נאָך נישט אין גאַנצן פאַרהיילטע ווונד און איבערגעבליבענע שפּליטערן אין גוף האָבן זיך געלאָזט פילן, אָבער זיינע אויגן אין בלאַסן פּנים האָבן נישט פאַרלוירן די שפּילעוודיקע לעבעדיקייט. עמוס האָט נישט פאַרטראָגן, אַז מען זאָל אויף אים קוקן

מיט אַ נעבעכדיק, פאַרזאָרגט פּנים. איז ער דאָך פריייוויליק געקומען פון אַמעריקע פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד. עמוס האָט בלויז מסכּים געווען אַרויס־צוגיין פון דער ריי און בינעם זאָל אויף גיך אים דערלאַנגען די פּראָדוקטן. אין דעם מאָמענט האָט בינעם זיך דערמאָנט זיין איינקויף ערב דער מלחמה. דעמאָלט האָט עמוס זיך געאיילט צום פראָנט און דאָס מאָל — צוריקצוגיין אין שפּיטאָל.

יענעם פרימאָרגן האָט בינעם זיך אַרומגעטראָגן מיט שלעכטע געפילן. וואָס איז מיט שלמהן? כּמעט פון אַלע האָט ער שוין געהערט אַחוץ פונעם „דזשינדזשי" מיטן געלן קאָפּ, וואָס יעדן אינדערפרי פלעגט ער אַריין אין געוועלב מיט אַן איינגעהאַלטענעם אימפּעט זיך אָוועקשטעלן ביים טיש און בינעמען אונטעריאָגן: „נו, ס'איז שפּעט, מ'דאַרף לויפן".

איז אַריינגעקומען אַ שכנה פון זעלבן הויז. נאָך איידער בינעם האָט באַוויזן זי פרעגן, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר איר פאַרטרויערט פּנים:

— עפּעס געהערט וועגן שלמהן?

זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן:

— נישטאָ מער שלמה.

דאָס איז געווען אַ ביטערע בשׂורה פאַר בינעמען. שווער איז געווען אים צו טראַכטן, אַז שלמה וועט שוין מער צו אים נישט אַריינקומען, אַז ער וועט מער נישט הערן זיין היימישן אויסגעצויגענעם „שלום".

בינעם האָט זיך דערמאָנט זייער לעצטן ווערטער־אויסטויש ערב דער מלחמה. ביידע האָבן זיי גערעדט וועגן די פאַרשטייענדיקע קאַמפן און קרבּנות, און שלמה האָט געענטפערט קורץ און שאַרף:

— אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען צאָלן...

בינעם האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אין זיי ביידע. געדענקט האָט ער נאָר די יינגלעך, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן.

אָבער אָט האָט בינעם דערקענט איינעם פון זיי — דעם הויכוואוקסיקן, שלאַנקן מאַן מיט די טונקעלע זונברילן, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע. ווען ער איז צוגעקומען צום טיש האָט אים בינעם דערמאָנט דעם איינקויף ערב דער מלחמה.

— יאָ איך געדענק גוט — האָט ער רויִק געענטפערט — דאַן זענען מיר געווען זעקס נאָענטע חברים, אויך צום געווער, אַלע קאָמאַנדירן פון איינהייטן ביי די ענגליש־רעדנדיקע, אָנגעפירט מיט שטורעם־אָפּטיילונגען אין די שלאַכטן אויף די גולן־בערג, און געפאַלן זענען זיי אין דער שפּיץ פון זייערע איינהייטן.

— ביסט געבליבן אַליין פון די זעקס?

— יאָ.

— האָסט נישט חרטה אויף דיין קומען נאָכן פאַרלירן דיינע חברים?

— ניין! — האָט דער בחור מיט שטאָלץ אויסגערופן — מיר זענען אַלע געקומען מיטן אייגענעם ווילן. זיכער איז נישט פריילעך אויפן האַרץ ווען נאָר איך אַליין קער זיך צוריק אַהיים. אָבער ס'איז כדאַי געווען אין דער קורצער מלחמה צו דערקענען דאָס פאָלק, גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר קאָנען ווייטער לעבן. די מפּלה פון די פיינט וועט פאַר זיי בלייבן אַן אומפאַרגעסלעכע אָנלערנונג.

— מיינסטו, אַז די אַראַבער וועלן משלים זיין מיט דער מפּלה?

דער בחור האָט געענטפערט:

— אויב ישראל וועט ווידער זיין אין אַ געפאַר, וועל איך, און נאָך אַזעלכע ווי איך, ווידער קומען פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

שפּעטער איז אין געוועלב אַריינגעקומען די פרוי נחמיאַס, ביי וועמען די בחורים האָבן זיך אויפגעהאַלטן נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד. זי האָט בינעמען דערציילט וועגן די טעג מיט זיי ערב דער מלחמה, און זיין אַליין אַריינקומען אין שטוב נאָך דער מלחמה. ביי די ווערטער האָט זיך פרוי נחמיאַס צעוויינט.

— דער בחור איז ביי מיר געווען איינקויפן און גערעדט האָט ער וועגן די געפאַלענע מיט אַזוי פיל שטאָלץ און ווערדע — און דו וויינסט?

די פרוי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און געענטפערט:

— עמעצער דאַרף דאָך לאָזן אַ טרער נאָך וווּנדערלעכע מענטשן.

קאַפּיטל אַכצן

# שרהלעס חתונה

מיטן שפּראָץ פון באַגינען איז שוין בינעם געווען פּאַרטאָן אין דער אַרבעט. אַלע זיינע קונים האָבן שוין געוווּסט מיט עטלעכע טעג פריִער, אַז אין דעם טאָג דאַרף ער פאַרמאַכן דאָס געוועלב אין די פריִע שעהען. האָבן זיך צוגעאיילט די ליפעראַנטן מיטן ברענגען די פּראָדוקטן און ס'האָבן זיך צוגעאיילט די קונים מיטן קומען איינקויפן.

בינעם איז יענעם פרימאָרגן געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. אַלע זיינע קונים האָבן געוווּסט, אַז ער מאַכט חתונה זיין עלטערער טאָכטער שרהלע. די אַרבעט איז ביי אים געגאַנגען מיט שווּנג, אין פולן טעמפּאָ. אַלע אברים האָבן געאַרבעט מיט אימפּעט. די הענט און פיס האָבן זיך באַוועגט אויפגעבונדענער, לייכטער. מיט גיריקייט האָט ער געשלונגען די מינוטן, די שעהען פון דעם טאָג, וואָס האָט זיך פאַר אים געשטעלט מיט גאָר אַן אַנדער סדר, אַנדערש ווי אַלע מאָל, אַן דעם עול פון צוגע־בונדנקייט צו די פיר ווענט. היינט וועט ער זיך קאָנען באַפרייען, אַנטלויפן פון וואָכעדיקן גערודער. אַלע מאָל האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער און געוואָרט, אַז דער ווייזער זאָל זיך שטעלן אויף דער שעה, אין וועלכער ער האָט באַשטימט צו שליסן די טיר.

גרויס איז געווען די פרייד ביי בינעמען אין שטוב. ס'האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי שמחות אויף איין מאָל. לאהלע איז געוואָרן צוועלף יאָר דעם זעלבן טאָג, ווען ס'איז אויסגעפאַלן שרהלעס חתונה. נאָכן פאַרמאַכן דאָס געוועלב איז בינעם אַריין אין שטוב און מיט אַלע אברים זיינע דער־פילט דעם טעם פון פרייד, געמיט, די ברכה פון זיין באַנייט לעבן — צוויי געראָטענע טעכטער פון דער מאַמען, דער זעקסטער דור אינעם לאַנד. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפקע כאַפּן אַ דרימל און געניסן

פון די עטלעכע שעה רו. ער איז געווען אַליין, אָן דעם גערודער, אָן דעם עול פון די געוויינלעכע טעג. ס'איז געווען נאָך פרי, ער האָט נאָך גענוג צייט געהאַט אָפּצורוען זיין מידן גוף, אָבער בינעם איז געלעגן מיט אָפּענע אויגן, געקוקט אין די ליכטיקע שעהען פון טאָג און דורך זיי — אַריין אין די ווייטע פאַרגאַנגענע טעג. פאַר זיין אינערלעכער זעקראַפּט זענען אויפגעשטאַנען בילדער, ווי אויפגעמישטע בלעטער פון אַן אַלבאָם: אַ קינד ווערט געבוירן אין די טעג פון דער באַפרייונג־מלחמה, אונטער אָפּהילכן פון אויפגעריסענע גראַנאַטן; אַ מיידעלע אין קינדער־גאָרטן; נאָר וואָס אָנגעהויבן לערנען דעם אלף־בית; אַ שילערין אין ערשטן קלאַס פאָלקסשולע — און שוין אַ כלה־מיידל, שלאַנק, געשיקט, מיט אַ ליכטיק פּנים — היינט איז איר חתונה־טאָג...

און לאהלע — אויך אַ מלחמה־קינד. ס'איז געווען ערב דער סיני־אַקציע. עמעצער איז אַריין אין געוועלב מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און אים דערלאַנגט אַ צעטל. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „מען רופט אויך מיך"! אַ פאַרקוקטער אויף זיין ווייב אין די הויכע חדשים, איז ער גע־בליבן שטיין אומעטיק: ווי לאָזט מען זי אַליין אין אַזאַ צושטאַנד? אין סאַמע ברען פון די מלחמה־טעג איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן — און שוין אַ בת־מצוה־מיידל. לוסטיק־שפּרינגענדיק, מיט לאַכנדיקע אייגעלעך — צוועלף יאָר אַדורכגעלאָפן...

און ער אַליין — מיט יונגע יאָרן נאָך, און שוין מיט אַזוי פיל איבער־לעבענישן: מלחמות, געטאָ, לאַגער, נע־ונד, שווערע געראַנגלען, און ווידער אַן אויפגעקומענער צום לעבן. ער געדענקט נאָך אַזוי גוט די ערשטע טריט זיינע אין לאַנד, די באַקאַנטשאַפט מיט רחלען, זיין חופּה־טאָג מיט דער ישראלדיקער טאָכטער. ער איז געלעגן אַ פאַרטראַכטענער אין די פאַר־גאַנגענע יאָרן. מאָדנע, אַזוי ווייט אָפּגעשווומען פון יענעם ברעג. ניין, ס'איז אי ווייט, אי נאָענט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז עס איז צייט אויפצושטיין; די שעה פון זיך גרייט מאַכן צו דער חתונה האָט זיך דער־נענטערט.

אין דעם טאָג פון זיין טאָכטערס חתונה האָט ער געהאַט די אַמביציע אויסצוזען שיין. ער האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין מיטן אויסזען פון זיין

ייִנגערער פון אים רחל, וואָס האָט זיך אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק, ווי זי אַליין וואָלט געוועזן דאָס כלה־מיידל. בינעם האָט אויך גע־וואָלט זיין אַ פּאַסיקער מחותן פאַרן נאָך גאָר יונגן חתן, אַ געראַטענער בחור, אַ פּעדאַנט: הויך, עלעגאַנט, אַ העל פּנים מיט בלויע אויגן, אַן אויסגעשולטער לופטפליִער און שוין מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה. און ווּ זענען די פאַרבעטענע געסט פון זיינע קונים, וואָס האָבן אים יעדן טאָג געזען אין די אַרבעטסקליידער, אַ פאַר־יאָגטן, פאַרהאָוועטן, מיט צעפלויגענע האָר? זאָלן זיי אים אָנקוקן אין טונקל־געשטרייפטן אַנצוג, וואָס ער האָט ספּעציעל געלאָזט נייען צו דער חתונה. און ווּ זענען זיינע לאַנדסלייט, אַלע די, וואָס האָבן אים געדענקט פון דעם טאָג ווען ער איז געקומען אין לאַנד? אַ נייער עולה, האָט נישט פאַרמאָגט מער ווי דאָס אָפּגעראַטעוועטע לעבן זיינס אין די אָפּגעריבענע זעלנערישע קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. דאָ, אין ישראל, איז עס נישט פון די גרויסע ניסים, אָבער ביי זיך האָט ער נישט פאַרלוירן די וויכטיקייט פון געדענקען, בפרט נאָך אין טאָג פון זיין טאָכטערס חתונה.

דער וועג פון שטוב צום חתונה־זאַל האָט געדויערט עטלעכע מינוט. איידער בינעם האָט זיך אומגעקוקט האָט זיך די טאַקסי אָפּגעשטעלט פאַר אַ העל־באַלויכטענעם אַריינגאַנג. גייענדיק אויף די שטיגן האָט בינעם געוואָרפן זייטיקע בליקן צו די שפּיגלווענט. דער אויסזען פון אים און פון רחלען האָט אַרויסגערופן אויף זיין פּנים אַ צופרידענעם שמייכל. מיט אַ דערהויבענעם געפיל האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויפנעמען די געסט ביים ברייט־צעעפנטן אַריינגאַנג אין דעם גרויסן, מיט ליכט צעהעלטן, חתונה־זאַל.

ווי נאָר ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די פאַרבעטענע געסט האָט בינעמען אַרומגענומען אַ היימישקייט. ס׳האָבן אויפגעטויכט אַזוי פיל באַקאַנטע פּנימער. די מענטשן האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און באַשאָטן מיט ברכות, מ׳האָט צו אים גערעדט, געלאַכט, געגלעט אים דאָס פּנים, איבער־געלאָזט אויף זיינע באַקן רויטע צייכנס פון געפאַרבטע ליפּן. און ער האָט

יעדן אָפּגעענטפֿערט מיט אַ וואָרט, אַ שמייכל, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ פֿאַרנייג, און איז פֿאַרשיכורט געוואָרן פֿון די שאַרפֿע פּאַרפֿומען.

דער זאַל איז געוואָרן פֿול מיט מענטשן, מיט מוזיק, די טישן זענען געווען באַשטעלטע מיט כּיבוד, מיט משקה, די קלעזמערס האָבן געשפּילט פֿריילעכע ניגונים, און ווען זיי האָבן דערזען די כּלה אָנקומען, באַגלייט פֿון אירע נאָענסטע חברטעס, האָט די פּויק זיך צעפּויקט, דער באַס האָט געברומט, דער טרומייט האָט געשאַלט, און די אַקאָרדיאָנען האָבן זיך צעצויגן מיט פֿריילעכע טענער, און שׂרהלע די כּלה, פֿאַרשלייערט אין ווייסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, איז געגאַנגען מיט צעשטראַלטע אויגן, אירע דראַבנע לאַנגזאַמע טריטלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער כּלה־שטול אין מיטן זאַל און זי איז דאָרט געבליבן זיצן, אַרומגערינגלט מיט קרובֿים און מיט אַ גאַנצער סוויטע שול־חברטעס.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די געסט פֿון חתנס צד, צווישן זיי — אַ סך יונגע־לייט אין טונקל־בלויע אוניפֿאָרמען פֿון ישׂראלדיקן לופֿטפֿלאָט, מיט האַלב־רונדע שטייפֿע היטלען אויף די קעפּ און מיט גלאַנציקע זילבער־ווייסע אָפֿיצירן־אָפּצייכענונגען אויף די אַקסלען. אַלע — שלאַנקע און שמאָלע, ווי גלייך אָפּגעמאָסטענע בחורים, געקליבענע איינס און איינס, ווי אויסצושטעלן אין אַ גלייכער ריי. מיט שטאָלצע טריט און פֿאַרריסענע פּנימער זענען זיי אַריין טיפֿער אין זאַל. משה, דער חתן, האָט זיינע חבֿרים די פֿליִערס אויפֿגענומען גוטברודעריש, און זיי האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער מיט, מיט אַן אָפּן זעלנעריש, פֿריילעך געמיט געדריקט אים צו זיך, געקלאַפּט אין פּלייצע, באַשאָטן אים מיט קאָמפּלימענטן.

דער זאַל האָט וויברירט מיט געלעכטער, מיט פֿריילעכע קולות, מיט פֿריידיקע אויסרופֿן פֿון נאָענטע קרובֿים, פֿון גוטע־פֿריינד, שוין פֿון לאַנג זיך נישט געזעענע, אונטער די רוישיקע מוזיק־קלאַנגען. דער מענטש מיטן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אויף דער ברוסט האָט יעדעס מאָל אַ בלענד געטאָן אין די אויגן און אויפֿגעכאַפּט די סצענעס פֿאַר זיין בילדער־קאָלעקציע. בינעמען דעם מחותּן האָט דער פֿאָטאָגראַפֿיסט געהאַלטן אויפֿן אויג; אים זענען געפֿעלן געוואָרן בינעמס געשוואָלענע טאַשן אָנגעשטאָפּטע מיט די חתונה־טשעקן. און ער, בינעם, פֿאַרשיכורט מיט דער פֿרייד פֿון זיין

טאָכטערס חתונה, האָט קיין צייט נישט געהאַט אומצוקוקן זיך אויף זיך און אויף זיין דעפּאַסאַנירטן אויסזען.

לייכט און אָנגענעם האָבן זיך גערוקט די חתונה־שעהען. שוין אַרויס פון אונטערן רויט־פּליושענעם דעכל, געענדיקט אַלע חופּה־צערעמאָניעס. משה, שטראַם אויסגעצויגן ווי ביים זעלנערישן אַפּעל, און שרהלע מיט שאַרפע בליקן דורכן טיולענעם שלייער, האָבן אויפגענומען די רייד פון מיליטערישן רב.

— מזל־טוב! מזל־טוב!

ביי די טישן האָט דער עולם זיך געלאָזט ווילגיין. די גלעזלעך האָבן געווירקט. מ׳איז געוואָרן אויפגעהייטערט, מ׳האָט זיך געטיילט מיט גוטע ווונטשן. די קעלנערס, באַלאָדענע מיט פולע טעלערס האָבן זיך באַוועגט אַרום די טישן, און די קלעזמערס האָבן נישט אויפגעהערט שפּילן און אַריינציִען דעם עולם אין טאַנץ. די טענץ זענען געוואָרן אַלץ האַסטיקער, געדיכטער, איינער האָט אַריינגעשלעפּט דעם אַנדערן אין ראָד. חברה אין די בלויע מונדירן האָבן געהויבן די פיס מיט גבורה און פאַרוואָרפן די הענט איבער די אַקסלען. דער געשלאָסענער ראָד האָט זיך געדרייט מיט אימפּעט, מיט שווונג פון אָנגעזאַמלטער ענערגיע. זייערע אויגן האָבן גע־שאָסן מיט פלאַמען. יונגע, פריילעכע שטימען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קלאַנגען פון דער רוישיקער מוזיק. פון אַרום די קולות און פּאַטשנדיקע הענט האָבן אַריינגעשטראָמט אין צעשטורעמטן גערודער. הענט האָבן זיך געבונדן איינע אין דער אַנדערער: אַלט און יונג, קליין און גרויס, צע־וואָרפענע טשופּרינעס ביי דער זייט פון אָפיצירישע היטלען — אַלץ האָט זיך געדרייט ווי אַ קאַרוזעל; אַ צעפלאַמטער עקסטאַז האָט פון אַלע געמאַכט איין צעשפּרונגענע מחנה.

בינעם האָט פעסט געהאַלטן צוגעדריקט אין זיין פויסט משהס האַנט. זיין פּנים, רויט צעצינדן, האָט זיך מיד געוויגט אין ראָד, געלאָזט זיך מיטשלעפּן. ער איז מער נישט געווען ביי זיך אין די הענט, נאָר אַ ריגעלע פון דער קייט, וואָס האָט זיך געדרייט און געיאָגט, אים אָנגעפּילט מיט חיות, מיט פרישן אָטעם, מיט טרייסט.

נאָר אין דער זעלבער מינוט, אין מיטן פון זיין באַרוישטקייט, באַ־

פֿאַלט אים אַ געדאַנק, וואָס וויל פֿאַרשטערן זיין גליק און טריפֿט אַריין צער אין צעגאַנגענעם האַרץ. פֿון וואַנען איז ער געקומען? ווען ער האָט דאָרט געלאָזן? אומגעריכט, ווי געטריבן פֿון אַ געהיימען כוח, האָט ער זיך אָפּגעריסן פֿונעם ראָד, און איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. ווו אייגנטלעך איז ער, „דאָרט” אָדער דאָ?

בינעם האָט דערזען משהן לעבן זיך.

— אָ, זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ?

— ס'איז מיר שוין בעסער...

פֿאַמעלעך זענען די טענער פֿון דער מוזיק געוואָרן נידעריקער, די פֿיס האָבן אָנגעהויבן שטעלן לאַנגזאַמערע טריט, דאָס ראָד איז לויזער געוואָרן, זיך באַפֿרייט פֿון די פֿאַרוואָרפֿענע הענט.

— זעסט, בינעם — האָט משה אָנגעוויזן אויף אַ גרופּע זיינע קאַמפּס־חברים, — דער מיטן לאַכנדיקן פּנים האָט אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה אַראָפּגעשאָסן אַכצן מצרישע עראָפּלאַנען, און יענער, וואָס רעדט מיט אים, האָט די אַרבעט געמאַכט נאָך בעסער. דער טונקעלער, מיט די צעלאָזטע האָר, וואָס שטייט אַזוי שטיל און רירט נישט מיט קיין אבר, ווּעסט מיינען, אַז ער קאָן דאָס מויל נישט עפֿענען — אין די הימלען איז ער געווען אַ העלד.

— און דו, משה — האָט בינעם אויף אים אַ קוק געטאָן — זיך שטעלסטו אָוועק אין דער זייט?

משה האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— וועגן מיר זאָלן רעדן אַנדערע...

דער זאַל האָט אָנגעהויבן זיך אויסליידיקן, די מוזיקאַנטן האָבן אָפּגעשפּילט די „התקווה” און די עלטערן פֿון חתן־כּלה, די מחותּנים, האָבן מיט פֿאַמעלעכע טריט באַגלייט דאָס יונגע פּאָרל, זיי געווּנטשן אַ גליקלעך לעבן...

קאַפּיטל ניינצן

# די אָפּגערעדטע שעה

דאָס איז געווען אין אַ האַרבסטיקן טאָג. דער הימל האָט זיך פאַר־כמאַרעט און ס׳האָבן געבלאָזן שאַרפע ווינטן. ווען ס׳איז געוואָרן פאַר נאַכט האָט בינעם שוין אויסגעקוקט, אַז די טונקעלע שעהען זאָלן זיך שנעלער אַ רוק טאָן. די אַרבעט פון סוף טאָג האָט זיך לאַנגווייליק געצויגן. די קונים, וואָס האָבן נאָך געדאַרפט איינקויפן, זענען געקומען נאָך לענגערע איבער־רייסן. אָט איז ער פאַריאָגט, קאָן דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן, און אָט שטייט בינעם און וואַרט אַז מען זאָל קומען אָוועקנעמען די באַשטעלטע פּראָ־דוקטן. פון שטוב האָט מען אים געשיקט זאָגן, ער זאָל אַ ביסל פריִער שליסן די קראָם. שרהלע האָט צו וויסן געטאָן, אַז זי וועט קומען מיט די קינדער אין די פריִע אָוונט־שעהען. אויך משה דאַרף קומען פון מילי־טער — אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגערעדט זיבן אַ זייגער — און צוזאַמען פּראַווען יעלס צווייאָריקן געבוירן־טאָג.

ביי בינעמען אין שטוב איז געווען ליכטיק לכבוד די ליבע געסט. צום אָוונט איז שוין אַלץ געווען גרייט: דער טיש איז פול געווען מיט כיבוד און זיסע געטראַנקען. די צוויי אייניקלעך, ענת און יעל, האָבן בינעמען באַגעגנט מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך. ביידע צוזאַמען האָבן זיך געצויגן צום זיידן. די פינפיאָריקע ענת האָט געוואָלט רייטן אויפן זיידנס שויס און די צווייאָריקע יעל האָט ליב געהאָט זיך הוידען אויף זיינע אַקסלען.

אַ קינדעריש געלעכטער האָט אַלעמען מיטגעריסן. די צוויי שוועס־טערלעך האָבן פאַרהילכט די שטוב מיט זייערע פריידיקע געשרייען. אויף אַלעמענס ליפּן איז אויפגעגאַנגען אַ צופרידענער שמייכל. ס׳האָט זיי הנאה געטאָן די קינדערס פרייד און דעם זיידנס אַרומנעמעדיקע ליבשאַפט.

אַ גרויס פֿאַרגעניגן האָט רחל אַרויסגעוויזן פֿון איר טאָכטערס באַזוך מיט די קינדער. זי האָט דערפֿילט אין זיך די מאַמע, די באָבע, די באַלע־באָסטע פֿון שטוב. ווי שמעטערלינגען האָבן זיך געדרייט אַרום איר די מיידעלעך, אַראָפּגעקראָכן פֿון בינעמס קני און אַריפּגעקלעטערט אויף אירע הענט. דער באָבעס ליפּן האָבן זיך צעשפּילט מיט אַ ליבן שמייכל. ס'איז דאָך טאַקע אירס, איר בלוט. האָט זי זיי געטוליעט, געדריקט צו זיך.

צום מיינסטן האָט זיך געלאָזט הערן די גרעסערע, ענת. ביים זיידן און ביי דער באָבען אין שטוב איז זי שוין געווען אַ גאַנצע יחסנטע, האָט געשטויסן און געטריבן די ייִנגערע יעל און געפּאָדערט דאָס גאַנצע ביסל ליבשאַפֿט נאָר פֿאַר זיך. און אַלע אַרום זענען פֿאַרגאַנגען אין טיפֿן גע־לעכטער. די מאַמע שרהלע איז געזעסן אין איר אויסגעפּאַסט ספּאָרטקלייד, מיט אַ שיינענדיקן גלאַנץ אין די אויגן און מיטן שמייכל פֿון אַ גליקלעכער און זאָרגלאָזער. דער שיין געדעקטער טיש אין טאַטע־מאַמעס שטוב, די קינדערס פֿרייד, איר אָפּוואַרטן משהס אַריינקומען פֿון דעם ווינטיקן דרויסן אין דער וואַרעמער משפּחה־היים, זיין שיינער אויסזען היינט אין דער פּרי אין דעם אָפֿיצירן־מונדיר — דאָס אַלץ האָט זי אין זינען געהאַט אין מיטן פֿון די קינדערס שפּילערייען און פֿון אַלעמענס רייד.

בינעם האָט זיין איידעם משהן שטאַרק ליב געהאַט. אויך די שוויגער האָט אין איר איידעם זיך געשפּיגלט. איר איז ליב געווען זיין געשטעל, זיין שטאָלצער גאַנג, זיין פּעדאַנטישקייט אויף זיך און אַרום זיך, און מער פֿון אַלץ — זיין איבערגעגעבנקייט צום ווייב און די קינדער. אויך זי האָט אַלע מאָל געוואָרפֿן אַ בליק צו דער טיר, אפֿשר וועט זי זיך אָן עפֿן טאָן און משה וועט אַריינקומען, אַזוי ווי ער איז געוווינט געווען מיט זיין גאַנצער הויך און אויסזינגען זיין „של—ום".

דער זייגער האָט שוין געוויזן די צייט נאָך דער אָפּגערעדטער שעה. שרהלען האָט געדינט איר געבענטשטע נאַטור פֿון באַהערשטקייט, פֿון איינגעהאַלטנקייט. דאָס האָט באַרויִקט איר געמיט. איינגעהאַלטן איר ליב־לעכן שמייכל. אָבער אויך זי האָט יעדעס מאָל, ווען זי האָט דערהערט אַ שאָרך ביי דער טיר, האַסטיק אומגעדרייט דאָס פּנים.

— אמא, ווען וועט דער אַבא קומען? — האָט ענת געפרעגט מיט אַ צעצויגן פאַרבענקט קול.

שרהלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל.

— ער דאַרף באַלד קומען, טאָכטערל, מיר אַלע וואַרטן אויף אים.

— איך וויל נישט באַלד, איך וויל שוין — האָט זיך דאָס קינד אַ טרייסל געטאָן.

— איך וויל אויך — האָט שרהלע מיט אַ ווייכן טאָן באַרויִקט דאָס קינד.

ענת האָט זיך געלאָזט איינגעמען אָבער זי איז נישט געווען צופרידן. זי האָט געוויזן אַן אומעטיק פּנימל.

— קום צום זיידן אויף די קני — האָט בינעם גערופן דאָס קינד — וועסט רייטן ווי אויף אַ פערדל.

— איך וויל נישט, דער אַבא מאַכט עס בעסער. ער לייגט זיך אויפן דיל און איך רייט אויף זיין רוקן.

— קום, איך וועל אויך אַזוי טאָן.

— ניין, איך וויל נישט — האָט ענת אַ הייב געטאָן מיטן אַקסעלע — איך וויל נאָר מיטן אַבא.

דער טיש מיט כיבוד איז געשטאַנען נישט אָנגערירט. קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט אויסציִען אַ האַנט און עפּעס נעמען אין מויל פאַר משהס קומען. דער קוכן איז געווען גאַנץ, נישט איינגעשניטן, די ליכטלעך — נישט אָנגעצונדן. אויך די שטול, אויפצוהייבן יעלן דריי מאָל, האָט געוואַרט אויף משהס הענט. אַלע האָבן אים געקענט מיט זיין פּינקטלעכקייט צו דער מינוט, און וועד נאָך אַזוי ווי שרהלע האָט געקענט משהס געוווינהייטן, זיין אָפּגעהיטנקייט פאַר אַן אָפּגערעדטער שעה. אויב עס פלעגט פאָרקומען אַן ענדערונג, האָט ער צו וויסן געטאָן, זי זאָל נישט דאַרפן איבערקלערן. פאַר וואָס דווקא אינעם אָוונט פון קינדס געבוירן־טאָג איז ער אַנדערש ווי שטענדיק?

מיט אַ געפיל פון אומרו האָט שרהלע זיך אַוועקגעזעצט לעבן טעלעפאָן.

— האַלאָ, איך בעט די פּליבאַזע, אָפּטיילונג נומער... — עס האָט גענומען אַ ביסל ביז אַ שטים האָט זיך אָפּגערופן.

— וואָס איז מיט משה ברעם, איז ער שוין אויפֿן וועג אַהיים ?

— נאָך נישט, דאָס וועטער איז שלעכט, שטורעמווינטן באַשווערן דאָס צוריקקומען אין דער מחנה. נישטאָ קיין סיבה פֿאַר זאָרגן.

נישט אַרויסגערעדטע מחשבות האָבן באַלעסטיקט די געמיטער : „שטור־רעמווינטן", „נישטאָ קיין סיבה פֿאַר זאָרגן". קיינער פֿון די שטוביקע האָט נישט אַרויפֿגעברענגט אויף די ליפּן די ווערטער, אָבער די געדאַנקען האָבן גענורעט, געשניטן, זיך אויסגעלייגט אויף די פּנימער. ענת האָט דערפֿילט די שווערע שטימונג. זי האָט זיך צעוויינט, און נאָך איר — די קליינ־טשיקע יעל.

— מיר פֿאָרן אַהיים — האָט שרהלע זיך אַ הייב אויף געטאָן — די קינדער דאַרפֿן גיין שלאָפֿן.

— בלייבט נאָך אַ ביסל — האָט רחל זיך געבעטן — איך האָב דאָס געפֿיל, אַז משה וועט זיך באַלד באַווייזן.

פֿאַרנעמענדיק די קינדער מיט זיך האָט שרהלע אָפּגעענטפֿערט :

— איך גלייב נישט, אַז משה זאָל אַהערקומען. די אָפּגערעדטע שעה איז שוין לאַנג אַריבער. ווי איך פֿאַרשטיי, וועט ער קומען אַהיים.

— אפשר דאָך — האָט זיך בינעם מיט אַ שטיל קול אָנגערופֿן.

שרהלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט אַ פֿאַרביסענעם שווייגן איז זי געגאַנגען צו דער טיר.

דער וועג אַהיים איז געווען באַשווערט צוליב דער שטאַרקער באַוועגונג, אויטאָס האָבן פֿאַרפֿולט דעם שאָסיי מיט לאַנגע געדיכטע רייען פֿון ביידע זייטן. ליכטפֿאַסן פֿון אָנגעפֿאַרענע מאַשינען האָבן געשווינדלט פֿאַר די אויגן. טרייבנדיק דעם אויטאָ האָט שרהלע נישט געוואָלט טראַכטן וועגן די פֿאַרלאָפֿענע שעהען ביי אירע עלטערן אין שטוב. צום ווויל פֿאַר די קינדער האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט משהן צו טרעפֿן אין דער היים און אויסצוהערן אַ לאַנגע געשיכטע פֿון געשעענישן, וואָס האָבן אים געשטערט צו קומען אין דער אָפּגערעדטער צייט.

אין שטוב איז זי אַריין מיטן אויסרוף „משה", אָבער קיינער האָט נישט אָפּגעענטפֿערט. דער אָפּהילך פֿון איר אייגן קול אין דער שטוביקער שטילקייט האָט אַרויסגערופֿן פּחד. ערשט דאַן האָבן אַלע אָנגעזאַמלטע

זאָרגן זיך צענויפגענומען אין איין קנויל און איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי האָט זיך אומגעקוקט צו די קינדער. אויך זיי זענען גע־שטאַנען דערשראָקן. שרהלע האָט זיך געשטאַרקט פאַר די קינדער אָנ־צושטעלן אַ פּנים. זי האָט זיי צוגעגרייט צום גיין שלאָפן, דערציילט זיי מעשהלעך, איינגעשלעפערט מיט אַ ליד.

מיט שטילע טריט איז שרהלע אַרויס פון קינדער־צימער. זי האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— ווער רעדט? — האָט זיך אָפּגערופן אַ פרויען־שטימע.

— שרה, משה ברעמס פרוי.

— האַ, יאָ. זייער אַ שווערער טאָג פאַר דער גרופּע פּליִערס אין מדבר סיני. אַלץ צוליב די שטורעמדיקע ווינטן.

— ווען וועט משה דאָך אַהיימקומען? ס׳איז דאָך שוין אַזוי שפּעט.

— דער דעזשורנער אָפיציר וואָלט דיר אויף דעם געקאָנט ענטפערן. ער וועט אָבער זיין שפּעט ביי נאַכט.

זי איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקע, אַ פאַרשטילטע. די קינדער זענען געשלאָפן. זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. האָט זי געמאַכט עטלעכע טריט, אַרויפגעפאַלן אויף דער סאָפע, אָפּגעלעגן ביז האַלבער נאַכט מיט אַן אויפגערויעטן אומרו.

אַ פאַרעקשנט געפיל, וואָס באַפאַלט אַ מענטש אין אַזעלכע מינוטן האָט אין איר אויפגעוואַכט: פאַר וואָס באַקומט זי נישט פון דער פּליבאַזע קיין ענטפער? זי האָט ווידער אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל.

— האַלאָ! האַלאָ!

עס האָט זיך איר געדוכט, אַז אַ שטים האָט זיך צו איר אָפּגערופן, אָבער דאָס איז געווען נישט מער, ווי אַ געפיל פון שטאַרקן באַגער צו דערהערן אַ מענטשלעך קול, אַ וואָרט, וואָס זאָל זי איינגעמען, באַרויִקן, צוריקברענגען איר גלייכגעוויכט. אַ צעדודערטע האָט זי צוריקגעלייגט דאָס טרייבל — קיינער האָט איר נישט געענטפערט. זי איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ קאַלטער שטראָם איז איר אַדורך איבערן לייב. זי האָט זיך דערזען מיט אַ מאָל עלנט און איינזאַם. אַ ביטער געפיל האָט זיך אין איר געוועקט צו די מענטשן פון דער פּליבאַזע. זיי ווייסן דאָך

דאָרט, אַז זי איז אַליין מיט די קינדער און קוקט זיך אויס די אויגן.

ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט זי אַ הייב געטאָן פון אָרט און דערפירט צו דער טעראַסע. זי האָט געעפנט דעם לאָדן און זיך אַרויסגעבויגן: אפשר וועט זי דערהערן אָנקומען טריט, אָנפאָרן אַן אויטאָ צו איר הויז. אָבער אַרום אין דרויסן האָט געהויערט אַ שפּעטנאַכטיקע שטילקייט. זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע לופט, דעם פרישן אָטעם.

אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער שטוביקער שטילקייט, זענען איר ווידער באַפאַלן שווערע מחשבות. פון זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט משהן, האָט זי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען זי זאָל זיין אַ נאַכט אָן אים. שטענדיק מיט איר, מיט די קינדער. זיין פעסטע שטים, זיינע פריילעכע שפּילערייען מיט די קינדער, זיין הילכיק געלעכטער — דאָס אַלץ האָט אויסגעפילט די שטוביקע אַטמאָספער.

אין אַ זייט אויפן דיוואַן איז געבליבן ליגן אַ פאַרביק קלעצעלע פון אַ קינדערשפּיל, מיט וואָס משה האָט אַ נאַכט פריִער איינגענומען די קינדער, זיי באַרויִקט פאַרן שלאָפן גיין. דאָס האָט איר אויך דערמאָנט זיין היינטיק אַרויסגיין פון שטוב. זיין אַריינרעדן אין דער אָפענער טיר: „היינט קום איך שפּעטער, זיבן אין אָוונט". פון די דערמאָנונגען האָט איר אַרומגענומען דער פריִערדיקער פּחד, זי האָט דערפילט אַן ענגשאַפט אין האַלדז און געוואָלט זיך צעוויינען.

זי האָט זיך פאַרקוקט אין אַ זייט, געזוכט מיט די אויגן, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טיר פון שלאָפצימער, זי איז אַהין אַריין. דאָס בעט איז נאָך געשטאַנען גלאַט פאַרצויגן, די שטילקייט האָט גערוישט אין די אויערן, זי האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. שווערע אַנונגען האָבן געקלעמט איר האַרץ. קיין מאָל נאָך איז איר נישט אויסגעקומען צו טראַכטן מיט אַזעלכע שרעקלעכע פאַרשטעלונגען, כאָטש זי האָט מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן די לעצטע האָפענונגען.

די מחשבות האָבן זיך געצונדן און געלאָשן, און ווידער אויפגעגאַנגען. זי האָט דערזען די צוגעגרייטע אַרבעטן אויף דער מאָרגנדיקער לעקציע פאַר אירע תלמידים אין דער שולע. דאָס הענגנדיקע קליידל, וואָס זי האָט געדאַרפט מאָרגן אָנטאָן, דעם נייעם ווינטער־מאַנטל, וואָס משה האָט איר

געבּרענגט פון חוץ־לארץ. אַ מידע האָט זי זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און אַוועקגעלייגט דעם שווערן קאָפּ.

אונטער דער קאָלדרע איז שרהלע געלעגן אין אירע קליידער. וואָס פאַר אַ כוונה זי האָט געהאַט מיט דעם סתם זיך אַזוי אַוועקלייגן — האָט זי אַליין נישט געוווסט. איינשלאָפן האָט זי נישט געקאָנט, פאַריאָגן פון זיך דאָס טריבּע בילד פון דעם גאַנצן אָוונט — האָט זי אויך נישט געקאָנט. אַרומגענומען פון אַ טונקעלער שרעק אין דעם פינצטערן שלאָפצימער איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט ווי אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט אַריין.

פּלוצלינג האָט זי דערהערט טריט אויף די שטיגן. זי האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ און געשטעלט זיך אויף די פיס, דאָס האַרץ איז זיך צעלאָפן. די טריט, געדיכטע, נישט פון איינעם, נאָר פון עטלעכע מענטשן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינטער איר טיר. זי האָט דערהערט אַ שטיל קלאַפּן, דערנאָך אַ קלונג.

— ווער איז דאָרט ?

— פון דער פּליבּאַזע.

זי האָט געעפנט די טיר. אין שטוב זענען אַריין עטלעכע אָפיצירן. זי האָט זיי גוט געקענט. איר איז באַפאַלן אַ שוידער.

— ווו — איז — משה ?!

אַ קורץ שטילשווייגן, און באַלד דערנאָך :

— משה איז אומגעקומען אין אַ פלי־קאַטאַסטראָפע...

שרהלען האָט מען אַוועקגעזעצט, אין פיינלעכן שטילשווייגן געלאָזט איר אַראָפּשלינגען די ביטערע בשורה. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט זי איינגעהאַלטן די טרערן. זי האָט נישט געוואָלט, מ׳זאָל זי זען אַ וויינענדיקע. זי איז געזעסן מיט אירע ציטערנדיקע פינגער, פאַרשטעקטע אין די האָר, ביז זי האָט כוח געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט :

— ווי אַזוי איז דאָס געשען ?

— אַ טעות פון וועגווייזער האָט דעם „הערקולעס" פאַרפירט אויף די פעלדזן־שפּיצן און דעם עראָפּלאַן צעשמעטערט מיט דער מאַנשאַפט. דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט פון רענצל אַרויסגענומען זיין

געצייג און זיך געגרייט צו מאַכן אַן איינשפּריץ. שרהלע האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים:

— נישט נייטיק, דאָקטער. איך האָב צוויי קינדער, מוז איך זיין שטאַרק... ווען איז דאָס געשען?

— זיבן אין אָוונט...

אַ שטילער כליפּ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלדז. זי האָט מיטן טיכל פאַרשטעלט די טרערן און געמורמלט צו זיך אַליין:

— פּונקט אין דער אָפּגערעדטער שעה...

בינעמס געוועלב איז געשטאַנען פאַרמאַכט. אויף דער טיר איז גע־האָנגען דער טרויער־פּלאַקאַט.

# אינהאַלט


קאַפּיטל איינס — אויף דער שיף מאַטאַרואַ . . . . . . . 7
קאַפּיטל צוויי — אויף זאַמדיקע גאַסן . . . . . . . . 28
קאַפּיטל דריי — אין לאָדזשיאַ . . . . . . . . . . 45
קאַפּיטל פיר — צום לעבן . . . . . . . . . . 63
קאַפּיטל פינף — ירושלים . . . . . . . . . . 93
קאַפּיטל זעקס — אין פּלאָנטער . . . . . . . . . 99
קאַפּיטל זיבן — דער זעקסטער דור . . . . . . . . 103
קאַפּיטל אַכט — דאָס איבערגעמישטע בלאַט . . . . . . . 112
קאַפּיטל ניין — שכונת שבזי . . . . . . . . . 118
קאַפּיטל צען — אין דער באַפרייונג־מלחמה . . . . . . . 129
קאַפּיטל עלף — אין קרית מאיר . . . . . . . . . 147
קאַפּיטל צוועלף — אַ שווערער וועג . . . . . . . . 164
קאַפּיטל דרייצן — מכולת . . . . . . . . . . 179
קאַפּיטל פערצן — אַן אָפענע טיר . . . . . . . . 195
קאַפּיטל פופצן — נאָכגייענדיקע שאָטנס . . . . . . . . 244
קאַפּיטל זעכצן — נייע פנימער אין בינעמס געוועלב . . . . . 250
קאַפּיטל זיבעצן — אָפּקלאַנגען פון דער מלחמה . . . . . . 272
קאַפּיטל אַכצן — שרהלעס חתונה . . . . . . . . . 280
קאַפּיטל ניינצן — די אָפּגערעדטע שעה . . . . . . . . 286

## ביכער פונעם זעלבן מחבר

אַ טאָג אין טרעבלינקע — בוענאָס־איירעס 1948

אין שאָטן פון טרעבלינקע — תל־אביב 1957

אין אַ פרעמדער הויט — פאַרלאַג י. ל. פרץ תל־אביב 1961

טעג אָן ליכט — (פרעמירט מיט דיאַנאַ בלומענפעלד־פרעמיע)
פאַרלאַג י. ל. פרץ 1963

אינעם פוילישן דזשונגל — (פרעמירט געוואָרן מיט
ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי־פרייז) פאַרלאַג י. ל. פרץ 1977

דער מדבר פאַרשווינדט — לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1982